STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04874

DOS MALKHES'DIGE HSIDES

Sh. Nisnzohn

Permanent preservation of this book was made possible
by Seymour Adler
in memory of
Vivian Fleshler Adler

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אין דער וועלט פון חסידות

ריזשינער גזע

חסידות-פערלאג

נדפס בישראל
Printed in Israel
תשל"ג

ש. ניסנזאהן

דאס מלכות'דיגע חסידות

חסידות-פערלאג

ווארשא תרצ"ז

אינהאלט

		זייט
	פאָרוואָרט	3
א)	דער גרויסער מגיד פון מעזריטש	5
ב)	דער יהוס־בריעף	9
ג)	ונפש כי תחטא	13
ד)	דער מלאך	18
ה)	נאָך דער פטירה פון מגיד	21
ו)	די הבטחה	27
ז)	דער רבי ר' שלום שכנא	32
ח)	דעם ריזשינער'ס קינדהייט	35
ט)	דעם ריזשינער'ס דרך	39
י)	דער מלכות'דיגער הויף	44
יא)	דער ארעסט	48
יב)	אין תפיסה	53
יג)	די בעפרייאונג און דאָס אַנטלויפען פון רוסלאַנד	58
יד)	געקויפט זיך עולם הבא	62
טו)	קיין סאַדאַגורע	67
טז)	שדה־גרוע — שדה־טוב	70
יז)	די דיפּלאָמאַטישע אינטערהאַנדלונגען	75
יח)	דריי סימנים	79
יט)	אַ סוף צו די צרות	83
כ)	הר סיני און הר המורי'	90
כא)	רימאַנאָוו — די „גרויסע" שטאָדט	94
כב)	די צוויי מאורות הגדולים	99
כג)	דער שידוך	103
כד)	דעם ריזשינער'ס „טעות"	108
כה)	ריזשינער חסידות	113
כו)	אמונת צדיקים	118
כז)	דער פּלאַן פון נייעם קלויז	124
כח)	דאָס מלכות'דיגע סאַדאָגורע	129
כט)	קלויז־אַנטיקען	134
ל)	אַ שלוש־שעודות	139
לא)	אַ פסק־דין פון אַ גדול	141

לב) פלל ישראל ארבייט — — — — — 147
לג) גוט יודישקייט — — — — — 152
לד) דער טאלנער רבי — — — — 157
לה) דער צוזאמענטרעף — — — — 162
לו) אנ׳איבערגעגעבענער חסיד — — — — 167
לז) א ווייטער קוק — — — — — 171
לח) דער בוים און די פירות — — — — 174
לט) אין די לעצטע טעג — — — — 178
מ) דאס הסתלקות פון ריזשינער זצ״ל — — — 182
מא) די ירושה־תפילין — — — — 187
מב) דער בלבול — — — — — 191
מג) אין תפיסה — — — — — 194
מד) די בעפרייאונג — — — — — 198
מה) פדיון נפש — — — — — 203
מו) פערשוואונדענע מטבעות — — — — 208
מז) דער כלל און דער פרט — — — 213
מח) דער גלגול — — — — — 218
מט) צוויי שוואגערס — — — — 223
נ) דאס הסתלקות — — — — — 228
נא) דער בעל יראה — — — — 233
נב) די מידה פון רחמנות — — — — 238
נג) תפלה בזמנה — — — — — 242
נד) דער הושיאטינער רבי זצ״ל — — — 246
נה) דער „תפארת ישראל״ פון טשארטקאוו — — 250
נו) א שטיקעל רצועה — — — — 255
עפילאג — — — — — — 261
דברי תורה און שמועסען פון ריזשינער זצ״ל — 267
פון סאדגאורער רבין ר׳ אברהם יעקב זצ״ל — 279
דברי תורה און שמועסען — — — — 281
פון טשארטקאווער רבי׳ן רבי דוד משה זצ״ל — 292
שיר פון הייליגען ריזשינער זצ״ל — — 297

פאָרוואָרט

חסידות, חסידישע מעשיות, חסידישע לעגענדעס, און דאָס חסידישע לעבען בכלל — איז לעצטענס געוואָרען אַ גאַנגבאַר אַרטיקעל אויפן יודישען ליטעראַטור־מאַרק. יעדעס מינדעסטע שרייבערל, וואָס האַלט נאָר די פּען אין די האַנד, וועהלט זיך אויס דעם דאָזיגען שטאָף פאַר זיין „מוזע“ און בעשרייבט די חסידישע וועלט לויט ווי זיין פאַנטאַזיע מאָלט איהם.

די יודישע ליטעראַטור איז לעצטענס פאַרפלייצט געוואָרען מיט אַ גאַנצען מבול פון ביכער פון דעם דאָזיגען מין, און שוין נישט רעדענדיג דערפון וואָס דער גרעסטער טייל פון די דאָזיגע „חסידישע ליטעראַטור“ איז געבויט אויף שקרים און כזבים, וואָס האָבען נישט דעם מינדעסטען יסוד, ענטהאַלטען זיי אויך בעליידיגונגען אויפ׳ן אַדרעס פון חסידישע רביים און אויטאָריטעטען, אַז דאָס האַרץ פּלאַצט שיער נישט פון כעס און וועהטאָג.

געגנוג צו דערמאָהנען דעם טומעל וואָס האָט אַרויסגערופען אין דער יודישער וועלט דער שענדליכער פאַמפלעט פון איינעם פון די מאָדערנע יודישע שרייבער אויף איינעם פון די גרעסטע רביישע אויטאָריטעטען אין פוילען.

און מען מוז מודה זיין, אַז דער יודישער לעזער לייענט גערן די מאָדערנע „ספורי־צדיקים“. די ליטעראַטור פון דאָזיגען מין האָט אַ גרויסען אָפּגאַנג, און אַ דאַנק דעם געלינגט עס די מאָדערנע שרייבער איינצופּלאַנצען אין די הערצער און מוחות פון די מאַסען, פאַלשע באַגריפען וועגען חסידות און וועגען די גדולי החסידות, וואָס האָבען דעם איינציגען ציעל מבזה צו מאַכען די פאַרהייליגטע גבורי החסידות און פאַרשטעלען זיי אין אַ טונקעלער ליכט.

אין די אָרטאָדאָקסישע קרייזען זענען אָבער די ספורי־צדיקים עפּעס מעהר ווי סתם־ספורים, דערציילונגען אויף צייט־פאַרטרייב. דעריבער האָט דער אָרטאָדאָקסישער שרייבער זעלטען ווען געוואָגט צו באַנוצען זיך מיט ספורי־צדיקים אַלס טעמע פאַר זיינע ליטעראַרישע שאַפונגען, פאַר איהם האָט שטענדיג געשוועבט דאָס בילד ווי אַזוי אַלטע חסידים האָבען זיך אַוועקגעזעצט בין מנחה למעריב, אָדער מוצאי שבת, רויכערענדיג די לולקע ציבוך׳ס, און

דערציילט זיך מעשיות פון גוטע יודען: פון „חוזה", פון קאָצק, אָדער פון ריזשין, דערביי האָבען זייערע פנימער געלויכטען און אויסגעדרוקט אַזאַ דביקות אַזאַ התלהבות, וואָס איז מיט קיין סך נישט אָפּגעשטאַנען פון זייער דביקות־דיגען דאַווענען, אָדער פון זייער זוהר לערנען. ס'איז דעריבער זעהר שווער צו נעמען די דאָזיגע בעהאַרצטע אגדות און פערוואַנדלען אַלס פשוט'ן לייען שטאָף.

אָבער נאָך די לעצטע אָנפאַלען אויף די חסידישע מנהיגים מצד די מאָדערנע שרייבער, הערען זיך פון אַלע זייטען שטימען: פאַרוואָס זאָלען אונזערע אָרטאָדאָקסישע שריפטשטעלער נישט אָנשרייבען קיין מאָנאָגראַפיעס פון די גדולי החסידות, געשטיצט אויף גוט־קאָנטראָלירטע פאַקטען און בעגלייבטע קוועלען, צו וועלכע מיר זענען בעשטימט נעהנטער ווי די יעניגע, וואָס זייער כונה איז אָבצושפעטען און אָבצוּלאַכען דערפון; פאַרוואָס זאָלען מיר דערלאָזען דערצו, אַז דער המון זאָל בעקומען אַ פאַלשען בעגריף וועגען אונזערע גדולים און מנהיגים—די זיילען פון תורה און אמונה אין פוילען, אַ דאַנק וועלכע דאָס יודישקייט, די אמונה און דער דת דערהאַלט זיך ביזן היינטיגען טאָג אין יודישען לעבען?...

מיר האָבען בעשלאָסען דעם וואונש נאָכצוקומען, מיר טרעטען יעצט צו צו געבען אַ סעריע מאָנאָגראַפיעס פון די גדולי החסידות און אַלס אָנהייב האָבען מיר אויסגעוועהלט איינעם פון די גדולי החסידות פון דער נישט לאַנגער פערגאַנגענהייט.

מיר שטעלען זיך אָב אויף דער פערזאָן פון גרויסען ר י ז ש י נ ע ר צ ד י ק זצ"ל. אָבער דערביי וועלען אויך פערבייגיין אַ גאַנצע רייה צדיקים און גדולים, אָנהויבענדיג פון גרויסען רבין ר' בער זצ"ל, דער נאָכפאָלגער פון היילינען בעל־שם־טוב זצ"ל.

מיר זענען זיכער, אַז דער לעזער וועט אונז שענקען די געהעריגע אויפמערקזאַמקייט און אונזער נייער אַרבעט וועט אויפגענומען ווערען מיט צופרידענהייט.

א.

דער גרויסער מגיד פון מעזריטש

איינער פון די הייליגסטע און מערקווירדיגסטע געשטאלטען אין עולם החסידות, וועלכער האט געשאפען א נייעם דרך אין חסידות, איז געווען דער הייליגער ריזשינער, רבי ישראל זכר צדיק לברכה.

וועגען זיין גדלות און צדקות, איז שווער צו רעדען, ווייל עס איז ממש אומבעגרייפבאר און אפילו זיינע נאהנטע מקורבים האבען וועגען דעם א גאנץ שוואכען בעגריף געהאט.

אבער איידער מיר וועלען אנהייבען שילדערען דאס לעבען פון הייליגען ריזשינער און זיינע נאכפאלגער, וועלען מיר אנהייבען ביי זיין הויכען שטאם.

דער שטאם־פאטער פון הייליגען ריזשינער איז געווען דער גרויסער מגיד פון מעזריטש, דער רבי ר׳ בער הגדול, דער תלמיד און ממלא מקום פון הייליגען בעל שם טוב זצ״ל.

דער מעזריטשער מגיד האט די חסידישע שיטה פערברייטערט און פערטיפט, און זיינע תלמידים, וואס האבען געלערנט ביי איהם דעם דרך החסידות האבען זיך געקענט פערגלייכען צו דער הייליגער חבריא פון הארי״ז. אלע זיינע תלמידים זענען געווען גאונים אין נגלה און אין נסתר, נאר יעדער האט מקבל געווען זיין שיטה אין חסידות לויטן שורש פון זיין נשמה. יעדער האט תופס געווען דעם זעלבען רבין, דעם הייליגען מגיד אויף אן אנדערן אופן, אויף א בעזונדערן שטייגער.

פונקט ווי זיין רבי, דער הייליגער בעש״ט, האט אויך דער מגיד פיינט געהאט דעם פירסום און בעמיט זיך אז די וועלט זאל פון איהם וואס ווייניגער וויסן. שפעטער ווען ער איז געווען מפורסם, האט ער געהאט דערפון גרויס צער. האט מען אים מגלה געווען, אז דעם דאזיגען „עונש״ האט ער בעקומען דערפאר, ווייל ער איז געפארען אום חול המועד, און היות ווי מיט צדיקים רעכענט מען זיך אין הימעל כחוט השערה, האט מען אים דערפאר געשטראפט, אז זיין נאמען זאל מפורסם ווערען אויף דער וועלט.

דער הייליקער רב פון לאדי, א תלמיד מובהק פון מגיד, האט דערציילט, אז אין הויז פון מגיד האט מען געשעפט רוח הקודש מיט עמערס און די מופתים זענען געלעגען אונטערן טיש און ס׳איז קיין צייט נישט געווען אראפצובייגען זיך און זיי אויפצוהייבען...

די חסידישע אגדה דערציילט, אז איינמאל האט זיך דער מגיד שטארק איינגעשפארט און פערלעגט א געוואלדיגע ארבעט, מקרב צו זיין די גאולה. אין הימל איז געווארן א שטארקער רעש. א קלייניקייט, דער מגיד

איז דוחק את השעה. האָט מען געפרעגט דעם מגיד פאַרוואָס ער טוט עס, האָט ער געענטפערט, אַז ער איז דער צדיק הדור, פיהלט ער דעם צער פון דור און עס ליגט אויף איהם דער חוב מקרב צו זיין די גאולה. האָט מען איהם גיפרעגט פון הימעל, פונוואַנען ער ווייסט דאָס ער איז דער צדיק הדור, האָט דער מגיד געענטפערט אַז זיין חבריא וועט קומען און מעיד זיין, דאָס ע״ איז דער צדיק הדור.

האָט מען אין הימעל דערצו מסכים געווען, אַז אויב די חבריא וועט אָנערקענען, דאָס זייער רבי איז דער צדיק הדור, וועט ער האָבען דאָס רעכט מקרב צו זיין די גאולה.

דער מגיד האָט תיכף פערזאַמעלט אַרום זיך זיין הייליגע חבריא און זיי אַ פרעג געטון:

— איז עס אמת, אַז איך בין דער צדיק הדור?...

די דאָזיגע פראַגע האָט אַלעמען שטאַרק צוטומעלט, ווייל זיי זענען נישט געוואוינט געווען צו הערען פון זייער רבי׳ן, דעם גרויסען ענו, אַזעלכע דבורים, דעריבער האָט קיינער נישט געענטפערט אויף דער פראַגע.

דאַן האָט ער ווידעראַמאָל געפרעגט:

— זאָגט מיר, איך בעט אייך, איז עס אמת, אַז איך בין דער צדיק הדור?...

אָבער אויך דאָס מאָל און אויך ביים דריטען מאָל האָט קיינער נישט געוואַגט צו ענטפערן אויף דער דאָזיגער אויסטערלישער פראַגע...

אַזוי אַרום האָט דער גרויסער מגיד אפילו פון זיין אייגענער חבריא נישט בעקומען די בפירושע הסכמה, אַז ער איז דער צדיק הדור, כאָטש אַלע האָבען דערין געגלויבט. דערמיט האָט דער מקטרג בעקומען אַ התחזקות, און ס׳איז גאָרנישט געוואָרען פון דער גאַנצער אַרבעט, וואָס דער מגיד האָט פערלעגט מקרב צו זיין די גאולה.

חסידים דערצעהלען זעהר אַ מערקווירדיגע מעשה וואָס בעצייכענט דאָס גדלות פון גרויסען מגיד פון מעזריטש.

אין די ערשטע יאָהרען ווען דער מגיד איז נאָך ווייט נישט געווען מפורסם, האָט אין זיין שטוב געהערשט מוראדיגע דחקות, עס איז נישט געווען קיין שטיקעל ברויט פאַר די הונגעריגע קינדער, עס איז אויך נישט געווען מיט וואָס צוצודעקען זיך אין די קאַלטע ווינטער־נעכט. הונגער און קעלט האָט זיין הויז־געזינד געמאַטערט. אָבער די רבי׳צין, די צדיקת האָט געוואוסט פון דעם עבודת פון איהר מאַן און זי האָט איהם קיינמאָל נישט געוואַגט איבערצורייסען אין זיין עבודות און טיילען זיך מיט איהר מאַן מיט די טאָג־טעגליכע דאגות.

איינמאָל איז אָבער דער מצב גיווען ממש נישט איבערצוטראָגן. די רבי׳צין האָט שוין מעהר קיין כח נישט געהאַט צו בעהערשן זיך און זי איז

געלאָפּען צו איר מאַן מיט אַ שרעקליך געוויין, אַז ער זאָל רחמנות האָבען אויף זיינע קינדער, וואָס ווערען געשוואָלען פון הונגער און פון קעלט.

דאָס געוויין פון דער רביצין האָט איהם שטאַרק גערירט. דער מגיד האָט אַ קרעכץ געגעבען און געענטפערט, אַז דער אויבערשטער וועט העלפען...

באַלד ווי זיין פרוי איז פון איהם אַוועק, האָט מען דעם מגיד מודיע געווען פון הימעל, אַז צוליעב דעם קרעכץ וואָס ער האָט געגעבען, האָט ער פערלוירען זיין חלק עולם הבא...

די דאָזיגע „בשורה" האָט דעם מגיד זעהר שטאַרק דערשלאָגען, בע־טראַכטענדיג זיך, אַז ער האָט מיטאַמאָל פערלוירעןביידע וועלטען, די וועלט האָט ער דאָך נישט; ווייל ער מיט זיינע קינדער געהען ממש אויס פאַר הונגער און פאַר קעלט, און אַצינד האָט מען איהם מודיע געווען, אַז אויך עולם הבא וועט ער נישט האָבען — בלייבט ער דאָך קרח מכאן וקרח מכאן...

אָבער די דאָזיגע נידערגעשלאָגענקייט זיינע האָט געדויערט ביי איהם נאָר איין רגע און באַלד האָט ער אויס.ערופען צו זיך:

— נו, אדרבה, איצטער, ווען איך האָב שוין פערלוירען ביידע וועלטען, איצטער, קען איך דאָך זיין אַנ׳עובד ד׳ אָהן שום פניות און אָהן שום נגיעות, איצטער קען איך דאָך דינען דעם אויבערשטען בלויז כדי צו טהון אַ נחת רוח דעם הייליגען בעשעפער.

באַלד האָט ער זיך אַוועקגעזעצט לערנען מיט אַזאַ פייער מיט אַזאַ התלהבות, אַז די ווענט פון בית מדרש האָבען געציטערט...

דאַן האָט מען איהם ווידער מודיע געווען פון הימעל, אַז ער בעקומט צוריק זיין חלק עולם הבא. אָבער מהיום והלאה זאָל ער געוואָרענט זיין נישט צו קרעכצען מחמת רחמנות אויף זיינע קינדער, ווייל קיין גרעסערער בעל־רחמים ווי ס׳איז דער רבונו של עולם איז דאָך נישטאָ אויף דער וועלט און ער וועט שוין רחמנות האָבען אויף זיי...

ווי ווייט עס איז געווען דאָס גדלות פון הייליגען מגיד בעווייזט פאָלגענדער עפּיזאָד:

איינמאָל האָבען זיך אין אַ פּרייטאָגצונאַכטס צונויפגעקליבען די תלמידים פון מגיד און געשמועסט דברי תורה. פּלוצלינג האָט זיך אויפגעהויבען רבי אהרן קאַרלינער זצ״ל און אַוועק אין אַ צווייטען ווינקעל פון צימער און גע־נומען עפּעס שעפּטשען מיט די ליפּען.

קיינער האָט דאַרויף קיין אַכט נישט געלייגט בפרט, אַז מען האָט דאָס קול זיינס נישט געהערט.

פּלוצלינג האָט זיך דערהערט אַ קלאַפּ אין טיר. דאָס האָט געקלאַפּט דעם מגידס שמש. ווען ער איז אַריינגעקומען אין צימער האָט ער זיך בעפרעגט:

— וואו איז ערגעץ ר׳ אַהרן?

און ווען מען האָט אים אָנגעוויזען, אַז ר' אהרן זיצט איך אַ ווינקעל ביחידות, איז דער שמש צוגעגאַנגען צו אים און אַ זאָג געטון:

— דער מגיד האָט באַפוילן, אַז איר זאָלט מפסיק זיין און זאָלט נישט ווייטער זאָגען שיר השירים, ווייל מיט אייער זאָגען שיר השירים' זענט איהר מרעיש עולמות און דער רבי קען נישט שלאָפען..

ווען מען האָט שפּעטער דערצעהלט צווישען חסידים דעם דאָזיגען אויסטערלישען עפּיזאָד, האָט זיך אָנגערופען דער פּאַריטשער רבי:

— דערפון קאָן מען בעקומען אַ שטיקל בעגריעף, ווי ווייט ס'איז געווען תשוב אין הימעל דער הייליגער מגיד, ווייל כאָטש דער שיר השירים פון ר' אהרן קאַרלינער האָט מרעיש עולמות געווען, דאָך איז דער שלאָף פון מגיד געווען פיעל חשובער...

מען דערצעהלט איך, אַז דער קאָזשעניצער מגיד האָט געזאָגט דאָס איידער ער איז געפאָהרען צום מגיד קיין מעזריטש האָט ער אַדורכגעלערענט אַכט הונדערט קבלה־ספרים און קומענדיג קיין מעזריטש, האט ער זיך איבערצייגט, אַז ער האָלט נאָך פון פאָרנט...

זעהר אַ שעהנעם עפּיזאָד דערצעהלט מען צווישען חסידים, אַז ווען דער נאָמען פון מגיד האָט אָנגעהויבען מפורסם צו ווערען אויף דער וועלט האָט רבי מענדעלע פרעמישלאַנער בעשלאָסען איהם צו בעזוכען.

איידער ער האָט זיך געלאָזט אין וועג אריין האָט ער אָנגעזאָגט זיין משמש, אַז ווען זיי וועלען קומען אין די פרעמדע מקומות זאָל ער איהם נישט רופען רבי.

— ווי דען זאָל איך איך רופען — האָט געפרעגט דער משמש.

— רוף מיך ברוך..

און אַזוי איז טאַקי געווען. אָבער ווי נאָר דער פרעמישלאַנער האָט בעטרעטען די שוועל פון מגיד'ס חדר האָט דער מגיד איהם דערלאַנגט שלום און אויסגערופען:

— עלים עליכם רבי מענדעלע פרעמישלאַנער!

דער משמש, וועלכער איז נישט געווען קיין איבעריגער חכם, האָט זיך דאַן אָנגערופען:

— דער יוד הייסט נישט מענדעלע!

האָט דער מגיד געשמייכעלט און אויסגערופען:

— די גאַנצע וועלט רופט מיך דער מגיד — ווי אַזוי וואָלט איך געווען דער מגיד ווען איך וואָלט נישט מרגיש געווען תיכף, ווען ר' מענדעלע'ן האָט אָנגעהויבען קומען אויפן רעיון צו פאָהרען צו מיר...

און ווענדענדיג זיך צום משמש, וועלכער איז געשטאַנען אַ צומשעלטער האָט ער אויסגערופען:

— ווי דען זאָגסטו רופט מען דעם יוד.

— ברוך, רופט מען איהם — האָט דער משמש אַרויסגעשטאַמעלט. —

— נו, גאַנץ וואויל, גם ברוך יהי׳ — האָט דער מגיד אָבגעענטפערט.
אַזעלכער איז עס געווען דער הייליגער מגיד פון מעזריטש, דער שטאַם־פאָטער פון הייליגען ריזשינער.
חסידים דערצעהלען. אַז פאַר דער הסתלקות פון הייליגען בעל־שם־טוב, האָט דער בעש״ט צוגערופען זיין תלמוד דעם מגיד און איהם איבערגעגעבען, אַז זיין — דעם בעש״ט׳ס — נשמה וועט ווידער אַראָפּקומען אויף דער וועלט און זיך מתדבק זיין אין איינעם פון זיינע קינדער. דער נאָמען פון קינד וועט אויך זיין ישראל, פונקט ווי דער נאָמען פון בעש״ט, און ער וועט פערלייכטען די וועלט מיט זיין קדושה און מיט זון עבדות הבורא.
דאָס האָט דער הייליגער בעש״ט מרמז געווען אויף רבי ישראל׳טשע ריזשינער זכר צדיק לברכה.

ב

דער יחוס־בריעף

דער גרויסער רבי בער, דער מגיד פון מעזריטש, האָט גערעכענט זיין יחוס ביז ר׳ יהודה הנשיא און ביז דוד מלך ישראל. דערביי ווייסט די חסידישע אגדה צו דערצעהלען אַ שעהנע מעשה, וואָס עס איז נוגע דעם דאָזיגען הויכען יחוס פון מעזריטשער מגיד.
ווען דער מגיד איז געווען אַ קינד פון אַ יאָר אַכט, איז פּלוצלינג אויסגעבראָכען אַ שריפה אין הויז פון זיינע עלטערן. אין מיטן דער נאַכט איז דאָס פייער אויסגעבראָכען און אין איין אויגענבליק איז דאָס גאַנצע הייזעל געשטאַנען אין פלאַמען.
אין שטעדטל איז געוואָרען אַ יללה, אַ געשריי, ס׳ברענט. און דאָ זענען נפשות פערזינקען אין אַ טיעפען שלאָף. עפּעס אַ קלייניגקייט...
האָט דער אויבערשטער געהאָלפען, מען האָט די נפשות מציל געווען, אָבער דאָס גאַנצע הייזעל מיט אַלע חפצים, מיט אַלע שטוב־זאַכען — אַלץ איז פערברענט געוואָרן, נישט געבליבען דערפון קיין שפּור.
אָבער מעהר פון אַלעם האָט געטרויערט אויף דער שרפה די מוטער פון רבין רבי בער. זי האָט זיך גאָרנישט געקאָנט אַפּסען. גאַנצע טעג איז זיא אַרומגעגאַנגען און געקרעכצט און געקלאָגט אויפן אומגליק. וואָס האָט איהר געטראָפען.
איינמאָל ווען דער קליינער בערעלע איז אַהיימגעקומען פון חדר און געטראָפען די מוטער וויינען אויפן אומגליק, וואָס האָט געטראָפען, האָט ער זיך געווענדעט צו דער מוטער אויסרופענדיג מיט אַ געבייזער:
— מאַמע, פאַרוואָס טרויערסטו אַזוי פיעל אויף דער שרפה. האָסט

שוין איינגאַנצען פערלוירען די האָפנונג, אַז ג–ט ברוך הוא קען אונז צו־ריקגעבען דעם שאָדען ?

— מיין טייער קינד — האָט די מוטער געענטפערט מיט אַ געוויין— נישט אויפן הויז טרויער איך, נישט אויף די טייערע כּלים, אויפן גאָלד און אויפ׳ן זילבער, וואָס איז פערניכטעט געוואָרען — דאָס אַלץ קען ג–ט ברוך הוא צוריקגעבען כּפל כּפלים. אָבער איין זאַך איז דאָרט געווען צווישען די חפצים, וואָס איך וועל שוין מעהר נישט צוריק האָבען, דאָס איז אַ יחוס בריעף, וואָס ציהט זיך ביז דוד המלך, פון וועלכען מיר שטאַמען. דער דאָזיגער יחוס-בריעף איז ביי מיר טייערער ווי אַלץ אין דער וועלט.

דער קליינער האָט ערשט אָנגעהויבען בע׳רייפען דעם צער פון דער מוטער און וועלענדיג פאַרט איהר טרייסטען האָט ער אויסגערופען:

— זאָרג נישט מאַמעניו, מען וועט שרייבען אַ נייעם יחוס-בריעף, דער יחוס-בריעף וועט זיך אָנהייבען פון מיר...

אַז די דאָזיגע נביאה פון אַכט-יעהריגען בחור׳ל איז מקוים געוואָרען איז איבעריג צו דערצעהלען.

התונה געהאַט האָט דער מגיד פון טורטשין, אַ קליין שטעדטעל אין פאָדאָליען, מיט דער טאָכטער פון אַ בעל הבית׳ישען יודען. ווי דער שטייגער איז געווען האָט ער געגעסן קעסט ביי זיין שווער און געזעסען און געלערענט אין בית המדרש. שפּעטער ווען ער איז אַראָב פון די קעסט האָט ער זיך בעזעצט אין אַ דאָרף ווייט פון שטעדטעל און איבערגענומען פון פריץ דאָס מילכוואַרג אין פאַכט.

דער מגיד איז פונקט ווי זיין רבי, דער הייליגער בעל שם, געווען אַ שטאַרקער נסתּר. קיינער האָט נישט געוואוסט פון איהם דאָס מינדעסטע, אמת זיין מאָדנע התנהגית האָט אַלעמען שטאַרק געחידושט, זיין אַרומגעהן פאַר־טראַכט, זיין שפּרייזען איבערן בית המדרש שעה׳ן לאַנג, זיין פערנומענקייט, זיין צוטראָגענקייט; — אָבער דאָס אַלץ האָט מען נישט בעטראַכט פאַר קיין מעלות...

געוואוסט פון זיין גדלות האָט בלויז זיין פרוי, וועלכע האָט איהם צוגעהאָלפען מיט אַלעם, וואָס זי איז נאָר געווען ביכולת, כּדי איהם נישט צו שטערען אין זיין הייליגער עבדות. אויף איהר עצה האָבען זיי זיך טאַקי איינגעאָרדענט אין ווייטען דאָרף. דאָרט האָט דער מגיד נישט גע־האַט קיין שטערונגען, קיין מניעות צו עבדות הבורא. קיין זאַך האָט איהם נישט געשטעהרט, ער האָט זיך מתבודד געווען אין די וועלדער און אויף זיין שטייגער געדינט דעם אויבערשטען.

אַזוי זענען אַוועק יאָהרען. קיין שום שנויים זענען נישט אַריינגעטרע־טען אין דעם טאָג-טעגליכען לעבען. פּרנסה איז געווען בדוחק, אָבער זיי־

דאַוּען נישט בעדאַרפען מעהר, בעגניגענדיג זיך דערמיט און קיין טענות נישט געהאַט צום שפייזער פון אַלע לעבעדיגע.

אָבער איין זאַך האָטביידען זעהר פיעל עגמת־נפש פערשאַפען: זיי האָבען קיין קינדער נישט געהאַט.

אַזוי פיעל יאָהרען זענען שוין אַריבער זינט זייער חתונה, און ג–ט האָט זיי נאָך אַלץ נישט געבענשט מיט אַ קינד.

עס איז זיך לייכט פאָרצושטעלען דעם צער, וואָס די צדיקת האָט געהאַט דערפון. זייענדיג זיכער, אַז סוף כל סוף וועט איהר דער מאַן אָבּ־גט׳ן, כדי ער זאָל איבערלאָזען נאָך זיך אַ קינד, ווי דען קען עס אַנדערש זיין, און דעריבער האָט זי נישט גערוהט. שטענדיג האָט זי מתפלל געווען צו זיין ליעבען נאָמען, געבעטען אויף אַ קינד, שלאָפלאָזע נעכט פערבראַכט, דאָס געלעגער נאַס געמאַכט מיט איהרע טרערען, אָבער זי איז נאָך אַלץ נישט געהאָלפען געוואָרען.

אויך דער מגיד גופא האָט נישט וועהניג צער געהאַט דערפון.

אָבער זייענדיג אַלץ פערנומען מיט זיין עבדות, האָט ער אָפט פער־געסען אין זיינע פערזענליכע הצטרכות.

איינמאָל איז געקומען צו איהם זיין פרוי די צדיקת אין זיין התבודדות־שטיבעל אין וואַלד און געווענדעט זיך צו איהם:

— מיין מאַן! עס איז געוואָרען צעהן יאָהר, זינט מיר זיצען אין דאָ־זיגען דאָרף און ג–ט האָט אונז נאָך אַלץ נישט מזכה געווען מיט אַ קינד מסתמא בין איך נישט ווערט פון דיר אַ קינד צו געבאַרען. טהו־זשע דע־ריבער ווי דער דין איז. גיב מיר אַ גט און האָב חתונה מיט אַ צווייטע פרוי, כדי דו זאָלסט איבערלאָזען אַ דור אויף דער וועלט...

די דאָזיגע רייד פון זיין פרוי האָט אויפ׳ן מגיד געמאַכט זעהר אַ שטאַרקען רושם. ער האָט איהר גענומען טרייסטען, אַז ער האָט נאָך גישט פערלוירען די האָפנונג צו געבוירען אַ זיהן, און אַז די מניעה איז נישט פון איהר נאָר פון איהם. מיר געפונען אויך ביי די אבות, אַז זיי זענען נישט פריהער געהאָלפען געוואָרען מיט קינדער, ביז זיי האָבען מתפלל געווען צום אויבערשטען, ווייל דער אויבעשטער גלוסט צו די תפלות פון יודען. און איך האָב נאָך רעכט נישט מתפלל געווען, אַז איך זאָל געהאָל־פען ווערען מיט קינדער...

— געה אַהיים און זיי רוהיג. איך בין זיכער, אַז דער אויבערשטער וועט אונז העלפען, און מיר וועלען בעגליקט ווערען מיט אַ בן־זכר.

אַ בערוהיגטע איז זי אַהיימגעגאַנגען זייענדיג זיכער אין דער הבטחה פון איהר הייליגען מאַן.

אוןווירקליך האָט דער רבי ר׳ בער מקיים געווען זיין הבטחה און מתפלל געווען עום רבונו של עולם. ער זאָל איהם מזכה זיין מיט אַ בן־זכר.

ווען ס'איז געקומען די צייט פון געבוירען דאָס קינד, ביס וועלכען זי איז געווען מעוברת, איז זי אַליין אַוועק אין שטאָדט אַריין ווייל זייענדיג זייער אָרים, האָט זי נישט געהאַט קיין געלד בכדי צו דינגען אַ פוהר און אויך דעם מאַן האָט זי דערפון נישט דערצעהלט, כדי איהם נישט צו שטערען אין זיין עבודות.

געווען איז דאָס אין אַ קאַלטע ווינטער-נאַכט. עס האָט אָנגעהויבען ווערען פינסטער ווען די פרוי פון רבין רבי בער, האָט זיך געקליבען צו געהן אין שטאָדט אַריין קיין טורטשין.

אַ שטאַרקער ווינט האָט געבלאָזען, און אַלטע בוימער אַרויסגעריסען פון זייער שטאַם, אַ שניי-זאַווערוכע האָט געשמיסען איבערן פנים און פשוט געהויבען דעם מענש.

אָבער די צדיקת האָט פערשטאַנען אַז דאָס איז מעשה-שטן, וועלכער דערלאָזט נישט אַז עס זאָל אַראָבקומען אַזאַ גרויסע נשמה און דערי-בער פעראורזאַכט ער אַזאַ געפעהרליך וועטער.

ביז'ן שטאָדט אַריין איז געווען אַ צעהן וויאָרסט וועג און די פרוי האָט גענומען שפּרייזען מיט קיראַזש, דערוויטערענדיג זיך אַלץ מעהר פון איהר הויז.

דער שניי-שטורם האָט איהר פשוט די אויגען פערשיט. זי האָט נישט געזעהן קיין שטעג און קיין וועג, אָבער זי האָט געשפּרייזט מיט גיכע טריט, כדי וואָס נעהנטער צו קומען צום ציעל.

און ווען זי האָט זיך אַ ווײַלע אָפּגעשטעלט, פּיהלענדיג, אַז די כחות פערלאָזען איהר און מיט גרויס אָנשטרענגונג זיך אַרומגעקוקט, וואו זי געפונט זיך, האָט זי ענדליך דערזעהן, אַז זי האָט פערבלאָנדזשעט. די געגענד איז איהר פולשטענדיג פרעמד, זי איז נאָך קיינמאָל דאָ נישט געווען זי איז הייסט עס אַוועק אין אַן'אַנדער ריכטונג און מי יודע ווי ווייט זי געפינט זיך פון שטעדטעל...

דאָס איז אַלץ מעשה-שטן — האָט זיך די פרומע פרוי געטראַכט, — מסתמא דערפיהלט, אַז דער אויבערשטער האָט צוגעהערט צו דער תפלה פון מיין הייליגען מאַן, ווייל ער נישט דערלאָזען אַז איך זאָל געהאָלפען ווערען...

— אָבער עס וועט איהם גאָרנישט העלפען — האָט די פרוי ענטשלאָסען געריעדט צו זיך און גענומען שפּרייזען אין דער פערקעהרטער ריכטונג, לויט ווי זי האָט זיך משער געווען אַז דאָרט דאַרף זיך געפונען דאָס שטעטעל טורטשין.

קוים איז זי אָפּגעגאַנגען אַ פּאָר טריט האָט אַשטאַרקער ווינט מיט אַ מורא'דיגע שווישטשעריי זיך אַ טראָג-געטון פון די מרחקים און דער מידער שוואַכער פרוי געגעבען אַ שלײַדער-אום, די פרוי האָט דערפיהלט, אַז די כחות פערלאָזען איהר. עס ווערט איהר פינסטער פאַר די אויגען און פאַלענדיג אין טיפען שניי האָט זי קוים אויסגעשעפּטשעט:

— אין דיין האנד — ג–טעניו גיב איך איבער מיין נשמה!..

ווי לאַנג זי איז אַזוי געלעגען אין טיפען שנײ האָט די פרוי קיינ-מאָל נישט געקענט פעסטשטעלן. אָבער קומענדיג צו זיך און עפענדיג די אייגען האָט זי דערזעהען: אַז דער שנײ האָט אויפגעהערט. עס האָט זיך ביט־זנאָל אויסגעלייטערט. די לבנה שיינט אַפולע אויפן הימעל און נעבען איר שטייט אַ וואונדערפולער זקן, וואָס האָט געלויכטען ווי די זון. דער זקן האָט צו איהר מילד געשמייכעלט און אויסגערופען צו איהר:

— קום מיין טאָכטער! איך וועל דיר ווייזען דעם וועג אין שטאָדט אַריין.

אין אייניגע מינוט אַרום האָט זי זיך געפונען אין שטאָדט, און זי האָט גליקליך געבוירען איהר זון.

דערציילענדיג איהר מאַן פון דער אויסטערלישער פּאַסירונג, איז דער מגיד גאָר שטאַרק פאַרוואונדערט געוואָרען.

— דאָס איז מעשה־נסים — האָט דער מגיד אויסגערופען — דער מאַן וואָס האָט זיך צו דיר בעוויזען איז זיכער געוועזן אַ מלאך פון ג–ט.

דעם איינציגען זון פון מגיד האָט דער רבי ר׳ בער אַ נאָמען געגעבען אברהם המלאך, אַלס זכר פון דעם נס און פון דעם מלאך, וואָס האָט זיך צו זיין ווייב בעוויזען אין יענער פאַרכטיגער נאַכט.

ג׳

וְנֶפֶשׁ כִּי תֶחֱטָא...

כדי צו כאַראַקטעריזירען דאָס גדלות פון גרויסען מגיד פון מעזריטש, געפונען מיר פאַר נויטיג צו דערצעהלען פאָלגענדע וואונדערליכע געשיכטע:

צווישען די בית־המדרש בחורים, אין מעזריטשער בית המדרש וואָס האָבען געשמ׳ט מיט זייער התמדה און בקיאות האָט זיך געפונען אַ יונ-גער בחור, אַ זוהן פון אַנ׳אָרימער אַלמנה.

דער דאָזיגער בחור איז באמת געווען אַנ׳עלוי, וואָס האָט אַלעמען איבערראַשט. זיינע סברות האָבען געבראַכט גרויסע לומדים צו שטוינען. אַלע האָבען איהם דעריבער גאָר שטאַרק מכבד געווען און געלעגט אויף איהם גרויסע האָפנונגען.

איינמאָל האָט דער דאָזיגער בחור שפּאַצירט הינטערן שטאָדט. געווען איז עס סוף־זומער. געהט ער אַזוי צווישען די ביימער פון וואַלד, פאַרזיפט אין זיינע מחשבות און בעמערקט גאָרנישט ווי אַקעגען איהם שפּאַצירט אַנ׳אַלטער גלח, אַ פּראָפעסאָר פון גלחים־סעמינאַר, וואָס האָט זיך געפונען הינטער מעזריטש.

זעהענדיג ווי עס געהט א שעהנער יונגערמאן אזוי פערטראכט, האט עס דעם גלח זעהר אימפאנירט. דער גלח האט איהם אבגעשטעלט און עס האט זיך ענטוויקעלט צווישען זיי א טיפער שמועס אין אמונה־זאכען.

ביידע זענען געווען אזוי פערקאכט אין שמועס, אז זיי האבען גאר־נישט בעמערקט, אז עס ווערט שפעט. דער בחור האט ביים גלח אזוי שטארק נושא חן געווען, אז ער האט בעשלאסען פאר יעדען פרייז איהם צו פאנגען...

אויך אויפ'ן בחור האט דער גלח געמאכט א שטארקען רושם, ווייל ער האט גרויס פערגעניגען געהאט פון דעם שמועס. מחמת דער גלח איז געווען זעהר א קלוגער און געלעהרטער.

נעהמענדיג אבשיד פון בחור, האט דער גלח אויסגעדריקט זיין דאנק פאר'ן גייסטיגען פערגעניגען. וואס דער שמועס האט איהם פערשאפען און געבעטען איהם צו קומען אויף צוזאמענס אין די אווענד־שעה'ן נאכאמאל אין וואלד אריין, פארטצוזעצען דעם שמועס.

דער בחור האט אין תחילת נישט אבגעגעבען זיך קיין רעכענונג, אז דאס איז דער גלח אויסען איהם צו פאנגען אין זיין נעץ, האט ער איהם פערשפראכען צוקומען אויף א צווייט געשפרעך.

זייט דאמאלס פלעגט דער בחור זיך גאנץ אפט טרעפען אין וואלד מיט'ן גלח. נאטירלעך האט קיינער דערפון נישט געוואוסט. בילעכווייז, האט דער גלח אנגעהויבען געווינען דעם צוטרוי פון דעם יונגען נאאיוועז בחור. פער־שידענע געדאנקען און חששות האבען זיך ר"ל ביסלעכווייז אנגעהויבען איינ־בירגערען אין זיין הארץ. וואס אמאל איז אלץ געווארען גרעסער די השפעה פון גלח אויפ'ן בחור דעם עלוי, וועלכער איז נאך אלץ געזעסען אין בית־המדרש ביי דער גמרא...

מיט אמאל איז דאס שטעדטל אויפגעציטערט געווארען פון דער שרעק־ליכער ידיעה, אז דער בחור, דער עלוי, איז אנטלאפען, און אז ער גע־פינט זיך אין גלחים־סעמינאריום, ווייל ער האט בעשלאסען זיך צו שמד'ן ר"ל.

שווער צו שילדערען. וואס עס האט זיך דאמאלס אבגעטהון אין שטעדטעל. מען איז געלאפען צו די גלחים, געפרובט זיך משתדל זיין אויף פערשידענע אופנים. אבער קיין זאך האט נישט געהאלפען.

פאר דער ארימער אלמנה, וועלכע האט געהאפט נחת צו דערלעבען פון איהר איינציגען זוהן, איז די דאזיגע שמערצליכע ידיעה געווען א שטארקער קלאפ. זי האט זיך איינגאנצען צוזאמענגעבראכען. גאנצע טעג איז זי גע־שטאנען פאר'ן טויער פון גלחים־סעמינאר, אפשר וועט זי זיך קענען אריינ־באפען אינעווייניג און א ווארט רעדען מיט איר זוהן, בעטען זיך ביי איהם ער זאל איהר נישט אנטהון די חרפה. אבער דאס איז איהר ווייט נישט בעלינגען.

און דער בחור איז געזעסען אין א פערמאכטען צימער, אויפ'ן טורעם

פון סעמינאַר־בנין, צו וועלכען עס איז שווער צוצוקומען און מכל־שכן נאָך צו אַנטלויפען און געגרייט זיך פּופר צו זיין ר"ל, טראַכטענדיג פון דער גרויסער קאַריערע וואָס עס שטעהט איהם פאַר...

אַ פערצווייפעלטע איז די אלמנה אַריינגעפאַלען אין הויז פון מגיד, געווען איז עס פרייטאָג אין דער פריה, און אויסגעגאָסען איהר ביטער האַרץ פאַר'ן גרויסען מגיד.

דער מגיד האָט טרויעריג געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ, געטרייסט איהר, אַז עס איז נאָך נישט פאַרפאַלען, אַז ער איז נאָך אַ יוד און דעריבער זאָל זי מתפלל זיין צום אויבערשטען, אַז זיין האַרץ זאָל זיך איבערקעהרען צו תשובה...

ווען די יודענע איז אַוועק, האָט דער מגיד פלוצלונג צונויפגערופען זיין חבריא און אָנגעהויבען אַ טיפזיניגען שמועס אויפ'ן פסוק: ונפש כי תחטא...

די תלמידים האָבען נישט פערשטאַנען די בעדייטונג דערפון. אין אַ פּראָסטען פרייטאָג אַ עמקות'דיגער תורה־שמועס, אָבער זיי האָבען אויסגעהערט דעם שמועס מיט גרויס אויפמערקזאַמקייט.

אין אַ שעה אַרום האָט דער מגיד ווידער צונויפגערופען זיינע תלמידים, ווידער געשטעלט זיך אויפ'ן פסוק ונפש כי תחטא און אָנגעהויבען פיהרען אַ שמועס אויף אַן אַנדערען אופן.

אין אַ צוויי שעה אַרום, האָט דער מגיד גע'דרשנט אויפ'ן זעלבען פסוק אַ טיפען דרוש, וועלכען נישט אַלע פון זיינע תלמידים האָבען משיג געווען.

און ערשט אַ שעה פאַר ליכט־צינדען, האָט ער ווידער גערופען דעם עולם, ווידער געשמועסט תורה און אַלץ אויפן פסוק ונפש כי תחטא...

דאָס זעלבע האָט זיך איבערגע'חזר'ט ביי אַלע שבת'דיגע סעודות און אַלץ אויפ'ן אייגענם פסוק: ונפש כי תחטא...

בעזונדערס האָט זיך אויסגעצייכענט דער זיבעטער שמועס וואָס דער מגיד האָט געהאַלטען שבת צו שלש סעודות. דער דאָזיגער שמועס, פיעל מיט מוסר און תוכחה האָט אַלעמען שטאַרק צעבראָכען. טרעהרען האָבען זיך געגאָסען פון אַלעמענס אויגען. יעדער איז זיכער געווען, אַז דאָס איז ער עס דער חוטא, אַז איהם מיינט עס דער גרויסער מגיד...

פלוצלונג, אין מיטען דעם שמועס, האָט זיך געמאַכט אַ שטאַרקער ווינט, דער ווינט האָט מורא'דיג געפייפט און געטרייסעלט דאָס הייזעל, אַזוי, אַז עס האָט זיך געדוכט, דאָס עס איז ענטשטאַנען אַן ערד־ציטערניש.

דער רעש האָט זיך געשטאַרקט. דאָס וואָיען פון ווינט האָט אַזוי שטאַרק געהילכט, אַז מען האָט מעהר נישט געהערט די שטים פון מגיד.

פלוצלונג האָט דער מגיד אויסגערופען.

— לאָז מען מאַכען ליכטיג!..

אין דעם זעלבן מאָמענט, ווען מען האָט געבראַכט אָנגעצינדעטע ליכט אין בית המדרש, האָט זיך די טהיר אויפגעפּראַלט און דער בחור איז אריינגעפאַלען. און צולויפענדיג צום מגיד האָט ער אויסגעבראָכען מיט אַ יאָמערליך געוויין, אויסרופענדיג:

— חטאתי, עויתי, פשעתי!...

באַלד האָט מען אָבגעבענטשט. מען האָט זיך געשטעלט מעריב־דאַווענען, און נאָך מעריב — איז דער מגיד אַריין צו זיך אין חדר.

נאָך מעריב האָט דער עולם אַרומגערינגעלט דעם בחור און געבעטען איהם צו דער דערצעהלען, וואָס מיט איהם האָט פּאַסירט.

מיט גרויס געוויין און צובראָכענקייט האָט דער בחור דערצעהלט וועגען זיינע בעגעגענישען מיט'ן גלח. ווי אַזוי ער האָט איהם מיט זיינע גלאַטע ריידעלעך ביסלעכווייז דערפיהרט איהם צו ספקות. ווי עס האָט איהם אַלץ כסדר געצויגען צום גלח ביז ער האָט זיך פּשוט דערפרעהט, ווען דער גלח האָט איהם געמאַכט דעם מורא'דיגען פאָרשלאַג.

— די גאַנצע צייט האָב איך מיך געפיהלט אין דעם סעמינאַר אויסגעצייכענט. קיין זאַך האָט מיר נישטגעפעהלט. דער גלח האָט מיר עטליכע מאָל אין טאָג בעזוכט. בעקענט מיך מיט די יסודות פון קריסטליכען גלויבען און איך האָב מיך געגרייט געגרייטען צו ווערען אַ תלמיד פון סעמינאַר.

— אָבער נעכטען אינדערפריה. —איך ווייס נישט וואָס עס איז געשעהן — האָב איך זיך פלוצלונג אָנגעהויבען מישב זיין, אַז איך בעגעה אַ מורא'דיגען פּצראָט לגבי מיין אָרימער מוטער די אלמנה, וועלכע האָט נישט איינמאָל דאָס לעצטע שטיקעל ברויט פון איהר מויל מיר אָוועקגעגעבען און אַליין האָט זי זיך געלעגט אַ הונגעריגע שלאָפען. איך האָב מיך אָנגעהויבען אַרומקוקען אין דעם חדר'ל, וואָס איז פערמאַכט אויף אַלע זייטען און מען האַלט מיך ווי אַ געפאַנגענעם. איך האָב זיך דערמאָנט אַז עס איז היינט פרייטאָג. באַלד וועט זיין שבת אויף דער וועלט. אין בית־המדרש פּערענדיגט מען איצט דעם שיעור און מען נעמט מעביר־סדרה זיין. מען נעמט זיך גרייטען צום שבת־קודש און דאָ בין איך צווישען גוחים און גרייט מיך צו ווערען אַ פעררעטער פון מיין פאָלק...

אַ שרעקליכע בענקשאַפט האָט מיך אָנגעהויבען פייניגען. אַ בענקשאַפט צו דער גמרא, צום בית־המדרש, צו דער מאַמען, וועלכע ליגט אוודאי קראַנק פון עגמת־נפש. עס האָט זיך מיר פאָרגעשטעלט, אַז דער טאַטע וואָס געפונט זיך אויפ'ן עולם האמת, איז אַרויסגעשפּרינגען פון זיין קבר און רייסט איין וועלטען, אַז מען זאָל נישט דערלאָזען זיין זוהן צו אַזאַ שרעקליכען שריט.

פון מינוט צו מינוט האָט זיך אין מיר דער דאָזיגער געפיהל געשטאַרקט אַ מאוים'דיגע שרעק האָט זיך אין מיר דערוועקט. ווי אַזוי האָב איך עס

געוואָגט צו דעצידירען זיך אויף אזא שריט, צו ווערען א כופר באלקי ישראל. איך, דער בעסטער בית-מדרש-בחור, וואָס האָט אלעמען איבערראַשט מיט זיין בקיאות. געוואלד וואָס האָט זיך מיט מיר געטון...

איך האָב אָנגעהויבען פיהלען, ווי עס ווערט מיר ענג אין חדר'ל פערשידענע מאמרי-חז"ל, וואָס רעדען וועגען תשובה זענען מיר געקומען אויפ'ן רעיון. איך האָב געוואוסט, אַז איך בין אַ חוטא. אַ שווערער זינדיגער אָבער איך בין נאָך נישט קיין פערפאַלענער. אָבער ווי אַזוי קומט מען אַרויס פון דאַנען, אַז די טהיר איז פערהאַקט און פערשלאָסען.

און דאָ דערנעהנטערט זיך דער שבת. איך האָב אָנגעהויבען פיהלען די קדושה פון הייליגען טאָג, יאָ, אין דעם איינזאַמען חדר'ל פון סעמינאַר בנין האָב איך אָנגעהויבען פיהלען די קדושה פון שבת און אַ שרעקליך רחמנות האָט זיך דערוועקט צו איהם אליין. איך האָב אָנגעהויבען פיהלען ווי אומגליקליך איך בין, ווי פערשטויסען, ווי פערוואָרפען. עס האָט זיך מיר געדאַכט, אַז איך שווים ערגיץ אין תהום. איך זינק, איך פאַל וואָס אַמאָל נידריגער און נידריגער, און אַז איך וועל שוין קיינמאָל נישט אויפהויבען זיך, קיינמאָל נישט.

אַ פערצווייפעלטער האָב איך מיך אַנידערגעוואָרפען אויף דער ערד און אָנגעהויבען רייסען פון מיר די מלבושים, די האָר פון קאָפּ. עס איז מיר געוואָרען קאַלט און וואַרים. איך האָב פערלוירען דעם רעיון, בלויז איין געדאַנק האָט אין מיר געהערשט און פערנומען דעם גאַנצען חלל פון מיין מח, דאָס איז דער פסוק ונפש כי תחטא, און דער בעוואוסטזיין אַז איך בין עס דער דאָזיגער חוטא...

איך אַזעלכע אומשטענדען האָב איך פערבראַכט אַ גאַנצע נאַכט און אויך אויפצומאָרגענס. צו די שפייז וואָס מען האָט מיר געבראַכט, האָב איך זיך אפילו נישט צוגעריהרט. צו מיין גליק האָט זיך דער גלח די גאַנצע צייט נישט בעוויזען ביי מיר און איך האָב אָנגעהויבען טראַכטען ווי אַזוי אויסצופירען מיין פעסטען בעשלוס — צו אַנטלויפען פון דאַנען צוריק צו מיין פאָלק, צום יודענטום, צו מיין מאַמען...

אָבער לייכט צו זאָגען אַנטלויפען, אַז עס איז נישט מעגליך דעם קאָפּ אַרויסצושטעקען, סיידען אַרויסצוּוואַרפען זיך פון פענסטער אין אומקומען. אָבער צו איז עס נישט אַ פערברעך צו נעמען זיך דאָס לעבען?

שפעטער אָבער האָט אָט דער געדאַנק פון וועלכען איך האָב אין תחילת אויפגעשוידערט, אַרויסצוּוואַרפען זיך פון פענסטער, אָנגעהויבען גאָר שטאַרק מיר צו געפעלען. איך האָב איינגעפינען אַז פאַר מיר וואָס האָט זיך געוואָלט כופר זיין ר"ל. איז קיין אַנדערע כפרה נישטאָ ווי סקילה, ווי אַרויסצוּוואַרפען זיך פון דעם הויכען טורעם, אַ חוץ דעם וועט עס דאָך זיין אַ קידוש השם...

איך האָב דעריבער זיך גענומען גרייטען צום טויט. אַ גאַנצען טאָג האָב איך

פערבראַכט אין תשובה און בכיות אויסגיסענדיג מיין האַרץ פאַרן רבונו של עולם און ווי נאָר עס האָט אָנגעהויבן פינסטער ווערען האָב איך געעפנט דאָס פענסטער, און זיך געגעבען אַ שליידער אַרויס מורמלענדיג די ווערטער.

— רבונו של עולם זאָל מיין טויט זיין אַ כפרה פאַר מיינע זינד...

ווען איך בין געקומען צו זיך האָב איך זיך אַרומגעזעהן, אַז איך געפין זיך הינטער די שטאָט ווייט פון גלחים-סעמינאַר. האָב איך פערשטאַנען אַז אַ נס, אַ גרויסער נס איז מיט מיר געשעהן, און אַז איך בין ניצל געוואָרען פון טויט און פון שמד ר״ל.

דער ערשטער געדאַנק וואָס האָט זיך אין מיר דערוועקט, איז געווען תיכף צו לויפען צום הייליגען מגיד ער זאָל ראַטעווען מיין נשמה וואָס איז אַזוי פערשמוצט געוואָרען מיט זינד. און אָט בין איך געקומען צום הייליגען מגיד נאָך אַ תיקון, און בין זיך מודה ומתודה בפני כל עם ועדה:

— חטאתי, עויתי, פשעתי.

די תלמידים וואָס האָבען פריער נישט פערשטאַנען די כסדר'דיגע שמועסען אויפ'ן פסוק ונפש כי תחטא, האָבען ערשט איצט פערשטאַנען אַז דערמיט האָט דער מגיד געראַטעוועט אַ יודישע נשמה פון אונטערזאַג ר״ל.

ד.

דער מלאך

כאָטש רבי אברהם'לע איז געווען דעם מעזריטשער מגיד'ס איינציג קינד און אויך זיין גייסטיגער יורש איז אָבער זיין דרך אין עבודת הבורא געווען אַ גאַנץ אַנדערער ווי דעם פאָטערס. איינגאַנצען אוסגעטוהן פון דעם גאַנצען ערדישען עולם. זייענדיג עוסק טאָג און נאַכט אין תורה ועבודה, האָט ער פערבראַכט אין סיגופים און תעניתים, וועלכע מען קען גאָר נישט משיג זיין. דערמיט איז זיך רבי אברהמ'לע פונאַנדערגעגאַנגען פון פאָטערס דרך, וועלכער האָט ווי דער הייליגער בעל שם געלערענט, אַז דינען דעם אויבערשטען דאַרף מען נישט דוקא מיט תעניתים און סיגופים, נאָר פערקעהרט, דוקא מיט עסען און טרינקען, נישט מיט קיין עצבות, נאָר מיט שמחה.

מיט זיין התנהגות האָט ער געשאַפען דעם איינדרוק, ווי ער וואָלט גאָר קיין בשר ודם נישט געווען, נאָר אַ ג-ט'ליכער מלאך, דערפאַר האָט מען איהם אין דער חסידישער וועלט גערופען בקיצור „דער מלאך״.

דער מלאך האָט זיך געפיהרט לויט'ן דרך פון האר״י הקדוש. זיין נאָהנסטער חבר איז געווען דער חשובסטער פון מגיד'ס תלמידים, דער בעל „התניא״ זצ״ל. צוזאַמען האָבען זיי עוסק געווען יומם ולילה אין נגלה און אין נסתר.

אלטע חסידים דערצעהלען אַז עס איז געווען אַ פּחד איהם אָנצוקוקען. בכלל האָט מען איהם גאַנץ ווייניג געזעהן, ווייל ער האָט זיך כמעט נישט געוויזען פאַר מענשען.

צו 15 יאָהר האָט ער חתונה געהאַט, געוואוינט מיט זיין ערשטער פרוי 10 יאָהר און איהר אפילו נישט רעכט געקענט, אזוי ווייט איז ער געווען אויסגעטהון פון דער וועלט.

צו 25 יאָהר איז רבי אברהמ׳לע געוואָרען אַן אַלמן און בעשלאָסען מעהר נישט חתונה צו האָבען.

אַז דער דאָזיגער בעשלוס האָט אויפ׳ן מגיד געמאַכט זעהר אַ שווערען רושם איז איבעריג צו דערצעהלען. ווי שוין געזאָגט, איז דער מלאך געווען דאָס איינציגע קינד פון מגיד, און אויב דער מלאך וועט נישט חתונה האָבען, וועט דאָך מיט אַמאָל אָבגעהאַקט ווערען דעם מגיד׳ס גזע!...

די חסידישע אגדה דערצעהלט, אַז דער מלאך איז געווען אַ מין אדם השלם, א הייליגע־ אויסגעאַרבייטער גוף, וואָס האָט נישט געהאַט קיין שום ערדישע צרכים, אַ נשמה אָהן די קלענסטע פגימה, אַזעלכער איז עס געווען דער הייליגער מלאך.

אָבער דער מגיד האָט גוט געדענקט די צוואה פון זיין גרויסען רבין דעם בעל שם טוב, וועלכער האָט איהם מבטיח געווען, דאָס אויב משיח וועט אזוי גיך נישט קומען, וועט זיין נשמה נאָכאַמאָל אַראָבקומען אויפ׳ן עולם השפל אין איינעם פון זיינע קינדער. דעריבער האָט דער מעזריטשער מגיד מיט גרויס צער איינגע׳טענה׳ט מיט זיין הייליגען זוהן:

— די תורה איז דאָך נישט געגעבען געוואָרען צו מלאכים, דער אויבערשטער איז דאָך מלא כל הארץ כבודו, אומעטום איז ער דאָך פיעל, אין יעדער תנועה און אין יעדען מענשליכען שריט.

— אומעטום קען מען איהם טאַקי געפונען — האָט דערויף דער מלאך געענטפערט — אָבער אין רוחניות׳דיגע מעשים כּוּז מען איהם געפונען...

— איך בין אויף דיר גוזר בגזירת כּבוד אָב אַז דו זאָלסט מעמיד דורות זיין — האָט דער מגיד שטרענג אויסגערופען.

דער מלאך האָט דערויף גאָרנישט געענטפערט. נאָר שפּעטער האָט ער פאַר זיין חבר, דעם רב פון לאַדי, זיך פערענטפערט:

איך קען נישט מבטל זיין דעם רצון פון מיין רוחניות׳דיגען טאַטען (דעם רבונו של עולם) פאַר׳ן רצון פון מיין ערדישען טאַטען...

אָבער סוף כל סוף האָט דער מלאך נאָכגעגעבען און בעשלאָסען אַ צווייט מאָל חתונה צו האָבען.

וועגען דער סיבה פון דעם דאָזיגען געענדערטען בעשלוס זענען פער. האַן פערשיידענע השערות. צווישען אַנדערען ווערט דערצעהלט, אַז פון הימעל האָט מען דעם מלאך בעפוילען מקיים צו זיין דעם רצון פון זיין פאָטער.

גלייך ווי דער מגיד האָט זיך דערוואוסט, אַז דער זוהן זיינער האָט ענדליך געענדערט זיין בעשלוס און איז שוין מסכים חתונה צו האָבען, האָט ער געשיקט צוויי שליחים קיין קרעמעניץ, צום גרויסען מגיד ר׳ פייביש, דער מחבר פון „משנת הכמים״, כדי ביי איהם צו פיעל׳ן ער זאָל געבען זיין 12 יעהריגע טאָכטער גיטעלע אַלס פרוי פאַר׳ן הייליגען מלאך.

די שליחים זענען אָבגעפאָהרען אין אַ טייערע קאָטש, מיטנעהמענדיג חפצים און פיעל מתנות און תכשיטים פאַר דער כלה, ווייל דער מעזריטשער מגיד האָט זיי בעפוילען תיכף מיטצוברענגען מיט זיך די כלה...

קומענדיג קיין קרעמעניץ, זענען די שליחים פערפאָהרען פאַר׳ן הויז פון מגיד. אַבער ר׳ פייבישען האָבען זיי נישט געטראָפען אין דער היים, מחמת ער איז געזעסען אין בית-מדרש על תורה ועל העבודה און די גאַנצע עקרת הבית איז געווען זיין פרוי די רביצין.

דערהערענדיג וועגען וואָס דאָ האַנדעלט זיך, האָט זיך די רביצין פשוט צולאַכט און אויסגערופען:

וואָס רעדט איהר. אַ קינד פון צוועלף יאָהר חתונה מאַכען מיט אַן אַלמן. וואָס איז מעהר ווי צוויי מאָל אַזוי אַלט?...

אָבער די שליחים פון מעזריטשער מגיד האָבען נישט קיין אַכט געלעגט אויף איהרע רייד און געפרעגט זיך אויפ׳ן קרעמעניצער מגיד, או׳ף דעם פאָטער פון דער כלה, גלויבענדיג באמונה שלימה. אז די 12-יעהריגע כלה איז דעם מלאך׳ס בת זוג.

ענדליך האָט זיך די רביצין מיישב געווען און געשוקט רופען איהר מאַן, ער זאָל גלייך קומ׳ען אַהיים.

דער קרעמעניצער מגיד, ר׳ פייביש האָט זיך אין דעם פאָרשלאַג אָנ-געכאפט מיט ביידע הענד. ער האָט פשוט אָנגעהויבען טאַנצען פאַר שמחה. אַ קלייניגקייט דעם גרויסען ר׳ בער פאַר אַ מחותן. דעם הייליגען מלאך פאַר אַן איידעם!...

— מיר זענען מסכים, מיר זענען מסכים האָט דער מחותן מיט גרויס שמחה אויסגערופען, און זאָל עס זיין אין אַ מזל׳דיגער שעה.

די שליחים האָבען באַלד אָרויסגענומען די טייערע מלבושים און מתנות פאַר דער כלה, עס איז געפראַוועט געוואָרן אַ סעודה כיד המלך און אויפצומאָרגענס איז בעשטימט געוואָרן דער זמן צו פאָהרען צוזאַמען מיט דער כלה צו דער חתונה קיין מעזריטש.

די חתונה איז געפראַוועט געוואָרן מיט גרויס שמחה, מיט דער בע-טייליגונג פון רבין ר׳ בער׳ס גאַנצע חבריא. עס איז שוין איינמאָל געווען אַ חתונה.

ח׳

נאך דער פטירה פון מגיד

דער מגיד פון מעזריטש זצ״ל איז נפטר געוואָרען אין אַניפּאָלע, וואו ער האָט געוואוינט דאָס לעצטע יאָהר. די סיבה וואָס עס האָט גורם געווען צו דער פטירה פון מגיד איז גוט בעקאַנט, אָבער מיר וועלען עס בקיצור איבערדערצעהלען:

ווי בעקאַנט, האָט זיך אין מגיד׳ס צייטען פערשטאַרקט די מחלוקה געגען די חסידים. בעזונדערס שטאַרק האָט מען גערודפ׳ט דעם הייליגען „קדושת לוי״ רבי לוי יצחק זצ״ל, וועלכער איז דאַמאָלס געווען רב אין פינסק. אָבער כל זמן דער רב האָט זיך געפינען אין שטאָדט, האָבען זיינע געגנער נישט געוואַגט אַזוי שטאַרק געגען איהם אַרויסצוטרעטען. אָבער ווען דער קדושת־לוי איז אַמאָל געפאָהרען אויף אַ נסיעה קיין מעזריטש האָבען די געגנער זיינע זיך נוקם געווען אין איהם, אַרויסגעטריבען זיין בני־בית פון די קהל׳שע דירות, אָנגעטהון זיי חרפות און בושות, און בעשטימט אַלס רב דעם בעקאַנטען מסור אביגדור.

ווען דער קדושת לוי האָט דערהאַלטען פון דער היים דעם דאָזיגען טרויעריגען בריעף, איז ער אַריינגעגאַנגען צום מגיד, געוויזען איהם דעם בריעף און געבעטען אַ׳עצה.

דער מגיד האָט אָבער דערויף גאָרנישט געענטפערט.

שבת־צונאַכטס האָבען זיך די תלמידים צונויפגעזאַמעלט און געזוכט אַ׳עצה, ווי אַזוי אָבצוענטפערען אויף די רדיפות און די חרמות מצד די מתנגדים... געווען זענען זיי זיין פערזאָן און דער צעהנטער האָט געזאָלט זיין דער רב פון לאַדי, וועלכער האָט זיך אָבער אין דער אסיפה נישט געפונען.

נאָך אַ לאַנגער בעראַטונג איז בעשלאָסען געוואָרען די אַלע חרמות וואָס די מתנגדים האָבען אַרויפגעלעגט אויף די חסידים איבערצוקעהרען אויף די מחרימים. אָבער דערצו איז דאָך נויטיג געווען אַ גאַנצער מנין, איז בעשלאָסען געוואָרען צו שיקען אַ שליח צום רב פון לאַדי, פרעגען איהם זיין מיינונג בנוגע די חרמות.

דער רב האָט דערויף געענטפערט, אַז מען דאַרף אָבצאָהלען מיט דער זעלבער מטבע און באַלד איז עס טאַקי געשעהן...

שפעט אין דער נאַכט, ווען די חבריא האָט זיך געלעגט אָברוהען, איז פּלוצלינג אַריינגעקומען אין דעם צימער דער מגיד. אַלע האָבּען זיך גלייך אויפגעכאַפּט, און דער מגיד האָט אַ דערשראָקענער אויסגערופען:

— קינדער, וואָס האָט איהר געטהוען!...

די חבריא האָט זיך פערענטפערט, אַז עס איז שוין נישט מעגליך איבערצוהאַלטען פון די רדיפות און די חרמות און זיי האָבען געמווט אָבּ־צאָהלען מיט דער זעלבער מטבע...

דערויף האָט זיי דער מגיד געענטפערט:

— איהר זאָלט וויסען, אַז צוליעב דעם דאָזיגען שריט האָט איהר פערלוירען אייער קאָפּ. אָבער דאָס האָט איהר געפועלט, אַז ביי יעדער מחלוקה צווישען חסידים און מתנגדים, וועלען די חסידים תמיד זיעגען...

און אַזוי איז טאַקי געשעהן. אין זעלבען יאָהר י״ט כסלו תקל״ג איז דער מגיד נסתלק געוואָרען.

די חסידישע אגדה דערצעהלט, אַז נאָך דער פּטירה האָט מען דעם הייליגען גוף געבראַכט אין מקוה אַריין צו טובל'ען. דערביי האָבען זיך די תלמידים איינגעטיילט דורך אַ גורל, ווער ביי וועלכע אברים עס זאָל שטע־הען און משמש זיין, האָט דער רב פון לאַדי זוכה געווען ביים קאָפּ.

האָט זיך אָנגערופען דער הייליגער רב:

די חז״ל זאָגען: די צדיקים זענען נאָכ'ן טויט גרעסער ווי ביים לע־בען, דעריבער לאָמיר לאָזען אונזער הייליגען רבין אַליין זיך טובל זיין...

און אַזוי איז טאַקי געשעהן: דער מגיד האָט זיך נאָך דער הסתלקות דריי מאָל טובל געווען אָהן שום מיטהילף.

---

12 יאָהר האָט דער מלאך געלעבט נאָך דער חתונה געבוירענדיג 12 קינדער, פון וועלכע דער עלטסטער ר' שלום שכנא דער פּראָבישטשער רבי, איז געווען דער פאָטער פון הייליגען ריזשינער זצ״ל.

וויסענדיג ווי פיעל עס ליידט זיין יונגערע שנור פון דער התנהגות פון איהר מאַן, האָט איהר דער רבי ר' בער זעהר שטאַרק מקרב געווען, נאָך מעהר ווי אַן אייגען קינד, אָבער די רביצין גיטעלע איז געווען אַן אמת'ע צדיקת און מיט געדולד אַלץ בעהערשט און איבערגעטראָגען.

פאַר דער פּטירה פון מעזריטשער מגיד האָט ער צוגערופען זיין שנור, וועלכע האָט זיך שטאַרק צוויינט און צוזאָגענדיג איהר, אַז ווען זי וועט זיך נויטיגען אין זיינס אַנ'עצה, וועט ער זי מיט די קינדער קיינמאָל נישט פערלאָזען...

נאָך דער הסתלקות פון גרויסען מגיד אין אַניפּאָלע האָט זיין איינצי־גער זוהן רבי אברהם המלאך זצ״ל, בשום אופן נישט געוואָלט אָוועקפאָה־

רען קיין מעזריטש און ווערען כמלא מקום פון זיין פאָטער כאָטש די גאַנצע חבריא האָט עס פון איהם פערלאַנגט, און ער איז געבליבען וואוינען אין שטעדטעל אַניפּאָלע.

חסידים האָבען עס פערשטאַנען: אַ מנהיג הדור מוז זיך קענען אָראָבּלאָזען צו די חפצות פון זיין דור, מוז פערשטעהן, אַז עס איז דאָ אַ יצר הרע, וואָס רעדט אָן צו זינדיגען, און אף על פי שחטא ישראל הוא, דאַרף מען דעם געפאַלענעם נאָך מעהר מקרב זיין, אַרויסהויבען פון דער טומאה. דער הייליגער מלאך האָט זיך אָבער נישט געקענט אַזוי ווייט אַראָבּלאָזען... ער האָט אפילו נישט געהאַט דעם מינדעסטען בעגריף איבער די גשמיות'דיגע בקשות פון די מענשען וואָס האָבען זיך געווענדעט צו איהם. ער האָט דעריבער בשום אופן נישט געוואָלט מקבל זיין די ירושה פון זיין גרויסען פאָטער.

די רביצין גיטעלע, וועלכע האָט שוין דעמאָלט געהאַט צוויי קינדער, האָט אָבער נישט מתרעם געווען און גענומען פאַר ליעב דאָס התנהגות פון איהר מאַן און כדי צו קענען מפרנס זיין איהר פאַמיליע בדרך כבוד. נישט דאַרפענדיג איהר גרויסען מאַן צו שטערען אין זיין הויכער עבדות, האָט זי זיך געעפענט אַ שפּייז-קרעמעל און דערפון געצויגען איהר בצימצום'דיגע חיונה...

נאָכן מעזריטשער מגידס הסתלקות האָט דער מלאך נאָך מעהר זיך אָנגעהויבען דערווייטערן פון דעם גשמיות פון דער וועלט. טעג און וואָכען פלעגט ער מיט קיין ילוד אשה נישט רעדען אַ וואָרט. וואָס אַ טאָג אַלץ מעהר האָט ער זיך אויסגעטהון פון דער וועלט און מתבודד געווען זיך אין זיינע ד' אמות.

דאָס בעט זיינס האָט ער געשטעלט אין זיין ספרים-שטוב און קיינער אַ חוץ זיין גבאי, איז נישט געקומען צו איהם.

די ספרים-ביבליאָטעק פון הייליגען מלאך איז געווען זעהר אַ ווערטפולע. געווען דאָרט אַזעלכע יקר המציאות, וואָס מען האָט נישט געקענט בעקומען פאַר קיין הון דעלמא. זיינע אָנהענגער האָבען געוואוסט ווי ווייט דער מלאך איז אַ ליעבהאָבער פון ספרים, און ווי נאָר עס האָט עמיצער געפונען אַ ספר אַ אַנטיק, פלעגט ער עס קויפען און מכבד זיין דערמיט דעם מלאך. וויסענדיג אַז נאָר דערמיט אַליין איז מען מהנה דעם גרויסען צדיק.

די ספרים-ביבליאָטעק פון מלאך האָט געהאַט אַ רוהם אויף ווייט און ברייט. ביבליאָגראַפען פלעגען ספּעציעל קומען בעזוכען די דאָזיגע זעלטענע ספרים-זאַמלונג, אָבער נישט תמיד האָט מען געקענט אַריינקומען אין דער ספרים-שטוב פון מלאך.

אַזוי האָט זיך געפיהרט אַ פּאָר יאָהר, במשך דער דאָזיגער צייט,

האָט ער דער רביצין כמעט נישט געזעהען, און אַז ער פלעגט עפּעס דאַרפן אַן׳עצה פלעגט די רביצין זיך בענוצען מיטן גבאי...

איינמאָל אין אַ שבת נאָכמיטאָג, איז די רביצין גיטעלע פּלוצלינג אַריינגעקומען אין חדר פון איהר מאַן.

דער הייליגער מלאך האָט אויפגעציטערט און געפרעגט ווי נישט מיט זיין קול:

— וואָס איז געשעהען!

די רביצין האָט מיט אַ נידריגע שטים אָנגעהויבען:

— דער הייליגער שוועהר איז מיר נעכטען ביינאַכט געקומען צו חלום און בעפוילען מיך, אַז איך זאָל דיר איבערגעבען, דאָס דו זאָלסט ענדערן דיין התנהגות. ווי באַלד דו וועסט נישט פאָלגען, וועסטו האָבען חרטה...

דער מלאך איז אָבער נישט נתפעל געוואָרען פון דעם אויסטערלישען חלום, כאָטש ער האָט געוואוסט, אַז עס איז נישט סתם אַ חלום. און ער האָט רוהיג אָבגעענטפערט.

— אויב דער הייליגער טאַטע וויל מיר עפּעס זאָגען, קען ער דאָך צו מיר אַליין קומען, דאַרף ער דאָך נישט שיקען צו מיר אַ שליח...

די רביצין גיטעלע האָט מיט צובראָכענקייט פערלאָזט דאָס חדר פון איהר מאַן. וויסענדיג, אַז עס גרייט זיך אַן׳אומגליק איבער איהר הויז, אָבער זי איז נישט בכח געווען צו ווירקען אויף איהר מאַן, דאָס ער זאָל זיך צוהערען צום בעפעהל, וואָס איז געקומען צו איהר בחלום.

און באַלד אין דער זעלבער וואָך איז דאָס אומגליק געשעהען. עס איז אויסגעבראָכען אַ שרפה אין מלאכ׳ס ספרים־ביבליאָטעק. דער מלאך איז קוים מיטן לעבען ניצול געוואָרען. אָבער די טייערע ספרים זענען ביז צום לעצטען בלעטעל פערוואַנדעלט געוואָרען אין אַש...

די שרפה פון זיין ביבליאָטעק האָט קענטיג אויפן מלאך געמאַכט אַ שטאַרקען רושם, מחמת אין אַ קורצער צייט אַרום, האָט ער אָנגענומען דעם פּאָרשלאַג פון דער קהלה אין כוואָסטאָוו, צו פערנעהמען דאָרט דעם אַמט פון אַ שטאָדט־מגיד מיט אַ שטענדיגען געהאַלט. דער מלאך איז אַוועק קיין כוואָסטאָוו אין זומער פון יאָהר תקל״ו און זיין פאַמיליע איז נאָך פערבליבען אין אַניפּאָלע.

פאַרן אָבפאָהרען קיין כוואָסטאָוו האָט דער מלאָך געלאָזט רופען צו זיך זיין זוהן ר׳ שלום שכנא, וועלכער איז דעמאָלט קוים אַלט געווען אַ יאָהר אַכט און מיט איהם זעהר לאַנג פערבראַכט.

חסידים דערצעהלען, אַז דער הייליגער מלאָך האָט מיט זיין יונג בחורל געהאַט פאָלגענדען שמועס:

— דו זאָלסט וויסען מיין קינד, אַז מיטן בעל דבר איז זעהר שווער אויסצוקומען דורכן אמת. פון הייליגען טאַטען האָב איך בירושה אַן׳עבודה. דורך וועלכער מיר וואָלטען געקענט טהון גרויסע טובות דעם כלל ישראל

און אפשר אויך מקרב זיין די גאולה. די צרה איז אָבער, וואָס דער שטן היט אונז די טריט און ווי נאָר מיר ווילן אָנהויבן עפּעס טהון, פאַרשטעלט ער אונז דעם וועג.

דאָס דאָזיגע שטענדיגע אַרומיאָגען זיך מיטן בעל דבר האָט מיך קראַנק געמאַכט, און איך פיהל אַז איך וועל שוין נישט לאַנג פערווײַלען אויף דעם עולם. וויל איך דיר, דעריבער מיין קינד איבערגעבען דעם סוד פון דער דאָזיגער עבודה, כאָטש איך ווייס נישט, צי דו וועסט איהר קענען אויספיהרען, אָבער הער וואָס דער טאַטע זאָגט דיר: האָב שכל, פערשטעל דיך, וויַיז נישט אַרויס דעם אמת, בעהאַלט דיך פאַרן בעל דבר, מיט איהם, ווערכער איז כולו שקר מוז מען נישט דוקא געהן מיטן הוילען אמת, האָסט מיך פערשטאַנען שלום׳ניו?..

אוודאי האָט ער פערשטאַנען, דער שפּעטערער פּראָבישטשער צדיק, כאָטש ער איז נאָך געווען אַ יונגעל פון אַ יאָהר אַכט, און דעריבער האָט ער מיט זיינע קינדער און קינדס־קינדער אָנגענומען אַנ׳אַנדערן, גאַנץ אַנדערן דרך...

פאַר ראש השנה, האָט דער מלאך געשיקט צוויי פון זיינע חברים קיין אַניפּאָלע, כדי צו ברענגען צו זיך זיין פאַמיליע אויף די ימים־נוראים.

די צוויי שליחים זענען געווען נישט קיין אַנדערע ווי דער רבי ר׳ זושא און ר׳ יהודה לייב כהן.

צו וואָס דער מלאך האָט בעדאַרפט שיקען אַזש צוויי אַזעלכע שליחים נאָך זיין פאַמיליע, איז געווען אַ פלא. איז דען נישט גענוג געווען צו שיקען עפּעס אַ גבאי אָדער סתם אַזוי אַ משרת — אַזוי האָט מען זיך געוואונדערט.

אָבער באַלד האָט זיך אַרויסגעוויזען אַז די מעשה איז נישט פשוט.

די רביצין האָט בשום אופן נישט געוואָלט פאָהרען קיין כוואָסטאָוו אויף די ימים־נוראים.

די צוויי צדיקים, האָבען ערשט פערשטאַנען, אַז דער מלאך האָט זיי געשיקט אין אַ גרויסער און וויכטיגער שליחות און זיי האָבען אָנגעהויבען אַרבייטען מיט אַלע כוחות, בכדי צו ווירקען אויף דער רביצין, זי זאָל ממלא זיין דעם רצון פון איהר הייליגען מאַן.

אָבער די רביצין איז געבליבען ביי דאָס איהריגע: נישט און נישט, און ווען מ׳האָט איהר שטאַרק דערקוטשעט האָט זי קאַטעגאָריש ערקלערט, אַז זי וועט נישט פאָהרען ווייל דער שווער, דער רבי ר׳ בער, האָט איהר געוואָרענט אין חלום, אַז זי זאָל נישט פאָהרען, זי זאָל פערבלייבען דאָ מיט די קינדער...

און אַזוי איז טאַקי געשעהען. זי איז נישט געפאָהרען, די רביצין, און דאָ הויבט זיך אָן די שרעקליכע טראַגעדיע פון הייליגען מלאך...

דעם זעלבען יום כפור בשעת נעילה איז דער הייליגער מלאך פלוצלינג אװעקגעפאַלען און עס איז איהם שװער געװען צו דערמינטערן.

שװער צו שילדערן דעם רעש װאָס איז דאַן ענטשטאַנען אין בית מדרש, ענדליך איז געלונגען איהם צו דערדרייסען, אָבער דעם דבור האָט ער מעהר נישט צוריק בעקומען...

חסידים זאָגען, אַז דאָס האָט מען פון הימעל נישט געװאָלט, אַז דער מלאך זאָל אין די לעצטע טעג פון זיין לעבען האָבען דעם כח הדבור און איבערגעבען די געפיהלען פון זיין הויכער, הימלישער נשמה.

אין י״ב תשרי, צװיי טעג נאָך יום כפור, איז דער הייליגער מלאך נסתלק געװאָרען...

אינגאַנצען 37 יאָהר איז ר׳ אברהם המלאך אַלט געװען ביי זיין הסתלקות.

חסידים װייסען צו דערצעהלען, אַז אין מאָמענט װען דער מלאך איז נסתלק געװאָרען איז געװאָרען אַ מורא׳דיגער רעש און אַ קאָכעניש אין אַלע הימלען, אַ פחד איז ענטשטאַנען צװישען דער פמליא של מעלה. אַלע צדיקים פון דער מתיבתא דרקיעא האָבען אַ ציטער געטהון, מפסיק געװען פון זייערע למודים און זיך איבערגעקוקט מיט שטױנונג: װאָס איז פלוצלינג געשעהען?

און אַ כרוז איז אַרויס פון אונטערן כסא הכבוד: פנו מקום! זאָלען אַלע געהן מקבל פנים זיין די נשמה פון ר׳ אברהם המלאך!...

און נישט בחנם — האָט איינער פון די גרויסע צדיקים ערקלערט דעם רעש װאָס עס איז ענטשטאַנען אין הימעל בעת דער הסתלקות פון מלאך — נישט בחנם איז געװאָרען אַזאַ רעש אין די עולמות עליונים, װייל װיסען זאָלט איהר, אַז קיין שרפים׳דיגע מלאכים פעהלען נישט אין הימעל, חדשים לבקרים, טאָג־טעגליך, װערען נייע בעשאַפען, דאַגעגען בשר ודם׳דיגע מלאכים אַזעלכע װי ר׳ אברהם המלאך איז געװען — אַזעלכע זענען גאָר װעניג פערהאַן, כמעט נישט במציאות, אַ צװיי דריי בסך־הכל...

דער הייליגער טשערנאָבלער, רבי נחום זצ״ל, װען ער האָט דערהערט דעם הימלישען כרוז האָט ער עוסק געװען אין מצות סוכה.

— אוי װיי, האָט ער אַרויסגעלאָזט אַ ביטערן געשריי, קריעה געריסען זיך און אָנגעהויבען אַרומלויפען איבערן הויף אויסרופענדיג:

— אומזיסט מיין עבודה, אומזיסט מיין פראַצע. די קרוין איז פון אונזער קאָפּ אַראָבגענומען געװאָרען. אוי. צװיי יאָהר, צװיי יאָהר האָט נאָך געפעהלט!...

רבי נחום טשערנאָבלער האָט טאָג־טעגליך מתפלל געװען אַ ספּעציעלע תפילה פאַרן לעבען פון מלאך.

שפּעטער האָט ער מתפלל געװען אז דער מלאך זאָל כאָטש דערציהען ביזן פערציגסטען לעבענס־יאָהר.

— וואָלט ער כאָטש דערלעבט דעם שנת ארבעים — האָט דער טשער־נאָבלער געזאָגט צו זיך מיט גרויס צער און צובראָכנקייט — וואָלט ער דאָך משיג געווען די ארבעים שערי בינה, און געבראַכט די גאולה שלימה פאַרן כלל ישראל, אָבער נישט בעשערט געווען. אונזערע עוונות האָבן גורם געווען, אַז נצחו אראלים את המצוקים — די הימלישע האָבן מנצח געווען — וועה איז אונז און ווינד איז אונז, צו וואָס מיר האָבן גורם געווען מיט אונזערע זינד — דער מלאך איז פון אונז אַוועקגעריסען געוואָרען...

ו.

די הבטחה

גלייך ווי עס איז אין אַניפּאָלע דערהאַלטען געוואָרען די טרויעריגע ידיעה, וועגען דער הסתלקות פון הייליגען מלאך איז די יונגע פּיער און צוואַנציג יעהריגע אלמנה, די רביצין גיטעלע צוזאַמען מיט איהרע צוויי קינדערלעך אָבגעפאָהרען קיין כוואַסטאָוו וואו דער מלאך האָט געוואוינט דאָס לעצטע יאָהר פון זיין לעבען און איז אויך געקומען צו קבורה.

שווער צו שילדערן דעם רושם וואָס די אַזוי פּלוצלינגע הסתלקות פון איהר הייליגען מאַן האָט געמאַכט אויף דער יונגער רביצין. זי האָט גאָר־נישט געקענט זיך פאַסען און כלל נישט געקענט בערוהיגען זיך. שווערע פאָרוואורפען האָט זי זיך געמאַכט. פאַרוואָס זי האָט נישט געפאָלגט די בקשה פון איהר מאַן און קומען צו פאָהרען קיין כוואַסטאָוו, ווען ער האָט צו איהר געשיקט זיינע שליחים. וואָלט זי דאָך כאָטש געווען אויפן אָרט בעת דער הסתלקות און בעת די קבורה, און איצטער קומט זי קיין כוואַס־טאָוו שוין נאָך אַלעמען...

די שטאָדט־לייט ווי אויך די פערזאַמעלטע חסידים, וואָס זענען געקו־מען קיין כוואַסטאָוו צו דער לוי׳ פון מלאך, האָבען דער יונגער אלמנה אויפגענומען מיט גרויס כבוד און בעמיהט זיך איהר צו טרייסטען. עס איז אויך געבליבען, אַז אום שבת זאָל געפיהרט ווערען אַ טיש ווי עס האָט זיך געפיהרט ביים לעבען פון מלאך. דער טיש איז דאָסמאָל געפיהרט געוואָרען אין דער אכסניא וואו די רביצין מיט איהרע קינדער האָבען זיך אויפגעהאַלטען.

בעזונדערס פייערליך איז געווען דער טיש בעת שלוש סעודות, דער צער אין אַלעמענס הערצער האָט געברענט ווי אַ העליש פייער, נאָך מעהר האָט עס וועה געטהון, קוקענדיג אויף דער יונגער אלמנה און אויף איהרע יונגיטשקע קינדער. האָבען חסידים געוואָלט זיך שטאַרקען, טרייסטען זיך

ביז צום פערגעסען און דאָס האָבען זיי געפּרובט טהון, בעת שלוש סעודות, בעת רעוא דרעוין..

די חסידים האָבען געזונגען זמירות מיט גרויס התלהבות. אַלע ווײלע האָט מען מכבד געווען אַן אַנדערן חסיד מיט זאָגען תורה. דער אינהאַלט פון אַלעמענס תורה איז אָבער געווען געווידמעט דעם הייליגען זכר פון מלאך, וועלכער איז צוליעב דער זינד פון דור אַזוי יונג נסתלק געוואָרען. אין שכנות'דיגען חדר איז געזעסען אויף אַ סאָפע די יונגע אלמנה אָנגע־שפּאַרט אויף דער הויז־ווירטן און געדרימעלט.

די חסידים האָבען געזונגען זמירות ביז צום פערגעסען זיך און די רביצין גיטעלע האָט געדרימעלט.

אַזוי דרימלענדיג, האָט זיך איהר געחלומט אַ וואונדערבאַרער חלום. ניין, עס איז נישט קיין חלום, נאָר אַ ווירקליכקייט. אַזוי וועהניגסטענס האָט זיך עס איהר אויסגעוויזען. עס דאַכט זיך איהר, ווי זי געפינט זיך אין אַ הערליכען פּאַלאַץ, אַ היכל־מלכים אין פולען זין פון וואָרט. זיצט זי אַזוי אויף אַ הערליכען טראָהן, און קוקט זיך אַרום, ווייסט נישט וואו זי געפינט זיך ערגיץ אין דער וועלט...

פּלוצלינג עפענט זיך אַ טהיר און איהר מאַן דער מלאך קומט אַריין. אויסגעזעהן האָט ער ווי אַן אמתער מלאך פון ג־ט. זיין פּנים האָט גע־לויכטען ווי טויזענדער זונען. און הינטער איהם שטעהען אָהן אַ צאָהל זקנים, מיט אַזעלכע הערליכע בלענדענדע הדרת פּנימער וואָס מען געפינט נישט צווישען קיין מענשען־קינדער.

האָבען זיך די זקנים אויסגעזעצט אויף די שטוהלען, וואָס האָבען זיך אין היכל געפונען אָהן אַ צאָהל און ר' אברהם המלאך האָט זיך געווענדעט צו זיי מיט פאָלגענדע ווערטער:

— מורי ורבותי! פאַר אייך בית דין של מעלה, בעט איך מחילה פון מיין ווייב גיטעלע פאַרן צער, וואָס איך האָב איהר שלא במתכוון פערשאַ־פען. איך ווייס, אַז מיט מיין התנהגות האָב איך איהר נישט וועניג מצער געווען, אָבער עס איז נישט געווען מיט אַ כונה איהר מצער צו זיין חלילה...

— איך בין דיר מוחל במחילה גמורה, מיטן גאַנצען האַרצען — האָט די רביצין אָבגעענטפערט אין חלום.

דאַן האָט זיך ווידער דערהערט די שטים פון מלאך, בעת ער האָט זיך געווענדעט צו די זקנים:

— דאָס איז דאָך ידוע, און עס איז נישטאָ קיין חשש ספק. אַז על פּי דין ועל פּי יושר דאַרף מיין אלמנה זיין פריי און אויפגעבונדען, און קענען חתונה האָבען מיט וועמען עס וועט איהר אָנשטעהן. בפרט נאָך אַז זי איז נישט מעהר אַלט ווי 24 יאָהר. איך האָב דעריבער קיין שום רעכט און קיין שום זכות נישט, איהר אָבצוהאַלטען דערפון. פונדעסטוועגען ער־קלער איך דאָ פאַר אייך, בית דין של מעלה, אַז וויבאַלד זי וועט מסכים

זיין מעהר נישט חתונה צו האָבען, בין איך איהר מבטיח אַז איך וועל זאָרגען פאַר איהר בזה ובבא, אויף דעם עולם השפל און אויף דעם עולם האמת. איך וועל פאַר איהר זאָרגען, פונקט ווי עס זאָרגט אַ געטרייער מאַן פאַר זיין ווייב און אַ טאַטע פאַר זיינע קינדער, אַז זיי זאָלען אויסוואַקסען און פערשיינען די וועלט.

ביי די דאָזיגע ווערטער האָט זיך די רביצין אויפגעכאַפּט, צו איהרע אויערען האָבען דערגרייכט דאָס געזאַנג פון די חסידים, וועלכע האָבען גראָד געזינגען דעם חרוז, ויזכו לראות בנים ובני בנים, עוסקים בתורה ובמצות לשמה, על ישראל שלום, האָט זי דערפון געדרינגען אַז איהר שלום'ניו וועט זיין אַ ראש על ישראל...

נאָכן דאָזיגען וואונדערבאַרען חלום, האָט זיך די יונגע אלמנה פולשטענדיג בערוהיגט. זי האָט מעהר נישט אַרויסגעוויזען קיין צער, צו אַלעמענס וואונדער וואָס האָבען נישט געקענט פערשטעהן, וואָס אַזעלכעס עס האָט אויף איהר געווירקט און מאָמענטאַל איהר בערוהיגט.

די רביצין האָט טאַקי אין יענעם שבת'דיגען בין השמשות בעשלאָסען צו טהון דעם רצון פון איהר מאַן און מעהר קיינמאָל נישט חתונה צו האָבען...

באַלד מוצאי שבת האָבען די פרנסים פון דער שטאָדט כוואָסטאָוו אָבגעהאַלטען אַן אַסיפה, וואו זיי האָבען בעשלאָסען, אויסצוהאַלטען דער רביצין מיט איהרע קינדער בדרך כבוד, בעשטימענדיג פאַר איהר די גאַנצע פענסיע וואָס זיי האָבען געצאָהלט דעם מלאך נאָר בתנאי, זי זאָל אהערקומען און זיך דאָ איינאָרדנען.

די רביצין האָט אָבער דער דעלעגאַציע, וואָס האָט איהר וועגען דעם בעשלוס מיטגעטיילט ענטשידען אָבגעזאָגט, ערקלערענדיג, אַז זי וויל נישט געניסען פון קיין געשענקט ברויט, כל זמן, זי פיהלט זיך בכח מפרנס צו זיין זיך מיט איהרע קינדער.

און נאָך אין דער זעלבער וואָך, איז זי אָבגעפאָהרען אַהיים קיין אַניפּאָלע און גענומען זיך צו איהר מסחר מיט מעהר ענערגיע. די הצלחה האָט פאַר איהר אָנגעהויבען אויפשיינען. און נישט נאָר, וואָס זי איז אומשטאַנד געווען מפרנס צו זיין איהר פאַמיליע בדרך כבוד, נאָר זי איז אויך געוואָרען אַ נגידית'טע.

ווי מיר האָבען שוין אָנגעוויזען איז זעהר גרויס געווען דער צער אין דער חסידישער וועלט, צוליעב דער הסתלקות פון מלאך, אויף וועמען מען האָט אַזעלכע גרויסע האָפנונגען געלעגט. דאָס רחמנות אויף דער גאָר יונגער אלמנה און איהרע פיצלעך קינדער האָט אַלעמען דאָס הארץ צובראָכען. פיעל פון די גדולי החסידים זענען ספּעציעל געקומען צו פאָהרען

קיין אַניפּאָלע מנחם צו זיין דער פּאַמיליע פון מלאך און זוכען עצות ווי אַזוי זיי צו פערזאָרגען.

צווישען אַנדערע איז אויך געקומען קיין אַניפּאָלע דער צדיק הדור רבי נחום טשערנאָבלער זצ"ל, וועלכער איז געווען אַנ'אוהב נאמן פון היי־ליגען מלאך. דער טשערנאָבלער האָט זיך בעטראַכט פאַרן נאָהנטסטען גוי־טער פריינד פון גרויסען נפטר, אויף איהם ליגט עס דער חוב צו זאָרגען פאַר זיין פאַמיליע, פאַר דער ערציהונג פון זיינע קינדער.

דעריבער איז ער גלייך געקומען קיין אַניפּאָלע און געבעטען דער יונגער אלמנה, זי זאָל איהם איבערגעבען דעם קליינעם שלום־שכנא אין זיין רשות. ער וועט איהם האַלטען ווי אַנ'אייגען קינד און וועט איהם מחנך זיין, פונקט ווי עס פּאַסט פאַרן מלאך'ס אַ קינד. גלייכצייטיג, האָט ער איהר עגטפּלעקט זיין כונה, אַז אויב מען וועט פון הימעל מסכים זיין, וועט ער דעם קליינעם שלום משדך זיין מיט דער טאָכטער פון זיין טאָכטער, מיט זיין אייניקעל חוה.

די יונגע אלמנה האָט זיך אין דעם פאָרשלאַג שטאַרק אָנגעכאַפּט און זי האָט גלייך מיטגעשיקט איהר שלום'ן קיין טשערנאָביל.

דער קליינער שלום'ניו איז געווען זעהר אַ געראָטען קינד, נאָר אַלס קינד, האָט ער שוין שכל געהאַט ווי אַ דערוואַקסענער בר־דעת. דערצו איז איהם גוט געלעגען אין זין די צואה פון זיין פאָטער, אַז ער זאָל ווי־סען, ווי אַרום מלחמה צו האַלטען מיטן בעל-דבר, וועגען וועלכען מיר האָבען שוין דערצעהלט אין פריהערדיגען קאַפּיטעל. דערהערענדיג אַז די מוטער געהט איהם אַוועקשיקען קיין טשערנאָביל, האָט זיך דער קליינער שלום אָנגערופען צום רבין ר' נחום:

— איך פאָהר מיט אייך, נאָר בתנאי, איהר זאָלט מיר נישט זאָגען קיין דעה אין מיין התנהגות, איך זאָל מיך קענען פיהרען, ווי אַזוי איך וועל האָבען חשק.

פון דעם דאָזיגען דרייסטען פערלאַנג, איז דער טשערנאָבלער שטאַרק נתפּעל געוואָרען און האָט דערצו גלייך מסכים געווען.

שפּעטער ווען ר' שלום איז אויפגעוואַקסען האָט ער פערשטאַנען די בעדייטונג פון זיין פאָטערס צוואה, אַז ער זאָל זיך פיהרען נישט אויפ'ן אַלטען גוט־יודישען דרך. און ער האָט אָנגעהויבען זיך פיהרען אויף אַ גאָר מאָדנעם שטייגער, מיט רחבה, מיט גדלות, געקליידעט זיך אין די שענסטע מלבושים, נישט געהאַלטען פון קיין סגופים און פון קיין תעניתים, ער האָט זיך פערשאַפט אַ קאַטש מיט אַ געשפּאַן, אזן געפיהרט זיך מעשה פריץ.

פונדעסטוועגען האָט עס נישט אָבגעהאַלטען דעם טשערנאָבלער מקיים צו זיין די הבטחה, וואָס ער האָט מיט יאָהרען צוריק געגעבען און מען האָט געפּראַוועט מיט גרויס שמחה די חתונה פון ר' שלום שכנא מיטן טשערנאָבלערס אייניקעל.

יאָהרען זענען אַוועק. דער נאָמען פון ר׳ שלום שכנא האָט שוין אָנ־געהויבען שיינען אין דער חסידישער וועלט. אָבער ער איז געווען אַזוי שטארק צוגעוואוינט צום טשערנאָבלער, אַז ער האָט איהם ביים לעבען בשום אופן נישט געוואָלט פערלאָזען. אַזוי זענען זיי ביידע געזעסען אין דעם זעלבען טשערנאָביל. דער זקן שבחבורא, דער צדיק הדור און זיין יונג אייניקעל, וועלכער האָט אָלעמען איבערראשט מיט זיין מאָדנער התנהגות.

מאַכט זיך, אַז דער טשערנאָבלער ווערט אַנ׳אַלמן, און היות ווי זיין מחתונת׳טע, די פרוי פון הייליגען מלאך זצ״ל, לעבט נאָך אַלץ אַלס אלמנה, איז איהם איינגעפאַלען, מיט איהר חתונה צו האָבען.

דערצעהלענדיג פון זיין מבוקש איהר זוהן דעם רבין ר׳ שלום שכנא, האָט זיך דער יונגער רבי שטאַרק דערפרייט. מחמת ער האָט שטארק גע־וואָלט, אַז זיין מוטער זאָל זיך געפונען נאָהנט פון איהם, דערצו וועט זי דאָך זיין די פרוי פון גרעסטען צדיק הדור.

ווי ווייט ר׳ שלום שכנא האָט זיך אָנגעכאַפּט אין דאָזיגען פּלאַן, קען מען זעהן דערפון וואָס ער אַליין האָט בעשלאָסען צו פאָהרען צו זיין מו־טער, און איבעררעדען מיט איהר וועגען דעם שידוך.

נאטירליך האָט ער נישט געוואוסט וועגען יענעם וואונדערבאַרען חלום און איהר הבטחה, מעהר נישט חתונה צו האָבען, ווייל די רביצין האָט דערפון כמעט נישט גערעדט, בפרט נאָך מיט איהר אייגען קינד.

אויפן וועג קיין אַניפּאָלע האָט זיך איהם אָבער געחלומט אַ חלום: עס שטעהט פאר איהם אַ הערליכער פּאַלאַץ, און זייענדיג נייגעריג צו ווי־סען וואָס עס טהוט זיך אינעווייניג, פּרובט ער צוגעהן און עפענען אַ טהיר, דאָ ערשיינט פאַר איהם זיין פאָטער דער מלאך מיט אויסגעשטרעק־טע הענד, ווי ער וואָלט פערשטעלט דעם איינגאַנג, אויסרופענדיג:

— ווער האָט די העזה אַריינצוגעהן אין מיין היכל!...

אויפכאַפּענדיג זיך פון שלאָף האָט ר׳ שלום פערשטאַנען, אַז דער ענין איז נישט לרצון פון זיין פאָטער, און ער האָט זיך באַלד צוריקגע־קעהרט קיין טשערנאָביל, דערצעהלענדיג דעם חלום פאַר זיין עלטער־שוועה־דעם טשערנאָבלער.

איבערשרייבענדיג זיך שפעטער מיט זיין מוטער וועגען דעם ענין, האָט די רביצין גיטעלע איהם צוריק געשריבען און דערצעהלט וועגען דעם חלום און איהר הבטחה באַלד נאָך דער הסתלקות פון מלאך אַז זיין רצון איז, דאָס זיין אלמנה זאָל מעהר נישט חתונה האָבען.

און די רביצין גיטעלע האָט איהר הבטחה אָבגעהיט איהר גאַנץ לעבען דערלעבענדיג ביז צו אַ טיפער עלטער אין גרויס נחת.

ז.

דער רבי ר׳ שלום שכנא

דער רבי ר׳ שלום שכנא פון פראַבישטש זצ״ל, איז געווען איינער פון מערקווירדיגסטע צדיקים אין זיין דור, נישט נור וואָס ער איז געווען אַ הצנע לכת און האָט זיך געוואוסט אויסצובעהאַלטען מיט זיין עבודות, האָט ער נאָך געהאַט אין זיך דעם כח צו פערשטעלען זיין פלאַם־פייערדי־גער עבודות אין אַ לבוש פון גשמיות, אַזוי אַז מען האָט גאָרנישט דערקענט אין איהם דאָס גדלות וואָס מען האָט געדאַרפט צו זעהן אין אַ קינד פון היילינגען מלאך.

דאָך אָבער האָבען זיך די יחידי סגולה געקענט אויף איהם נאָך אין זיין פריהסטער יוגענד, און נישט קיין אַנדערער ווי דער הייליגער טשער־נאָבלער זצ״ל האָט צו איהם געשיקט מיט פערשיעדענע בקשות כדי ער זאָל אויסבעטען ישועות פאַר יודען.

דערצעהלט מען טאקי פון אַזאַ פאַל, וואָס בעווייזט דאָס גדלות פון רבין ר׳ שלום שכנא און די בעציאונג צו איהם מצד דעם זקן שבחבורא רבי נחום טשערנאָבלער זצ״ל.

געווען איז עס ערב סוכות. דער רבי ר׳ שלום שכנא איז געווען פערנומען אין אויסציהרען די סוכה פון זיין עלטער־שווער, ווייל ער איז געווען אַ שטאַרקער מהדר אויף סדר און יפוי מצוה. עס פערשטעהט זיך אַז אין הויף פון טשערנאָבלער זענען אַלע געווען שטאַרק פערנומען מיט די הכנות צום אָנקומענדען יום טוב, פלוצלינג זענען אָנגעקומען עטליכע פאַרשוין מיט אַ גרויס געוויין צום רבין, אַז ער זאָל מתפלל זיין פאַר אַ מקשה לילד וואָס געפינט זיך אין אַ גרויסער סכנה.

האָט דער טשערנאָבלער רבי אויסגעהערט די בקשה און אויסגערופען:

ביי מיר דאַרף עס לאַנג דויערען די הכנה צו דער תפלה און דער־ווייל איז דאָך די סכנה גרויס. געהט זשע דעריבער צו מיין ר׳ שלום׳ניו ער געפינט זיך אַצינד אין סוכה און זאָגט איהם, אַז מיר האָבען געשיקט צו איהם דאָס ער זאָל דערלאַנגען אַ ישועה פאַר דער מקשה לילד.

ר׳ שלום שכנא, װעלכער איז דעמאָלס זעהר יונג געווען האָט אויס־געהערט די בקשה פון די קרובים און זיי ערקלערט, אַז ער איז אַ יונ־גערמאַן און ער ווייסט נישט פאַרוואָס דער רבי האָט צו איהם געשיקט דעם ענין, פשוט: אין כי עסק בנסתרות...

זענען די קרובים פון דער אומגליקליכער פרוי ווידער אמאל געלא־פען צום טשערנאבלער רבין און דערצעהלט איהם, אז ר׳ שלום שכנא איז זיי מדחה בקש און דא איז די סכנה זעהר גרויס.

— געהט נאכאמאל צו איהם און זאגט איהם אז איך בין אויף איהם גוזר, דאס ער זאל אויספועלען א ישועה פאר דער מקשה לילד.

דא האט שוין ר׳ שלום שכנא נישט געהאט קיין עצה און ע זאג געטהון:

— אז איהר האט זיך דוקא פערלעגט אויף מיר, הערט זשע אויס א מעשה וואס איך וועל אייך דערצעהלען:

— די שטאט סטאמבול איז דאך בעקאנט אלס א הפקרות׳דיגע שטאדט, פלעגט זיך טרעפען, אז די טערקען האבען געפאנגען יודישע פרויען געפייניגט זיי און פערלאנגט פון זיי גרויסע סכומים אויסקויף געלד, דערפאר פלעגען זיך די פרויען היטען ארויסצוגעהן ביינאכט אהן שמירה.

איינמאל האט א יונגע פרוי נויטיג געדארפען געהן אין שטאדט אריין און זי האט נישט געהאט קיין שמירה האט זי זיך מישב ג״וועזן, אז ס׳איז נישט קיין געפאהר ארויסצוגעהן אליין, סוף כל סוף איז עס דאך א שטאדט נישט קיין מדבר. בקיצור, ווי נאר זי האט זיך געפונען אין גאס האט זיך דערנעהנטערט צו איהר א טערקישער אפיציר, א כאפ געטהון און איהר אריינגעווארפען אין דער קארעטע וואס איז איהם נאכגעפאהרען און מיט איהר געפאהרען צו זיך א היים, וואס האט זיך געפונען אויף יע־נער עק שטאדט.

עס איז זיך לייכט פארצושטעלען דאס וואס עס האט זיך אבגעשפיעלט ביי די דאזיגער פרוי אין הארצען. אלע איהרע תחנונים און הפצרות, אז דער אפיציר זאל איהר בעפרייען האבען נישט געגעבען קיין רעזולטאט, און אזוי האבען זיי זיך דערנעהנטערט צום הויז פון דעם אפיציר וואס האט זיך געפונען אין מיטען פון א שעהנעם גארטען.

און היות ווי דער אפיציר האט גראד די זעלבע נאכט געהאט צו פערפיהלען זיין דינסט־פליכט אין פאלאץ פון סולטאן האט ער די געפאנגע־נע ארויפגעפיהרט אין א דאך־שטיבעל וואס איז געווען זעהר הויך און פערשליסענדיג די טהיר פון דרויסען איז ער אוועק צום פאלאץ פון סול־טאן זייענדיג זיכער, אז דעך פויגעל וועט שוין נישט ענטרינען ווערען פון דער שטייג.

בלייבענדיג אליין אין דאך שטיבעל האט די פרומע פרוי ערשט רעכט בעגריפען אין וואסער אומגליק זי געפונט זיך און גענומען בעטען צו ג—ט, אז ער זאל איהר ארויסראטעווען אין דער נויט.

דאן האט זי זיך גענומען ארומקוקען ווי זי געפונט זיך און זי האט פעסטגעשטעלט, אז אויב זי וועט אראבשפרינגען פון דעם גאניק וואס רינ־געלט ארום דאס דאך שטיבעל און השי״ת וועט איהר העלפען, אז זי

ועט אַרויס גאַנץ, וועט זי זיך געפונען איבער יענער זייט גאָרטען און זי איז געראַטעוועט.
זי האָט דעריבער גלייך בעשלאָסען צו מאַכען דעם געפעהרליכען שפּרינג.
איידער זי איז אראָבגעשפּרונגען האָט זי געפונען הינטערען אויוען אַ ווייכען דיוואַן, האָט זי זיך אין איהם איינגעהילט כּדי נישט צו פּאַלען אויף די האַרטע ערד. אזוי ארום איז זי אַראָבגעשפּרונגען פון הויכען טורם, און דער בורא האָט איהר געהאָלפען אז עס האָט איהר גאָרנישט געשאַדט. גיך איז זי אַהיימגעלאָפען צו איהר מאַן וועלכער האָט אויף איהר געוואַרט מיט גרויס זאָרג. זי האָט איהם דערצעהלט וואָס עס האָט מיט איהר פּאַסירט, ווייזענדיג איהם צוגלייך דעם דיוואַן מיט וועלכען זי האָט זיך ארומגעהילט ביים אראָבשפּרונגען פון די הויך.
דער מאַן האָט מיט גרויס עגמת נפש אויסגעהערט די דאָזיגע געשיכטע וואָס האָט איהם אויסגעקוקט אונגלויבליך.
צומאָרגענס האָט דער מאַן שפּאַצירט ביים ברעג פון ים און געטראַכט פון דער אויסטערלישער פּאַסירונג מיט זיין פרוי און כּדי אַביסעל זיך צו צושטרייען האָט ער געדונגען אַ שיפעל און איז אַרויסגעפאָהרען אויפ׳ן אָפענעם ים ווי דער שטייגער איז געווען פון די מענשען וואָס האָבען געזוכט אַרויסצושלאָגען זיך פון קאָפּ שלעכטע מחשבות און עגמת נפש.
פאָהרענדיג אויפן ים האָט ער זיך דערנעהנטערט צו אַ צווייט שיפעל אין וועלכען עס האָט זיך געפונען אַ הויכער טערקישער אָפיציר און זיי זענען געפאָהרען צוזאַמען אַ שטיקעל וועג. אין מיטען פאָהרען רופט זיך אָן דער אָפיציר צום יוד: איך זעה דאָך אַז דו האָסט אַן עגמת נפש וואָס פייניגט דיך, אויך איך האָב אַ גרויס עגמת נפש לאָמיר זשע איינער דעם אַנדערען דערצעהלען דאָס וואָס קוועלט אונז, אפשר וועט אונזביידע לייכטער ווערען.
דער יוד האָט דערצו מסכּים געווען און דער אָפיציר האָט אָנגעהויבען דערצעהלען וואָס עס האָט מיט איהם נעכטען פּאַסירט, אַז ער האָט נעכטען געכאַפּט אַ יודישע פרוי און איהר פערשלאָסען אין אַ בוידעמשטיבעל זעהר הויך פון דער ערד און ער ווייסט נישט ווי אַזוי די פרוי איז אַנטרינען געוואָרען פון זיין האַנד, דערצו האָט זי מיר נאָך צוגענומען אַ טייערען דיוואַן אין וועלכען עס איז איינגענעהט פיעל איידעל־שטיינער און גאָלד־דוקאַטען א. א. וו. דאָס גאַנצע עשירות וואָס איך האָב פערמאָגט איז געלעגען בעהאַלטען אין דעם דיוואַן.
ווי דער יוד האָט דאָס דערהערט האָט זיך אין איהם דערוועקט אַ גרויסע שמחה. ער האָט שוין נישט לאַנג געזוימט זיך און נעהמענדיג אַבשיעד פון דעם טערקישען אָפיציר איז ער געפאָהרען אַהיים, געעפענט דעם דיוואַן און געפונען דאָרט דאָס גרויסע עשירות, וואָס דער טערק האָט

דאָרט בעהאַלטען. עס איז זיך לייכט פאָרצושטעלען די גרויסע שמחה וואָס האָט געהערשט צווישען דעם דאָזיגען גליקליכען פּאָר־פאָלק. און דער מאַן האָט זיך איבערצייגט, אַז זיין פרומע פרוי האָט אַ גרויסען זכות אין ה׳מעל און מען האָט מיט זיי געטהון נסים.

דערמיט האָט דער רבי ר׳ שלום שכנא פערענדיגט די געשיכטע. און דאַן האָט ער אויסגערופען צו די קרובים פון דער מקשה לילד:

— אויך מיט דער מקשה לילד האָט מען אין הימעל געטהון נסים ווייל זי האָט זיך געפונען אין אַ גרויסער סכנה. יעצט קענט איהר אַהיים־געהן ווייל דאָס קינד איז שוין למזל געבוירען געוואָרען.

די דאָזיגע מעשה — האָט דער טשערנאָבלער שפּעטער צוגעגעבען איז אַ גאַנגבאַרע סגולה פאַר אַ מקשה לילד געהאָלפען צו ווערען בנקל ווייל זי איז מלא סודות.

אַזאַ פערבאָרגענער צדיק איז געווען דער רבי ר׳ שלום שכנא פון פּראָבישטש זצ״ל, דער פאָטער פון הייליגען ריזשינער.

ח.

דעם ריזשינערס קינדהייט

נאָך דער הסתלקות פון ר׳ נחום טשערנאָבלער זצ״ל איז ר׳ שלום שכנא אַוועק טיין פּראָבישטש, וואו ער האָט אויף זיין שטייגער אָנגעהויבען פיהרען אַ שטאָט אויפן גאָר גרויסען שטייגער.

געדענקענדיג די צואה פון זיין גרויסען פאָטער, האָט דער פּראָביש־טשער רבי געוואָלט זיך פערשטעלען פאַרן בעל דבר. און דערמיט וואָס ער האָט זיך נישט געפיהרט אויפ׳ן אַלטען גוט־יודישען שטייגער, האָט ער געמיינט אָבצוציהען די אויפמערקזאַמקייט פון בעל דבר. אָבער דאָס איז איהם נישט געלונגען. חסידים דערציהלען, אַז איינמאָל, בשעת דער פּראָ־בישטשער רבי האָט עוסק געווען אין יחודים כדי צו ערפיהלען די אויפ־גאַבע, וואָס זיין גרויסער פאָטער האָט איהם געשטעלט, איז געקומען צו איהם דער בעל דבר און געוואָלט איהם מזיק זיין ר״ל. און כדי ניצול צו ווערען פון זיינע הענד, איז ר׳ שלום אַרויס אויפן מאַרק און אַליין גע־קויפט אַנ׳עוף פון אַ פויערטע. דאָס האָט דעם שטן צוריקגעהאַלטען, זעהענ־דיג, אַז ער איז פאָרט נישט קיין „גוטער יוד״, ווייל וועלכער גוטער יוד וועט עס אַליין קויפען אַנ׳עוף ביי אַ פויערטע? דער פּראָבישטשער רבי איז אַזוי אַרום ניצול געוואָרען פון אַ סכנה. אָבער ער האָט בעשלאָסען מעהר נישט צו מאַכען אַזעלכע יחודים איבערלאָזענדיג עס פאַר זיין יורש, רבי ישראל פון ריזשין.

נאָך פון פאַר זיין געבורט איז דער ריזשינער געווען פערהייליגט און ערוואַרטעט אין דער חסידישער וועלט. מיר האָבען שוין אין איינעם פון די פריהערדיגע קאַפּיטלען דערצעהלט, דאָס דער הייליגער בעל שם טוב האָט פאַר זיין הסתלקות איבערגעגעבען דעם מגיד דאָס ער וועט ווי־דער אַראָבקומען אויף דעם עולם אין איינעם פון זיינע קינדער, וואָס וועט אויפרודערן די גאַנצע יודישע וועלט. און היות ווי דער הייליגער מלאך האָט מיט זיין התנהגות געצויגען אויף זיך די הקפדה פון זיין פאָטער, האָט ער די דאָזיגע גרויסע נשמה נישט געקענט אַראָבברענגען. נאָר דאָס האָט געטהון זיין זוהן, דער פּראָבישטשער צדיק, ר׳ שלום שכנא.

די חסידישע אגדה זאָגט: אין אוצר הנשמות זענען געווען בעהאַלטען פיער גרויסע נשמות וועלכע דער רבונו של עולם מיט זיין גרויס רחמנות האָט אַראָבגעשיקט אויף דעם עולם פון צייט צו צייט. די דאָזיגע נשמות געהערען צו ר׳ שמעון בן יוחאי, צום ארי׳ הקדוש, צו ר׳ ישראל־בעל שם טוב און צו ר׳ ישראל מריזשין.

דאָס דאָזיגע איז מרומז אין פסוק „עלית במרום שבית שבי״. (ביסט אַרויפגעגאַנגען אין הימעל אַריין און געפאַנגען אַ געפענגעניש) די אותיות „שבי״ זענען מרמז אויף אָט די פיער קדושי עליון: שמעון בן יוחאי, יצחק בן שמעון (אר״י ז״ל), ישראל בעל שם און ישראל בן שלום (דער ריזשינער).

דער „אוהב ישראל״ פון אַפּט זצ״ל, האָט עדות געזאָגט, אַז דער רי־זשינער האָט גאַרנישט פערגעסען פון דעם, וואָס ער האָט געלערענט איידער ער איז געבוירען געוואָרען, ווען דאָס הימלישע ליכט האָט געלויכטען איבער זיין קאָפּ, און דעריבער קען ער זעהן פון איין עק וועלט ביז צו דעם אַנדערן.

שוין אַלס פינף יעהריג קינד, האָט זיין פאָטער דער פּראָבישטשער רבי זיך אויסגעדריקט וועגען איהם, אַז ער איז בעשאַפען געוואָרען צו גדולות. ווען זיין מלמד האָט אַמאָל זיך פּערקלאָגט פאַר ר׳ שלום׳ען, אַז דער קליינער ישראל׳טשע וויל נישט אַריינקוקען אין ספר אַריין, האָט דער פאָטער זיך אָנגערופען:

— ער ווייסט שוין גראָד יאָ וואו צו קוקען און וואָס צו זעהען. הימעל און ערד איז מיין עדות, אַז דער מלאך, וואָס איז ממונה איבער די ניי־געבוירענע קינדער, האָט די חוצפה נישט געהאַט איהם צו מאַכען פערגעסען פון זיין לערנען, וואָס ער האָט געלערענט אין דער מו־טערס לייב, בעת דאָס הימלישע ליכט האָט איבער זיין קאָפּ געלויכטען.

ווי נאָר ר׳ ישראל׳טשע האָט אָנגעהויבען אונטערוואַקסען, האָט דער פּראָבישטשער רבי דערפיהלט, אַז ער איז שוין איבעריג אויף דער וועלט, און אַז מיט זיין לעבען שטערט ער די עלי׳ פון זיין קינד, און ער איז טאַקי נסתלק געוואָרען יונגערהייט, פונקט ווי זיין פאָטער איבערלאָזענדיג

זיין פרוי חנה אַנאַלמנה מיט צוויי יונגע קינדער, פון וועלכע דער יונגע־רער רבי ישראל׳טשע איז אַלטגעווען זיבען יאָהר.

מען דערצעהלט, אַז ווען דער רב פון לאַדי איז צוריקגעפאָהרען פון פעטערבורג, וואו ער איז ווי בעקאַנט געזעסען אין תפיסה, איז ער פאַר־בייגעפאָהרען דער שטאָדט פראָבישטש און דאָרט זיך אָבגערוהט. איז געקומען צו איהם די רביצין חנה׳לע מיט איהרע צוויי קינדער, אַז דער לאַדיער זאָל זיי בענטשען.

שפעטער האָט דער רב פון לאַדי דערצעהלט, אַ ער האָט אין פראָ־בישטש געזעהען, צוויי גרויסע ליכט פון וועלכע ער האָט שטאַרק הנאה געהאָט. דערביי האָט דער רב דערצעהלט, אַז דער יונגערער ישראל׳־טשע האָט איהם געפרעגט פאָלגענדע קשיא:

ווי בעקאַנט איז מען מחויב דעם ערשטען פסוק פון קריאת שמע, דעם פסוק שמע ישראל, צו זאָגען מיט דער גרעסטער מסירת נפש, און מיט ביטול היש, ד. ה. מען זאָל זיך גופא גאָר נישט פיהלען, טאָ ווי אַזוי קאָן מען דערנאָך זאָגען דעם אַנדערען פסוק ואהבת, וואו עס רעדט זיך יאָ וועגען דעם מענש און זיינע געפיהלען?

אויף דער דאָזיגער קשיא פון 7־יעהריגען בחורל האָט דער רב פון לאַדי נאַטירליך געענטפערט אַ תירוץ, אָבער אין וואָס דער תירוץ בעשטעהט האָט ער נישט געזאָגט, אויסדריקענדיג זיך וועגען דעם תירוץ אויף פאָל־גענדען אופן:

— איך האָב איהם געענטפערט אַ לאַנגען און טיפען תירוץ, ווען אפילו די ימים זאָלען זיין טינט און אַלע בוימער פון די וועלדער זאָלען זיין פעדערס און אַלע מענשען־קינדער זאָלען זיין שרייבער, וואָלט מען אויך נישט אומשטאַנד געווען אויפצושרייבען בפרטות דעם דאָזיגען ענין און דער קליינער האָט עס אַלץ גוט פערשטאַנען.

באַלד נאָך דעם פאָטערס הסתלקות, האָט מען אָנגעהויבען רעדען שידוכים דעם קליינעם ישראל׳טשע. איין שידוך האָט מען איהם גערעדט פון דער שטאָדט בערדיטשעוו. היות ווי דער שידוך איז דער רביצין חנה׳לע וואוילגעפעלען, האָט זי בעשלאָסען מיט איהר קינד, דעם חתן צו פאָהרען קיין בערדיטשעוו, כדי אַרומצוקוקען זיך מכח דעם שידוך און אַדורכצו־שמועסען די זאַך מיטן בערדיטשעווער רב, מיטן קדושת לוי זצ״ל.

דער הייליגער בערדיטשעווער, דערהערענדיג פון דעם אָנקומען פון יונגען ישראל׳טשע, האָט זיך שטאַרק געגרייט איהם מקבל פנים צו זיין, ווי מען איז מקבל אַ גרויסען און חשוב׳ן גאַסט. דער בערדיטשעווער האָט אַרויסגעגעבען אַ בעפעהל צו אַלע מלמדים פון שטאָדט, אַז זיי זאָלען אָקע־געגשיקען זייערע תלמידים מקבל פנים זיין דעם חתן.

חסידים דערצעהלען, אַז דער בערדיטשעווער האָט זיך אויסגעדריקט, דאָס ווער עס וועט מקבל פנים זיין דעם חתן, וועט ער האָבען צו געדענקען

אַלע זיינע לעבענס־יאָהרען, אַז ער האָט געזעהען דאָס פּנים פון אַ מלאך אלקים.

אויפגענומען דעם יונגען חתן האָט מען מיט אַן־אמת'ן כבוד־מלכים. אַן'ערך אַ האַלבען מייל אונטער דער שטאָדט האָבען זיך אויסגעשטעלט די חדר־יונגלעך, מיט ברענענדע הבדלות אין די הענד. אַלע כלי־זמרים פון דער שטאָדט האָבען געשפּילט אויף פערשידענע אינסטרומענטען, און אין שטאָדט איז נישט געבליבען קיין איין יודיש נפש, וואָס זאָל נישט האָבען אַרויס אונטער דער שטאָדט מקבל פּנים צו זיין דעם חתן.

דער יונגער חתן איז אָנגעקומען אין אַ הערליכער קאַרעטע, געשפּאַנט אין פיער פערד, ווי אַ פריץ. דאָס ערשיינען פון דער קאַרעטע האָט אַרויס־גערופען אַ שטורם פון בעגייסטערונג צווישען פערזאַמעלטען המון. בעגייס־טערטע יחי־אויסגעשרייען האָבען זיך אַרויסגעריסען פון אַלעמענס ברוסטען. דער יונגער חתן איז זיך געזעסען אין אַ ווינקעלע פון דער קאַרעטע און צומאַלט זיך נישט אומגעקוקט, וואָס עס טהוט זיך אינדרויסען. בלויז זיין מוטער, די רביצין, האָט פון צייט צו צייט געוואָרפען אַ בליק אויףביידע זייטען פון שפּאַלער און פון איהרע אויגען איז געפלאָסען טרעהרען ווי פון אַ קוואַל, טרעהרען פון שמחה זענען דאָס געווען, לויבענדיג דעם בעשעפער פאַר דער גדולה און נחת וואָס זי האָט ביי איהר קינד דערלעבט.

בעזונדערס הארציג איז געווען די בעגעגעניש פון הייליגען בערדי־טשעווער מיט'ן יונגיטשקען ישראל'טשע. דער אַלטער צדיק האָט זיך גאָר נישט געקענט זאַט אָנקוקען אין דער ליכטיגער צורה פון צוקונפטיגען מנהיג ישראל, און אַרויפלעגענדיג ביידע הענד אויפ'ן קאָפּ פון חתן, האָט דער בערדיטשעווער זיך געווענדעט צו דער רביצין מיט פאָלגענדע ווערטער:

— רביצין, היט מיר גוט אָב דעם טייערען אוצר אויף וועמען די שכינה הקדושה זאָגט: ישראל, אשר בך אתפאר. (ישראל, מיט דיר טהו איך זיך רוהמען)...

שפּעטער מיט יאָהרען, ווען דער הייליגער ריזשינער איז צוליב אַ פאַלשען בלבול געזעסען אין תפיסה, ווי מיר וועלען ווייטער דערצעהלען, האָט ער זיך אויסגעדרוקט צו איינעם פון זיינע מקורבים, וועלכע האָבען איהם בעזוכט אין תפיסה, אַז ער ווייסט נישט פון וואָס פאַר אַן'עונש ער דאַרף ליידען און זיצען אין תפיסה, אויב עס איז נישט אַלס כפרת הדור, וואָס יעדער מנהיג ישראל מוז מיילמאָל ליידען. נאָר אויב יאָס איז נישט אַלס כפרת הדור נאָר פאַר אַן'אייגענעם חטא, געדענקט ער נאָר איין און איינציג מאָל, ווען ער האָט געזינדיגט מיט אַ ברעקעל גאוה. דאָס איז גע־ווען, ווען ער איז אַלס קינד אָנגעקומען קיין בערדיטשעוו און מען האָט איהם געמאַכט אַזאַ גרויסאַרטיגען קבלת־פּנים. מעגליך, אַז דאַמאָלס, זייענדיג נאָך אַ יונג קינד, האָט ער נישט געוואוסט אַזוי גוט ווי אַזוי זיך אָבצוהי־טען פון דער דאָזיגער עברה און דערפאַר קומט ער אָב איצטער אַזאַ האַרבע שטראָף ווי זיצען אין רוסישען קרימינאַל...

ט.

דעם ריזשינער׳ס דרך

באַלד נאָך דער חתונה פון ריזשינער (ער האָט חתונה געהאַט צו פיר צעהן יאָהר), האָט שוין זיין נאָמען אָנגעהויבען בעריהמט צו ווערען א יענע קאַנטען. די שעהנסטע חסידים פון וואָלין און פאָדאָליען האָבען אָנגע הויבען צו איהם פאָהרען. עס איז געווען גענוג, אז עמיצער זאָל איינמאָל בעזוכען דעם יונגען ר׳ ישראל׳טשע, אַז ער זאָל גלייך צוגעבונדען ווערען צו איהם בלב ונפש.

אָבער שוין דאַמאָלס האָט זיך געוואָרפען אין די אויגען די מאָדערנע התנהגות פון יונגען רבי׳ן. קודם-כל אין דער אויסערליכקייט: דאָס בענוצען זיך מיט די שעהנסטע קליידער און תכשיטים. דאָס וואוינען אין אַ שעהנער הערליכער וואוינונג, בעציהרט מיט די טייערסטע מעבעל-שטיקער און די שעהנסטע אַנטיקען. די גרויסארטיגע קארעטע, געשפּאַנט אין די טייערסטע פערד — דאָס אַלץ האָט אין דער חסידישער וועלט געמאַכט אַ שטאַרקען רושם. מען איז ביז דאַמאָלס אבסאָלוט ווייט געווען דערפון אין די חסידישע קרייזען, און דער דאָזיגער נייער דרך פון יונגען ר׳ ישראל׳טשע האָט ארויסגערופען גרויס אויפזעהן, סיי צווישען די חסידים און סיי צווישען די גוטע יודען פון יענעם דור.

אָבער אויך אין עבודות איז זיין דרך געווען אַנדערש ווי דאָס עבודות פון אַנדערע צדיקים. אינדערצייט וואָס אַלע בעל שם׳ס תלמידים פלעגען בעת דעם דאַווענען ארויסווייזען אונגעהויערע מסירת נפש, מתפלל זיין בקולי קולות, שפרייזען איבערע׳ן בית-המדרש, בבחינת „כל עצמותי תאמרנה״, איז עס ביים ריזשינער געווען פונקט דער היפך. געדאַוועגט האָט ער נישט צוזאַמען מיט׳ן עולם, נאָר אין אַ בעזונדער חדר׳ל, וואָס האָט זיך געפונען נעבען בית-המדרש. דאָרט האָט דער רבי געדאַוועגט און דער בעל-תפלה האָט זיך צוגעפּאַסט צו די צייכענס וואָס דער גבאי, וועלכער איז געשטאַנען נעבען דער טהיר פון רבינס דאַווען-שטיבעל, האָט געגעבען, כדי ווייטער פאָרטצו-זעצען דאָס דאַווענען. און גאָר זעלטען, ווען דער ריזשינער האָט געדאַווענט צוזאַמען מיט׳ן עולם.

אָבער פונדעסטוועגען האָט קיינער נישט געוואַגט אַרויסצושרעטען, אָדער זאָגען אַ וואָרט שלא כהוגן געגען דעם התנהגות און דעם דרך פון יונגען רבי׳ן, דער יראת-הכבוד, וואָס די צדיקי-הדור האָבען געהאַט פאַר׳ן דאָזיגען יונגענמאַנטשיק, האָט אַלעמען ממש איבערראַשט, מען האָט פשוט בעשטוינט און געגאַפט...

איבערהויפּט האָט געווירקט אויפ׳ן חסידישען עולם די בעציהונג פון הייליגען אַפּטער רבי אברהם יהושע העשיל דער „אוהב ישראל״ צום יונגען

ר׳ ישראל׳טשע. ר׳ ישראל׳טשע האָט געמליך אונטערגענומען אַ נסיעה צום „אוהב ישראל״. דער אַלטער צדיק האָט זיך מיט׳ן יונגען ר׳ ישראל׳טשע זעהר דערפרעהט. געפראַוועט אַ סעודה לכבודו און גאָר שטאַרק זיך מיט איהם משמח געווען, צו דער גרעסטער פערוואונדערונג פון אַלע זיינע חסידים.

ווען דער יונגער רבי איז אַנגעפאָהרען אהיים, האָט איהם דער אפּ־טער בעגלייט אַ שפּאַר שטיק וועגס אונטער דער שטאָדט אוןביידע האָבען געפירט אַ טיפען שמועס. שטאַרק פערטהון אין דעם ענין איז געווען דער ריזשינער און ער האָט נישט בעמערקט, ווי די גאַרטעל זיינע האָט זיך איהם אויפגעבונדען און שלעפּט זיך נאָך. דאָס האָט אָבער בעמערקט דער „אוהב ישראל״ דער אַלטער צדיק האָט זיך איינגעבויגען, און אויפגעהויבען די גאַרטעל און אַרומגעוויקעלט איהם אַרום קערפּער פון יונגען רבי׳ן ווי עס געהער צו זיין...

דער ריזשינער האָט אָבער אויך דאָס נישט מרגיש געווען. אזוי פער־קאָכט אין ער געווען אין דעם שמי׳עס...

דער דאָזיגער שריט פון „אוהב ישראל״ האָט צווישען זיינע מקור־בים ארויסגערופען גרויס חלשות הדעת, ביז עס האָט עמיצער פון זיינע קינדער געוואגט א פרעג צו טהון דעם אלטען צדיק דעם טעם פאַרוואָס ער, דער זקן שבחבורא, האָט זיך משפיל געווען משמש צו זיין אַ יונ־גערמאַן.

— איהר זאָלט וויסען, קינדער — האָט דער אַפּטער געענטפערט — אז בעת איך האָב אַרומגעוויקעלט די גארטעל דעם הייליגען גוף פון אָט דעם יונגערמאַן, האָב איך מקיים געווען די מצוות גלילת ספר תורה...

עס איז דעריבער קיין וואונדער נישט, וואָס עס האָט קיינער נישט געוואָגט אַרויסצוטרעטען געגען זיין התנהגות כאָטש ער האָט אלעמען שטאַרק איבערראַשט.

די חסידישע וועלט איז געווען דורכגעדרינגען מיט אמונה, אז דער אויסטערלישער דרך פון יונגען רבי׳ן, פון אויפשיינענדען שטערן אויפ׳ן חסידישען האָריזאָנט, האָט אַ גאָר גרויסע בעדייטונג און אַ פשוט׳ער מענש קען עס נישט בעגרייפען, איז עס דערפאַר, ווייל דער דרך איז אַ פיעל העכערער ווי דער דורכשניטלער גוט יודישער דרך. עס איז בבחינת „גבוה מעל גבוה״ (העכער ווי הויך) דערפאַר איז „לאו כל מוחא סביל דא״ — קען עס ניט יעדער מח בעגרייפען...

דער ריזשינער האָט נישט געהאַלטען פון קיין תעניתים און פון קיין סיגופים, כאָטש מען האָט געוואוסט אז ער עסט זעהר ווייניג, כמעט ווי גאָרנישט. מען דערצעהלט, אז אמאל אין אַן עת־צרה, האָט דער אפּטער רב, דער „אוהב ישראל״ אין פערשטענדיגונג מיט אנדערע גדולי הדור גוזר תענית געווען, בעשטימט אַ תענית ציבור פאר אלע יודען. פונאנדערגעשיקט א קול קורא, אז אין דעם בעשטימטען טאָג זאָלען אלע יודען פאסטען און מתפלל זיין צום רבונו של עולם אז ער זאָל די גזירה מבטל מאַכען.

ווען דער בעשטימטער טאָג איז אָנגעקומען, האָט ר׳ ישראל׳טשע צו־ נויפגערופען א קאַפּעלע מוזיקאַנטען און בּעפוילען זיי צו שפּילען לוסטיגע נגונים. דער עולם האָט געפאַסט, געזאָגט סליחות און פערגאָסען טרעהרען, אַז די גזרה זאָל בטל ווערען, און דאָ הייסט גאָר ר׳ ישראל׳טשע שפּילען און משמח זיין מיט לוסטיגע נגונים.

ווען מען האָט דערפון דערצעהלט דעם „אוהב ישראל״, מיט דער כונה צו ציהען די הקפדה פון אַלטען צדיק אויפ׳ן יונגען ר׳ ישראל׳טשע, האָט זיך דער אַפּטער אָנגערופען:

— וואָס דערצעהלט איהר מיר פון איהם — מיר קענען זיך צו איהם נישט גלייכען. מיר קענען עפּעס אויספּועל׳ן נאָר מיט בכיות, מיט תעניתים און מיט תחינות ובקשות. דאַגעגען ר׳ ישראל׳טשעס דרך איז אַן־אַנדערער, עס איז בבחינת: כּי תבואו מלחמה בארצכם ותקעתם בחצוצרות ונזכרתם לפני ד׳ ונושעתם מאויביכם (ווען עס קומט אַ מלחמה אין אייער לאַנד זאָלט איהר בלאָזען מיט טרומייטען, וועט איהר דערמאָנט ווערען פאַר ג—ט און איהר ווערט געהאָלפען), מיר קענען אַזוי הויך נישט גרייכען...

אַזוי פיעל האָט דער צדיק הדור געהאַלטען און פערעהרט דעם יונ־ גען רבּי ישראל.

צום ערשטען מאָל איז דער ריזשינער ערשינען אויף אַ גרעסערע פערזאַמלונג פון גוטע־יודען, צדיקי־הדור, אויף דער בעריהמטער אוסטילער התונה. זיין ערשיינען האָט אויף אַלעמען געמאַכט אַן־אומערזעצליכען איינ־ דרוק. געטראָגען האָט דער יונגער רבּי מלבושים, וואָס עס האָט קיינמאָל נישט בענוצט קיין שום חסידישער רבּי: אַ שוואַרצע טוכענע קאַפּאָטע, נעט גענייהט, אַ שניי־ווייסען געפּרעסטען קאָלנער, אויפ׳ן וועסטעל האָט ער גע־ טראָגען אַ טייערען גאָלדענעם זייגער מיט אַ גאָלדענע פאַנצער־קייט און אויף די פוס — שעהן־געפּוצטע שטיוועלעך פון הירשען־לעדער — מיט אַלעם אַזוי פיעל אַנדערש ווי דער לבוש פון די אַנדערע גוטע יודען. און דאָך— מיט וואָס פאַר אַ פערעהרונג מען האָט איהם דאָרט עמפּאַנגען און מיט וואָס פאַר אַ דרך ארץ מען האָט זיך בעצויגען צום יונגסטען צווישען די גוטע יודען, וועלכער איז געזעסען אין קרייז פון שניי־ווייסע בערד, צווישען זייד און סאַמעט, אַרומגערינגעלט פון טויזענדער חסידים.

אַ חידה־סתומה איז עס געווען פאַר׳ן גרויסען עולם חסידים און אַ חידה־סתומה איז עס אויך געווען פאַר אַ גרויסען טייל פון די גוטע יודען, וועלכע האָבען געזוכט צו דערגעהן דעם מהות פון דעם יונגען רבּי,—דעם אייניקעל פון מלאך און פון מעזריטשער מגיד...

ער פיהרט זיך מלכות׳דיג — האָבען אַלע געמוזט אָנערקענען און מסתמא ווייסט ער וואָס ער טהוט.

דער סאַדיגורער רבּי, ר׳ משה, ווילענדיג אַמאָל ביים אַפּטער רב, האָט ער מיט איהם פערפיהרט אַ שמועס וועגען דעם ריזשינער, ווענדענדיג דערגעהן

די סיבה פאַרוואָס די גוטע יודען האָבען אזוי פיעל דרך ארץ פאַרן יונגען ר' ישראל'טשע, מיט זיין מאָדנע התנהגות, דערצו זאָגט מען דאָך אויף איהם, אז ער איז נישט קיין גרויסער למדן און בעל מקובל...

דער אפטער רב האָט זיך דאביי שטאַרק צוקאָכט און אָנגעהויבען מפליא צו זיין דעם ריזשינער. ווען איך וואָלט געווען יונגער -- האָט דער „אוהב ישראל" אויסגערופען— וואָלט איך אוועקגעלעגט מיין גאַנצע רבי'סטווע און וואָלט נאָכגעלאָפען נאָך זיין קאָטש...

— מען זאָגט אויף איהם, אז ער קען נישט לערנען — האָט דער אפטער ווייטער געפייערט,—און איך זאָג אייך, סאַווראַנער רבי אז ר' ישראל'־טשע איז מייחד יחידים יעדע מינוט און יעדע רגע, און יעדער פעולה שטעקט קדושה און אין יעדען שיחות חולין — אַ ים מיט סודות.

די דבורים פון צדיק הדור האָבען אויף ר' משה'ן געמאַכט אַ שטאַר־קען רושם. אַזעלכעס האָט ער נאָך קיינמאָל פון „אוהב ישראל" נישט גע־הערט. כאָטש דער אַפטער האָט שטאַרק מחבב געווען אַלע גוטע יודען און אַפילו דעם פשוטסטען יוד.

— פאָלגט מיך סאַווראַנער רבי — האָט דער אַפטער גאָך אַ קורצער הפסקה אויסגערופען — טהוט אייך אָן אַ כח און פאָהרט קיין ריזשין איך זאָג אייך, אז איהר וועט קיין חרטה נישט האָבען.

אַוועקפאָהרענדיג פון אַפטער, אויפ'ן וועג אַהיים, האָט דעם סאַווראַנער רבי'ן אָנגענומען אַ שטאַרקען חשק צו פאָהרען קיין ריזשין, כאָטש ער האָט אין תחילת נישט געהאַלטען דערביי. די תשוקה איז פון מינוט צו מינוט געוואָרען אַלץ שטאַרקער, פלאַמעדיגער, ביז ער האָט בעפוילען דעם בעל־עגלה, ער זאָל ענדערען דעם מאַרשרוט פון דער נסיעה און ער זאָל פער־קירעווען קיין ריזשין.

קומענדיג קיין ריזשין, האָט דער סאַווראַנער רבי געהאַט אַ גאַנץ קאַלטען קבלת־פנים. דער יונגער רבי האָט איהם שלום געגעבען, געשמועסט מיט איהם אַ פאָר ווערטער און אַוועק צו זיך אין חדר. דער סאַווראַנער האָט געהאַט שטאַרק חלשות הדעת. ער האָט געפרובט זוכען אין בית־המדרש און אין דער התנהגות עפּעס אַזוינס, וואָס זאָל בערעכטיגען די פערעהרונג פון אַפטער צום יונגען רבי'ן, אָבער ער האָט גאָרנישט געזעהן אין גאָרנישט געפיהלט.

נאָך מעהר האָט עס איהם פערדראָסען, וואָס דער ריזשינער ווייזט ארויס צו איהם אזוי ווייניג התקרבות. נישט מעהר ווי צו אנ'אנדערן יוד, איז ער דאָך געקומען קענען לערנען דעם ריזשינער און דאָ — נישט ער זעהט און נישט ער הערט איהם. וואו־זשע זענען עס די סודות, די הימלישע יחודים, וועגען וואָס דער אפטער רעדט מיט אזוי פיעל התפעלות?...

אָבזייענדיג אַ טאָג־צוויי אין ריזשין, איז דער סאַווראַנער אוועק צום יונגען רבי'ן, כדי אָבשיד צו נעמען פון איהם און אָבפאָהרען אַ היים.

— איהר פאָהרט שוין טאַקי אַהיים, סאַוורענער רבי — האָט ר׳ ישראל־טשע מיט בעדויערונג אויסגערופען — אַ שאַד, אַ גרויסער שאַד, איך בין לעצטנס אַזוי שטאַרק פּערנומען, אַז איך האָב קיין צייט נישט ווי געהעריג אויפצונעהמען אַ גאַסט. פונדעסטוועגן, איידער איהר פאָהרט אַהיים, וואָלט איך אייך בעטען, איהר זאָלט מיט מיר מיטגעהן אין שטאַל, איך וויל אייך ווייזען מיינע פערד און מיינע שעהנע מרכבות...

די דאָזיגע מאָדנע איינלאַדונג האָט דעם סאַווראנער נאָך מצהר פערדראָסען. אָבער איידער ער האָט צייט געהאַט צו געבען אַן ענטפער דערויף, האָט זיך שוין דער ריזשינער אויפגעהויבען פון אָרט און אָננעהמענדיג דעם סאַווראנער ביי דער האַנד, האָט ער איהם געפיהרט אין שטאַל אַריין.

צום ערשט האָט דער ריזשינער געוויזען זיין גאַסט די טייערע פערד, דערצעהלט איהם דעם יחוס פון יעדען איינעם, דאָס פערד איז פון דעם פריץ׳ס הויף און דאָס איז פון יענעם גרויסען פריץ׳ס שטאַל. דאַן האָט ער זיך גענומען צו דער קאָטש, אַרומגערעדט בפרטות יעדען דעטייל, געוויזען איהם די קאַראָסעריע, די פיער רעדער, דאָס געוואַנט, דעם פליוש, די גאָלד־בעציהרטע רייפען, די רעדער, נישט אַדורכלאָזענדיג אפילו די קלענס־טע שרייפלעך און די פלעקלעך.

אַרויסגעהענדיג פון שטאַל האָט דער ריזשינער אויסגערופען:

— נו, און איצט, סאַוורענער רבי, פאָהרט מיר לחיים ולשלום!

אויפ׳ן וועג אַהיים האָט דער סאַווראנער אָנגעהויבען זיך איבערלייגען דעם גאַנצען אינהאַלט פון דעם שמועס אין שטאַל. ביסלעכווייז האָט ער אָנגעהויבען בעגרייפען די טיפקייט פון שמועס, די בעדייטונג פון יעדען קלענסטען דעטייל. פון מינוט צו מינוט איז ער מעהר נתפעל געוואָרען, און נאָכמעהר זיך גענומען איינטראַכטען אין די דבורים פון ריזשינער וועגען דעם אָבשטאַם פון די פערד און זייער יחוס, וועגען די רעדער פון דער קאָטש און וועגען די שרייפלעך.

אַ גאַנצען וועג האָט דער סאַווראנער אַלץ כסדר געלערנט דעם „שמו־עס" פון ריזשינער און וואָס מעהר ער האָט זיך מייגע געווען, אַלץ מעהר האָט ער אָנגעהויבען פערשטעהן און דערפיהלען דאָס גדלות פון ריזשינער.

אַהיימקומענדיג קיין סאַווראן און דערצעהלענדיג פאַר זיינע מקורבים וועגען זיין בעזוך אין ריזשין, האָט דער סאַווראנער פערענדיגט דעם שמו־עס מיט גרויס התפעלות:

— ער האָט מיט מיר אין שטאַל געלערנט די גאַנצע „מעשי מרכבה" אָבער איך האָב נישט אַלץ פערשטאַנען.

דער מלכות'דיגער הויף.

אין דער געשיכטע פון חסידות טרעפט מען גאַנץ אָפט אויף נעמען פון קליינע שטעדטלעך, וועלכע זענען בעריהמט געוואָרען אין דער יודישער וועלט, אַדאַנק די גדולי החסידות וואָס האָבען זיך דאָרט בעזעצט. אָבער צו אַזא ריהם, ווי עס האָט זוכה געווען דאָס קליינע אוקראַינישע שטעדטעלע ריזשין, האָט קיין שום חסידישע רעזידענץ נישט זוכה געווען.

וויל נישט נאָר אין דער יודישער וועלט האָט גע'שמ'ט דאָס שטעד־טעל ריזשין נעבען קיעוו, וואו עס האָט זיך בעזעצט ר' ישראל'טשע. דער בעגרינדער פון דער ריזשינער גזע, אַלס זייענדיג קוים זיבצעהן יאָהר — אויך אין דער ברייטער און גרויסער רוסישער מדינה און אויסער די גרע־ניצען פון רוסלאַנד, האָט מען פיל גערעדט וועגען ריזשינער הויף. צייטונגס־קאָרעספּאָנדענטען און שריפטשטעלער פון לאַנד און פון אויסלאַנד, ספּעציעלע שליחים פון גרויסע צייטונגס־קאָנצערנען און סתם אַזוי גראַפען און פירשטען פלעגען גאַנץ אָפט קומען קיין ריזשין, כדי מיט זייערע אייגענע אויגען אָנ־צוקוקען דעם הויף פון ריזשינער צדיק, און דערנאָך זיך גאָרנישט געקענט זאָט אָנדערצעהלען פון דעם אַלעם, וואָס זיי האָבען זיך אָנגעהערט און גע־זעהען אין דעם דאָזיגען פערוואָרפענעם אוקראַינישען שטעדטעל.

בעזעצענדיג זיך אין ריזשין, האָט ר' ישראל'טשע געלאָזט אויפשטעלען אַ פּאַלאַץ מיט אַ הויף, וואָס נישט איין רייכער פריץ האָט איהם דערמיט מקנא געווען. דער פּאַלאַץ איז געווען אַ וואונדער פון דער טעכניק. ספּע־ציעלע אַרכיטעקטען פון אויסלאַנד האָבען געצייכענט דעם פּלאַן און אָנגע־פיהרט מיט דער ארבייט, וואָס האָט געדויערט עטליכע יאָהר צייט. אַרום דעם פּאַלאַץ איז פערפלאַנצט געוואָרען אַ הערליכער גאָרטען, מיט די שענ־סטע און טייערסטע פלאַנצונגען, בעציהרט מיט וואַסער־שפּרודלען און אַלטאַ־נעס. עס זענען אויך אויסגעבויט געוואָרען ריזיגע פערד־שטאַלען און דירות פאַר דער דינערשאַפט. מיט איין וואָרט — אַ קעניגליכער הויף אין פולען זין פון וואָרט.

דער הויף פון ריזשינער האָט קיין גלייכען נישט געהאַט אין גאַנץ רוסלאַנד מיט זיין לוקסוס און פּראַכט און נישט איינער פון די רייכע רו־סישע פּריצים און מאַגנאַטען האָט געשפּיזט מיט זיינע בליקען מיט קנאה דעם דאָזיגן הויף.

דער באַקאַנטער פּוילישער שריפטשטעלער פון יענער צייט בראָניעצקי שילדערט אין זיין בוך „בראַמאַ פּאָקוטאַ“ (דאָס טויער פון תשובה) דאָס אויסזעהן פון ריזשינער הויף. די דאָזיגע שילדערונג איז אויך געווען איבערדרוקט אין דעם דייטשען קונסט־זשורנאַל „גאַרטענלויבע“.

מיר גיבען דאָ אַ קליינעם אויסצוג פון בראָניעצקיס שילדערונג:

„די גרעסטע אַרכיטעקטן, קונסט־מאַלער און דעקאָראַטאָרען זענען ספּעציעל אַרויסגערופען געוואָרען פון פּאַריז און פון איטאַליען אין דעם קליינעם אוקראַינישען שטעדטעל ריזשין, כדי דעם וואונדערבאַרען הויף פון צדיק אויפצובויען און צו דעקאָרירען. שעהן און איינדרוקספול איז דער הויף געווען נישט נאָר אין דער אויסערליכקייט, כדי צו באַגייסטערען דעם פרעמדען, נאָר אויך די אינערליכע איינריכטונגען פון פּאַלאַץ זענען געמאַכט געוואָרען פון טייערסטען און בעסטען מאַטעריאַל, וואָס איז נאָר מעגליך געווען צו באַקומען.

„די פּאָדלאָגע (דער דיל) פון גרויסען עס־זאַל איז געווען אויסגעפּלאַסטערט פון זילבערנע רובלעס. אַלע קליאַמקעס און טהיר־הענדטלעך זענען געווען אויס בורשטין, וואָס איז אין יענער צייט אין רוסלאַנד געווען זעהר טייער. יעדעס מעבעל־שטיק איז געווען אַ קונסט־ווערק פון אויסשטאַלטונג, וואָס נאָר גרויסע מבינים האָבען געקענט אָבשאַצען די ווערט דערפון. די פּראַכט און דאָס לוקסוס האָט ממש בעצויבערט און מען האָט נישט געוואוסט וואו די אויגען צו קעהרען, ווייל אויף וועלכען געגענשטאַנד דאָס אויג איז געפאַלען האָט עס אַרויסגערופען שטוינונג און פערוואונדערונג.

אַרום דעם הערליכען פּאַלאַץ איז געווען אַ ריזיגער הויף, אין וועלכען עס האָט זיך געפונען אַ פּרעכטיגער שפּאַציר־גאָרטען, ווי אויך גרויסע הערליכע שטאַלען פאַר די טייערסטע פערד. די פערד פון ריזשינער־שטאַל האָבען געהאַט אַ רוהם אין דער רוסישער ספּאָרט־וועלט, און די פּראַכט פון די וואונדער־שענע קאָטשען האָט פעראורזאַכט אַ געוואַלדיגע קנאה צווישען די רייכע פּריצים, וועלכע האָבען דעם ריזשינער גערופען נישט אַנדערש ווי דער „יודישער קרול“ און זיין הויף איז נישט מיט קיין סך געווען אונטערשטעליג ווי דער הויף פון פּאַקטישען צאר...

ווען דער ריזשינער צדיק פלעגט ערגיץ וואו פאָהרען, האָט מען געשפּאַנט אַ קאָטש מיט 6 פערד. טאָמער איז די נסיעה געווען אַ ווייטע, האָבען זיך געצויגען פאַר׳ן ריזשינערס קאָטש און נאָך איהר, לאַנגע רייהען פון צווייפּאַניגע וועגען, אין וועלכע עס זענען געפאָהרען זיינע הויף־לייט די גבאים, שוחטים, דינערשאַפט, קיך־פערסאָנאַל און סתם מקורבים.

אַרום דעם רבינ׳ס קאָטש האָבען געריטען אַ מחנה רייטער (אַוודאי פערשטעלטע חסידישע יונגעלייט) אין פּרעכטיגע טשערקעסישע מונדירען, אויסגעניית פון גאָלד און זילבער. ביינאַכט פלעגט פאָהרען פאָראויס אַ צוויירעדיגער וואָגען מיט ברענענדיגע פעסער מיט פעך צו פערלייכטן דעם וועג“.

אזוי פיעל די שילדערונג פון פוילישען שריפשטעלער. און די דאָזיגע שילדערונג איז ווייט נישט קיין איבערגעטריבענע. דער ריזשינער הויף איז פאַקטיש געווען אַ קעניגליכער הויף און די גאַנצע פיהרונג איז געווען מעשה מלכות.

געווען צו זאָגען, אַז אין הויף איז געווען שטענדיג אָנגעשטעלט א מוזיק-קאַפּעלע. וואָס פלעגען אין דער פריה און נאָכמיטאָג שפּילען פאַר איהם פערשידענע מאַרשען.

ביי דעם אַלעמען האָט דער ריזשינער פון דער וועלט גאַנץ ווייניג הנאה געהאַט, און דאָס איז איינס פון די גרעסטע וואונדער, וואָס די חסידי-שע וועלט האָט דערזעהען אין דעם דאָזיגען קדוש-עליון.

דער רבי ר' הירש פון רימאַנאָוו זצ"ל האָט ערקלערט, אַז דער ריזשי-נער איז דאָס גרעסטע וואונדער נישט נאָר פון זיין צייט, נאָר פון אַלע צייטען. אַ מענטש, וואָס גליסט צו אַזאַ מלכותדיגען שטאַט, צו אַזאַ עשירות צו אזא רייכטום און צו אזא כבוד מלכים, און דערביי זיך גופא נישט מיינען אויף אַ האָר, נישט פיהלען זערביי אַ האָר גאוות, נאָר בלויז כבוד שמים—דאָס איז דאָס גרעסטע וואונדער פון אַלע דורות, ביז משיח'ס צייטען...

עס איז בעקאַנט אַז דער ריזשינער, זכר צדיק לברכה, האָט אין די לעצטע מינוטען פון זיין לעבען אויפגעהויבען די הענד און אויסגערופען: איך בין אויף מיר מעיד הימעל און ערד, אַז איך האָב פון דער וועלט נישט נהנה געווען אפילו ווייניגער ווי אַ פרוטה די ווערט...

איבער דער שיטה זיינער, די שיטה פון רחבות, פון גדלות, פון מלכותדיגין שטאַט, האָט דער ריזשינער זיך אויסגעדריקט אויף פאָלגענדען אופן:

מיר געפינען גאָר נישט פון סטרא דקדושה אז א יוד זאָל קאָנען דינען דעם אויבערשטען מתוך הדחק דאָס איז נאָר פון דער סטרא אחרא...

מסטרא דקדושה געפינען מיר נאָר אַז א יוד קען דינען דעם אויבער-שטען מתוך הרחבה, מתוך גדלות — און דאָס איז טאַקי געווען זיין שיטה.

אַ צווייט מאָל האָט ער זיך אויסגעדריקט אויפ'ן פסוק „ויקרא לו לבן יגר שהדותא ויעקב קרא לו גלעד"—דאָס לשון „יגר" איז דער טייטש מורא, און אַז מען האָט מורא שרומפּט מען זיך איין, בעמיהט מען זיך וואָס ווע-ניגער פלאַץ צו פערנעהמען, אַז מען זאָל אַפילו נישט אָנגעזעהען ווערען אויף דער וועלט—דאָס איז די שיטה פון דער סטרא אחרא. יעקב האָט זיך אָבער נישט געוואָלט אַזוי מצמצם זיין, ער האָט עס גערופען גלעד, — לשון גילה, פרייד, הרחבה — נישט פרעגען נאָך קיינעם...

דער ריזשינער האָט זיך באמת בעטראַכט ווי אַ מלך. אַלס שטאַמלינג פון מלכות בית דוד, האָט ער מיט זיין פיהרען דעם מלכות'דיגען שטאַט, געשטאַרקט ביי יודען די האָפנונג אויף דער גאולה. דערפאַר איז ער געווען אַ גרויסער מקפיד ווען עמיצער האָט אויף איהם גערעדט שלא כהוגן.

איינער פון די גרעסטע גוטע יודען אין זיין צייט האָט זיך אויסגעדריקט ווער עס רעדט אויפ'ן ריזשינער, איז גלייך, ווי ער וואָלט, חלילה, גערעדט אויף דער שכינה און ער וועט פערשוואַרצט ווערען אויף דער וועלט און אויף יענער וועלט. אָבער מיינט נישט אַז דער ריזשינער האָלט זיך גרויס דערמיט, כאָטש ער ווייסט אַז עס איז אַזוי. גלויבט מיר, אַז אין דעם ריזשינער שטעקט אַ חלק פון יעדען יוד'ס נשמה, און אַז אַ יוד אין יענעם עק וועלט איז בצער, דערפיהלט עס באַלד דער הייליגער צדיק פון ריזשין.

וועגען זיין הקפדה אויב מען רעדט אויף איהם שלא כהוגן, האָט זיך דער ריזשינער איינמאָל אויסגעדריקט, כאָטש פערשטעלטערהייט פאַרן הייליגען אַפּטער: פאַרוואָס שטעהט ביי משה רבינו „והאיש משה עניו מאד" און ביי שלמה המלך שטעהט „ויחכם מכל האדם", ס'איז דאָך בעקאַנט דער מאמר החכם: יעדער שוטה האַלט זיך גרויס און יעדער בעל-גאוה איז אַ שוטה, איז דאָך ממילא דער קלוגסטער פון אַלע מענשען דער גרעסטער עניו און דער גרעסטער עניו — דער קלוגסטער...

דער תירוץ איז: משה איז געווען דער רבי פון די יודען און אַ רבי קען מוחל זיין אויף זיין כבוד, דעריבער ווערט ער געריהמט מיט'ן טיטעל עניו, דאַגעגען שלמה המלך, אַלס מלך קען ער דאָך אויף זיין כבוד נישט מוחל זיין, קען ער דעריבער מיט'ן טיטול עניו נישט בעציהרט ווערען, דעריבער בעעהרט מען איהם מיט'ן טיטול חכם.

דערויף האָט דער אַפּטער זיך אויסגעדריקט אַז דער ריזשינער איז טאַקי בבחינת שלמה המלך.

פונדעסטוועגען איז אַ טעות צו מיינען, אַז דער ריזשינער אין זיין מלכות'דיגער פיהרונג האָט זיך נישט מסגף געווען און געפייניגט זיין גוף נישט ווייניגער ווי אַנדערע גוטע יודען. דאָס איז אָבער געווען אַזוי פערשטעלט, אַז אפילו די נאָהנטסטע מקורבים זיינע האָבען עס נישט בעמערקט. ער האָט למשל געשלינגען גאַנצע שטיקלעך פלייש נישט צוקייענדיג עס פריהער, כדי ער זאָל פון פלייש נישט הנאה האָבען, און נאָך אַזעלכע שטייגער פייניגונגען וועגען וואָס מען דערצעהלט צווישען די ריזשינער חסידים זעהר פיעל.

איינמאָל אין אַ פראָסטיגען שבת-צונאַכטס, די לבנה האָט העל געלויכטען און די שטערן האָבען געגלאַנצט ווי די ברילאַנטען און דער פראָסט האָט געברענט ווי אַ פלאַם-פייער, האָט דער ריזשינער, דאַמאָלס נאָך גאָר אַ יונגערמאַן, גערופען זיינע מקורבים אַרויסצוגעהן אין גאָרטען אַריין מחדש זיין די לבנה.

די פראָסט האָט געברענט אַז מען האָט פשוט נישט געקענט דעם קאָפּ אַרויסשטעקען. דער עולם האָט געטופּעט מיט די פיס אויף דער פערפרוירענער ערד, געריבען זיך די אויערן זיי זאָלען נישט פערפרוירען

ווערען, אָבער דער רבי האָט זיך גאָרנישט געמאַכט דערויס און בנעימות זיך געזאָגט די ברכות פון קידוש לבנה.

דער עולם האָט שוין די ברבות לאַנג פערענדיגט, אויך דער יונגער רבי זאָגט שוין נישט מעהר, אָבער ער שטעהט פערטראַכט, און קוקט אויף דער לבנה.

דער עולם שטעהט אַזוי אַ לענגערע צייט און וואַרט אויפ׳ן רבי׳ן. אַ האַלבע שעה, אַ שעה — עס שמעקט שוין מיט סכנת נפשות - און דער רבי — ווי עס וואָלט גאָר קיין פראָסט נישט געווען.

ענדליך קעהרט ער זיך אום צום עולם און גיט אַ ווינק צו די כלי-זמרים, וועלכע הויבען אָן צו שפּילען דעם זמר „טובים מאורות״ און אונטער די קלאַנגען פון מוזיק געהט דער רבי צוריק אַריין אין זיין צימער.

שפּעטער האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז די שענע הירש-לעדערנע שטיוועלעך, וואָס דער יונגער רבי האָט בעת קידוש לבנה אויף די פיס געטראָגען, זענען געווען לגמרי אָהן זוילען און דער יונגער רבי איז געשטאַנען אַזאַ לאַנגע צייט מיט די באָרוויסע פיס אויפ׳ן געפרוירענעם שניי, כדי צו פייניגען זיך מיט „גלגול שלג״, און קיינער האָט עס נישט מרגיש געווען.

און איצטער, געה ווייס די דרכים פון הייליגען ריזשינער, אַז עס איז אַלץ געווען אַזוי פערשטעלט...

יא.

דער אַרעסט

די קנאה-שנאה. וואָס די נישט-יודישע וועלט אין רוסלאַנד און אוקראַינע האָט געפיהלט צום לייכטענדען שטערען אויפ׳ן יודישען האָריזאָנט, צו רבי ישראל׳טשע ריזשינער זצ״ל, האָט סוף כל סוף געבראַכט צו זעהר טרויעריגע רעזולטאַטען, וואָס האָבען אויפגעציטערט די גאַנצע יודישע וועלט.

דעם כבוד וואָס דער ריזשינער האָט געהאַט, דער מלכות׳דיגער שטאַט, האָט נאַטירליך די רוסישע מאַכט-האָבער נישט געלאָזט צו רוה. דערצו זענען געקומען צו הילף די „משכילים״, וועלכע האָבען נישט געקאָנט צוזעהען, ווי אַזוי די השפעה פון אַ חסידישען רבי׳ן וואַקסט אויף די ברייטסטע פאָלקס-מאַסען, און זעהענדיג דערין אַ שטערונג פאַר זייער אַרבייט „בעוואוסטזיניג״ צו מאַכען דאָס פאָלק, האָבען זיי, ווי עס איז אָפט דאַמאָלס געשעהן אין פיעל אַנדערע פאַלען, אויפמערקזאַם געמאַכט „דאָרט וואו מען דאַרף״, אַז מען דאַרף האָבען אויפ׳ן אויג דעם רבי׳ן פון ריזשין.

עס פערשטעהט זיך, אַז לאַנג האָט מען מיט די צאַרישע סאַטראַפּען נישט בעדאַרפט אַרבייטען. מען דאַרף נישט פערגעסען, אַז די צייט איז

געוועזן אַ אומרוהיגע. דאָס לאַנד איז נאָך נישט געהאַט געקומען צו זיך נאָכ׳ן פראַנצויזישען מאַרש, וואָס האָט חרוב געמאַכט האַלב רוסלאַנד. דערצו איז אין קעניגרייך פוילן נישט געווען רוהיג. דאָס פוילישע פאָלק האָט נאָר וואָס געמאַכט אַ פרוב אַרויסצורייסען זיך פון רוסישען גלות און צו ווערען זעלבסטשטענדיג. און נישט לייכט איז עס זיי אָנגעקומען אונטערצודריקען דעם „מיאַטעזש" (אויפשטאַנד — 1831) און דאָ קומט מען און מען דערצעהלט, אַז אין מיטען סאַמע צענטער פון לאַנד, נישט ווייט פון „הייליגען קיעוו", האָט זיך בעזעצט אַ „יודישער קרול", וואָס פיהרט אַ שטאַט, נישט ערגער ווי אַ פאַקטישער קעניג. און זיין וואָרט איז הייליג פאַר אַלע יודען. נישט אַנדערש, אַז דער צדיק פון ריזשין טראָגט זיך אַרום מיט בעהאַלטענע פלענער און פערשידענע כונות, צו ווערען אַ מורד במלכות, צו לאָזען זיך קרוינען אַלס „יודישער קרול" און צו שאַפען אין סאַמע האַרץ פון רוסלאַנד אַ יודישע מלוכה...

אַז די מלשינות האָט געהאַט אַ ווירקונג, האָט מען אויך אין ריזשין בעמערקט. פלוצלונג האָט די רעגירונג, וועלכע האָט זיך שטענדיג אַזוי גוט בעצויגען צום ריזשינער הויף, אָנגענומען אַנ׳אַנדערע טאַקטיק. „סיסטשיקעס" (געהיים-אַגענטען) האָבען זיך אָנגעהויבען בעווייזען אין אַ גרויסער צאָהל אין ריזשין און אין דער געגענד אַרום. מען פלעגט נאָכשפירען יעדען שריט פון רבי׳ן. און די חסידים, וואָס זענען געקומען קיין ריזשין האָבען פשוט קיין רוה נישט געהאַט פון די דאָזיגע אַגענטען, וואָס האָבען געוואָלט וויסען אַלץ, וואָס דער רבי טהוט, וואָס דער רבי זאָגט און וואָס דער רבי טראַכט.

דער ענין האָט אָנגעהויבען ווערען ערנסט. חסידים האָבן זיך געווענדעט צום רבי׳ן און איהם אויפמערקזאַם געמאַכט אויף דער פלוצלומדיגער שנוי, וואָס איז אַריינגעטרעטען אין דער בעציהונג צום הויף מצד דער רוסישער מאַכט און געבעטען אָנצונעהמען שריט, כדי אויפמערקזאַם צו מאַכען אַז די אַלע מלשינות, וואָס שונאים האָבען אויף איהם דערלאַנגט זענען נישט מעהר ווי בייזווילליגע פלוידערייען, וואָס האָבען נישט קיין שום גרונד. אָבער דער רבי האָט אויף די אַלע הפצרות נישט געלעגט קיין אַכט, ווי עס וואָלט איהם כלל נישט אָנגעגאַנגען, ער האָט בלויז פון צייט צו צייט אַ קרעכץ געטהון און מעהר האָט מען פון איהם נישט געקענט דערגעהן ווי אַזוי ער בעציהט זיך צו די דאָזיגע מסירות.

דער ריזשינער האָט זיך ווייטער געפיהרט לויט זיין דרך. נישט גע-קוקט, וואָס די וואַך פון די געהיים-אַגענטען אַרום איהם האָט אָנגעהויבען ווערען געדיכטער, און מען האָט פשוט אָנגעהויבען היטען זיינע טריט. פונקט ווי פריהער האָט ער געפיהרט זיין מלכות׳דיגען שטאַט. פונקט ווי פריהער האָט ער, ווען עס איז איהם אויסגעקומען צו פאָהרען אונטערוועגס. מיטגעפיהרט מיט זיך זיין גאַנצע סוויטע, ווי עס וואָלט קיין זאַך נישט געשעהען,

דער קיעווער גובערנאַטאָר, זעהענדיג, אַז די פערפאָלגונגען מאַכען אויפ׳ן ריזשינער קיין שום איינדרוק נישט, האָט בעשלאָסען פאַר יעדען פרייז צו אַרעסטירען דעם רבי׳ן. אָבער ווי אַזוי, אַז עס איז קיין גרונד נישטאָ איהם צו אַרעסטירען.

דאָס איז געווען אין יאָהר תקצ״ז (1837). די משכילים האָבען מעהר נישט געקאָנט רוהיג צוקוקען ווי אַזוי די השפעה פון ריזשינער צוואַקסט זיך. אונצעהליגע בעראַטונגען האָבען זיי אָבגעהאַלטען און געזוכט צו געפונען אַ „חטא״ אויפ׳ן ריזשינער און איהם „אונשעדליך״ צו מאַכען, אָבער אומזיסט.

פון די דאָזיגע בעמיהונגען מצד די משכילים האָבען זיך דערוואוסט צוויי בעקאַנטע מוסרים פון שטעדטעל דונאַיוויץ, קאַמעניצער גובערניע, און זיי זענען אַוועק צו די שטעדטעלשע משכילים און פאַר אַ גרויסער בעלויה־נונג זיך אונטערגענומען אונשעדליך צו מאַכען דעם ריזשינער.

די מוסרים זענען אַוועקגעפאָהרען דירעקט קיין פעטערבורג און דער־לאַנגט אַ מסירה, אַז דער חסידישער רבי פון ריזשין האָט זיך ערקלערט אַלס יודישער מלך, און די יודען פאָלגען זיינע בעפעהלן גיכער ווי די בעפעהלען פון רוסישען צאַר...

די דאָזיגע מסירה, כאָטש זי איז נישט געווען קיין שפּאָגעל־נייע, דאָך האָט זי עושה רושם געווען, און דער אינערן־מיניסטער האָט טעלעגראַפיש פעראָרדענט דעם קיעווער גובערנאַטאָר צו בעפאַלען דעם ריזשינער הויף און צו דערגעהן דעם אמת, צו דער ריזשינער האָט זיך טאַקע ערקלערט אַלס „יודישער קרול״.

דער איבערפאַל איז, אויף דער עצה פון די מוסרים, פאָרגעקומען אין סאַמע שבת, בעת דער ריזשינער איז געזעסען ביים טיש, אין קרייז פון זיינע חסידים. פּלוצלונג זענען אָנגעקומען אַ פאַר צעהנדליג פאָליציי־לייט, זשאַנדאַרמען און זעלנער אונטער דער אָנפיהרונג פון אַ אָפיציר און אָנגע־הויבען בעל־הבית׳ווען אין רבי׳נס הויף.

ווען מען האָט דעם רבי׳ן איבערגעגעבען די ידיעה פון דעם איבער־פאַל, האָט ער זיך גאָרנישט אָנגערופען, ווי עס וואָלט קיין זאַך נישט געשעהען און ווייטער געפּראַוועט דעם טיש ווי תמיד.

דאָס האָט אַביסעל בערוהיגט דעם צעשראָקענעם עולם און דער שבת איז נישט פערשטערט געוואָרען צוליב׳ן איבערפאַל, ווי עס האָבען טייוולאָניש אויסגערעכענט די מוסרים.

אַ גאַנצען שבת׳דיגען טאָג האָט געדויערט די אונטערזוכונג. אָבער אין רעזולטאַט האָט מען נישט מעהר צוגענומען ווי אַ פאַר בריף און אַ גרויסען טייל פון רבי׳נס כתבים.

צווישען די בריף האָט זיך אויך געפונען אַ בריוועל פון אַ חסיד, וואָס האָט זיך אָנגעהויבען, ווי דער שטייגער איז געווען אין יענע צייטען, מיט פאָלגענדע מליצה:

„ישתבח שמך לעד מלכנו מורנו ורבנו (עס זאָל געלויבט זיין דיין נאָמען אויף אייביג, אונזער קעניג, אונזער לעהרער און אונזער רבי).

נו, דאַרף מען נאָך אַ בעסערען בעוויז, אַז דער ריזשינער איז דער „קרול" פון די יודען...

אַ חוץ דעם האָט מען צווישען די בריף געפינען נאָך אַנדערע עהנליכע אויסדרוקען פון פערעהרונג, ווי דער שטייגער איז. איבערהויפּט האָט מען גאַנץ אָפט געפונען דעם טיטול „אדוננו" (אונזער האַר), און דאָס איז געווען גענוג צו בעהויפּטען, אַז דער ריזשינער איז אַ מורד במלכות, קריינענדיג זיך אַלס קעניג פון די יודען.

אָבער אויך די יודישע שתדלנים פון יענע צייט האָבען נישט גערוהט. אַ דעלעגאַציע איז אַוועק צום אינערן-מיניסטער און איהם אויפגעקלערט דעם ענין. בעוויזען די לעכערליכקייט דערפון און סוף כל סוף איז עס געלונגען צו בעווייזען, אַז די אַלע מסירות זענען נאָר אַ ביי-ווייליגקייט מצד די געגנער פון רבי'ן, וואָס קענען נישט רוהיג צוקוקען ווי אַזוי זיין נאָמען איז פערעהרט ביי די ברייטע יודישע מאַסען.

אַ חוץ דעם האָבען אויך געווירקט אַנדערע „קלינגענדע" אַרגומענטען, ווי דער שטייגער איז געווען בימי פאַניע, און די זאַך האָט נישט אָנגענומען קיין ערנסטען כאַראַקטער.

דאָך אָבער האָט די רעגירונג בעשלאָסען נישט אַראָבצולאָזען פון אויג דעם צדיק פון ריזשין און דער גובערנאַטאָר פון קיעוו, האָט בעקומען אַ בעפעהל ספּעציעל אַכט צו לעגען אויפ'ן ריזשינער.

אין עטליכע וואָכען אַרום האָט זיך אָבער געמאַכט אַ מעשה, וואָס האָט זיך זעהר טרויעריג געענדיגט פאַרן הייליגען צדיק פון ריזשין.

נאָכדעם ווי די צוויי מוסרים זענען אַהיימגעקומען פון פּעטערבורג מיט גאַרנישט, האָבען די ריזשינער חסידים אין דונאַיעוויץ, וועלכע האָבען געוואוסט פון זייער פינסטערער ראָליע אין דער מסירה געגען רבי'ן, אָנגעהויבען שטאַרק פערפאָלגען די דאָזיגע אויסוואורפען. מען האָט זיי געווייכט ווי אַ פּעסט. ווען זיי זענען געגאַנגען איבער'ן שטעטעל, האָבען זיי געהאַט אַ לעבעדיגע לוי' פון ווייסע חברה'ניקעס. מען האָט זיי פּשוט דאָס לעבען פערביטערט און אַלע זענען זיכער געווען דאָס זיי וועלען בקרוב האָבען אַ שוואַרצען סוף, דערפאַר וואָס זיי האָבען אָנגעהויבען מיט'ן רבי'ן.

און ווירקליך האָט זיך מיט איינעם פון זיי געטראָפען אַן אויסטערליש אומגליק. זייענדיג פרייטאָג אין באָד האָט ער זיך אויסגעשוויצט און וועלענדיג זיך אָבקיהלען, האָט ער געכאַפּט אַ קענדעל וואַסער, מיינענדיג אַז עס איז קאַלט וואַסער. לסוף איז עס געווען קאָכעדיג וואַסער און דער מסור האָט זיך דערמיט שרעקליך אָבגעבריהט און איז באַלד אויפ'ן אָרט געשטאָרבען אין שרעקליכע יסורים.

דאַרף זיך מאַכען, אַז מיט אַ שבת פריהער האָבען אין דעם שטעדטעל

געווילט צווי גוטע יודן: ר׳ ישראל׳טשע ריזשינער און ר׳ מיכל דעם בעל שם׳ס אַנ׳אייניקעל. איז דעם מסור׳ס שותף און זיין זוהן אַוועק אום שבת קיין קיעוו צום גובערנאַטאָר און דערצעהלט איהם, אַז דער ריזשינער מיטן רבין ר׳ מיכל האָבען ערלויבט צו הרג׳ענען אַ מענשען און דאָס האָט מען איהם אויף זייער בעפעהל אונטערגעריקט אַ שעפעל קאָכעדיג וואַסער, כדי איהם אָבצוקאָכען.

דער קיעווער גובערנאַטאָר האָט אין תחילת נישט געשענקט דערויף זיין אויפמערקזאַמקייט. עפּעס האָט זיך איהם נישט געלעגט אויפ׳ן שכל, אַז אַ מענש זאָל אומקומען צוליב אַ קענדעל קאָכעדיג וואַסער. ער האָט דערי־בער נישט געזעהען דערין קיין פערברעך מיט אַ פריהער אויסגערעכענ־טער כּונה.

די פינסטערע כּחות פון צווישען די משכּילים האָבען אָבער נישט גערוהט. באַלד האָבען זיי צווישען זיך צונויפגעזאַמעלט אַביסעל געלד און געשיקט די אלמנה פון מסור מיט איהר זוהן קיין פעטערבורג, וואו עס איז זיי געלונגען צו בעקומען אַנ׳אודיענץ ביים צאַר ניקאָליי, פאַר וועמען זיי האָבען אין די שוואַרצסטע פאַרבען געשילדערט די פערזענליכקייט פון רי־זשינער צדיק, וועלכער איז דער פאַקטישער קעניג פון די יודען און זיינס אַ בעפעהל איז פאַר אַלע יודען הייליג. מען דאַרף דעריבער דעם דאָזיגען צדיק אונשעדליך מאַכען און בעשטראָפען איהם פאַר דעם פערברעך אָנצו־רעדען צו ערמאָרדען אַ מענשען צוליב נקמה.

די דאָזיגע מלשינות ביים רוסישען טיראַן האָט געהאַט די געהעריגע ווירקונג. באַלד איז אַוועק אַ בעפעהל קיין קיעוו צום גובערנאַטאָר צו בע־שטימען אַ אונטערזוכונגס־קאָמיסיע אויסצופאָרשען דעם ענין.

דער גובערנאַטאָר גראַף באָריקאָוו, אַליין אַ שונא ישראל און אַ שטאַר־קער בעל קנאה, זעהענדיג אַז פון הויכען אָרט בעציהט מען זיך ערנסט צו דער מסירה, האָט גלייך געענדערט די טאַקטיק און אָנגעהויבען זיך אַ־רויסווייזען צלם גרויסער אַכזר און קומענדיג גלייך קיין ריזשין האָט ער בעפוילען צו אַרעסטירען דעם ריזשינער אָהן אַ חקירה ודרישה און גלייך איהם אָבגעפיהרט קיין קיעוו אין תפיסה.

אין דער זעלבער צייט איז אויך אַרעסטירט געוואָרען, ר׳ מיכל, דער צווייטער גוטער יוד, אָבער אויף איהם וועלכער איז נישט געווען קיין גרוי־סער מפורסם, האָט מען זיך כּמעט נישט אומגעקוקט, און דעריבער איז איהם געלונגען צו אַנטלויפען קיין אויסלאַנד. וואו ער האָט זיך בעזעצט אין אַ קליין אונגאַריש שטעדטעל.

אָבער דעם ריזשינער האָבען די רשעים לאַנג געזוכט, און ווען זיי האָבען איהם ענדליך געפונען, האָבען זיי איהם פעסט געהאַלטען.

יב

איך תפיסה

דאָס איז געווען מיט אַ יאָהר צעהן פאַר׳ן אַרעסט, דער ריזשינער האָט נאָר וואָס אָנגעהויבען פיהרען אויף זיין שטייגער, וואָס איז זעהר ניט וואוילגעפעלען זיין קרוב, דעם אַלטען צדיק הדור, רבי מאָטעלע פון טשערנאָביל זכר צדיק לברכה. אָבער ר׳ ישראל׳טשע האָט זיך געהאַט זײַן שיטה און זיין דרך, און נישט געפרעגט נאָך קיינעם.

מאַכט זיך, אַזביידע צדיקים, דער זקן ר׳ מאָטעלע און דער יונגער ר׳ ישראל׳טשע, טרעפען זיך צונויף אויף אַ שבת אין איין און דעמזעלבען שטעדטעל.

עס איז איבריג צו זאָגען וואָס עס האָט זיך דאַמאָלס געטוהן אין שטעדטעל, פון איין זייט די שמחה פון די שטעדטעלדיגע, וועלכע האָבען די זכי׳ געהאַט צו האָבען ביי זיך מיטאַמאָל אַזעלכע צוויי גדולי הדור. און פון דער אַנדערער זייט האָט מען זיך פשוט נישט געקענט קיין עצה געבען, וויסענדיג, אַז די ביידע צדיקים זענען נישט צווישען זיך שוה־בשוה, אַז יעדער האָט זיך זיין דרך, וועלכע גלייכען זיך נישט אויס, טאָ ווי אַזוי מאַכט מען, אַז קיינער פון זיי זאָל נישט האָבען אַ וועלכע עס איז הקפדה, ווער זאָל געהן צו דעם רבי׳ן און ווער צו דעם אַנדערען? בקצור, די שטעדטעלדיגע יודען האָבען זיך געפונען אין אַ לאַגע, אַז עס איז זיי כלל נישט געווען וואָס מקנא צו זיין.

פונדעסטוועגען האָט מען צוגעגרייט אַ שבת כיד המלך און טאַקע פאַר ביידע גוטע יודען. פון די שכנות׳דיגע שטעדטלעך אַרום זענען אָנגעקומען אַנשים נשים וטף, אויף פיהרלעך און פורמאַנקעס, כדי בייצוואוינען דעם שבת ביי די ביידע גוטע יודען, וועמענס נעמען עס שמ׳ט אויף דער וועלט, און מיט אַ פערכאַפּטען אָטעם האָט מען ערוואַרט ווי אַזוי עס וועט זיך דאָ פיהרען דער שבת.

צו אַלעמענס ערשטוינונג, האָט מען זיך צום סאַמע ליכט־צינדען, פרייטאָג פאַרנאַכט, דערוויסט אין שטעדטעל, אַז ביידע גוטע יודען האָבען בעשלאָסען צו פיהרען טיש בשותפות, ביי איין טיש, און דעריבער וועט מען פראַווען דעם טיש אין גרויסען בית־המדרש.

דאָס דאָזיגע ווילדע חידוש האָט נאָך מעהר איבערראַשט, עפּעס אַ קלייניגקייט, אַזעלכע צוויי צדיקים ביי איין טיש? און דערצו דאַכט זיך דאָך, אַז עפּעס זענען זיי נישט אַזוי שטאַרק שוה בשוה.

דערפון האָט מען שוין אָנגעהויבן פערשטהען און פיהלען, אַז עפּעס וועט דאָ געשעהען גרויסעס, אומגעוואַרטעטעס, און אַז מסתּמא איז עס געווען פון פריהער אויסגערעכענט, אַז ביידע גוטע יודען זאָלען זיך צונויפטרעפען און פיהרען אַ טיש בשותּפות.

דאָס איז געווען אַ רבי׳שער טיש, וואָס האָט קיין גלייכ׳ן נישט געהאַט. דער עולם איז געשטאַנען צונויפגעדרוקט, אַז מען האָט דעם אָטעם ניט געקאָנט כאַפּען. ביידע גוטע יודען זענען געזעסען אויבען אָן, איינער נעבען דעם אַנדערען, און האָבען קיין וואָרט צווישען זיך נישט אַרויסגערעדט. נאָך מעהר פערטראַכט איז געווען דער היילינגער ריזשינער. ער האָט זיך צו די מאַכלים כמעט נישט צוגעריהרט. ער איז געווען בלאַס, פערטראַכט, ווי ער וואָלט נישט געזעסען ביי אַ שבּת׳דיגען טיש נאָר אויף אַ בעשוילדיגונגס-באַנק. אויך דער טשערנאָבילער האָט זיך נישט געפיהרט ווי תּמיד, ווענינ גערעדט און כּסדר געקוקט אויף זיין שכן, נישט אַראָבלאָזענדיג פון איהם קיין אויג.

וואָס זיי האָבען דאַמאָלס געמיהלט און פאַרוואָס דער טיש איז געווען אַזאַ טיף-ערענסטער — האָט נאַטירליך קיינער נישט פערשטאַנען. אָבער דער פּחד וואָס האָט אַלעמען בעהערשט איז געווען אין לשער, די נשמה איז שיעור נישט אויסגעגאַנגען פאַר מורא. עפּעס אַ קליינינקייט, אַזאַ ערנסטקייט, אַזאַ שטילשווייגען, — שום זייטיגער האָט עס נישט געקענט משיג זיין.

פּלוצלונג רופט זיך אָן דער טשערנאָבילער צום ריזשינער:

— ריזשינער רבּי! זאָגט עפּעס תּורה!

דאַמאָלס איז געגאַנגען די פּרשה וישב. טראַכט נישט לאַנג דער ר זשינער און הויבט אָן כּהאי לישנא:

— ויוסף הורד מצרימה (און יוסף איז געבראַכט געוואָרען קיין מצרים. יוסף מיינט מען דעם צדיק הדור, מצרים מיינט מען קיעוו...

דאָס איז געווען די גאַנצע תּורה. מעהר האָט דער ריזשינער נישט גערעדט און גלייך אַנטשוויגען געוואָרען.

אָבער דער טשערנאָבילער איז גלייך אויפגעקאָכט געוואָרען און מניה וביה אויסגעשריגען:

— ריזשינער רבּי! מיך לאָזט צורוה. איך בין שוין צו אַלט. מיינע כּחות דינען מיר ניט מעהר דערצו.

דערויף האָט דער ריזשינער געענטפערט.

— נו, מילא...

דאָס איז פאָרגעקומען מיט העכער 10 יאָהר פריהער, פאַרן ערעסט, ווען מען האָט אָבגעפיהרט דעם ריזשינער קיין קיעוו, אין תּחילת האָט די דאָזיגע פלא׳דיגע מעשה געמאַכט אַ שטאַרקען רושם און מען האָט דערפון זעהר פיעל גערעדט. אָבער ביסלעכווייז האָט מען אין דער מעשה פערגעסען, און ערשט ווען דער אַרעסט איז פאָרגעקומען, און דער רבּי איז אָבגעפיהרט

געוואָרען קיין קיעוו אין דער תפיסה, האָט מען זיך ערשט דערמאָנט אין דער מעשה, אין דער פּאָראויסזעהונג פון ריזשינער, מיט וועלכען דער ריזשינער האָט געוואָלט מכבד זיין דעם טשערנאָבילער. אָבער דער טשערנאָבילער האָט זיך גלייך אָבגעטרייסעלט דערפון, און דער ריזשינער האָט עס בלית ברירה גענומען אויף זיך.

איבערשמועסענדיג, בעת עס איז פאָרגעקומען דער אַרעסט, די דאָזיגע אויסטערלישע פּאַסירונג, פון פאַר 10 יאָהר צוריק, האָט זיך דער עולם עטוואָס בערוהיגט. זעהענדיג, אַז דאָס איינזעצען דעם רבי'ן אין תפיסה איז נישט פאָרגעקומען אַזוי פּלוצלונג, אַזוי אומגעריכט פאַר'ן רבי'ן, ווי מען האָט עס אין אַלגעמיין אָנגענומען.

אָהן אַ שיעור לעגענדעס זענען פערשפּרייט צווישען די ריזשינער חסידים, וואָס בעציהען זיך אויף דער צייט ווען דער רבי איז געזעסען אין תפיסה אין קיעוו.

חסידים דערצעהלען, אַז בעת מען האָט דעם ריזשינער איבערגעגעבען דעם בעשלוס, אַז עס איז געקומען אַ בעפעהל איהם צו אַרעסטירען און איבערשיקען אין דער קיעווער תפיסה, האָט עס איהם זעהר שטאַרק איבערראַשט.

ער האָט גענומען שפּאַנען איבער'ן חדר און גערעדט צו זיך אונפערשטענדליכע דבורים. עס איז קענטיג געווען, אַז דער רבי איז שטאַרק צוקאָכט און דאָס האָט נאָך מעהר דעם אַרומיגען עולם אַריינגעבראַכט אין עצבות.

ווען דער ריזשינער איז אַריינגעקומען אין דעם תפיסה-קעמערל, וואָס איז פאַר איהם בעשטימט געוואָרען, האָט ער זיך אומגעקוקט אויף אַלע פיער זייטען, און דאַן האָט ער זיך שטאַרק צוויינט אויסרופענדיג:

— וואו איז מיין זיידע דער מגיד!

— וואו איז מיין זיידע דער מלאך!

— פאַרוואָס דערצעהלט מען זיי נישט פון מיין אומגליק!..

דער ריזשינער האָט אָנגעהויבען שפּאַנען אין דעם ענגען חדר'ל, אַריינפאַלענדיג אין אַ טיפער דבקות.

ווי לאַנג דער ריזשינער האָט זיך געפונען אין אַזאַ צושטאַנד איז שווער צו זאָגען, אָבער אָט איז אַריינגעקומען אין דער תפיסה-קאַמער דעם רבי'נס מחותן, דער גרויסער בערדיטשעווער מיליאָנער ר' יעקב יוסף האַלפערן, וועלכער איז געווען אַ גרויסער מקורב ביים קיעווער גובערנאַטאָר, גראַף באָבריקאָוו.

נישט לייכט איז עס אָנגעקומען דעם רבי'נס מחותן אַריינצוקומען אין דער קאַמער, וואו דער רבי איז געווען תפוס. אָבער פאַר אַ יוד אַ מיליאָנער איז אין אַמאָליגען רוסלאַנד נישט געווען קיין אונמעגליכקייטען..

אריינקומענדיג אין רבינ׳ס חדר, האָט ער איהם געטראָפען שטעהן ביי דער וואַנד אַ שטאַרק פערקאָכטער. אַ גאַנץ לאַנגע צייט איז דער רבי געשטאַנען אזוי אונבעוועגליך און ניט בעמערקט דעם אריינקומענדען. ענדליך האָט זיך דער רבי אומגעקעהרט און דערזעהען זיין מחותן, וועלכען ער האָט מיט גרויס פרייד בעגריסט.

אָבער האַלפערן איז געבליבען שטעהן אַ צוקאָכטער. ער האָט זיך קיינמאָל נישט פאָרגעשטעלט דעם רבי׳ן צו טרעפען אין אזא מצב. דער רבי, דער מקור פון שמחה, דעם ענטשיידענעם געגנער פון עצבות און שפלות, וואָס איז דאָ געשעהען.

פאַר גרויס איבערראשונג האָט האַלפערן קיין וואָרט פון מויל נישט געקענט אַרויסברענגען.

אָבער דער רבי האָט פערשטאַנען די סיבה פון האַלפערנ׳ס פערלעגענ־הייט און אויסגערופען.

— איך ווייס ליבער מחותן, אז איהר זענט איבערראַשט, פאַרוואָס איך בין אריינגעפאַלען אין עצבות, בעת איך האָב שטענדיג געלערנט מיינע חסידים, אז עצבות איז דאָס ערגסטע אין דער וועלט, אז עצבות איז ממש עבודה זרה, חלילה, — מוז איך אייך זאָגען, אז נישט צוליב מיר, צוליב מיין פערזענליכען אומגליק בין איך אַריינגעפאַלען אין עצבות, מיין פער־זענליך אומגליק איז מיר נוגע ווי דער פאַראַיאָהריגער שניי. איך בין אַריינגעפאַלען אין אַזאַ שרעקליכען טרויער, בלויז צוליעב דעם, וואָס צוזאַמען מיט מיר מוז אויך ליידען די הייליגע שכינה כביכול, ווי עס שטעהט: עמו אנכי בצרה.

— גם כי אלך בגיא צלמות לא אירע רע, כי אתה עמדי — האָט דער ריזשנער אַ שטאַרק צוקאָכטער אויסגערופען. ווייסט איהר, מחותן ווי אַזוי איך טייטש עס? גם כי אלך בגיא צלמות — אַפילו איך דאַרף געהן אין טהאָל פון טויט, לא אירע—שרעק איך זיך אַבסאָלוט נישט, רע — שלעכט איז נאָר מיר, כי אתה עמדי — אַז כביכול, די הייליגע שכינה מוז ליידען צוזאַמען מיט מיר. איצט פערשטעהט איהר שוין די סיבה פון מיין עצבות!..

לאַנג פערבלייבען אין תפיסה האָט האַלפערן נאַטירליך נישט געקענט אָבער עס איז איהם געלונגען צו פועל׳ן, אַז דאָס לעבען פון צדיק אין תפיסה זאָל זיין וואָס ערטרעגליכער. עס איז איהם געלונגען אַריינצוברענגען ספרים וויפיעל דער רבי האָט געוואָלט. אויך שפייז האָט איהם עמיצער פון די קיעווער חסידים בעזאָרגט. בכלל האָט מען געקענט פון צייט צו צייט בעזוכען דעם רבי׳ן און איינפאָרמירען איהם, ווי עס האַלט אין דער וועלט מיט זיין ענין.

חסידים דערצעהלען, אַז די תפיסה־וועכטער פלעגען פשוט אויפציטע־רען, הערענדיג ר׳ ישראל׳טשען זינגען זיין „מלאכים־ניגונדל״, וואָס ער האָט זיך פערפאַסט זיצענדיג אין תפיסה. דאָס זמר׳ל פלעגט ער גאַנץ אָפט

זינגען, און די קריסטליכע וועכטער פלעגען שטעהן אונטער דער טהיר מיט א פערכצפטען אָטעם און זיך צוהערען מיט גרויס פחד.

דאָס זמר'ל און דאָס ניגונ'דל איז אין יענע מקומות שטאַרק פּאָפּולער און ווערט ביי יעדער געלעגענהייט געזונגען פון חסידים מיט גרויס עקסטאַז די ווערטער פון זמר'ל זענען:

מלאכים, שרפים ואופנים
פרעגען: וואו איז ג—ט?
אוי, וועה!
וואָס ענטפערט מען זיי?
לית אתר פנוי מיני'.

דערווייל זענען אַוועק וואָכען און חדשים. דער ענין האָט זיך וואָס אַמאָל מעהר פערוויקעלט. די אַלע השתדלות'ן וואָס חסידים האָבען אָנגע־ווענדעט האָבען נישט געבראַכט קיין רעזולטאַט. די פערצווייפלונג אין דער חסידישער וועלט איז געווען אונגעהויער.

מאַכט זיך, אַז אין דער צייט וואָס דער ריזשינער איז געזעסען אין דער קיעווער תפיסה, האָט גראָד געוויילט אין קיעוו דער צאַר ניקאָליי. דעם רבינ'ס מקורבים האָבען זיך געלעגט אין דער לענג און אין דער ברייט, אַז ניקאָליי דער ערשטער זאָל אויפנעהמען דעם רבי'ן, זייענדיג זי־כער, אַז די דאָזיגע אוידיענץ וועט פיל מיטווירקען לטובת דער בעפרייאונג.

ניקאָליי, דערזעהענדיג די בקשה, אַז דער ריזשינער וויל זיך פאָר־שטעלען פאַר איהם, האָט זיך דערין שטאַרק אָנגעכאַפּט, וועלענדיג זיך בע־קענען מיט'ן „יודישען צאַר" און ער האָט געהייסען ברענגען צו זיך דעם ריזשינר אין זיין פּאַלאַץ.

ווען דער ריזשינער האָט זיך פאָרגעשטעלט פאַר'ן צאַר, האָט ניקאָליי איהם אָבגעמאָסטען מיט אַן'דורכדרינגענדען בליק און אויסגערופען צו זיינע אַדיוטאַנטען:

— נישט קיין מיאוס'ער מענש, אָבער די אויגען זיינע זענען ווי פון אַ רעוואָלוציאָנער...

די דאָזיגע מיינונג פון צאַר גופא בנוגע דעם ריזשינער, האָט אָנשטאָט אַ טובה, ווי מען האָט געגלויבט, אַז עס זאָל דערפון אַרויסקומען, — נאָך מעהר פערערגערט דעם ענין. דער קיעווער גובערנאַטאָר האָט נישט גע־האַלט זיך אַריינמישען אין דער זאַך, ציטערענדיג פאַר זיין קאַריערע. אַזוי אַרום איז דאָס ביסעל האָפנונג ווי אַ זייפען בלאָז צורינען און דער היי־ליגער ריזשינער איז ווייטער פערבליבען אין תפיסה.

די בעפרייאונג און דאס אנטלויפען פון רוסלאנד

דער הייליגער צדיק זיצט אין תפיסה! — דאָס איז געווען דער איינ־ציגער, טרויעריגער ענין, וואָס האָט געטייניגט צעהנדליגער טויזענדער אָנ־הענגער פון ריזשינער, פון רייכסטען ביז'ן אָרימסטען, — אַלע האָבען גע־זוכט עצות און תחבולות, ווי אַזוי מציל צו זיין און בעפרייען דעם רבי'ן פון תפיסה.

קודם כל האָט מען געזאַמעלט געלד אויף פדיון שבוים. וויפיעל עס איז פאַר דעם צוועק צונויפגעזאַמעלט געוואָרען איז שווער צו זאָגען, אָבער אַז די רוסישע טשינאָווניקעס, פון תפיסה־וועכטער ביז'ן מיניסטער, האָבען בעקומען גענוג גאָלדענע טייבלעך איז אַ פאַקט. פון קיעוו ביז פעטערבורג איז ממש אויסגעלעגט געוואָרען אַ בריק, אויף וועלכער מען האָט געהאַלטען אין כסדר'דיגען שיטען מיט גאָלד. קוים האָט עמיצער אָנגעוויזען, אַז דער אָדער יענער טשינאָווניק קאָן עפּעס העלפען, האָט מען איהם גלייך משחד געווען מיט שווערע הונדערטער.

ענדליך האָט זיך בעוויזען אַ שטראַהל פון האָפנונג. מען האָט דעם רבי'ן איבערגעשיקט פון דער קיעווער תפיסה קיין קאַמיענייץ. חסידים האָבען עס בעטראַכט פאַר אַ גרויס'ע ישועה, דערפאַר וואָס מען איז פטור געוואָרען פון קיעווער גובערנאַטאָר, פון שונא ישראל גראַף באָבריקאָוו, און מען האָט אָנגעהויבען אַרבייטען אויפדאָסניי.

אָבער די אַרבייט האָט נישט געבראַכט קיין ערפאָלג. די פאַפּירען זענען געבליבען אין די הענד פון גראַף באָריקאָוו, פון וועלכען אַלץ איז געווען אָבהענגיג.

ענדליך נאָך 22 חדשים זיצען אין תפיסה, איז געלונגען צו בעוועגען דעם גובערנאַטאָר ער זאָל נאָכאַמאָל גוט אַדורכקוקען די „דיעלאָ". און ערשט איצט האָט ער זיך „איבערצייגט", אַז אויפ'ן רבי'ן גופא איז נישט פאַראַן דער מינדעסטער חשד און אין אַנ'עת רצון האָט ער אַרויסגעגע־בען דעם בעפעהל צו בעפרייען דעם ריזשינער פון דער קאַמעניעצער תפיסה.

ווען מען איז אַריין אין תפיסה־קאַמער און אָנגעזאָגט דעם רבי'ן די בשורה, אַז ער איז פריי, האָט עס אויף דעם הייליגען ריזשינער קיין בע־זונדערס שטאַרקען איינדרוק נישט געמאַכט. ער האָט געהאַלטען גראָד ביים

תהלים זאָגען, ביים קאַפּיטעל „אשרי תמימי דרך" און אויסרופּענדיג דעם פּסוק „שרים רדפוני חנם". — האָט ער עס אַזוי אויסגעטייטש:

— שרים רדפוני — דאָס וואָס די שרים פון די אומות העולם רודפ'ן מיך — חנם, — דאָס איז גאָרנישט, אומזיסט. איך וואָלט מיך דער פון פשוט אויסגעלאַכט. נאָר ומדברך — טאָמער הייסט די, רבונו של עולם, אַז מען זאָל מיך רודפ'ן און עס איז אַלץ אויף דיין הייליגען בעפעהל, אָה, פאַר דעם „פחד לבי". שרעקט זיך מיין האַרץ.

אָבער נאָך אַ קורצער הפסקה, האָט דער רבי צוגעגעבען:

— צוריקגעשמועסט, אַז ס'איז באמת דיין הייליגער רצון, איז עס מיר אויך ליב, און איך נעהם אַלץ אויף מיט שמחה, אפילו די בעפרייאונג...

די דאָזיגע ווערטער, וואָס דער רבי האָט אויסגעדרוקט בעת ער האָט בעקומען די בשורה, אַז ער איז פריי, האָבען די מקורבים זיינע גאָר שטאַרק בעאונרוהיגט. מען האָט דערין געזעהען אַ בעוויז, אַז דער רבי האַלט נאָך כלל נישט דעם ענין פאַר ערלעדיגט, נאָר ער האַלט די בע-פרייאונג פאַר אַ צייטווייליגע. בעזונדערס האָט זיך צווישען עולם פער-שטאַרקט די דאָזיגע השערה, ווען דער רבי איז שוין געווען אויף דער פריי האָט ער אויסגעדריקט זיין ווילען אויף אַ ווייל צוריקצוקעהרען נאָ-כאַמאָל אין תפיסה, בעמערקענדיג דערביי מיט אַ שמייכעל: די וועלט, דאָרט וואו מען איז איינמאָל, מוז מען זיין נאָכאַמאָל. נו. וויל איך איצטער שוין יוצא זיין אויך פאַר'ן צווייטען מאָל...

פון תפיסה איז דער רבי אָבגעפאָהרען קיין קיעוו, וואו עס איז פאַר-געקומען אַ גרויסע אַסיפה. אין וועלכען עס האָבען אַנטייל גענומען די שענסטע ריזשינער חסידים, כדי צו בעטראַכטען, וואו דער רבי זאָל פאָהרען און איינאָרדנען זיך.

אויף דער אַסיפה האָט געהערשט אַן ערנסטע שטימונג. אַלע האָבען זיך געשראָקען, אַז עס זאָל זיך נישט ענדערען די לאַגע. מען האָט גע-וואוסט, אַז די משכילים און די מוסרים וועלען נישט רוהען. וועלען אויסגעפונען נייע בלבולים און נייע מסירות, ווי אַזוי דעם רבי'ן דאָס לע-בען צו פערביטערען און צו רודפ'ן איהם. דעריבער האָבען די דאָזיגע מקורבים געהאַלטען, אַז דאָס גלייכסטע וואָלט געווען, אַז דער רבי זאָל לחלוטין פערלאָזען ריזשין און קיינמאָל מעהר זיך דאָרט נישט צוריקקעה-רען. אַלס אָרט וואו דער רבי זאָל זיך פון איצט אָן בעזעצען האָט מען אָנגעוויזען ק ע ש ע נ י ע וו, וואו די דאָרטיגע חסידים האָבען ערקלערט זייער גרייטקייט איינצואָרדנען אַ רבישען הויף אויפ'ן ריזשינער שטייגער.

פון דער אַנדערער זייט האָט מען אָבער אָנגעוויזען, אַז עס וואָלט בעוועזען אַ פּעוזער פערברעך איבערצולאָזען אויף הפקר אַזאַ פּרעכטיגען הויף, ווי דעם ריזשינערס. עס האָט פשוט וועה געטוהן דאָס האַרץ בלויז

צן, טראַכטען דערפון. אַ קליינינקייט, ווי פיעל געלד און מיה מען האָט עס אַ ריינגעלעגט אין דעם ריזשינער הויף, זאָל מען עס איצטער אַלץ מיט אַנ־אַנדער איבערלאָזען און אָנהויבען פון דאָס ניי!...

ענדליך האָט מען בעשלאָסען צו פרעגען די עצה פון רבין גופא און ווי אַזוי ער וועט מכריע זיין אַזוי וועט עס בלייבען.

און צו אַלעמענס שטוינונג האָט דער רבי מסכים געווען צו דער מיי־נונג גלייך צו פערלאָזען ריזשין און איבערצוטראָגען זיך קיין קעשענאָוו...

נישט לאַנג האָט עס געדויערט און עס האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז די מיינונג איז געווען אַ ריכטיגע. שווער פעסטצושטעלען, וואָס אַזעלכעס עס האָט געווידקט אויפ׳ן קיעווער גובערנאַטאָר גראַף באַריקאָוו, ער זאָל ענ־דערען זיין פריהערדיגען בעשלוס. אפשר איז עס געווען אַ בעפעהל פון פעטערבורג — גענוג צו זאָגען, אַז גראַף באַריקאָוו איז פערזענליך אָבגע־פאָהרען קיין פעטערבורג צו ווירקען, אַז דער רבי זאָל בעקומען אַ „פאָ־סעלעגיע״ קיין סיביר.

ווי אַזוי מען האָט מודיע געווען דעם רבי׳ן וועלכער האָט זיך נאָר־וואָס געהאַט בעזעצט אין קעשענעוו וועגען דער נייער שרעקליכער גזירה, וואָס שוועבט איבער איהם, — דערצעהלט דער גרויסער צדיק ר׳ משה׳לע קאָברינער זצ״ל פאָלגענדע פלידיגע געשיכטע.

„אמונות צדיקים קען מען אַמ׳בולטסטען געפינען ביי די חסידים פון ר׳ ישראל׳טשע ריזשינער. זיינע חסידים זענען תמיד מוכן ומזומן צו האָבען פאַר׳ן רבי׳ן אמת׳דיגע מסירות נפש, נישט נאָר ביים לעבען נאָר אויך נאָכ׳ן טויט, און בעוויזען האָט עס אַ חסיד פון ליטאַ, וועלכער איז בעקאַנט געווען מיט׳ן נאָמען ר׳ ליב ליטוואַק.

בעת דער ריזשינער איז אַרויס פון תפיסה, מחמת מען האָט נישט געקענט געפינען קיין יסוד, וואָס זאָל ערמעגליכען צו האַלטען איהם לענ־גער אין תפיסה, האָט דער קיעווער גובערנאַטאָר, אַ רשע מרושע, פאָרגע־לעגט אַ פראָיעקט פאַר׳ן צאַר ניקאָלאי, וועלכער האָט יודען פיינד געהאַט תכלית שנאה, אַז כדי ר׳ ישראל׳טשע זאָל מעהר נישט אומשטאַנד זיין צו פערבלייבען דער יודישער אונגעקרוינטער קעניג, איז דער בעסטער וועג, מען זאָל איהם פערשיקען קיין סיביר און דערביי זאָל מען בעפעהלען, אַז מעהר ווי 10 מענשען, וואָס זענען איהם נויטיג צו אַ מנין, טאָרען מיט איהם נישט זיין.

צווישען די ריזשינער חסידים איז פאַרהאַן אַ קבלה, אַז אויך אין הימעל האָט מען שוין נעהאַט מסכים געווען צו דער דאָזיגער גזירה און מען האָט זאָגאַר מכריז געווען: ווער עס וועט מוסר זיין דעם סוד צו ר׳ ישראלטשע ריזשינער, וועט מען איהם בעשטראָפען מיט שיתין פולסי דנורא (זעכציג פייערדיגע ריטער).

דערפון האָט זיך דערוואוסט אַ ריזשינער חסיד, וועלכער איז שוין מכּמה יאָהרען געווען אויפ'ן עולם האמת און ער האָט אויף זיך מקבל גע-ווען דעם עונש, אַבי מציל צו זיין דעם רבי'ן זיינעם פון ביטערען גלות, וייענדיג זיכער, אַז קוים וועט דער רבי זיך דערוויסען, וועט ער שוין מסתּמא געפינען אַן עצה ווי אַזוי מבטל צו זיין די גזרה, כאָטש די גזרה איז שוין כתוב וחתום...

און אַזוי איז טאַקי געשעהן. מען ווייסט נישט צו בחלום, צו אפשר גאָר בהקיץ, — ר' לייב ליטוואַק איז געקומען צו זיין רבי'ן און איהם מגלה געווען די גזרה מן השמים...

דערויף האָט איהם דער ריזשינער געענטפערט:

— קודם כל קומט דיר אַ יישר כּח פאַר דיין אמת'ער מסירת-נפש, איך וועל עס דיר קיינמאָל נישט פערגעסען. איצט געה אַרויף אין מיין שליחות צו דער מתיבתּא דרקיעא און זאָג זיי, אַז עס וועט לחלוטין נישט זיין אַזוי ווי זיי ווילען, נאָר אַזוי ווי א י ך וויל...

באַלד האָט אויך דעם רבינ'ס מחותּן, האַלפּערן פון בערדיטשעוו, זיך דערוואוסט פון דער דאָזיגער געהיימער ידיעה און מיט אַ שליח מיוחד געשיקט דעם רבי'ן קיין קעשענעוו איהם מודיע זיין. אָבער דער רבי האָט שוין דערפון געוואוסט און לויבענדיג דעם בורא דערפאַר, וואָס ער איז בעצייטענס אַוועק פון קיעווער גובערניע קיין קעשענעוו, האָט ער בעשלאָ-סען, אַז עס איז געקומען די צייט צו אַנטלויפען אינגאַנצען פון רוסלאַנד. צו פערלאָזען אויף אייביג דאָס דאָזיגע לאַנד.

ענדליך האָט דער רבי בעשלאָסען צו בעזעצען זיך אין דער הויפּט-שטאָט פון מאָלדאַווי, אין י אַ ס י, וואָס געהערט צו רומעניען.

דאָס איז געווען נאָך די ימים-טובים פון יאָהר תר"ב. מיט גרויס פּראַטעקציע און פאַר שווער געלד האָט דער קיעווער גובערנאַטאָר קאָקאָוו-צער אַרויסגעגעבן דעם רבי'ן אַ רייזע-פּאַס קיין רומעניען, נאָכדעם ווי צוויי אָנגעזעהענע בעלי-בתים האָבן מיט זייערע פערמעגנס געהאַפטעט, אַז נאָך אַ קורצער צייט וועט ער צוריקקומען קיין רוסלאַנד.

ווי נאָר די רוסישע רעגירונג האָט זיך דערוואוסט, אַז דער ריזשי-נער איז אַרויס פון רוסלאַנד און בעזעצט זיך אין יאַסי, האָט זיך אָנגעהוי-בען פיהרען אונטערהאַנדלונגען צווישען דער רעגירונג פון רוסלאַנד און רומעניען וועגען אַרויסגעבען דעם רוסישען בירגער ישראל פרידמאַן, וועל-כען די רוסישע רעגירונג זוכט פאַר אַ פערברעכער וואָס ער איז דאָרט בע-גאַנגען.

די אונטערהאַנדלונגען האָבען זיך געפיהרט דריי חדשים צייט. במשך ער דאָזיגער צייט האָבען די יאַסער חסידים געאַרבייט מעשים, אַז דיאָ לדומענישע רעגירונג זאָל נישט מסכים זיין אַרויסצוגעבען דעם גרויסען „פּ-ריטישען פערברעכער". אָבער היות ווי רומעניען איז אין אַ גרויסער מאָס

געווען אָבהענגיג פון רוסלאַנד, וועמען זי האָט געהאַט צו פערדאַנקען איהר פרייהייט און אָבהענגיגקייט, האָט די רומענישע מאַכט מעהר קיין עצה נישט געהאַט און געמוזט מסכים זיין איבערצוגעבען דעם ריזשינער אין די הענד פון דער רוסישער פאָליציי.

די דאָזיגע שרעקליכע בשורה, איז דעם רבי'ן איבערגעגעבען געוואָרען מאָנטאָג פ' בא פון יאָהר תר"ב.

באַלד איז אָבגעהאַלטען געוואָרען אַנ'אסיפה און עס איז בעשלאָסען געוואָרען, אַז נאָך אין דער זעלבער נאַכט זאָל דער רבי פערלאָזען דער שטאָדט יאַסי און אַריבערשוואַרצען זיך די עסטרייכישע גרעניץ...

דאָס דאָזיגע געפעהרליכע שטיקעל אַרבייט, ביי וועלכען דער ריזשינער האָט ממש געשפּילט מיט'ן לעבען, האָט אויסגעפיהרט א גרויסער גביר פון שאָץ (בוקאָווינא) מיט'ן נאָמען נתן שמעון, וועלכער האָט געפיהרט גרויסע מסחרים צווישען רומעניען און עסטרייך און איהם איז עס געלונגען אין דער פראַסטיגער ווינטער-נאַכט בשלום אַריבערצובריינגען דעם ריזשינער אויף דער עסטרייכישער טעריטאָריע.

יד

בעקריפט זיך עולם הבא

אין פאָריגען קאַפּיטעל האָבען מיר שוין דערצעהלט, וועגען אַ געוויסען שאָצער יוד, מיט'ן נאָמען נתן שמעון, וועלכער האָט אין אַ פראָסטיגער ווינטער-נאַכט איבערגעפיהרט דער הייליגער ריזשינער פון רומעניע קיין עסטרייך. אָבער ווי אַזוי האָט זיך עס גראָד דער דאָזיגער נתן שמעון דערנומען אין דער דאָזיגער נאַכט, און פאַרוואָס האָט ער גראָד די דאָזיגע געפעהרליכע אַרבייט אויסגעפיהרט?

דערצעהלען חסידים אַ וואונדערבאַרען מופת פון רבי ר' מאיר'ל פרעמישלאַנער זצ"ל וועלכער האָט אין דעם ענין געהאַט אַ גאָר גרויסען חלק.

ווי שוין געזאָגט איז דער דערמאָהנטער נתן שמעון געווען אַ גרויסער און רייכער סוחר, וואָס האָט געפיהרט גרויסע מסחרים אויף דער גרעניץ צווישען רומעניען און עסטרייך. גאַנצע חדשים פלעגט ער אָבזיצען אין יאַסי, אין גאַלאַץ, אָדער אין טשערנאָוויץ, זייענדיג צוליב דעם אויסגעקאָכט מיט דער נאַטשעלסטווע פוןביידע מדינות.

קיין גרויסער ירא שמים איז ער נישט געווען. נישט תמיד פלעגט ער נזהר זיין אין מאכלות אסורות און בכלל האָט ער אַזוי שטאַרק נישט מדקדק געווען אין יודישקייט, ווער שמועסט נאָך פון אַ גוטען יודען, האָט ער אוודאי נישט געהאַלטען. אדרבה ער מיט זיינע געשעפטס-פריינד פלע-

גען נאָך פון זיי גאָר שטאַרק אָפּלאַכען און חוזק מאַכען, ווי נאָר זיי זענען זיך צונויפגעקומען אין אַ פרייער צייט.

דאַגעגען די פרוי זיינע, רחל איז געווען איהר נאָמען, איז געווען זעהר אַ פרומע און ג—טס־פאָרכטיגע יודישע טאָכטער, און פונקט ווי איהר פאָטער, אַ פרעמישלאַנער חסיד, פלעגט זי אָפט פאָהרען צום רבי׳ן ר׳ מאיר׳ל און אויסגיסען פאַר איהם איהר ביטער הארץ, מחמת זי איז געווען אַנ־עקרה, זי האָט קיין קינדער נישט געהאַט.

נאַטירליך האָט דער מאַן איהרער קיינמאָל איהר נישט געלאָזט פאָה־רען קיין פרעמישלאַן, אָבער ווי נאָר דער מאַן איז אַוועקגעפאָהרען קיין רומעניען, פלעגט זי גלייך לאָזען איינשפּאַנען איהר פערד און בריטשקע און אָבפאָהרען צום הייליגען פרעמישלאַנער בעטען אַ ישועה.

ר׳ מאיר׳ל פלעגט איהר אָבער קיינמאָל נישט צוזאָגען, סיידען זי זאָל ברענגען מיט זיך איהר מאַן. אַנדערש זעהט ער נישט פאַר איהר קיין עצה.

אָבער לייכט צו זאָגען ברענגען דעם מאַן, אַז ער איז אינגאַנצען אַ פרייגעזאָנענער, האַלט נישט פון קיין רביים און רעדט אויס אויף זיי אסור לדבר...

פלעגט שטענדיג נתן שמעון׳ס ווייב אַהיימפאָהרען פון פרעמישלאַן מיט אַ ביטער געמיט, בעטראַכטענדיג זיך פאַר די אומגליקליכסטע בעשע־פעניש אויף דער וועלט.

אָבער פערצווייפעלט האָט זי נישט און זי האָט נישט אויפגעהערט ווייטער צו פאָהרען קיין פרעמישלאַן, אפשר וועט זיך פאָרט מאַכען אַנ׳־עת רצון.

אין זומער פון יאָהר ת״ר ווען די פרוי איז ווידער אַמאָל גע־קומען קיין פרעמישלאַן, האָט זיך צו איהר דער רבי אָנגערופען:

— פאָהר אַהיים, און גלייך ווי דיין מאַן וועט אַהיימקומען פון גאַ־לאַץ, וואו ער געפינט זיך איצט זאָלסטו איהם זאָגען, אַז מאיר׳ל פון פרעמישלאַן האָט בעפוילען, דאָס ער זאָל תיכף קומען צו פאָהרען קיין פרעמישלאַן, און אַ סימן זאָלסטו איהם געבען, אַז פאַראַכטאָגען דאָנערשטאָג ל״ג בעומר איז ער געזעסען אין גאַלאַץ אין אַ גויאישע וויין־שענק צוזאַמען מיט זיינע גוטער ברידער און מען האָט דווקא געמאַכט פון מאירל פרע־מישלאַנער...

און ווען ער וועט דערהערען דעם דאָזיגען סימן מובהק, וועט ער שוין זיכער קומען צוזאַמען מיט דיר קיין פרעמישלאַן און דאַן זאָג איך דיר צו אַז דו וועסט געהאָלפען ווערען.

אַ האָפנונגס־פולע איז די פרוי אַהיימגעפאָהרען פון פרעמישלאַן און מיט אונגעדולד געוואַרט אויפן אָנקומען פון איהר מאַן.

גלייך ווי נתן שמעון איז אַהיימגעקומען פון גאַלאַץ האָט איהם די־

פרוי ווידעראַמאָל געבעטען ער זאָל פאָהרען קיין פרעמישלאַן. אָבער ווי תּמיד האָט ער זיך אויך דאָס מאָל אויסגעלאַכט פון איהר פאָדערונג, דאַן האָט זי איהם איבערגעגעבען דעם סימן וואָס דער רבי האָט איהר געהייסען זאָגען.

נתן שמעון איז געוואָרען נבהל ונשתּומם פון דעם דאָזיגען וואָרט-צייכען. דער ענין האָט זיך אָנגעהויבען איינצובירגערן אין זיין מח. איז ער דאָך אַ רבי דער פרעמישלאַנער, — האָט ער צו זיך גערעדט, ווען ער האָט דערפיהלט, און ער ווייסט וואָס עס איז פאָרגעקומען מיט אַ הונ-דערט מייל ווייטער. און סוף כּל סוף האָט ער בעשלאָסען אַמאָל אויף אַ נאָווינע צו פאָהרען קיין פרעמישלאַן און אַ שמועס צו טהון מיטן רבין ר׳ מאיר׳ל.

היות אָבער ער האָט זיך געשעמט פאַר זיינע חברים צו דערצעהלען אַז ער פאָהרט קיין פרעמישלאַן, האָט ער זיי דערצעהלט, אַז ער פאָהרט געשעפטליך קיין לעמבערג, און פון לעמבערג קיין פרעמישלאַן איז אינגאַנ-צען אַ פּאָר מייל, שפּילט נישט קיין ראָלע זיך אַריבערצוכאַפּען.

אַריינקומענדיג צום רבין האָט איהם ר׳ מאירל געגעבען שלום פרע-גענדיג דערביי: פון וואַנען איז אַ יוד?

— איך בין פון שאַץ אין בוקאָווינע, מיין נאָמען איז נתן שמעון בן רבקה רייזעל.

— צי וואָס זשע זענט איהר געקומען אַהער?

— איך בין געקומען צום רבין מיט אַ בקשה אַז מיין ווייב זאָל גע-האָלפען ווערען מיט קינדער. דערביי האָט ער אַנידערגעלעגט אויפן טיש אַ קוויטעל מיט אַ היבשען פּדיון.

— זאָגט נישט קיין ליגענד, מיין ליבער יוד — האָט דער צדיק אויסגערופען — איהר זענט דאָך געפאָהרען גאָר קיין לעמבערג און נישט קיין פרעמישלאַן, מאירל וויל אָבער איהר זאָלט דינגען אַ פוהרעל און גלייך קומען קיין פרעמישלאַן, אַז מען פאָהרט צום רבין דאַרף מען זיך נישט שעהמען דערמיט. געפאָהרען אָדער נישט געפאָהרען. פאָהרט זשע זייט מוחל צוריק אַהיים און קומט אַהער אַ צווייט מאָל.

נתן שמעון איז נאָכמעהר נתפּעל געוואָרען פון רבינ׳ס אָפענבאַרען רוח הקודש, און בעשלאָסען טאַקי צו פאָלגען דעם רבין און צו קומען קיין פרעמישלאַן אַ צווייט מאָל.

אָבער ווי נאָר ער איז אַהיימגעקומען האָבען איהם זיינע גרויסע עסקים פערשלעפּט קיין רומעניען און ווידער איז אַוועק עטליכע חדשים.

קומענדיג דאָס מאָל אַהיים פון וועג אויף שבת נחמו, האָט דאָס ווייב מעהר נישט בעדאַרפען מיט איהם אַרבייטען, דאָס ער זאָל פאָהרען קיין פרעמישלאַן ווייל ער האָט איהר גלייך מודיע געווען אַז אויף דעם קומ-ענדען שבת פאָהרט ער קיין פרעמישלאַן.

דאָס מאָל האָט איהם ר' מאירל זעהר פיין אויפגענומען, אויפגערופען צום ספר האָט ער איהם במקום כהן און דערבײַ צוויי מאָל איהם פאַר-געלייענט דעם פסוק ולא יהי' בך עקר ועקרה.

ביים מי שברך האָט נתן שמעון געוואָלט מנדר זיין א היבשע סומע געלד, אָבער דער רבי, וועלכער האָט אַליין געמאַכט דעם מי שברך האָט זיך צו איהם גאַרנישט אומגעקוקט און אויסגערופען: בעבור שנדר לעזור לישראל (ווייל ער איז מנדר צו העלפען ישראל'ן...)

נאָכן מי שברך האָט ער זיך געווענדעט צו נתן שמעון'ען און אויס-גערופען:

— ווייסטו וואָס ישראל איז דער טייטש? — ישראל מיינט מען א יוד, אַן'אמת'ן יוד, אויף וועלכען עס איז געזאָגט געוואָרען, כי שרית עם אלקים ועם אנשים ותוכל — דאָס מיינט מען א יוד, וואָס האָט מלחמה געהאַלטען מיט דער פמליא של מעלה און מיט דער פמליא של מטה און ער איז זיי אַלע בייגעקומען. דעם יוד מוזטו העלפען ווען די צייט וועט קומען, אפילו ווען עס וועט האַלטען ביי סכנות נפשות, און אַז דו וועסט אויף זיך מקבל זיין דעם דאָזיגען יוד צו העלפען, זאָג איך דיר צו, אַז דו וועסט נאָך פאַראויס געהאָלפען ווערען מיט א בן-זכר.

דאָס איז פאָרגעקומען מיט א יאָהר פריהער, איידער דער הייליגער ריזשינער האָט זיך געפונען אין דער לאַגע אַריבערצושוואַרצען זיך פון רומעניען קיין עסטרייך. נאַטירליך איז איבריג צו זאָגען, אַז דעם פרעמיש-לאַנער ברכה איז מקוים געוואָרען און אויך נתן שמעון האָט גוט געדענקט זיין נדר.

אין דער זעלבער נאַכט, ווען דער ריזשינער איז געקומען צו דער עסטרייכישער גרעניץ, האָט גראַד געוויילט אויך דאָרט אונזער נתן שמעון צוליב זיינע עסקים. ווי נאָר ער האָט זיך דערוואוסט, אַז דער גרויסער רבי ר' ישראל'טשע פון ריזשין געפינט זיך אין א גרויסער סכנה האָט ער זיך דערמאָהנט אין יענעם שמועס און אין דעם נדר. דאָס הארץ האָט איהם אָנגעהויבען העפטיגער קלאַפען און ער האָט באַלד אָנגעהויבען פיה-לען, אַז אָט דעם ישראל האָט ער מיט א יאָהר צוריק א נדר געטהון צו העלפען אין אַן'עת צרה.

נתן שמעון האָט זיך גלייך געווענדעט צום ריזשינער און ערקלערט זיין גרייטקייט איהם אַריבערצופיהרען די גרעניץ.

צווישען עסטרייך און רומעניען האָט געפלאָסען א שמאָלער טייך און אָט האָט נתן שמעון בעשלאָסען אין דער פראָסטיגער נאַכט צו נעהמען אויף די פלייצעס דעם הייליגען ריזשינער און איהם איבערן אייז אַריבער-טראָגען אויף יענער זייט.

די סכנה איז ווירקליך געווען גרויס איבערן וואַסער האָט זיך נאָר וואָס געהאַט פערשפרייט א דינע אייז-שיכט, אָבער נתן שמעון איז געווען

זיכער, דאָס אין זכות פון הייליגען ריזשינער און אין זכות פון דעם רבין ר׳ מאירל פרעמישלאַנער, וועט זיי ביידען קיין שלעכטס נישט געשעהען.

און נתן שמעון איז געקומען צום ריזשינער און פאָרגעשטעלט איהם דעם פּלאַן, ווי אַזוי ער מיינט איהם אַריבערצוטראָגען דער גרעניץ. האָט דער ריזשינער גלייך דערצו מסכים געווען, און אַרום 12 נאָך האַלבע־נאַכט האָט זיך אָנגעהויבען די געפעהרליכע עקספּעדיציע.

דאָס אייז האָט שווער געקרעכצט אונטער נתן שמעונ׳ס פיס. דער רייכער סוחר, וועלכער איז געוואוינט צו פאָהרען אין אַנ׳אייגענעם עקיפּאַזש האָט איצטער איינגעשטעלט זיין לעבען אין אַ סכנה און אויף זיינע פּלייצעס געטראָגען דעם הייליגען ריזשינער.

קומענדיג אין מיטען טייך, האָט זיך נתן שמעון פּלוצלינג אָבגעשטעלט ער געהט נישט ווייטער. דער ריזשינער האָט זיך שטאַרק דערשראָקען און אויסגערופען:

— וואָס איז געשעהען?

— עס איז גאָרנישט געשעהען, הייליגער רבי, אָבער עס איז געקומען די צייט, וואָס איך זאָל מיר אויף איינמאָל קויפען עולם הבא. איהר זאָלט וויסען רבי, אַז איך האָב אויף מיין לעבען, זעהר אַ סך שווערע עברות געטהון, און איך ווייס אויף בעשטימט אַז איך וועל נאָכן טויט געהן אין גיהנם אַריין, אָבער איצטער וויל איך פון אייך, דאָס איהר זאָלט מיר צוזאָגען עולם הבא אויב נישט געהען מיר נישט ווייטער.

דער ריזשינער האָט גלייך דערצו מסכים געווען אויסרופענדיג דערביי: איך האָב הנאה, אַז אַ יוד האָט שכל אויף צו אַזאַ זאַך.

אַריבערקומענדיג אויף דער עסטרייכישער זייט, האָט נתן שמעון געדינגען אַ שליטען קיין קימפּעלינג, דאָס ערשטע גרעסערע שטעטדטעל ביי דער גרעניץ. דאָרט האָט זיך דער ריזשינער אויפגעהאַלטען אין אַנ׳אכסניא און מיט דעם זעלבען שליטען איז נתן שמעון געפאָהרען קיין קאָסוב, צום רבין ר׳ חיים׳ל, אָנזאָגען איהם די גוטע בשורה, אַז דער הייליגער ריזשינער געפינט זיך שוין בשלום אויף דער עסטרייכישער זייט.

און חסידים דערצעהלען:

דאָס שטרעבען פון הייליגען ריזשינער זצ״ל איז געווען צוריקצוקעהרען דאָס גלאַנץ פון ריש־גליתא ווי אין בבל. דערפאַר האָט ער אָנגעהויבען פיהרען זיין מלכות׳דיגען שטאַט, און זאָגאַר געטראָגען אַ היט אויסגענעהט מיט גאָלד אויפן קאָפּ. ווען עס האָבען זיך אָבער אָנגעהויבען געגען איהם די רדיפות און ער איז גענצווינגען געווען צוליב דעם צו אַנטלויפען קיין עסטרייך, האָט ער קומענדיג אויף דער צווייטער זייט גרענץ אַראָבגענומען דעם בעגילדעטען היט, אַריינגעלאָזט דערין דריי טרעהרען און מעהר דעם היט נישט אָנגעטהון...

טו

קיין סאדאגורע

אויף צו מאָרגענס נאָך דעם ריזשינערס אַנטלויפֿען פֿון רומעניען קיין עסטרייך, האָט די רומענישע זשאַנדאַמעריע געשיקט איהרע שליחים אין דער וואוינונג פֿון ר׳ ישראל׳טשע ריזשינער אין יאַסי, דעם דאָזיגען „געפעהרליכען פערברעכער" צו נעהמען תּפוס און מיט׳ן עטאַפּ אָבצושיקען איהם קיין רוסלאַנד, פֿונוואַנען ער איז אַנטלאָפֿען.

ווי ערשטוינט זענען אָבער די רומענישע זשאַנדאַרמען געבליבען, ווען זיי האָבען געפֿונען דעם רבי׳נס דירה אַ פערשלאָסענע, אַ לעדיגע, נישט געווען אין איהר קיין לעבעדיגער נפש. דער רוסישער אָפיציר, וועלכער איז ספּעציעל קאָמאַנדירט געוואָרען קיין יאַסי, כּדי איבערצופיהרען קיין רוסלאַנד דעם אַנטלאָפענעם ישראל פרידמאַן, האָט פערבראָכען די הענד. ער האָט שוין פערשטאַנען, אַז עס וואַרט אויף איהם אַ ביטערער פּסק.

און ווירקליך איז די רוסישע רעגירונג געוואָרען אויסער זיך פֿאַר כּעס און אויפרעגונג, דערוויסענדיג זיך אַז פרידמאַנען איז געלונגען צו אַנטלויפען. אַלע בעאַמטע, וועלכע האָבען דערלאָזט צום אַנטלויפען פֿון ריזשינער, פֿון גובערנאַטאָר ביז׳ן נידעריגסטען זשאַנדאַרם זענען געשטעלט געוואָרען „פֿאַר סוד", אַ חוץ דעם האָט דער קיעווער גובערנאַטאָר, אַרויסגעגעבען אַ בעפעהל צוריקצוברענגען דעם אַנטלאָפענעם „מורד במלכות" אַ לעבעדיגען אָדער חלילה אַ טויטען"...

דערווייל איז דער הייליגער ריזשינער אָבגעפאָהרען פֿון קימפּעלינג וואו ר׳האָט זיך צייטווייליג אויפגעהאַלטען, קיין קאָסאָוו, צו זיין מחותּן, דעם קאָסאָווער רבּי ר׳ חיים׳ל, דאָרט האָט דער ריזשינער פערבראַכט עטליכע וואָכען צייט אין דער גרעסטער געהיימניס, און דאָרט זענען אויך פֿאָרגעקומען אסיפות פֿון די ריזשינער חסידים, ווי אַזוי איינצוואָרדנען דעם ריזשינער.

דערוויל איז אויך די רוסישע רעגירונג געוואָהר געוואָרען — דאָס דער ריזשינער געפינט זיך אין קאָסאָוו, דאָס איז פֿאַר רוסלאַנד געווען זעהר אַ וויכטיגע ענטדעקונג ווייל פּונקט ווי מיט רומעניען, אַזוי האָט אויך די רוסישע רעגירונג געהאַט אַנ׳אָבמאַך מיט עסטרייך וועגען אַרויסגעבען איינער דעם אַנדערען אַנטלאָפענע אַרעסטאַנטען.

עס האָט זיך דעריבער אָנגעהויבען אונטערהאַנדלונגען צווישען דער

רוסישער רעגירונג און דער בוקאָווינער שטאַט־האַלטעריי אין טשערנאָוויץ, וועגן אַרויסגעבען דעם „אַנטלאָפּענעם".

די אונטערהאַנדלונגען זענען אָבער צוגעגאַנגען גאַנץ שווערליך. נאַ־טירליך האָבען די חסידישע מאַגנאַטען נישט גערוהט, געטהון וואָס מען דאַרף, אַז מען זאָל אַזוי גיך אין דער שטאַט־האַלטעריי נישט מסכים זיין וועגן אַרויסגעבען דעם „געפעהרליכען פערברעכער".

האָט דעריבער די רוסישע מאַכט גענומען אַנווענדען רעפּרעסיעס לגבי דעם ריזשינערס פאַמיליע, וואָס האָט נאָך אַלץ געוואוינט אין קישינעוו. קודם כל איז אַ שטרענגע פּאָליציי־וואַך אַרומגעשטעלט געוואָרען אַרום דעם הויז, וואו דעם ריזשינערס פאַמיליע האָט געוואוינט. טאָג און נאַכט האָט אַ פּאָליציי וואַך אָבגעהיט די „רעוואָלוציאָנערע נעסט", וואו עס האָבען גע־וואוינט די פרוי און קינדער פון הייליגען ריזשינער. דאַן האָט דער גובער־נאַטאָר געלאָזט צו זיך רופען דעם ריזשינערס עלטסטען זוהן ר' שלום יוסף'ניו, און איהם איבערגעגעבען אַנ'אולטימאַטום: אָדער איהר ברענגט צוריק אייער פאָטער, ווען נישט ווערט איהר מיט אייער מוטער און די איבעריגע קינדער פערשיקט ווערען קיין סיביר.

— מיר זענען ביי ג—ט אין דער האַנד, האָט דעם ריזשינערס זוהן געענטפערט, און איהר קענט מיט אונז טהון וואָס איהר ווילט, איברי־גענס, ווייסען מיר כלל נישט וואו אונזער פאָטער געפינט זיך.

— דאָס ווייסען מיר גראָד יאָ — האָט דער גובע־נאַטאָר, מלא כעס אויסגערופען, ער געפינט זיך אין קאָסאָוו, און איך פאָדער אייך אויף, דאָס איהר זאָלט תיכף שרייבען אַ בריעף צו אייער פאָטער, אין וועלכען איהר זאָלט איהם וואָרענען דאָס אויב ער וועט גלייך נישט צוריקקומען קיין רוסלאַנד, מאַכט ער אומגליקליך אויף אייביג זיין פרוי און קינדער.

ר' שלום יוסף'ניו האָט אין דעם גובערנאַטאָרס קאַנצעלאַריע דעם בריעף אָנגעשריבען און גלייך האָט דער גובערנאַטאָר דעם בריעף מיט אַ שליח מיוחד אָבגעשיקט קיין קאָסאָוו.

די סכנה איז ווירקליך געווען גרוס. מען האָט דאָך פערשטאַנען, אַז קוים וועט דער ריזשינער פאָלגען דעם בעפעהל פון גובערנאַטאָר און צו־ריקקומען קיין רוסלאַנד, איז ער חס ושלום אַ פערלוירענער אויף אייביג. אָבער פון דער אַנדערער זייט האָט מען דאָך געוואוסט פון דער געטריי־שאַפט און איבערגעגעבענהייט פון ריזשינער צו זיין פאַמיליע און מען האָט זיך ווירקליך געשראָקען, דאָס אויב דער ריזשינער וועט דערהאַלטען דעם טרויעריגען התראה בריעף פון זיין עלטסטען זוהן וועט ער גלייך צוריק־קומען.

די רביצין האָט דעריבער תיכף ומיד אָבגעשריבען אַ צווייטען בריעף צו איהר מאַן. מיר זענען אומשטאַנד איבערצוגעבען דעם דאָזיגען בריעף אין דער אייגענאַרטיגער שפּראַך און דעם סטיל פון דער ריזשינער רביצין.

„זאָלסט וויסען — שרייבט די רביצין אין איהר בריעף — אַז מען האָט אונז אַרומגעשטעלט מיט באַרניקעס (פּאָליציי) און דער גובערנאַטאָר האָט געשיקט רופען בני שלום און ער האָט איהם געזאָגט, אַז דו וועסט נישט אַהיימקומען, וועט ער אונז ח"ו פערשיקען און ער האָט אונז געהייסען שרייבען אַ בריעף צו דיר, דו זאָלסט אַנדערש נישט טהוען נור קומען אַהיים. נור מיר זאָגען נישט קיין דעה, און אַז דו ווילסט נישט אַהיימקומען איז קיין אַנדערע בעוואָרעניש רק אל צרפת או אנגלי' (פראַנקרייך אָדער ענגלאַנד)".

אויף דעם דאָזיגען בריעף האָט מען געשיקט מיט אַ שליח מיוחד קיין קאָסוב און צום גליק האָט דער ריזשינער אין זעלבען טאָג דערהאַלטעןביידע בריעף.

עס פערשטעהט זיך, אַז פון צוריקקעהרען קיין רוסלאַנד האָט קיין רייד נישט געקענט זיין. מען האָט געוואוסט, אַז דער כעס פון גובערנאַטאָר און זיין דראָהונג צו פערשיקען די פאַמיליע פון ריזשינער קיין סיביר, האָט נישט קיין שום יסוד, אָבער סוף כל סוף איז די לאַגע געווען זעהר ערנסט און מען האָט נישט געוואוסט צו געבען זיך קיין עצה, סיידען, צו פאָלגען, ווי די רביצין שרייבט און אויסצוואַנדערען קיין פראַנקרייך אָדער קיין ענגלאַנד...

אָבער באַלד איז געקומען די ישועה פון אַ גאַנץ אַנדערער זייט, אַ ישועה, אויף וועלכער מען האָט זיך אַבסאָלוט נישט גערעכט.

נעבען טשערנאָוויץ געפונט זיך אַ קליין שטעדטעל מיט'ן נאָמען סאַדעגורע. דאָס שטעדטעל איז געווען זעהר אַנ'אָרימס און האָט אָנגעהערט צו אַ גראַף, מיט גרויסע אַמביציעס. ער האָט געשטרעבט צו פערוואַנדלען זיין שטעדטעל אַלס בעריהמט אָרט אין יענער פערוואָרפענער געגענד, אָבער ווי אַזוי אַז אפילו די אַרענדע פון די בראָנפען-פּראָפּאנאַציעס זענען זיינע אַרענדאַרען נישט בכח געווען צו צאָהלען.

דער דאָזיגער גראַף האָט געהערט, ווי פיעל שטעדטלעך זענען אויפגעריכט געוואָרען אַ דאַנק דעם וואָס עס האָט זיך דאָרט איינגעאָרדענט זיין רעזידענץ דער אָדער יענער וואונדער-רבי, איז דעריבער דעם דאָזיגען פריץ שטענדיג געלעגען אויפ'ן זינען איינצולאַדען צו זיך אין שטעדטעל עפּעס אַ בעקאַנטען חסידישען רבי'ן.

דער גראַף האָט זיך טאַקי דורך דער פערמיטלונג פון זיין הויף-יוד פון צייט צו צייט געוועדעט צו פערשידענע גוטע יודען, זיי זאָלען זיך אַריבערקלייבען צו איהם אין שטעדטעל, אָבער געוועהנליך האָבען זיי געענטפערט מיט אַנ'אָבזאָג.

אָבער ווי נור דער הויף-יוד האָט זיך דערוואוסט פון דעם ריזשינער'ס אַנטלויפען פון רוסלאַנד, איז ער גלייך אַריין צו זיין פריץ און איהם דערצעהלט, אַז עס איז געקומען די צייט, וואָס זיין וואונש וועט ערפילט ווע-

רען, דהיינו, עס איז געקומען פון רוסלאַנד איינער פון די גרעסטע וואונ־דער־רביים, וועמען די רוסישע רעגירונג רודפט אַזוי שטאַרק. דער דאָזיגער רבי האָט פיעל טויזענדער אָנהענגער און ווען ער וועט זיין רעזידענץ פערלייגען אין סאַדאַגור—וועט דאָס שטעדטעל מיטאַמאָל אויפגעריכט ווערען אויף אַנ'אמת און די פראָפּאַנאַציע וועט בעקומען די ווערט פון צעהן אָדער פופצעהן מאָהל אַזוי פיעל.

דער גראַף האָט זיך מיט אויפמערקזאַמקייט צוגעהערט צו די רייד פון זיין הויף־יוד און געגנוי זיך געלאָזט אינפאָרמירען וועגען דעם ריזשינער און די סיבות פון די רדיפות מצד דער רוסישער מאַכט געגען איהם. און נאָך אין דער זעלבער נאַכט איז אַ שליח מיוחד אָבגעפאָהרען קיין קאָסוב מיט די בריפליכע איינלאַדונג פון גראַף צום ריזשינער, צו בעזעצען זיך אין זיין שטעדטעל סאַדאגורע.

אין דעם בריעף שרייבט דער גראַף, דאָס ער איז אַ גרויסער חשוב ביים מלכות, און ער האָט נישט קיין מורא פאַר די פערפאָלגונגען פון די רוסען. אדרבה, ווי נור ער וועט אין דער שטאַטהאַלטעריי זאָגען זיין וואָרט, אַז מען זאָל איהם נישט אַרויסגעבען, וועט שוין אפילו דער רוסישער צאַר אַליין נישט פועל זיין. ער בעט רעריבער גלייך צו ערפילען זיין בקשה און צו קומען קיין סאַדאגורע.

דער דאָזיגער בריעף, וועלכער איז געקומען קיין קאָסוב אין אַ מאָ־מענט פון גרעסטער פערצווייפלונג, האָט מיטאַמאָל אַריינגעבראַכט גרויס אויפלעבונג אין קאָסובער הויף. די דאָזיגע אומגעריכטע ישועה האָט מען ממש בעטראַכט ווי אַ נס שלא כדרך הטבע. דער ריזשינער האָט, מיט דער הסכמה פון זיין מחותן דער קאָסאָווער רבי, גלייך ערקלערט גרייט אָבצו־פאָהרען קיין סאַדאגורע און נאָך אין דער זעלבער וואָך איז דער ריזשינער מיט עטליכע פערזאָן פון זיינע גאַליציש חסידים אָבגעפאָהרען אין דעם קליינעם בוקאָווינער שטעדטעל סאַדאגורע.

טז

שדה־בריע — שדה־טוב

פאַרוואָס האָט זיך דער סאַדאַגורער גראַף דער אייגענטימער פון שטעדטיל אַזוי פעראינטערעסירט מיט'ן ריזשינער רבין און פאָרגעלעגט איהם זיין שטעדטעל אַלס רעזידענץ?

כדי דאָס צו פערענטפערן, מוז מען ווידער אַמאָהל דערצעהלען אַ מופת פון הייליגען פרעמישלאַנער רבי ר' מאיר'ל, וועלכער האָט זיך אַזוי שטאַרק פעראינטערעסירט מיטן ריזשינער און געזאָרגט פאַר איהם.

ווי שוין דערצעהלט איז סאַדיגורע געווען אַ קליין אָרים בוקאָווינישׁ שטעדטעל, פון וועלכען מען האָט כמעט נישט געהערט. אין דאָזיגען שטע־דטעל איז געזעסען אַ יודישער פּראָפינאַטאָר, וואָס האָט געהאַט די בראָנ־פען פּראָפּאַנאַציע פון פריץ אין אָרענדע, פון די שטעדטעלשע יודען האָט ער קיין פּרנסה נישט געהאַט. זיין גאַנצע האָפנונג איז נאָר געווען אויף די מאַרק־טעג, ווען די פּויערים פון די נאָהנטסטע דערפער קומען זיך צונויף, ברענגען זייערע פּראָדוקטען צו פערקויפען אָדער קומען קויפען סחורות — אין אַזאַ טאָג וועט קיין שום גוטער פּויער נישט אָבפאָהרען פון יאריד אָהן באַ־נעצטע ליפּען, ער זאָל נישט זיין האַלב שיכור. און אָט אויף דעם חשבון האָט דער יודישער פּראָפּינאַטאָר גענומען אין אָרענדע די פּראָפּינאַציע.

אין די ערשטע צייטען איז טאַקי אַזוי געווען. פּויערים זענען פּיעל וועניג געקומען אין שטעדטעל אַריין און דער פּראָפּינאַטאָר האָט געהאַט פּרנסה. אָבער שפּעטער האָט זיך די לאַגע פערערגערט און דער פּראָפּינאַ־טאָר האָט אָנגעהויבען ליידען דחקות. דער באַראָן האָט נישט געוואָלט איהם פערקלענערען דעם אָבצאָהל, און דער יוד איז געשטאַנען פאַר אַ באַנקראָט עס האָט איהם געדראָהט צו פערלאָזען די פּראָפּינאַציע בעירום ובחוסר.

היות ווי דער נאָמען פון גרויסען ר׳ מאירל פּרעמישלאַנער איז אין יענע מקומות געווען שטאַרק מפורסם, אומעטום האָט מען זיך אָנדערצעהלט וואונדערליכע מעשיות פון זיין גדלות און פון זיין רוח הקודש, אַז ווער עס בעקומט אַ הבטחה פון הייליגען פּרעמישלאַנער איז אַ געהאָלפענער, האָט דער סאַדאַגורער פּראָפינאַטאָר קיין סך נישט געקלערט און אָבגעפאָה־רען קיין פּרעמישלאַן בעטען אַ ישועה.

דער וועג פון וייטען בוקאָווינישען שטעדטעל קיין פּרעמישלאַן איז געווען זעהר אַ ווייטער. דער אָרימער פּראָפּינאַטאָר האָט אויף הוצאות הדרך נישט געהאַט, איז ער געגאַנגען צו פוס. געכאַפּט זיך אויף פּויערשע וועגעלעך און גענעכטיגט אין הקדשים פון די שטעדטלעך. וואו ער איז פערבייגעגאַנגען אויף זיין לאַנגען וועג. אָבער פול מיט האָפנונג, אַז זיין ישועה איז נאָהנט, האָט ער זיך געשטאַרקט איבער אַלע שטערונגען, און ענדליך, אויף דער פיערטער וואָך פון זיין וואַנדערען, איז ער בשלום אָנ־געקומען קיין פּרעמישלאַן.

אַריינקומענדיג צום רבי׳ן אין זיין צימער אַריין איז דער רבי גע־זעסען פערטיעפט איבער אַ ספר און האָט זיך נישט אומגעקוקט אויפ׳ן יוד, וואָס איז געשטאַנען ביי דער טהיר. נעבען איהם איז געשטאַנען דער שמש ר׳ ארי׳ מיט גרויס דרך ארץ און געוואַרט אויף די בעפעהלען פון רבי׳ן.

דער סאַדאַגורער יוד איז אַזוי געשטאַנען שעהנע עטליכע מינוטען אין זיין פערגליווערטען צושטאַנד, דאָס האַרץ איז אין איהם שיער אַנטשפּאַ־פּאַלען פאַר שרעק. ער האָט געוואוסט, אַז ר׳ מאירל איז אַזאַ גוטער צו יעדען, ער איז מקבל יעדען יוד מיט אַזוי פיעל שמחה, טראַגט אַקעגען

זיין „שלום״ און ווייזט איהם אַ פּנים שוחקות, און דאָ קוקט זיך גאַרנישט אום דער רבי ווי ער וואָלט גאַרנישט עקזיסטירט.

עגדליך האָט דער רבי אויסגערופען מיט עפּעס אַ משונה׳דיג קול, צו דעם שמש:

— ארי׳, פאַרוואָס שטעהסטו ווי אַ גולם און פרעגסט נישט דעם יוד, פון וואַנען ער איז?

דער דאָזיגער אויסגעשריי, האָט דעם סאַדאַגורער יוד׳ אויפגעוועקט פון זיין פערגליווערטקייט, און אויף דער אונדירעקטער פראַגע פון רבי׳ן, האָט ער זיך אָנגערופען אַ דערשראָקענער:

— פון סאַדאגורע בין איך!

— ארי׳, — האָט רבי מאיר׳ל נאָך העכער אָנגעהויבען שרייען — זאָג איהם, שוטה איינער, אַז מאיר׳ל ווייסט בעסער פון איהם. מאיר׳ל זאָגט, אַז ער איז גאָר פון סאדעטאָוו און נישט פון „סאַדאגורע״. נו, וואָס שטעהסטו גולם, פאַרוואָס זאָגסטו נישט דעם יודען, וואָס כ׳הייס דיך!

— דער רבי זאָגט, אַז איהר זענט פון „סאדעטאוו״, — האָט דער שמש זיך געווענדעט צום יודען געגוג ערנסט, וויסענדיג, אַז דער רבי זאָגט נישט סתם קיין הלצות און אַפילו זיינע שיחות חולין האָבען אַ גרויסע, גאָר גרויסע בעדייטונג.

דער יוד איז געשטאַנען אַ צוטומעלטער, ער האָט נישט געוואוסט וואָס דאָ קומט פאָר, אויף וועלכער וועלט ער איז.

- נו, וואָס שטעהט איהר פון דערוויייטענס, סאַדעטאָוועד יוד — האָט ר׳ מאיר׳ל פריינדליך אויסגערופען — קומט אַהער אַביסעל נעהנטער, שלום עליכם סאַדעטאָוועד יוד — האָט דער רבי נאָכאַמאָל איבערגע׳חזר׳ט, דערלאַנגענדיג איהם די האַנד אויף שלום.

דער יוד איז צוגעגאַנגען און דערלאַנגט די האַנד דעם רבין.

— איהר הערט וואָס כ׳זאָג אייך, סאַדעטאָוועד יוד — האָט דער רבי ווייטער גערעדט, האַלטענדיג דעם יוד׳ס האַנד, נעהמט אייך גוט אין זין אריין, וואָס מאיר׳ל זאָגט אייך. מאיר׳ל זעהט אַלץ און ווייסט אַלץ. דעריבער זאָגט אייך מאיר, אַז איהר זענט נישט פון סאַדאַגורע; ווייסט איהר פאַרוואָס? — מחמת דער צדיק הדור איז בכח צו מאַכען פון אַ שדה גרוע (סאַדאַגורע) פון אַ שלעכט און געמיין פעלד, אַ שדה-טוב (סאַדעטאָוו) אַ גוט, פרוכטבאַר און פרנסה׳דיג פעלד פאַר קינדער און קינדס-קינדער.

— איהר שטעהט ווי אַ גולם! — האָט דער הייליגער פּרעמישלאַנער נאָך אַ קורצע הפסקה ווידער אָנגעהויבען — איהר ווייסט אוודאי נישט ווער עס איז דער צדיק הדור, און מאיר׳ל וועט עס אייך זאָגען: דער צדיק הדור איז ר׳ ישראל׳טשע פון ריזשין. איהר נעהמט עס אייך גוט אין זינען אריין, וואָס איך זאָג אייך, איהר מעגט עס אפילו זאָגען אייער פריץ ווען די צייט וועט קומען געדענקט וואָס איך זאָג אייך, אויב

איהר ווילט האָבען פרנסה, זאָלט איהר מיינע ווערטער גוט נעהמען זיך אין זינען אַריין, און יעצט פאָהרט מיר לחיים ולשלום פונוואַנען איהר זענט געקומען.

דער יוד, נישט קיין גרויסער חסיד, האָט קיין איין וואָרט נישט פערשטאַנען פון דעם גאַנצען שמועס און ווען דער רבי האָט איהם אָבגעפּאַרטיגט און דער שמש האָט איהם אַרויסגעשטופּט פון רבינ'ס חדר איז ער געבליבען שטעהן אַ צוטומעלטער, אין צרות און לייד האָט זיך דער יוד געלאָזט אויפ'ן וועג אַהיים, פערשעלטענדיג זיך מיט זיין ביטער מזל, צו וואָס ער לעבט אויף דער וועלט.

אָבער די דיבורים פון פרעמישלאַנער האָט ער נישט פערגעסען. אָה, די ווערטער זענען איהם גוט געלעגען אויפן זין, כאָטש ער האָט זיי נישט פערשטאַנען. ער האָט זיך אפילו געהיטען צו דערצעהלען דערפון עמיצען פון זיינע בעקאַנטע. בלויז דעם ווייב האָט ער דערצעהלט דעם גאַנצען אויסטערלישען שמועס, אָבער זי, אַ יודענע, האָט נאָך וועהניגער פון איהם פערשטאַנען.

ערשט שפּעטער אין אַ לאַנגע צייט אַרום, קומענדיג, אַמאָל אין שטאָדטישען בית המדרש, האָט דער פּראָפּינאַטאָר, צוהערענדיג זיך צו בין־מנחה למעריב שמועס, דערהערט די נייעס, אַז דער בעריהמטער רוסישער רבי ר' ישראל'טשע פון ריזשין, וואָס ווערט גערודפ'ט פון דער רוסישער רעגירונג, איז געקומען קיין גאַליציען און זוכט דאָ צו געפונען אַ מקום מנוחה.

די דאָזיגע נייעס האָט דעם יוד גלייך אַ שלאָג געטהון אין קאָפּ אַריין, און ער האָט זיך ווידער דערמאָהנט אין דעם גאַנצען אויסטערלישען שמועס פון הייליגען פרעמישלאַנער. איצטער האָט ער שוין פערשטאַנען, אַלץ האָט ער פערשטאַנען. ער האָט פערשטאַנען וואָס דער רבי האָט דורך רוח הקודש פאָרגעזעהן, און נישט לאַנג־טראַכטענדיג איז ער אַריינגעלאָפען צום פּריץ, און איהם דערצעהלט, אַז עס שטעהט פאַר זיין שטעדטעל רוהם און שפע, אויף וואָס ער האָט שטענדיג געחלומ'ט. עס איז נעמליך אַנטלאָפען פון רוסלאַנד אַ גרויסער וואונדער־רבי, צו וועמען עס קומען יעהרליך טויזענדער חסידים, צווישען וועלכע עס געפונען זיך פיעל הונדערטער גרויסע גבירים, און דער דאָזיגער רבי גופא איז זעהר רייך, און אין זיין שטעדטעל ריזשין האָט ער איבערגעלאָזט אַ פּרעכטיגען פּאַלאַץ וואָס איז ווערט אַ הון רב, און אויב דער פּריץ וועט זיך צוהערען צו זיינע רייד און וועט זיך מקדים זיין איינצולאַדען דעם רבי'ן אין דעם שטעדטעל אַריין, איז ער זיכער, אַז ער וועט עס קיינמאָל נישט בעדויערען.

דער פּאַראָן האָט זיך אין דעם דאָזיגען פאָרשלאָג אָנגעכאַפּט מיט גרויס פרייד. אויף אַזאַ געלעגענהייט האָט ער שוין לאַנג געוואַרט. תיכף האָט ער אָנגעשריבען אַ'ן איינלאַדונג צום ריזשינער. ער זאָל קומען און

איינאָרדנען זיך אין זיין שטעדטעל, דערביי האָט ער איהם אויף פאָרגעלעגט אַלס צייטווייליגע וואוינונג זיין פרעכטיגען פּאַלאַץ, ווייל ער גופא האָט בדעה אָבצופאָהרען קיין וויען. דעם דאָזיגען הויף האָט שפּעטער דער ריזשינער אָבגעקויפט פון פריץ און זיינע קינדער האָבען איהם פיעלפאַך פערשענערט און פערפּוצט.

אַזוי אַרום איז דער ריזשינער תיכף אָבגעפאָהרען קיין סאַדאגורע. צוזאַמען מיט איהם זענען אויך מיטגעפאָהרען פיעל הונדערטער חסידים, ווי אויך אייניגע גוטע יודען. עס איז געפראַוועט געוואָרען אַ שבת, פון וואָס דאָס אָרימע פערוואָרפענע שטעדטעל האָט נאָך קיינמאָל נישט געזעהן. עס איז מיטאַמאָל געוואָרען לעבעדיג אין שטעדטעל, און דער באַראָן איז געווען איבערגליקליך.

אַזוי אַרום איז דער ריזשינער אָנגעקומען קיין סאַדאגורע. און איינגעאָרדענט זיך אין פרעכטיגען פּאַלאַץ פון באַראָן. נישט לאַנג האָט עס געדויערט, און דעם רבינס פאַמיליע האָט אויך זיך בעפרייט פון רוסישען גיהנום און אָנגעקומען קיין סאַדאַגורע. און די פרייד פון די ריזשינער חסידים האָט קיין גרעניץ נישט געהאַט.

אָבער גאַנץ איז די פרייד נישט געווען. די רוסישע רעגירונג האָט נישט גערוהט, און פאַר יעדען פרייז זיך בעמיהט דעם „אַנטלאָפענעם פּאָליטישען פערברעכער״ צוריקצובעקומען קיין רוסלאַנד. דערצו נאָך ווען די רוסישע רעגירונג האָט זיך דערוואוסט, אַז דער אַנטלאָפענער „ישראל סאַלאָמאָנאָוויטש״ (דערפון נעהמט זיך דער ביי־נאָהמען פרידמאַן, שלום איז דער טייטש „פרידען״) געפונט זיך אין דעם בוקאָווינישען שטעדטעל סאַדאַגורע, האָט זיך אָנגעהויבען אַ דיפּלאָמאַטישע קאָרעספּאָנדענץ צווישען די רעגירונגען פון רוסלאַנד און עסטרייך, וועגען אַרויסגעבען דעם „אַנטלאָפענעם״.

דער באַראָן, צו וועמען דאָס שטעדטעל האָט געהערט, האָט פערלעגט אַ גרויסע אַרבייט, נישט צו דערלאָזען, אַז די רוסישע רעגירונג זאָל גובר זיין, זייענדיג אַ גרויסער חשוב אין די רעגירונגס־קרייזען, דערצו נאָך ווען חסידים האָבען קיין געלד נישט געקאַרגט. האָט זיך דער ענין פערשלעפּט אין דער לאַנגער באַנק אַריין, אָבער די רוסישע רעגירונג האָט פאָרט נישט געשוויגען. פעררופען זיך אויפן אָבמאַך צווישען די ביידע רעגירונגען וועגען אַרויסגעבען איינער דעם אַנדערען פּאָליטישע אַרעסטירטע.

אָבער ענדליך איז אונטערגעקומען אַ געלעגענהייט, וואָס האָט אויף אַ וואונדערליכען אופן צונישט געמאַכט די תביעות פון דער רוסישער רעגירונג און דעם ריזשינער ענדליך געלאָזט צורוה.

יז

די דיפּלאָמאַטישע אונטערהאַנדלונגען

זוכענדיג אַלץ עצות ווי אַזוי צו בעפעסטיגען דעם ריזשינער אויף דער עסטרייכישער טעריטאָריע זייענדיג זיכער, אַז די רוסישע רעגירונג וועט בשום אופן נישט שווייגען און וועט אָנווענדען כל מיני תחבולות צוריק צו בעקומען דעם אַנטלאָפענעם, האָבען די סאַדאגורער חסידים אין די מעטריקע-ביכער פון סאַדאַגורע אָנגעטראָפען אויף פאָלגענדע געשיכטע:

מיט לאַנגע יאָהרען צוריק איז פון שטעדטעל נעלם געוואָרען אַ יונגער יונגעל מיטן נאָמען ישראל זאָנענפעלד, פּלוצלינג איז ער נעלם געוואָרען, אַוועק ווי אין וואַסער אַריין. די עלטערן האָבען אָנגעווענדעט אַלץ וואָס איז נאָר מעגליך געווען זייער קינד צו געפונען, אָבער אומזיסט. נישטאָ קיין שפור פון זייער פערשוואונדענעם ישראל.

אַ לאַנגע צייט האָט געדויערט דאָס זוכעניש, אָבער אָהן רעזולטאַט. ענדליך האָבען זיי זיך מייאש געווען צוריקצוגעפונען זייער פערלוירענעם זוהן, פאַר צרות זענען זיי ביידע קראַנק געוואָרען, דער פאָטער און די מוטער פון פערשוואונדענעם, אַן לסוף אויסגעשטאָרבען.

די דאָזיגע שוידערליכע מעשה האָט זיינער צייט געמאַכט אין קליינעם שטעדטעל אַן'אויסטערלישען רושם, יודען ווי נישט-יודען האָבען מיטגעהאָלפען זוכען דעם פערשוואונדענעם און אויפריכטיג אַנטייל גענומען אין דעם צער פון די אומגליקליכע.

דעריבער האָט מען אין סאַדאגורע אַפילו מיט צעהנדליגער יאָהרען שפּעטער גוט געדענקט די געשיכטע און מען האָט עס ביי יעדער געלעגענהייט איבערדערצעהלט.

איצטער, ווען עס איז אָנגעקומען די זאָרג וועגען דער בירגערשאַפט פון ר' ישראל'טשע ריזשינער, איז עמיצער געפאַלען אויפן שכל צו מאַכען אַ שם, אַז אָט דער פערשוואונדענער ישראל זאָנענפעלד איז נישט קיין אַנדערער ווי דער איצטיגער ר' ישראל'טשע, אַי וואָס יענעמס פאַמיליען נאָמען איז געווען זאָנענפעלד און דעם ריזשינערס איז פרידמאַן איז קיין קשיא נישט. די מעשה איז פשוט, דער ישראל זאָנענפעלד איז קליינערהייט אַנטלאָפען פון דער היים קיין רוסלאַנד. אַוועק אין אַ ישיבה, געלערנט דאָרט און געוואָרען אַ רבי, און, כדי מען זאָל נישט וויסען, אַז ער איז אַן'עסטרייכישער בירגער, האָט ער געענדערט זיין פאַמיליען-נאָמען פון זאָנענפעלד אויף פרידמאַן...

דערצו דאַרף מען צוגעבען, אַז די יאָהרען פוןביידע ישראל'ס זענען געווען גלייך. ביידע זענען דאַמאָלס אַלט געווען פונקט פערציג יאָהר. אויב אַזוי איז דער ריזשינער רבי ר' ישראל פרידמאַן—זאַנענפעלד אַנ'עסטרייכי־שער בירגער און די רוסישע רעגירונג האָט צו איהם קיין שייכות נישט.

אומר ועושה, גלייך האָט מען אָנגעשריבען אַ ביטע צום טשערנאָווי־צער שטאָט־האַלטער, אין וועלכען מען האָט דערצעהלט די גאַנצע מעשה און היות ווי דער סאַדאַגורער באַראָן איז געווען אַ גרויסער חשוב ביים שטאָט־האַלטער, האָט ער זיך אונטערגענומען דעם ענין צו ערלעדיגען בכי טוב.

אָבער עס איז נישט אַזוי לייכט אָנגעקומען. די רוסישע רעגירונג האָט ממש געשטורעמט. עס זענען פאָרגעקומען קאָנסולאַרע אונטערהאַנדלונגען אין וויען. עס זענען געלאָפען שטאַפעטען מיט פאַפירען קיין טשערנאָוויץ. די טשערנאָוויצער שטאָט־האַלטעריי האָט דעריבער פשוט מורא געהאט אַרויסצו־געבען די נויטיגע פאַפירען, וואָס זאָלען אָנערקענען דעם ריזשינער פאַר אַנ'עסטרייכישען בירגער. סיידען עס זאָלען אַרויסטרעטען פיער עדות פון סאַדאַגורע, וואָס וועלען מעיד זיין אַז דער איצטיגער ריזשינער רבי איז עס דער פערשוואונדענער ישראל זאַנענפעלד. דערביי האָט מען געפאָדערט, אַז צווישען די פיער עדות זאָל זיך געפינען אויך איינער אַ קריסט.

עס פערשטעהט זיך, אַז דער ענין האָט ווידער אַרויסגערופען גרויס עגמת נפש ביים ריזשינער'ס מקורבים. מילא, דריי יודישע עדות האָבען זיך גלייך אָבגעפונען, אָבער ווי נעהמט מען אַ קריסטליכען עדות, וואָס זאָל דערקענען אין ריזשינער דעם פערלוירענעם זאַנענפעלד.

חסידים האָבען זיך אָבער נישט מייאש געווען, געזוכט און געפונען אַנ'אַלטען קריסט, פון אַ יאָהר עטליכע און ניינציג, וועלכער האָט געוואוינט אין שכנות מיט דער פאַמיליע זאַנענפעלד און דער אַלטער גוי האָט ער־קלערט, אַז ער געדענקט גוט די צורה פון פערשוואונדענעם יונגעל, און אפילו ער האָט זיך זייט דאַמאָלס געענדערט, דאָך וועט ער איהם נאָך אויך יעצט דערקענען. אַז מען שמועסט אַ שכן וואָס וואוינט אַ טהיר ביי א טהיר.

איז מען גלייך אוועק צום גוי, און געפרעגט איהם אויף דער מעשה. דער אַלטער האָט ערקלערט, אַז ער איז טאַקי משתוקק צו זעהען דעם צוריקגעקומענעם זאַנענפעלד. הערענדיג אין שטאָדט אַ קאָכעניש אַז „סרול־קע" איז צוריקגעקומען, האָט ער שוין פיעל מאָל געוואָלט געהן איהם אָנ־קוקען, מחמת, ער האָט זיך מיט סרולקעס עלטערן זעהר גוט געהאַלטען, אָבער ער איז זעהר שוואַך און איז נישט בכח צו געהן צופיס אַ שטיקעל וועגס.

חסידים האָבען באַלד געבראַכט אַ ברישקע, דעם אַלטען קריסט האָט מען אַרויפגעזעצט אויף דער ברישקע און צוגעפאָהרען צום פאַלאַץ, וואו דער רבי האָט געוואוינט.

באַלד איז דער רבי אַרויסגעקומען אויפֿן שוועל פֿון דער טהיר וואָס האָט געפֿיהרט אויפֿן הויף.

און דאָ איז געשעהען אַ פּלא: גלייך ווי דער אַלטער קריסט האָט דערזעהען דעם רבי'ן, האָט ער אַרויסגעלאָזט אַ געשריי. סרולקע, דאָס ביסטו דאָך! ווי ביזטו געוועזן אַזאַ לאַנגע צייט? ערשט איצט האָסטו דיר דערמאָהנט צוריקצוקומען? איצטער איז אָבער שוין צו שפּעט! דיינע עלטערן זענען שוין לאַנג געשטאָרבען...

באַלד האָט מען געבראַכט דעם אַלטען, אין אָרטיגען געמיינדע-ביוראָ וואו עס איז צונויפֿגעשטעלט געוואָרען אַ פּראָטאָקאָל, אַז דער אַלטער קריסט בעשטעטיגט, דאָס דער וואונדער-רבי, וועלכער האָט נאָר וואָס צוריקגעקעהרט קיין סאַדאגורע, איז עס טאַקי דער פֿערשוואונדענער ישראל זאָנענפֿעלד, וועלכען ער האָט געקענט אַלס יונגעל.

דעם דאָזיגען פּראָטאָקאָל צוזאַמען מיט דעם עדות-זאָגען פֿון דריי יודישע עדות, האָט מען אָבגעשיקט קיין טשערנאָוויץ אין דער שטאַטהאַלטעריי, וועלכע האָט גלייך איבערגעשיקט אַ ראַפּאָרט דאָס נאָך אַ גענויע אויספֿאָרשונג איז געלונגען פֿעסטצושטעלען, אַז דער רבי פֿון ריזשין, איז גאָר אַן'עסטרייכישער בירגער און דעריבער האָט אויף איהם די רוסישע רעגירונג נישט קיין שום רעכט.

די רוסישע רעגירונג האָט אָבער נישט גערוהט. עס איז געמאַכט געוואָרען אַ חקירה ודרישה אין די מעטריקאַל ביכער פֿון דעם שטעדטעל פּראָבישטש, וואו עס איז פֿעסטגעשטעלט געוואָרען, אַז ביים אָרטיגען ראַבין זענען געבוירען געוואָרען צוויי קינדער, פֿון וועלכער דער עלטערער האָט געהייסען אברהם און דער יונגערער — ישראל. עס איז דעריבער קיין שום ספק נישט, אַז דער ריזשינער רבי איז אַ רוסישער אונטערטאַן און נישט ווי דער ראַפּאָרט שטעלט פֿעסט, אַז ער איז גאָר אַן'עסטרייכישער בירגער.

אַלס ענטפֿער דערויף האָט די שטאַטהאַלטעריי צונויפֿגעשטעלט אַ צווייטען ראַפּאָרט, אַז עס קען מעגליך זיין, אַז ביידע וואַהרשיינליכקייטען זאָלען זיין ריכטיג. אַז דער רבי הייסט אי פֿרידמאַן אי זאָנענפֿעלד, פּאַקטיש איז ער אַ געבוירענער אין סאַדאגורע און הייסט זאָנענפֿעלד, נישט מעהר דער רבי פֿון פּראָבישטש, וועלכער האָט זיך פֿעראינטערעסירט מיטן גורל פֿון פֿערשוואונדענעם יונגעל, האָט איהם אַדאָפּטירט, און איינגעשריבען אין די מעטריקע ביכער אלס זיין זוהן און געגעבען איהם זיין נאָמען — פֿרידמאַן.

נאָך דער עדות-ערקלערונג פֿון פֿיער עדות, אַז דער ריזשינער איז עס דער פֿערשוואונדענער ישראל זאָנענפֿעלד האָט די עסטרייכישע מאַכט געהאַלטען דעם ענין פֿאַר ערלעדיגט. כאָטש די רוסישע רעגירונג האָט צוגעשטעלט אַן'אויסצוג פֿון די מעטריקאַל-ביכער, אַז דער ריזשינער איז געבוירען געוואָרען ביי זיין פֿאָטער ר' שלום אין פּראָבישטש, דאָך אָבער איז

מען גאַנץ זיכער נישט געווען ביי זיך. מען האָט געוואוסט, אַז די שונאי ישראל וועלן נישט רוהען.

אין יענע יאָהרען איז געווען זעפּוטאַט אין עסטרייכישען פּאַרלאַמענט דער דאַמאָל׳ס קראָקאָווער און שפּעטער וואַרשעווער רב רבי בעריש מייזעל׳ס זצ״ל. ווי בעקאַנט איז ער געווען אַ פערביסענער מתנגד. און ווען די עסטרייכישע רעגירונג האָט בעטראַכט דעם ענין צי זאָל זי אַרויסגעבען דער רוסישער מאַכט דעם אַנטלאָפענעם ריזשינער צדיק אָדער ערלויבען איבער־צובלייבען אין לאַנד, האָט די רעגירונג געמאַכט אַן אָנפראַגע ביי רבי בעריש מייזעל׳ס.

די חסידים האָבען זיך דערוואוסט דערפון און אַ דעלעגאַציע פון חשובע מענשען זענען אַוועק צו איהם און זיך בעמיהט צו פועל׳ן ביים רב־דעפּוטאַט, אַז ער זאָל טהון אַ טובה דעם ריזשינער.

— זאָגט מיר, האָט רבי בעריש מייזעלס אויסגערופען, במה כחו גדול?

— דער ריזשינער צדיק איז אַ מושל ברוחו — ער הערשט איבער זיך, מעהר ווי אַלע זיינע בני הדור — איז געווען די תשובה,

— אָבער פונוואַנען ווייסט איהר עס אַזוי זיכער, אַז ער הערשט איבער זיך?

— מיר זעהען עס בחוש, אַט למשל: האָט ער נאָך זייט ער לעבט נישט צוגעבויגען זיך צום שיסעלע און צום לעפעל ביים עסען...

— און דאָס איז ביי אייך אַזאַ רבותא? — האָט ר׳ בעריש מיט אַ געלעכטער אויסגערופען, — אַט למשל איך וועל עס אויך קענען בעווייזען.

גראָד האָט ר׳ בעריש געהאַלטען אין מיט׳ן עסען און ער האָט אָנ־געהויבען צוצופיהרען דעם לעפעל צום מויל. אָבער אַ מערקווירדיגע זאַך: קוים האָט ער שוין דעם לעפעל געהאַלטען ביים מויל האָט ער עטוואָס דעם קאָפּ צוגעבויגען צום לעפעל. אַזוי איז פּאַרגעקומען עטליכע מאָל. ערשט דאַן האָט ער זיך איבערצייגט, אַז דאָס איז אַ גרויסער ענין.

עס פערשטעהט זיך, אַז רבי בעריש מייזעלס האָט אַ טובה געטהון דעם ריזשינער מיט אַלע מעגליכקייטען, ערקלערענדיג די דעלעגאַציע. אַז עס פערדריסט איהם בלויז וואָס חסידים האָבען געשיקט צו איהם אַ דעלע־גאַציע. צי איז ער דען חשוד נישט צו טהון אַ טובה אַ יודען. און בפרט אַ מנהיג פון טויזענדער יודען, הגם ער איז נישט מסכים צו זיין שיטה, אָבער דאָך איז עס אַ שיטה אין יודישקייט, און ער איז אַ מנהיג ישראל.

יח

דרײ סימנים

אין די רוסישע רעגירונגס-קרײזען איז די אויפרעגונג געווען אומגעהויער גרויס. די דיפּלאָמאַטישע קאָרעספּאָנדענץ, וואָס האָט זיך געפירט צווישען דער קאַנצעלאַריע פון קיעווער גובערנאַטאָר און דער טשערנאָוויצער שטאַט-האַלטעריי, האָט נישט געגעבען דעם געווינשטען רעזולטאַט. די עסטרײכישע מאַכט האָט דעם ריזשינער נישט געוואָלט אַרויסגעבען און אַ רעזיגנירטער האָט דער קיעווער גובערנאַטאָר איבערגעשיקט דעם ענין קײן פּעטערבורג, צוגעבענדיג דערבײ, אַז נאָר פּעטערבורג וועט קענען עפּעס אויפטהון כדי צוריקצובעקומען דעם „געפעהרליכען פערברעכער", וועלכען עס איז געלונגען אויף אַ שווינדלערישען אופן צו אַנטלויפען.

און ווירקליך האָט דאָס רוסישע אינערן-מיניסטעריום איבערגעשיקט אין דער קײזערליך-קעניגליכע פעראײניגטע הויף-קאַנצלײ אין ווין דעם גאַנצען בעריכט וועגען דעם זאַך-בעשטאַנד און אויפגעפאָדערט, אַז אויפ'ן סמך פון פאַראַגראַף 11 און 13 פון אָבמאַך וואָס איז געשלאָסען געוואָרען צווישען עסטרײך-אונגאַרן און רוסלאַנד דעם 21-טען אַפּריל 1815, זאָל די הויף-קאַנצעלאַריע פעראָרדנען אַרויסצוגעבען דעם רוסישען בירגער ישראל פרידמאַן אין רשות פון דער רוסישער מאַכט.

אין אַ געוויסען טאָג איז אין דעם גאַליצישען לאַנד-פּרעזידיום אין לעמבערג דערהאַלטען געוואָרען אַן אײנפאָדערונג פון זײ צוצושטעלען אַ בעריכט וועגען דעם ענין-פרידמאַן.

מיר האָבען געהאַט די געלעגענהײט צו בעקענען זיך מיט'ן אָבשריפט פון אָריגינאַל פון דאָזיגען זעהר וויכטיגען דאָקומענט, דאַטירט פון 18-טען נאָוועמבער 1842.

אין דעם דאָזיגען בעריכט ווערט פעסטגעשטעלט דער רעזולטאַט פון דער אויספאָרשונג וואָס איז געפירט געוואָרען מצד דער טשערנאָוויצער קאַנצעלאַריע, ווי אויך די בריעף פון דער רוסישער מאַכט, וואָס לײקענט אָב, אויפ'ן יסוד פון עדות-זאָגען פון 8 יודען, אַז פרידמאַן זאָל גאָר הײסען זאַנענפעלד, נור שטעלט פעסט אַז ער איז געבוירען געוואָרען בײ זײן פאָטער שלום פרידמאַן אין פּראהאָביטש. דאָך אָבער האַלט די גאַליצישע לאַנדעס-קאַנצעלאַריע, אַז בנוגע דעם ה' פרידמאַן דאַרף מען נישט אָנווענדען דעם אויבענדערמאָנטען פּאַראַגראַף און אַרויסגעבען איהם דער צאַרישער

מאַכט, ווייל עס איז נישט בעקאַנט אין וואָס עס בעשטעהט דער חטא־
תעלכען ישׂראל פרידמאַן איז בעגאַנגען און כאַראַקטעריסטיש איז, אַז אין
די אַלע וועגדונגען מצד דער רוסישער מאַכט איז וועגען דעם פערברעך
קיין איין וואָרט נישט דערמאָהנט.

ווי נור מען האָט זיך אין די חסידישע קרייזען דערוואוסט, אַז דער
ענין איז איבערגעשיקט געוואָרען קיין וויען, האָט מען בעשלאָסען איבערצו־
וואַרפען זיך אויפ'ן וויענער פראָנט. אין וויען האָט מען זיך דערוואוסט, אַז
אַלץ איז אָפּהענגיג פון עסטרייכישען פרעמיער גראַף מעטערניך, און אַז
דער וויענער ראַבינער דר. מאַנהיימער איז אַ גרויסער חשוב ביים גראַף
מעטערניך. עס זענען דעריבער תיכף אָבגעפאָהרען 2 פערזאָן קיין וויען,
כּדי מיט דער מיטהילף פון דר. מאַנהיימער, איינמאָל פאַר אַלעמאָל דעם
ענין מיט'ן ריזשינער'ס בירגערשאַפט צו ערלעדיגען.

אָבער אַזוי גיך ווי מען רעדט געשעהט נישט קיין זאַך. דער ענין
איז געוואָרען אַ געגענשטאַנד פון פעו־שידענע קאָנפערענצען און פערהאַנ־
דלונגען, וואָס האָבען זיך פערצויגען אויף העכער 3 חדשים.

מען קען זיך לייכט פאָרשטעלען אין וועלכער שטימונג דער ריזשינער
האָט זיך אין דער דאָזיגער צייט געפינען. עס האָט פשוט קיין מענש נישט
געקענט צו איהם צוקומען. דער צדיק איז אַרומגעגאַנגען שטאַרק פער'מח'ט
און פערטראַכט און פון צייט צו צייט אויסגערופען:

— וואָס שווייגט איהר? וואו זענט איהר? דער טאַטע ר' שלום, דער
זיידע דער „מלאך" און דער עלטער־זיידע ר' בער! — וואו זענט איהר,
וואָס שווייגט איהר?..

פון יענער צייט דערצעהלען חסידים זעהר אַ וואונדערבאַרע מעשה
מיט'ן רבי'ן ר' מאיר'ל פון פרעמישלאַן.

צום פרעמישלאַנער איז געפאָהרען יאָהרען־לאַנג אַ חסיד פון שטעד־
טעל סטרוזשעץ. דער דאָזיגער חסיד איז געווען אַ יוד אַ למדן, אַ שענער
בעל־מנגן און אַ גרויסער מיוחס נאָר קיין קינדער האָט ער נישט געהאַט.
פלעגט ער דעריבער אָפט פאָהרען קיין פרעמישלאַן, און שטאַרק זיך בע־
מיהען אַז דער רבי זאָל איהם מבטיח זיין אַ בן־זכר.

דער רבי האָט דעם חסיד פון סטרוזשעץ שטענדיג זעהר גוט אויפגע־
נומען. פרייטאָג־צונאַכטס האָט ער איהם מכבד געווען מיט'ן בעוואוסטען
זמר „יום זה מכובד", אָבער געהאָלפען געוואָרען איז ער נישט.

אַזוי זענען אַריבער אַ רייה יאָהרען און דער חסיד איז אַלץ נישט
נפקד געוואָרען מיט קיין קינדער.

אין אַ געוויסען טאָג, דאָס איז גראָד געווען אין דער צייט ווען אין
וויען האָט זיך געוואויגען דער גורל פון ריזשינער, איז דער סטרוזשעצער
חסיד געקומען קיין פרעמישלאַן געהאַלטען שבת דאָרט, פרייטאָג־צו־נאַכטס גע־
זינגען „יום זה מכובד" און זונטאָג אַריינגעגאַנגען צום רבין מיט אַ קוויטעל.

דער רבי האָט אַדורכגעלייענט דאָס קוויטעל, מעיין געווען אַ לענגערע ווײַלע און ענדליך אויסגערופען:

— הײַנט האָסטו גראָד געטראָפען. הײַנט וועסטו שוין סוף כּל סוף געהאָלפען ווערען, אָבער די ישועה וועט נישט קומען דורך מאיר'לען, נור דורך ר' ישראל'טשע ריזשינער וואָס וואוינט איצט אין סאַדעגורע...

דער יוד האָט זיך פערדרויטעלט, השגה און פּיס האָבען איהם גענומען ציטערן און מיט אַ פערבאַפּטען אָטעם געוואַרט אויף די רייד פון רבי'ן.

— הער מיך אויס, וואָס כ'וועל דיר זאָגען—האָט דער פּרעמישלאַנער ענדליך אויסגערופען — אָבער דו מוזט אַלץ טהוען, וואָס כ'וועל דיך הייסען. זאָלסט אפילו אויף אַ האָר נישט משנה זיין וואָס כ'רעד צו דיר.

— אוודאי הער איך רבי, אוודאי וועל איך טהוען אַזוי ווי מען וועט מיך הייסען.

אזוי רעדענדיג איז דער פּרעמישלאַנער צוגעגאַנגען צו זיין ספרים-שאַנק און אַרויסגענומען אַ קליין חלה'לע פון זיינע י"ב חלות.

געבענדיג דאָס חלה'לע דעם יודען, האָט ער אויסגערופען:

— כאַפּ אַ ברישקע און פאָר גלייך אַריבער צום ריזשינער צדיק קיין סאַדעגורע. דאָרט וועסטו האָבען אַ ישועה ווי דו פערלאַנגסט. דאָס חלה'לע זאָלסטו איהם איבערגעבען אַלס סימן, אַז איך האָב דיך צו איהם געשיקט.

דער סטרוזשיצער יוד האָט אַ כאַפּ געטהון דאָס חלה'לע און דערלאַנגט די האַנד דעם רבי צו געזעגענען זיך.

— וואַרט נאָך אַ ווײַלע, האָט דער הייליגער פּרעמישלאַנער אויסגערופען ציהענדיג לאַנגזאַם די ווערטער, ווי ער וואָלט זיך שטאַרק מיישב געווען, וואַרט, איך וועל דיר געבען נאָך אַ סימן.

זאָלסט זאָגען דעם ריזשינער, זאָל לעבען, אַז כאָטש ער געהט אויפ'ן דרך הבּלך אויפ'ן הויפּט-שאָסיי און איך נור אויף אַ זייטיגער סטעזשקע, קומען מיר דאָך זיך סוף כּל סוף צוזאַמען אויף דעם זעלבען פּונקט און אויף דער זעלבער נקודה. אוודאי קען מאיר'ל אַליין נישט שלעפּען אַזאַ שווערע משא. — דעם כּלל ישראל, דאָס קען נור דער ריזשינער, מאיר'ל איז אָבער אַ גוטער נאָכשטופּער...

דער חסיד, האָט אויסהערענדיג דעם צווייטען סימן, שוין נישט גע-פּרובט שטעקען דעם רבי'ן זיין האַנד, זעהענדיג ווי דער רבי איז שטאַרק פערקאָכט האט ער גענומען לויפען צו דער טהיר.

— אייל דיך נישט, שוטה — האָט אויף איהם דער רבי ר' מאירל אַ געשריי געטהון — קינדער-האָבען קומט נישט אָן אַזוי לייכט. עס איז נישט קיין בייגעל פאַר אַ גראָשען אויפצועסען. ביזט אַ מבין ווי ער איילט זיך...

דער חסיד איז געבליבען שטעהען, ווי אָבגעגאָסען מיט קאַלט וואַסער און דאַן האָט דער פּרעמישלאַנער ווידער אויסגערופען:

נָט האָסטו דיר גאָר אַ דריטען סימן: נאָכדעם ווי די וועסט אַריינ־קומען צום רבין אין חדר און איבערגעבען איהם ביידע פריהערדיקע סי־מנים זאָלסטו, נישט נעהמענדיג ביי איהם רשות, אָנהויבען זינגען דעם זמר „יום זה מכובד" מיט'ן זעלבען ניגון, ווי די זינגסט תמיד ביי מיין טיש. עס מעג גראָד זיין אין אַ פּראָסטען מיטוואָך, זאָלסטו טהוען אַזוי ווי איך הייס דיך. דער צדיק וועט דערפון גרויס הנאה האָבען. און איצט ווען די האָסט שוין די דריי סימנים, פאָהר מיר לחיים ולשלום און לאָמיר הערען בשורות טובות.

אָנגעקומען קיין סאַדעגורע איז דער סטרוזשיצער יוד טאַקי אין אַ פּראָסטען מיטוואָך. גראָד אין דעם טאָג איז דער רבי געווען מעהר ווי אַלע מאָל צערודערט און מען האָט דעריבער קיינעם נישט צוגעלאָזט צום רבין.

דער חסיד האָט אָבער נישט געוואָלט פון קיין זאַך וויסען און ווענ־דענדיג זיך צו די גבאים, האָט ער זיי אויפגעפאָדערט תיכף איהם צוצו־לאָזען צום רבין, וויל ער קומט אין אַ שליחות פון ר' מאירל פּרעמיש־לאַנער.

— לאָזט איהם תיכף אַריין, דעם יוד. — האָט דער ריזשינער אויס־געשריען. — מסתמא איז עס אַ וויכטיגע שליחות. ר' מאיר'ל ווייסט וואָס ער טהוט.

גלייך ווי דער סטרוזשיצער יוד איז אַריינגעקומען אין חדר פון ריז־שינער און געגעבען שלום האָט ער אויסגערופען:

— מיין רבי, ר' מאירל פון פּרעמישלאַן האָט מיך געשיקט צו אייך אַז איהר זאָלט מיר וואונשען אַ ישועה, איך זאָל נפקד ווערען מיט אַ קינד. אַלס סימן האָט ער מיר געגעבען פאַר אייערטוועגען אַ חלה פון זיינע י"ב חלות.

דער הייליגער ריזשינער האָט מיט גרויס שמחה גענומען דאָס חלה'לע און עס אַריינגעלעגט אין דער שאַנק וואו עס זענען געלעגען זיינע וויכטי־גע אַנטיק־חפצים.

— נאָך אַ סימן האָט דער רבי מיר געגעבען — האָט דער יוד אויס־געשריען — ער האָט מיך געהייסען זאָגען, אַז כאָטש איהר, הייליגער רבי געהט אויפ'ן דרך המלך, אויפ'ן הויפּט־שאָסיי און מיין רבי פון פּרעמישלאַן געהט נור אויף אַ זייטיגע סטעזשקע, קומט איהר דאָך סוף כל סוף זיך ביידע צוזאַמען אויף דעם זעלבען פונקט און אויף דער זעלבער נקודה אוודאי קען ר' מאירל אַליין נישט שלעפּען אַזאַ שווערע משא, — דעם כלל־ישראל, דאָס קען נור דער ריזשינער זאָל לעבען, אָבער אַ גוטער נאָבשטוי־פער איז ער פאָרט.

דער הייליגער ריזשנער האָט אָנגעהויבען שטאַרק צו שמייכלען.

— דאָס איז נאָך נישט אַלץ, הייליגער רבי — האָט דער סטרוזשיצער

יוד מעהר דרייסטער אויסגערופען — איך האב נאך א דריטען סימן פון מיין רבין.

און מני־בי׳ האט דער חסיד אנגעהויבען זינגען מיט גרויס התלהבות דעם זמר „יום זה מכובד".

די גאנצע צייט וואס דער חסיד האט געזינגען דעם שבת׳דיגען זמר, איז דער ריזשינער געשטאנען ביי זיין עמוד׳ל, קיין אויג פון מנגן נישט אראבגלאזט און זיין פנים האט געלויכטען ווי די זון. און ווען דער חסיד האט גומר געווען דעם ניגון ביז׳ן סוף, האט דער ריזשינער אויסגערופען:

— יישר כח אייך, מיין ליבער יוד, איהר האט מיך שטארק מהנה געווען, גאר שטארק. פאהרט לחיים ולשלום. איך האף צו השם יתברך, אז איהר וועט בקרוב געהאלפען ווערען, ווי עס איז אייער פערלאנג. אייער ר׳ מגירל זאל לעבען און געזונד זיין, זאלט איהר זאגען, אז איך זאג, דאס ער איז דער מנהיג הדור ער איז א גוטער פיהרער און נישט קיין נאכ־שטופער, ער געהט אויפ׳ן אמת׳ן אויסגעטרעטענעם וועג און ווייסט וואס עס הייסט צו זיין א גוטער יוד.

שפעטער האט מען זיך דערוואוסט, אז גראד אין דעם זעלבען טאג און אין דער זעלבער שעה ווי דער סטרוזשיצער יוד האט געזינגען אין סאדעגורע פאר׳ן ריזשינער דעם „יום זה מכובד", האט מען אין וויען בע־שטעטיגט דאס בירגער־רעכט פון ריזשינער.

יט

א סוף צו די צרות

די שתדלנות אין וויען לטובת דעם ריזשינערס בירגערשאפט האט זיך געשטיצט אויף צוויי מאטיוען. קודם כל, וואס אין די ווענדונגען מצד דער רוסישער מאכט איז נישט אבגעגעבען געווארען דער פערברעכען, וואס דער אנטלאפענער איז בעגאנגען. און ווי גרויס עס איז די שטראף וואס ערווארט איהם, — א זאך, וואס פראקטיצירט זיך נישט אין קיין פאל פון ארויספאדערען א פערברעכער, וועלכער איז אנטלאפען אין א צווייטער מדינה.

און א צווייטער מאטיוו: ווען אפילו מ׳זאל אנערקענען, אז דער בע־טרעפענדער פערזאן דארף געהערען דער רוסישער געריכטס־מאכט קען די רוסישע רעגירונג קיין טענות ניט האבען בנוגע דער פערזאן פון ריזשינער, ווייל ער איז געקומען קיין עסטרייך נישט דירעקט פון רוסלאנד נור גאר פון מאלדאוויען אין רומעניען. אזוי ארום איז ער אנטלאפען פון א לאנד, וואס האט צו איהם קיין שום טענות נישט און פאדערט איהם כלל נישט צוריק.

צוליעב די דאָזיגע צוויי טעמים דאַרף די עסטרייכישע מאַכט נישט אַרויסגעבען דעם אַנטלאָפּענעם רוסישען בירגער פרידמאַן אין די הענד פון דער רוסישער מאַכט.

אַז די השתדלות אין דער ריכטונג האָט געהאַט ערפאָלג, בעווייזט אונז די צוויי היסטאָרישע דאָקומענטען, וועגען בריעף - אויסטויש צווישען דער לעמבערגער שטאַט האַלטעריי און דעם וויענער אינערען-מיניסטעריום, וואָס מיר גיבען דאָ איבער. די דאָזיגע צוויי וויכטיגע דאָקומענטען געפינען זיך אין מלוכה-אַרכיוו פון דער געוועזענער עסטרייכישער שטאַט-האַלטעריי (גובערניאַל-אַמט) אין לעמבערג.

דער בעריכט פון דער לעמבערגער שטאַאַט-האַלטעריי צום וויענער אינערן מיניסטעריום:

צו דער קייזערליך-קעניגליכער הויף-קאַנצליי, וויען.

נאָך אונזער בעריכט פונם 13 ד. ח. בנוגע דעם ה׳ ישראל פרידמאַן, וועלכער איז דורך דער רוסישער רעגירונג אַרויסגעפאָדערט געוואָרען, האָבען מיר בעקומען אַ בעריכט פון דעם גענעראַל-גובערנאַטאָר פון פאָדאָליען און וואָהלין, אין וועלכען ער טיילט אונז מיט, אַז לויט די אויסזאָגען פון די עדות פון פּרעביטש און ריזשין איז פעסטגעשטעלט געוואָרען, אַז ה׳ ישראל פרידמאַן איז ווירקליך געבוירען אין פּרעביטש אַלס זוהן פון ה׳ שלום פרידמאַן. לויט די מעטריקאַל-ביכער איז פעסטגעשטעלט, אַז דער גענאַנטער ה׳ שלום פרידמאַן האָט געהאַט צוויי זוהן אברהם און ישראל, דער ערשטער איז געשטאָרבען אין י. 1813, דער צווייטער האָט זיך מיט זיין ווייב שרה איבערגעצויגען אין יאָהר 1813 קיין סקווער.

איצט פערלאַנגט די רוסישע רעגירונג די אויסליפערונג פון ה׳ י. פרידמאַן אַלט רוסישער אונטערטאַן, אויפן יסוד פון דער קאָנווענץ פונם יאָהר 1815.

„טראָץ דעם אָבער וואָס איז שוין פעסטגעשטעלט, אַז ה׳ פרידמאַן איז אַ רוסישער אונטערטאַן, קענען מיר איהם נישט אויסליפערען קיין רוסלאַנד צוליב דעם, וואָס די רוסישע מאַכט גיט נישט אָן דאָס פערברעכען וואָס דער גענאַנטער זאָל האָבען בעגאַנגען. אַ חוץ דעם קען די דערמאָהנטע קאָנווענץ נישט ווערען אָנגעווענדעט אין דעם פאַל, צוליעב דעם, וואָס ה׳ י. פרידמאַן איז אַריבערגעקומען קיין עסטרייך נישט פון רוסלאַנד, נור פון דער מאָלדוי (רומעניען)״.

לעמבערג ד. 18 נאָוועמבער 1842.

די ק. ק. שטאַט-האַלטעריי פאַר גאַליציען און בוקאָווינע.

דערויף האָט דאָס עסטרייכישע אינערן-מיניסטעריום אין ווין — נאָך אַ השתדלות פון אַ געוויסן ד״ר ראַפּאַפּאָרט—צוריקגעשטעלט קיין לעמבערג:

„צו דער קייזערליך-קעניגליכער שטאַט-האַלטעריי אין לעמבערג.

דאָס ק.ק.-מיניסטעריום פון אינערן איז מודיע, אַז טראָץ דעם, וואָס ס'איז אָהן שום צווייפעל פעסטגעשטעלט, אַז ה' ישראל פרידמאַן איז אַ רוסישער בירגער, פונדעסטוועגן צוליעב דעם אָבער, וואָס עס איז נישט קלאָר געמאַכט געוואָרען די מאָטיווען און געזעצליכע בעגרינ-דונג פון דעם פאַרלאַנג פון דער רוסישער רעגירונג אַרויסצוליפערען דעם דערמאָהנטען ה' פרידמאַן, ווי אויך נעמענדיג אין אַכט אַז דער דערמאָנ-טער איז אַריבערגעקומען פון מאָלדוי און נישט פון רוסלאַנד, בעשטע-טיגט דאָס ק.ק.-אינערן-מיניסטעריום דעם בעשלוס פון דער שטאַט-האַלטע-ריי אין לעמבערג, נישט אַרויסצוגעבען דעם ה' פרידמאַן דער רוסישער רעגירונג.

ווין ד. 24 דעצעמבער 1842.

קייזער-קעניגליך מיניסטעריום פון אינערן.“

ווי אויך דער אָפיציעלער דאָקומענט פון דער וויענער הויף-קאַנצע-לאַריע, וועלכען מיר זענען און דער לאַגע איבערצוגעבען אין אַ ווערטלי-כער איבערזעצונג.

בריעף צום גאַליצישען גובערניאַל-פּרעזידענט.

קייזערליך-קעניגליכע הויף-קאַנצליי. זיצונג פון 29-טען דעצעמבער 1842. רעפערענט: האָפראַט פרייהער ברונאַ פאָן מונך. מעלדונג פון דער געהיימער הויף און מלוכה-קאַנצעלאַריע בנוגע דער ווענדונג פון דער רוסישער רעגירונג אַרויסצוגעבען אין איהר רשות דעם יוד ישראל פרידמאַן.

דערמיט ווערען צוריקגעשיקט די בייל‌אַגען צום מעמאָריאַל פון 18-טען נאָוועמבער ד. ה. נומ. 6246 און 8360 פון וועלכע עס איז צו זעהען אַז עס איז קיין שום ספק נישט, דאָס ישראל פרידמאַן איז נישט קיין עסטרייכישער אונטערטאַן, נאָר ער איז ביז'ן היינטיגען טאָג אַ רוסישער אינטערטאַן. טראָץ דעם איז נישט פאַרהאַן קיין שום גענוגענדער מאָטיוו איבערצווייזען איהם קיין רוסלאַנד, ווייל עס געפינט זיך נישט קיין געזעצליכער מאָטיוו דערצו.

עס איז דעריבער נישט נויטיג צו ענדערען דעם בעשלוס פון דער טשערנאָוויצער שטאַט-האַלטעריי, ווייל ישראל פרידמאַן ווערט בעטראַכט אַלס פּערזאָן וואָס קומט פון מאָלדאַוויען.

די אַנגעלעגענהייט ליגט איצט אין דער קאָמפּעטענץ פון דעם לאַנדס-פּרעזידיום צו האַנדלען ווי איהר ווערט געפונען פאַר נויטיג, און

אויב מען וועט געפונען פּרנסה מאָטיוועון צו דערוויטערען איהם פון די גרעניצען פון לאַנד, דאַרף מען זיך בעציהען צו איהם ווי צו יעדען פרעמדען".

דערמיט איז ענטגילטיג בעשלאָסען געוואָרען, אַז דער ריזשינער וועט נישט אַרויסגעגעבען דער רוסישער מאַכט. כאָטש ער ווערט אָפיציעל אָנערקענט אַלס רוסישער בירגער.

היות אָבער ווי די שתדלנים האָבען פאַר איהם זיך בעמיהט, אַז ער זאָל אויך בעקומען עסטרייכישע בירגערשאַפט, כדי די רוסישע מאַכט זאָל קיינמאָל מעהר נישט קענען האָבען קיין טענות, האָט דער פּרעמיער גראַף מעטערניך גע'עצה'ט דעם ווינער ראַבינער מאַ:היימער, אַז דאָס גלייכסטע וואָלט געווען, דאָס דער ריזשינער זאָל קויפען אין עסטרייך אַ גוט אויף זיין נאָמען, דערמיט וועט ער קענען אָנערקענט ווערען אַלס עסטרייכישער בירגער.

עס איז איבעריג צו דערצעהלען וועגען די שמחה וואָס דער דאָזיגער בעשלוס פון דער עסטרייכישער רעגירונג האָט אַרויסגערופען. עס איז געווען אַ שווערער, זעהר אַ שווערער קאַמף צווישען דער קדושה מיט דער סטרא אחרא, האָבען חסידים מסביר געווען דעם ענין, אַ קאַמף אויף טויט און אויף לעבען. כל מיני תחבולות זענען אָנגעווענדעט געוואָרען מצד יענע חבריא צו פאַנגען דעם הייליגען צדיק הדור. אָבער געזיגט האָט פאָרט די קדושה, מנצח געווען, גובר געווען די טומאה...

אין אַלע חסידים-קלויזען האָט מען געפּראַוועט סעודות און געלויבט דעם אויבערשטען פאַר דער גרויסער ישועה. פון גאַליציען און אויך פון רוסלאַנד זענען חסידים געקומען קיין סאַדעגורע, כדי צו ווינשען דעם רבי'ן מזל-טוב. מיט איין וואָרט, עס איז געווען ששון ושמחה.

דער ריזשינער צדיק האָט אויך געפאָלגט די עצה פון גראַף מעטער-ניך און געקויפט זיך דאָס גוט „פּאָטאָק זלאָטי", וואו ער האָט זיך איינגע-אָרדענט אַ זומער-וואוינונג. אַזוי אַרום האָט ער אויך בעקומען די עסטריי-כישע בירגערשאַפט.

נאָכדעם ווי דער רבי האָט געקויפט דאָס גוט, איז ער דאָרט אַבגע-פּיזהרען אויף אַ קורצער צייט, כדי אָבצורוהען זיך און קומען צו זיך פון די עגמת-נפש און די ליידען, וואָס ער איז אויסגעשטאַנען אין דער לעצטער צייט און אויף שבת פ' שופטים פון יאָהר תר"ב איז זיין גאַנצע פאַמיליע אָנגעקומען פון קישיניעוו קיין סאַדעגורע.

ווי נאָר דער הייליגער ריזשינער האָט צוריק בעקומען זיין מנוחה, אַזוי האָט זיין שטערען גאָר שטאַרק אָנגעהויבען לייכטען איבער'ן יודישען האָריזאָנט. אַלע גדולי החסידות אין גאַליציען, וועלכע האָבען גע'שמ'ט אין

דער חסידישער וועלט מיט זייער גדלות און אָנזעהן, האָבען גלייך אָנער־קענט דעם דאָזיגען „רוסישען" רבי'ן אַלס דעם גרעסטען צדיק הדור.

עס האָט דאַמאָלס געהערשט אַ שטאַרקע תשוקה צווישען אַ גרויסען טייל פון די גאַליצישע גוטע יודען, אפילו צווישען די עלטערע און ווייט בעריהמטע, צו מאַכען אַ נסיעה קיין סאַדעגורע און פערברענגען מיט דעם הייליגען צדיק און אַ סך האָבען טאַקע אונטערגענומען אַזעלכע רייזעס.

וועגען דער בעציהונג פון דעם עלטסטען צווישען די גאַליצישע צדי־קים פון הייליגען פרעמישלאַנער צום ריזשינער איז איבריג צו דערצעהלען. מיר האָבען שוין געהאַט די געלעגענהייט פון די ביז איצטיגע קאַפּיטלען עס צו בעטראַכטען. אָבער חסידים דערצעהלען פאָלגענדען אינטערעסאַנטען עפּיזאָד, וואָס בעווייסט, אַז דער הייליגער פערעמישלאַנער האָט זיך פאַר'ן ריזשינער פשוט מכניע געווען און קיין זאַך נישט געטהון אָהן זיין עצה.

געווען איז עס פאַר שבועות. ווי געוועהנליך זענען געקומען צו איהם אויף שבת חסידים. וועלכע האָבען נישט געקענט אָוועקפאָהרען יום־טוב פון דער היים, ווי רבנים, שוחטים און אַנדערע כלי קודש.

זונטאָג ווען איינער פון זיינע חסידים, אַ שוחט פון אַ דערבייאיג שטעדטעל אַ יוד אַ גרויסער ירא שמים און זאָגאַר אַ בעל מדרגה איז אַריינגעקומען צום רבי'ן מיט אַ קוויטעל אָבשייד צו נעהמען פון איהם, רופט זיך אָן צו איהם דער פרעמישלאַנער:

— איך ווייס, אַז דו ביזט אַן'עהרליכער מאַן, וויל איך זיך בענוצען מיט דיר צו אַ וויכטיגער שליחות.

— איך בין גרייט רבי, — האָט דער חסיד אויסגערופען.

— טאָ געה צוריק אין בית־המדרש, איך וועל אָנשרייבען אַ ברי־וועלע צום ריזשינער צדיק וואָס וואוינט אין סאַדעגורע, דו וועסט מיר בע־זאָרגען דאָס בריוועל און ברענגען תשובה.

ווען דער חסיד איז אַ צווייט מאָל אַריינגעקומען פאַרנאַכט האָט שוין דער פרעמישלאַנער געהאַט אָנגעשריבען דאָס בריוועל. דערביי האָט ער זיך בעוועגדעט צו איהם:

— די פערשטעהסט דאָך מסתמא אַז ווען איך האָב דיך אויסגעוועהלט פאַר אַ שליח קיין סאַדעגורע, כאָטש דו ביזט אַ פּערנומענער מענש, מסתמא האָב איך אַ טעם דערביי. בקיצור דאָס בריוועל איז אַ סוד־זאַך און אַ סוד דאַרף עס בלייבען ביז די וועסט עס מוסר זיין אין די הענד פון צדיק.

דער הייליגער פרעמישלאַנער האָט גענומען דאָס בריוועל איינגעווי־קעלט עס געהעריג און אַ זאָג געטהון צום חסיד:

— נעהם דאָס בריוועל און בינד עס איין אין זאַק (פערצייטענס האָ־בען חסידים געטראָגען שיך און זאָקען) און אויפבינדען דעם זאַק וואַלסטו

נישט פריהער ווי אין חדר פון הייליגען ריזשינער און דאָרט וועסטו בעקומען אַנ'ענטפער אויפן בריוועל.

נאַטירליך האָט דער חסיד אַזוי געטוהן. פערבינדען דאָס בריוועל אין זאַק און אָבגעפאָהרען קיין סאַדעגורע.

אַריינקומענדיג אין חדר פון ריזשינער האָט זיך דער חסיד אָנגערופען:

— הייליגער צדיק, איך האָב צו אייך אַ בריוועל פון מיין רבי'ן פון פרעמישלאַן און איך וואַרט אויף אַנ'ענטפער.

אַזוי רעדענדיג, האָט דער חסיד אויפגעבונדען דעם זאַק און אַרויסגענומען פון דאָרט דאָס בריוועל.

דער ריזשינער האָט דאַן אָנגעהויבען לייענען דאָס בריוועל אויפ'ן קול:

— „הייליגער צדיק הדור! היות ווי עס געהט צום הייליגען יום-טוב שבועות, ווען מען דאַרף עסען מילכיגע קרעפלעך, ווייסט מאיר'ל זיך נישט קיין עצה צו געבען וויפיעל קרעפלעך ער זאָל עסען. איינס—איז צו וועניג, דריי—איז צופיעל און צוויי איז דאָך זוגות. גיט זשע מיר אַנ'עצה דורך מיין שליח, וואָס מאיר'ל זאָל טהון"...

איבערלייענענדיג דאָס דאָזיגע מערקווירדיג'ע בריוועל מיט די דאָזיגע אויסטערלישע שאלה, האָט דער ריזשינער אָנגעהויבען שפּרייזען איבער'ן צימער שטאַרק פערמוח'ט, געריבען זיך דעם ליכטיגען שטערען און געמורמעלט צו זיך: טאַקי אַ שווערע שאלה גאָר אַ שווערע...

ענדליך האָט ער זיך אָבגעשטעלט און געווענדעט זיך צום חסיד, וואָס איז געשטאַנען אַ צומישטער פון דער אויסטערלישער שאלה, פון דעם בריוועל, וואָס ער האָט אַזש געמוזט אין זאַק בעהאַלטען...

— זאָגט אייער רבי'ן, אַז ער זאָל מאַכען איין קרעפעל, וואָס זאָל זיין שקול כנגד צוויי...

ווען דער חסיד איז געקומען קיין פרעמישלאַן און איבערגעגעבען די תשובה פון ריזשינער, האָט דער פרעמישלאַנער אויסגערופען מיט גרויס התפעלות.

— אַוואַ, ס'איז מיר גאָרנישט איינגעפאַלען, חכם עדיף מנביא!...

אַז די שאלה מיט די קרעפּלעך איז נישט סתם אַזוי געווען אַ שאלה, נאָר עס האָט זיך געהאַנדעלט וועגען דברים העומדים ברומו של עולם — איז איבריג צו דערצעהלען. חסידים טייטשען אויס די דאָזיגע שאלה אויף פערשידענע הויכע אופנים. פאַר אונז אָבער כאַראַקטעריזירט עס ווי ווייט דער פרעמישלאַנער האָט זיך מכניע געווען פאַר'ן ריזשינער.

דער ערשטער פון די גוטע יודען, וואָס איז געפאָהרען קיין סאַדיגורע, איז געווען דער קאַמיענקער רבי. ר' שלום. אַ תלמיד פון בעלזער רבי'ן ר' שלום און פון רימאַנאָווער רבי ר' הירש זצ"ל.

אויף דער יאָהרצייט פון רבי'ן ר' מענדעלע פון רימאַנאָוו זצ"ל פלעגען זיך צונויפקומען קיין רימאַנאָוו פיעל חסידים און גוטע יודען לכבוד

דער יאָהרצייט און לכבוד דעם גרויסען רבי'ן ר' הירש זיין ממלא מקום.

דאָס מאָל זענען זיך צונויפגעקומען אויף איין אכסניא פאָלגענדע דריי צדיקים: דער צאַנזער רבי ר' חיים, דער דזיקאָווער רבי ר' אליעזר און דער קאַמיענקער רבי ר' שלום. וועלכער איז נאָר וואָס געהאַט צוריק־געקומען פון סאַדעגורע. זכר כולם לברכה.

עס האָט זיך דאַמאָלס ענטוויקעלט אַ שמועס צווישען זיי מכוח דעם ריזשינער רבי'ן.

האָט זיך דער דזיקאָווער אָנגערופען:

— גבורות זעהט מען אין בעלז. עבדות הבורא קאָן מען זעהען דאָ אין רימאַנאָוו, נביאות זאָגען הערט מען אין פרעמישלאַן, אָבער דער מקור, דער אמת'ער קוואַל פון אַלע מדרגות איז נאָר ביי ר' ישראל'טשע רי־זשינער...

און נאָך אַ קורצע פויזע האָט ער צוגעגעבען:

ער איז דער צדיק וועמען מען קען פערגלייכען מיט דער בחינה פון שבת, ווי דער הייליגער זהר זאָגט: מהאי יומא מתברכין כל שיתא יומין עילאין". פון איהם געהט אַרויס די השפעה, ווייל ער איז דער מקור פון דער קדושה, פון וועלכער אַלע צדיקים האָבען יניקה...

— זיי אַלע ווערען אַקעגען איהם אָנגערופען די בני הנביאים — האָט דער קאַמיענקער אויסגערופען מיט גרויס התפעלות.

דאָ האָט זיך דער צאַנזער צדיק אָנגערופען:

— מען זעהט דאָך אָבער נישט ביי איהם אַזא עבדות ווי ביים היגען רבי'ן למשל אָדער אַ ממשלה איבער די כחות הטבע ווי אין בעלז...

— אַזעלכע ענינים קען מען נישט זעהען, נישט הערען, נאָר מרגיש זיין — האָט דער דזיקאָווער רבי צוגעגעבען.

— ביים אמת'ן צדיק הדור — האָט דער קאַמיענקער ווידער אויסגע־רופען — קען מען נישט זעהען קיין פרטים, קיין איינצעלהייטען. ער איז דער כלל הכולל, ער איז דער קוואַל פון וואַנען אַלע כחות פליסען אַרויס, ער איז דער מרכז צו וועלכען עס ציהען אַלע ליכט־שטראַהלען און פון וועלכען זיי זענען זיך ווייטער מתפשט איבער דער וועלט. אויף איהם איז נישט שייך צו פרעגען קיין קשיות און קיין תמיהות, זיין דרך, ווי משונה־דיג עס זאָל אונז נישט פאָרקומען, איז דער דרך המלך פון וואַנען עס ציהען זיך אַרויס פערשיעדענע סטעטשקעס, זייטען־וועגען, פאַר אַזאַ צדיק בעטראַכט איך דעם הייליגען ר' ישראל'טשע ריזשינער.

אין צימער איז געוואָרען שטיל. אַן ערנסטע שטימונג האָט געהערשט — די חסידים, וואָס האָבען זיך דאָרט געפונען האָבען פשוט דעם אָטעם איינגעהאַלטען, און פלוצלינג האָט זיך דערהערט די שטים פון הייליגען צאַנזער:

— איך פאָהר קיין סאַדעגורע!..

כ.

הר סיני און הר המורי׳

דער בעשלוס פון צאַנזער רב זצ״ל, וועלכער איז אין דער חסידישער וועלט שטאַרק פערעהרט געוואָרען אַלס גרויסער צדיק און אין דער נישט חסידישער וועלט אַלס גרויסער גאון, צו פאָהרען קיין סאַדעגורע, כדי קע־נען צו לערנען דעם ריזשינער צדיק, האָט אין די ברייטע יודישע קרייזען געמאַכט אַ שטאַרקען רושם. אַ חוץ דעם איז דאָך דער צאַנזער רב גע־ווען אַ זקן בא בימים און דער וועג פון צאַנז קיין סאַדעגורע איז דאָך אַזאַ ווייטער, העכער הונדערט מייל, איז דאָך נישט קיין קלייניגקייט גע־ווען אין די דאַמאָלסטיגע צייטען, ווען קיין באַהנען האָבען נאָך נישט עג־זיסטירט, פאַר אַזאַ אַלטען און שוואַכען מענשען אונטערצונעהמען אַזאַ שווע־רער נסיעה.

האָבען די מקורבים זיינע כסדר איהם אָבגערעדט, ער זאָל די נסיעה נישט אונטערנעהמען, ווייל עס איז ממש פערבונדען כיט פקוח נפש.

דער צאַנזער רבי האָט אָבער דערויף געענטפערט מיט אַ שמייכעל, אָבענטפערענדיג אַלץ כסדר:

— נו, נו, מען וועט זעהען.

דערווייל איז אָוועק אַ שטיקעל צייט. עס איז געוואָרען ווינטער, און די מקורבים האָבען זיך בערוהיגט, וויסענדיג, אַז אין ווינטער וועט דער רבי בעשטימט די נסיעה נישט אונטערנעהמען, ווייל זיין קראַנקער פוס קען נישט פערטראָגען קיין קעלט, און אין די קאַלטע טעג איז דער רבי אַ שטאַרקער בעל יסורים.

אָבער פלוצלינג האָט דער צאַנזער רבי זיך גענומען מכין זיין צו דער נסיעה. עס האָבען נישט געפועל׳ט קיין שום הפצרות פון זיינע נאָהנ־טע, ער האָט בעשלאָסען צו פאָהרען און עס וועט איהם קיינער נישט אַראָבפיהרען פון דעם דרך — האָט דער גרויסער גאון און צדיק גע־טענה׳ט.

האָט מען צוגעגרייט אַ פערמאַכטע בויד, געלאָזט גוט אויסבעטען מיט שטרוי און געוואַנט. מען האָט געשאַפט עטליכע וואַרימע פעלצען, ווייל עס האָט זיך גראַד געשטעלט אַ פחדימדיגע פראָסט.

מיטן רבין זענען מיטגעפאָהרען עטליכע פון זיינע מקורבים. און גע־הייסען האָט ער דעם פורמאַן ווי ווייט מעגליך וואָס שנעלער צו פאָהרען,

אָפּשטעלען זיך זאָל מען זיך נאָר צום דאַווענען אין דער פריה און פאַר־נאַכט, און נעכטיגען וועט מען נאָר אין א דאָרף, אין א קרעטשמע. נישט לענגער ווי פיער שעה, אין קיין שטאָט זאָל מען זיך לחלוטין נישט אָפּשטע־לען, וויסענדיג אַז ווי נאָר ער וועט זיך אָפּשטעלען אין א שטאָדט וועלען טויזענדער יודען קומען צו איהם און וועלען איהם נישט לאָזען אַזוי גיך פאָרטזעצען זיין נסיעה. אַזוי שטאַרק איז ביי איהם געווען דער חשק און די תשוקה, וואָס גיכער זיך צונויפצוטרעפען מיטן הייליגען ריזשינער.

ווען עמיצער האָט אויפן וועג דערקענט דעם צאַנזער צדיק און דער־לאַנגט איהם א קוויטעל, האָט ער אויסגערופען:

— וואָס פערדרעהט איהר מיר יעצט דעם קאָפּ. איצט בין איך נישט קיין רבי. איצט בין איך א חסיד.

גלייך ווי דער צאַנזער רבי האָט אונטערגענומען די נסיעה קיין סאַ־דעגורע האָט דער הייליגער ריזשינער זיך גענומען מכין זיין אויפצונעהמען דעם גרויסען גאַסט. יעדען טאָג האָט ער אַרויסגעשיקט זיינע מענשען אויפן טראַקט אויסצוקוקען, צו דער צאַנזער רבי קומט אָן און צו זיך אַליין, האָט דער ריזשינער גערעדט, שפּאַנענדיג אין זיין חדר:

— אַ גרויסער גאַסט קומט אונז בעזוכען, גאָר אַ גרויסער גאַסט.

פאַר זיינע מקורבים, האָט דער ריזשינער שטאַרק מפליא געווען דעם צאַנזער. איהר ווייסט — האָט ער צו זיי אויסגערופען — ר' חיים צאַנזער איז דאָך דער בית דין הגדול פון דור!...

עס איז איבעריג צו דערצעהלען ווי פריידיג עס איז געווען די בעַ־געגניש צווישעןביידע גדולי הדור. שעה'ן לאַנג האָבען ביידע צדיקים צווישען זיך פערבראַכט אין א חדר מיוחד, און קיין שום זייטיגער מענש איז נישט צוגעלאָזט געוואָרען. נאַטירליך איז נישט בעקאַנט, וועגען וואָס ביידע גדולים האָבען צווישען זיך געשמועסט, ווייל נישט דער צאַנזער און נישט דער ריזשינער האָבען דערצעהלט. אָבער חסידים דערצעהלען, אַז די גאַנצע צייט בעת דער צאַנזער האָט געוויילט אין סאַדעגורע איז דער ריזשינער זעהר שטאַרק געווען אויפגעלעגט. די שמחה וואָס האָט איהם בעהערשט האָט מען מיט די אויגען געקענט זעהען, ווייל זי האָט זיך אָפּגעשפּיעלט אין זיין ליכטיגע צורה. און כאָטש, ביז דאַמאָלס האָט שוין דער ריזשינער געהאַט ביי זיך צו גאַסט פיעל בעריהמטע גוטע יודען, וועלכע האָבען פערמאָגט טויזענדער אָנהענגער, דאָך אָבער איז ביי קיין שום וויזיט דער ריזשינער נישט געווען אַזוי אויפגעלעגט און בשמחה ווי ביים איצטיגען וויזיט.

אָבער אויך אויפן צאַנזער רב, האָט די פּערזענליכקייט פון ריזשינער געמאַכט אַ שטאַרקען רושם, דאָס איז צו זעהן פון דעם סיפור־המעשה, וואָס איז שטאַרק פערשפּרייט אין דער חסידישער וועלט, וועלכע מיר וועלען ווייטער דערצעהלען

נאָכדעם ווי דער צאַנזער רב האָט געווײלט אין סאַדעגורע א וואָך צייט און דאָרט אויך געהאַלטען שבת, האָבען ביידע גרויסע חסידישע אויטאָריטעטען אָבשיעד גענומען איינער פון דעם אַנדערען און דער צאַנזער רב איז אָבגעפאָהרען אַהיים.

אויפן צוריקוועגס האָט דער צאַנזער רב זיך צונויפגעטראָפען מיטן שפּעטערען קראָקאווער רב און רייכסטאַג־דעפּוטאַט הרב הגאון ר׳ שמעון סופר זצ״ל, אַ זוהן פון בעריהמטען גאון בעל „חתם סופר״, וועלכער איז בעקאַנט געווען אַלס איינער פון די אַנערקענטסטע גאוני הדור און אַ מתנגד.

ר׳ שמעון סופר איז דאַמאָלט נאָך געווען רב אין מאַטערסדאָרף און צווישען איהם און דעם צאַנזער רב האָט געהערשט אַ שטאַרקע פריינדשאַפט, חייל כאָטש ער האָט נישט אַנערקענט דעם צאַנזער רב, אַלס חסידישען רבי, האָט ער דאָך איהם שטאַרק מכבד געווען אַלס גרויסען למדן, אַלס גאון, מיט וועלכען ער האָט גאַנץ אָפט זיך פונאַנדערגעשריבען אין פערשיעדענע שאלות ותשובות.

הערענדיג אַז דער צאַנזער רב פאַהרט צוריק פון סאַדעגורע, וואו ער איז געפאָהרען קענען לערנען דעם ריזשינער רבין, האָט זיך דער גאון שטאַרק צוקאָכט און אויסגערופען:

— ווי קומט עס, דאָס אַזא גאון ווי איהר זאָלט זיך אַזוי דערנידעריגען און פאָהרען קיין סאַדעגורע. וואָס קען אַזא גאון ווי איהר לערנען פון דעם סאַדעגורער?

ער צאַנזער רב איז אָבער נישט נתפעל געוואָרען פון ר׳ שמעון סופר׳ס צוקאָכטקייט און ער האָט געלאָסען אָבגעענטפערט:

— מאַטערסדאָרפער רב, ווען איהר וועט מיך געלאָסען אויסהערען, וועל איך אייך געבען אַ ריכטיגע תשובה אויף אייער פראַגע

— נו, אדרבה, איך בין גרייט צו הערען — האָט ר׳ שמעון סופר אויסגערופען.

— ווי איהר ווייסט — האָט דער צאַנזער רב אויסגערופען — זענען פערהאַן אויף דער ערד צווי הייליגע בערג: דער באַרג סיני, אויף וועלכען דער אויבערשטער ברוך הוא, האָט די יודען געגעבען די תורה און דער באַרג מורי׳ אויף וועלכען אברהם אבינו איז געווען גרייט מקריב צו זיין זיין זוהן יצחק אַלס קרבן פאַר זיין הייליגען נאָמען. אויף דעם באַרג האָט טאַקי שלמה המלך שפּעטער אויפגעבויט דאָס בית המקדש, און דער רבונו של עולם האָט דאָרט געמאַכט רוהען זיין שכינה.

איז דאָך באמת שווער, פאַרוואָס האָט שלמה המלך אויסגעקליבען אַלס מקום המקדש דעם באַרג מורי׳ און נישט דעם באַרג סיני, וואו דער אויבערשטער האָט זיך בעוויזען בקולות וברקים און געגעבען די תורה

דעם פאָלק ישראל. מיט וואָס איז עפּעס דער באַרג מורי׳ חשוב׳ער ווי דער באַרג סיני?

— נאָר דער תירוץ איז — האָט דער צאַנזער רב אויסגערופען מיט התפּעלות — אַז דאָס אָרט וואו אַ יוד האָט אויסגעשטרעקט זיין האַלז מיט מסירת נפש, זייענדיג מוכן ומזומן זיך מקריב צו זיין אַלס קרבן פאַר׳ן בורא עולם. דאָס דאָזיגע אָרט, איז חשובער פאַרן אויבערשטען זאָגאַר פון דעם אָרט וואו עס איז געגעבען געוואָרען די תורה.

— גלויבט מיר באמונה — האָט דער צאַנזער רב פאַרענדיגט זיין שמועס. — אַז דער ריזשינער רבי ר׳ ישראל׳טשע איז גרייט זיך מקריב צו זיין פאַרן בעשעפער, און האָט מסירת נפש פאַר השם יתברך יעדע מינוט און יעדע רגע, און דאָרט וואו עס רוהט אַזאַ צדיק, איז דאָס אמת׳ע מקום המקדש. און וועגען איהם האָט דער פסוק געזאָגט: ועשו לי מקדש ושכנתי בתוכם, דערויף זאָגען די חז״ל בתוכו לא נאמר אלא בתוכם – בתוך כל אחד ואחד דער דאָזיגער יוד איז דער אמתער בית המקדש און אין איהם רוהט די שכינה הקדושה. אַצינד פאַרשטעהט איהר שוין אַז מיין ווייטע נסיעה האָט זיך מיר גאָר שטאַרק געלוינט?...

אין חסידישען גאַליציען האָט די נסיעה פון צאַנזער רב קיין סאַדע־גורע געמאַכט אַ שטאַרקען רושם. די דאָזיגע געשעהעניש איז אַ צייט לאַנג אין די חסידישע קרייזען שטאַרק בעטאָנט און קאָמענטירט געוואָרען. חסי־דים האָבען דערצעהלט אָהן אַ שיעור אגדות וועגען דעם אינהאַלט פון די געשפּרעכען וואָס ביידע גרויסע צדיקים האָבען צווישען זיך געשמועסט. און וואָסער פּעולה די דאָזיגע בעגעגעניש האָט געהאַט צו פאַרשטאַרקען דאָס חסידות.

אָבער נאָך מעהר האָט די דאָזיגע נסיעה געמאַכט אַ רושם אין דער וועלט פון גוטע יודען. כמעט אויף יעדען שבת איז געקומען קיין סאַדעגורע אַנ׳אַנדער מיוחסדיגער צדיק, וועלכער האָט אַליין געהאַט פיעל אָנהענגער. יעדער האָט געהאַלטען פאַר זיין חוב צו פאָהרען קיין סאַדעגורע, בעקענען זיך מיטן הייליגען ריזשינער און מיט זיין דרך, וואָס כאָטש ער איז געווען אַזוי פרעמד און אויסטערליש, איז ער דאָך געווען גאָר הויך און עמקותדיג אַז נישט יעדער פּשוטער מענש האָט עס געקענט בעגרייפען.

אַזוי אַרום איז דער נאָמען פון ריזשינער כסדר געוואַקסען און יודי־שען גאַליציען, וואו ער איז סוף כל סוף געווען אַ פרעמדער, וועלכער איז נאָר וואָס געקומען פון אַ פרעמד לאַנד.

כא

רימאנאוו — די „גרויסע" שטאדט

דער גרעסטער חסידישער רבי איז אין יענער צייט געווען דער בעריהמטער רבי ר' הירש פון רימאנאוו זצ"ל, וועלכען מען האט אויך גערופען, רבי הירש משרת.

די לעבענס געשיכטע פון דאזיגען חסידישען גדול איז זעהר אינטערעסאנט, ווי אזוי א שניידער-יונגעל האט זיך ארויפגעארבייט ביז צו דער מדרגה פון גרעסטען חסידישען אויטאריטעט, צו וועלכען אזעלכע צדיקים ווי דער צאנזער, דער דזיקאווער, דער בעלזער, דער קאמינקער און דער יאראסלאווער זענען געווען כפוף.

אפילו דער רבי ר' שמעון פון יאראסלאוו, דער עלטסטער פון אלע רביים, וועלכער האט נאך בעקומען סמיכה פון די ערשטע בעל שם'ס תלמידים, פלעגט גאנץ אפט פאהרען קיין רימאנאוו נעהמען א ברכה פון הייליגען רימאנאווער.

אויך אין רימאנאוו האט די נסיעה פוןביידע גרויסע רבנים, ווי דער צאנזער און דער קאמינקער קיין סאדעגורע, געמאכט א שטארקען רושם. דאס איז געווען דאס געשפרעך פון טאג, חסידים האבען געהאלטען דערפון אין כסדר'דיגען שמועסען. עס איז דעריבער קיין וואונדער נישט, וואס צווישען רימאנאווער עולם האט זיך דערוועקט א שטארקע תשוקה צו זעהען כאטש איין מאל די הייליגע צורה פון ריזשינער צדיק.

און מערקווירדיג: נישט נור ביי די חסידים, נאר אויך ביים גרויסען רבין, ביים רימאנאווער, האט זיך דערוועקט א שטארקע תשוקה צו פאהרען קיין סאדעגורע. דער רימאנאווער איז שוין דאמאלס געווען א בן שבעים, א שוואכער און מיעדער, וועלכער האט זיך שטארק געגויטיגט אין מנוחה, און פלעגט גאנץ זעלטען פערלאזען זיין היים, סיידען, ווען עס האט זיך געהאנדעלט וועגען א גרויסען און וויכטיגען כלל-ישראל-ענין. פונדעסטוועגען האט דער רימאנאווער אנגעהויבען טראכטען וועגען פאהרען צום ריזשינער קיין סאדעגורע.

אבער איידער דער רימאנאווער האט בעשלאסען אונטערצונעהמען די נסיעה, האט ער בעשלאסען צו שיקען פריהער זיינס א מענש, וואס איז א מבין אויף חסידות און אויף א רבי'ן, אויף וועלכען מען קאן זיך סומך זיין, צי ס'איז כדאי צו פאהרען אזא ווייטען וועג, אונטערצונעהמען אזא

שווערע נסיעה, אויף דער עלטער. און פאַר אַזאַ שליח האָט דער רימאַנאָ־
ווער אויסגעקליבען זיין מקורב ר׳ הערשעלע איטשעס.

ר׳ הערשעלע איז שוין געווען אַ יוד אַ זקן, איבער די שמונים, אָבער — אַ פלאַם־פייער. דער יוד איז געווען אַן׳אמת׳ער חסיד, און גע־וואוסט, וואָס עס הייסט צו זיין אַ חסיד. געקענט אַלע גוטע יודען פון זיין דור און פון אַ פריהערדיגען דור, געוואוסט אין וואָס עס בעשטעהט דאָס גדלות פון יעדען איינעם און מיט וואָס יעדער צייכענט זיך אויס. או־מעטום האָט מען ר׳ הערשעלען גאָר שטאַרק מקרב געווען, ווייל יעדער גו־טער יוד וואָלט זיך געשעצט גליקליך, ווען הערשעלע איטשעס וואָלט זיך דעצידירט צו בלייבען ביי איהם. אָבער ר׳ הערשעלע, אַליין אַ בעל מדרגה, האָט אַזוי לאַנג געוואַנדערט פון איין רבי׳ן צום אַנדערען, ביז ער האָט זיך אָבגעשטעלט אין רימאַנאָוו און איז שוין דאָ פערבליבען.

צווישען רימאַנאָווער עולם איז ר׳ הערשעלע געווען אַ גרויסער חשוב. פלעגט מען זיך מיט איהם מיישב זיין אין פערשיעדענע רוחניות׳דיגע, ווי גשמיות׳דיגע ענינים און ר׳ הערשעלע האָט געוואוסט אַן׳עצה צו געבען, געקענט די וועלט, געוואוסט פון אָהן אַ שיעור מעשיות, וואָס ער אַליין האָט עפ״י רוב בייגעוואוינט און תמיד האָט ער אָנשטאָט אַן׳עצה דערצעהלט אַ מעשה׳לע פון אַ רבי׳ן וואָס האָט זיך פונקט מסתייע מלתא געווען ווי אין דעם געגענווערטיגען פאַל.

עס פערשטעהט זיך, אַז ווען עס האָט אָנגענומען אין דער חסידישער וועלט אַזאַ תשוקה צו בעזוכען דעם הייליגען ריזשינער, האָט אויך ר׳ הערשעלע איטשעס זעהר שטאַרק געגלוסט צו פאָהרען קיין ריזשין און צו בעקענען זיך מיט׳ן דאָזיגען גדול הדור. אַזוי פיעל גוטע יודען געקענט, און דעם ריזשינער נישט קענען? — האָט צו זיך גערעדט דער אַלטער חסיד, ווי אַזוי קאָן ער עס ביי זיך פועל׳ן.

פון דער אַנדערער זייט האָט אָבער ר׳ הערשעלע איטשעס נישט גע־קאָנט פועל׳ן ביי זיך צו פערלאָזען דעם רבי׳ן, דעם רימאַנאָווער, וועלכען ער האָט אָנערקענט אַלס זיין רבי מובהק, פאַר דער הקפדה פון רימאַנאָווער האָט זיך דער אַלטער חסיד גאָר שטאַרק געשראָקען. פאָהרען אַהין אָהן רשות קען ער דעריבער בשום אופן נישט. אָבער בעטען רשות ביים רבי׳ן צו פאָהרען קיין סאַדעגורע — האָט ער אויך נישט געקענט ביי זיך פועל׳ן. עס איז דאָך אַ פחיתת הכבוד פאַר זיין רבי׳ן.

אָבער ר׳ הערשעלע איטשעס איז נישט געווען פון די יעניגע, וואָס רעזיגנירען אַזוי גיך פון זייערע געדאַנקען. קוים האָט ער בעשלאָסען צו פאָהרען קיין סאַדעגורע, האָט ער שוין נישט גערוהט און געזוכט עצות ותחבולות זיין בעשלוס אַדורכצופיהרען.

וויסענדיג, אַז דער רימאַנאָווער איז בעצם אַ גוטער, אַ מזג טוב, האָט ער געוואוסט, אַז אַזאַ געלעגענהייט וועט זיך מאַכען און ווען

עס וועט אויסקומען אַ שמועס וועגן ריזשינער, וועט ער שוין וויסען, ווי אַזוי זיך אויסצודריקען וועגען זיין רצון און זיין תשוקה.

און ווירקליך האָט זיך אַזאַ געלעגענהייט באַלד געמאַכט. מען האָט געשמועסט וועגן דעם בעזוך פון די גוטע יודען ביים ריזשינער. ר׳ הערשעלע האָט דערקענט, אַז דער רבי זיינער איז גוט אויפגעלעגט, האָט ער מני׳ בי׳ אויסגעדריקט זיין וואונש, וואָס האָט איהם אַזוי שטאַרק געדריקט.

— דעם אמת וועל איך אייך זאָגען — האָט ר׳ הערשעלע אויסגערופען אַז אַ רבי׳ן האָב איך שוין. איך האָב לאַנג געזוכט און געפונען דעם רבי׳ן, צו וועלכען איך געהער מיט מיין שורש נשמה. ביז צו מיין ענדע וועל איך פון דאַנען נישט אַוועק, אַפילו ווען מען זאָל מיך טרייבען מיט שטעקענס אָבער אַ חשק צו פאָהרען קיין סאַדעגורע האָב איך גאָר אַ שטאַרקען אויסגעוואַקסען ביי אַזוי פיעל גוטע יודען געקענט זיי ווי מיין אייגענע פּני־מיות ווי אַזוי לאָזט מען עס אַדורך אַזאַ געלעגענהייט צו לעבען אין איין צייט מיט דעם ריזשינער און איהם נישט אַנצוקוקען ? מען זאָגט דאָך אַז זיין צורה איז כתואר מלאך אלקים...

ר׳ הערשעלע איז אַנטשוויגען געוואָרען, אָבגעווישט זיך דעם שווייס פון זיין צעאַקערטען שטערען. ענדליך האָט ער אַרויסגעזאָגט זיין וואונש. איצט וואַרט ער אויף אַן ענטפער.

— נו, אדרבה, עס איז גאַנץ גרייך. — האָט דער רבי ר׳ הירש רימאַנאָווער אויסגערופען — און טאַקי שוין דאַרפסטו פאָהרען. דו דאַרפסט נישט אָבלייגען די נסיעה אויף שפּעטער דו ביסט דאָך אַן אַלטער יוד, און נישט שטענדיג קאָן מען אויף דער עלטער זיך לאָזען אויף אַ וויטען וועג, פאָהר זשע דעריבער לחיים ולשלום קיין סאַדעגורע, אָבער נישט באַלמוטשעט!

עס פערשטעהט זיך, אַז ר׳ הערשעלע איטשעס איז געוואָרען מלא שמחה. אַ קלייניגקייט. דער רבי, נישט נור וואָס ער גיט איהם רשות, נאָר ער איז איהם גאָר שטאַרק מעורר, פאָדערט פון איהם נישט אָבצולעגען די נסיעה אויף שפּעטער — אַזאַ גליק האָט ער גאָר נישט ערוואַרט.

חסידים דערצעהלען, אַז דער הייליגער רימאַנאָווער, וועלענדיג דערגעהן דעם מהות פון ריזשינער. זיינע דרכים און מנהגים, האָט ער אַליין השק געהאַט צו שיקען ר׳ הערשעלען קיין סאַדעגורע, וויסענדיג, אַז ער איז דער אמת׳ער בר-סמכא. ווייל ווער איז נאָך אַזאַ מומחה אין חסידות, ווי דער אַלטער חסיד וואָס האָט געקלעבט ביי אַזוי פיעל גוטע יודען, האָט זיך דער רבי נישט וועהניגער געפרעהט מיט דער געלעגענהייט, וואָס ר׳ הערשעלע אַליין האָט עס ביי איהם געבעטען רשות צו פאָהרען קיין סאַדעגורע.

עס פערשטעהט זיך, אַז ר׳ הערשעלע איטשעס האָט גאָרנישט באַלמוטשעט, גענומען דאָס פּעקעל, וואָס איז בעשטאַנען פון אַ טלית און תפי־

לין, די שבת׳דיגע בעקעשע, עטליכע שטיק וועש און אַ ביסעל צדה לדרך און געלאָזט זיך קיין סאַדעגורע.

ווי לאַנג עס האָט געדויערט ביי אַזאַ ר׳ הערשעלע איטשעס דער וועג פון רימאַנאָוו קיין סאַדעגורע, איז זיך לייכט פאָרצושטעלן, אַז קיין פרוטה אחת האָט ער נישט פערמאָגט ביי זיך. וואָרום צו וואָס האָט ער דען זיך געניוויטיגט אין געלד? ווער האָט דען נישט געקענט ר׳ הערשעלען? און אַז ער איז געקומען אין אַ שטאָדט אַריין האָט מען זיך דאָך פשוט געריסען איבער איהם. יעדער האָט דאָך געוואָלט האָבען ביי זיין טיש אַזאַ אורח הגון, וואָס האָט געוואוסט אַזוי פיעל צו דערצעהלען פון עולם החסידות. און פון איין שטאָט אין דער אַנדערער איז ער פשוט גע-גאַנגען צו פיס, עולה רגל געווען קיין סאַדעגורע.

אָנקומענדיג קיין סאַדעגורע, האָט זיך ר׳ הערשעלע געשטופט בתוך הבאים שלום צו נעהמען ביים ריזשינער. און מערקווירדיג: ביי קיינעם האָט זיך דער ריזשינער נישט אָבגעשטעלט. שלום געגעבען און אָבגעלאָזט. נאָר אָט דעם אַלטען חסיד, דאָס איינגעהויקערטע און פערשטויבטע יודעל, האָט ער אָבגעשטעלט, אָנגעמאָסטען איהם מיט זיין בליק און אויסגערופען:

— פון וואַנען זענט איהר?

— איך בין פון אַ קליין שטעדטעל אין גאַליציען — האָט ר׳ הער-שעלע אָבגעענטפערט—עס הייסט רימאַנאָוו.

— וואָס? — האָט דער ריזשינער אויסגערופען מיט אַ העכערער שטים, געבענדיג דערביי אַ ציטער — וואָס זאָגט איהר עפּעס? אַ קליין שטעדטעל? דאָס אָרט, וואו עס וואוינט דער גרויסער ר׳ הירש רופט איהר אָן אַ קליין שטעדטעל?! ווייסט איהר, אַז אייער רבי איז אַ פלאַם פייער, טאַקי אַנ׳אש להבה?

דער הייליגער ריזשינער האָט אָנגעהויבען שפרייזען איבער׳ן צימער אַ שטאַרק צעקאָכטער. אַזוי האָט געדויערט אַ לענגערע וויילע. ענדליך האָט ער זיך אָבגעשטעלט און אויסגערופען צו ר׳ הערשעלען:

— רימאַנאָוו איז אַ גרויסע שטאָדט. טאַקי גאָר אַ גרויסע. ביי אברהם אבינו שטעהט: ויעש אברהם משתה גדול, ווען ער האָט אַנטווינט יצחק׳ן האָט אברהם אבינו געמאַכט אַ גרויסע סעודה איז רש״י הקדוש מפרש, ווייל עס האָבען זיך ביי דער סעודה בעטייליגט די גדולי הדור, האָט מען דעריבער די סעודה אָנגערופען אַ גרויסע. דעריבער זאָג איך, אַז די שטאָדט, וואו עס רוהט אַזאַ גדול הדור, ווי ר׳ הירש, הייסט עס אַ גרויסע שטאָדט.

ר׳ הערשעלע האָט, נאַטירליך, גאָר נישט געענטפערט, אָבער דאָס הארץ איז אין איהם פשוט געוואַקסען פאַר שמחה און ער האָט קיין אויג נישט אַראָבגעלאָזט פון צדיק.

— איך האָב געהערט, אַז אייער רבי איז אַ כהן, — האָט פלוצלונג

דער ריזשינער אויסגערופען — זאָגט מיר, כ׳בעט אייך, דוכנ׳ט ער טאַקי, ווי עס פאַסט פאַר אַזאַ כהן ?

— אודאי דוכנ׳ט ער יעדען יום־טוב — האָט ר׳ הערשעלע אָבגעענט־פערט, נישט פערשטעהענדיג די אמת׳ע כונה פון ריזשינער׳ס דיבורים.

— איך פרעג אייך נישט צי ער דוכנ׳ט יעדען יום־טוב — האָט דער ריזשינער מיט אַ געבייזער אויסגערופען. — אייער רבי איז אַ כהן־גדול, איהם וואָלט געפאַסט צו דוכנ׳ען אַלע טאָג.

— ער מאַכט דאָך גאָר וואונדערליכע נסיעות, אייער רבי. — האָט דער ריזשינער ווייטער אויסגערופען.

— דוקא זעהר זעלטען — האָט ר׳ הערשעלע אָבגעענטפערט. — שוין אַ סך יאָהרען, ווי מיין רבי מאַכט ניט קיין נסיעות. ער פאָהרט נור אַמאָל אין אַ ווארעם באָד צו זוכען אַ רפואה פאַר זיינע קראַנקע פיס, מחמת ער ליידט שטאַרק אויף רעוומאַטיזם.

— וואָס ווייסט איהר, מיין ליבער יוד, — האָט דער ריזשינער אָבגע־ענטפערט מיט אַ שמייכעל — וויבאַלד. אַז איך זאָג אייך, אַז ער מאַכט נסיעות, מעגט איהר מיר גלויבען. ער מאַכט אפילו זיינע נסיעות אויך אין שבת און אין יום טוב און דוקא זעהר ווייט. אויף אַזעלכע מקומות, ווי קיין שום מלאך און קיין שום שרף קאָן קיינמאָל נישט אַריינקומען.

די דאָזיגע דבורים האָבען ר׳ הערשעלע׳ן זעהר שטאַרק איבערראַשט. ער איז געווען זיכער, אַז קיינער קען נישט אַזוי גוט זיין רבי׳ן, דעם רי־מאַנאָווער, ווי ער און לסוף ווייזט זיך אַרויס, אַז ער הויבט איהם גאָרנישט אָן צו קענען. גאָר אַ פערקעהרטע זאַך. געקומען קענען לערנען דעם רי־זשינער, לסוף האָט ער זיך דערוואוסט פלאי פלאים פון רימאַנאָווער.

ר׳ הערשעלע איז געבליבען אויף אַ שבת אין סאַדעגורע, וואו מען האָט איהם שטאַרק מכבד געווען. און נאָך שבת ווען ער איז געקומען אָב־שייד נעהמען פון ריזשינער, האָט דער צדיק אויסגערופען:

— איך בין אייך פשוט מקנא. וואָס איהר פאָהרט צוריק קיין רימאַנאָוו, און וואָס איהר וועט בקרוב זעהען זיין אמת־יודישע צורה.

קומענדיג אַהיים קיין רימאַנאָוו, האָט ר׳ הערשעלע איטשעס דערצעהלט זיין רבי׳ן אַלע דבורים פון ריזשינער. נישט פערפעהלענדיג קיין וואָרט. דאַן האָט זיך דער רימאַנאָווער אָבגערופען:

— און איך בין שוין לאַנג משתוקק צו זעהען בחיים חיותי די הייליגע צורה פון ריזשינער. און איך האָף צו השי״ת אי״ה בקרוב זיך צו זעהען מיט איהם...

כ״ב

די צווייר מאורות הגדולים

אין רימאַנאָווער הויף האָט דער בעשלוס פון רבי'ן בקרוב זיך צו זעהען מיט'ן ריזשינער, אַרויסגערופען אַ געוואַלדיגע סענסאַציע.

ווי שוין בעקאַנט, איז דער רימאַנאָווער געווען דאַמאָלס שוין אַ יוד אַ זקן און דערצו אַ גרויסער חלוש. דער צדיק האָט זיך קוים געקענט האַלטען אויף די פיס, פלעגט ער טאַקי ס'רוב ליגען אויפ'ן בעטעל, און אַזוי אַרום אויפנעהמען די חסידים, וואָס זענען צו איהם געקומען זיך פראַווען.

אָבער ווען עס פלעגט קומען צום דאַווענען, צו אַ מצוה טהון, איז דער אַלטער צדיק אַנ'אַנדערער מענש געוואָרען, דאָס מסירת נפש, וואָס ער האָט דערביי אַרויסגעוויזען, איז נישט מעגליך אָבצושילדערען. מען האָט דערצו בעדאַרפען האָבען די גבורה פון אַ לייב זיינע קולות, זיינע תנועות און העויות איז נישט געווען פאַר די כחות פון אַ בשר ודם בפרט נאָך פאַר די כחות פון אַ שוואַך און צובראָכען יודעל, וועלכער פלעגט ממש נישט האָבען קיין כחות די הענד אויפצוהויבען כדי אַ יוד שלום צו געבען...

עס האָט דעריבער אַרויסגערופען אַ פערשטענדליכע איבערראַשונג די ווערטער פון רבי'ן אַז ער וועט בקרוב פאָהרען קיין סאַדעגורע, כדי צו זעהן זיך מיט'ן ריזשינער צדיק.

און באַלד האָט זיך דער צדיק אָנגעהויבען מכין זיין צו דער נסיעה קיין סאַדעגורע.

אין די חסידישע קרייזען אין גאַליציען האָט די ידיעה וועגען דער צוקונפטיגער נסיעה פון רימאַנאָווער קיין סאַדעגורע אַרויסגערופען אַ געוואַלדיגע פעראינטערעסירונג. מען האָט אָנגעהויבען דעם ענין אויסצוטייטשען אויף פערשידענע אופנים. יעדער האָט זיך אויף אַנ'אַנדערען אופן געגומען גריבלען אין דער כונה פון גרויסען צדיק, פון רימאַנאָווער. אָבער אַלע האָבען געמוזט אַנערקענען אַז די זאַך איז נישט פשוט, אַז עפעס דאַרף געשעהען, און די נסיעה וועט עפעס גרויס ברענגען.

עס פערשטעהט זיך, אַז נישט ווייניג חסידים האָבען חשק געהאַט ביי־צווואוינען די דאָזיגע בעגעגעניש צווישען די צוויי גדולי הדור. האָט מען זיך טאַקי געהאַלטען אין איין אָנפרעגען ווען דער רבי פאָהרט, און בכלל מכח די אַלע פרטים פון דער נסיעה. און נישט נור די רימאַנאָווער אָנהענגער האָבען חשק געהאַט מיטצופאָהרען קיין סאַדעגורע מיט זייער רבי'ן,

נאָר, און אפשר נאָך אין אַ פּיעל גרעסערער מאָס, די ריזשינער חסידים וועלכע האָבען אָנגעהויבען פאָהרען קיין ריזשין, ווי נור דער רבי האָט זיך אריבערגעקליבען פון רוסלאַנד.

בכלל האָט דער פּאַקט וואָס דער עלטסטער און פּערהייליגסטער פון אַלע גאַליצישע גוטע יודען קלייבט זיך צו פאָהרען קיין סאַדעגורע צווישען די ריזשינער חסידים קיין קלענערע איבעראַשונג נישט ארויסגערופען ווי ביים איבריגען חסידישען עולם.

און ענדליך האָט זיך דער רימאַנאָווער רבי געלאָזט אין וועג אריין.

געווען איז עס זומער-צייט. מען האָט ספּעציעל געלאָזט מאַכען א בויד פאַר'ן רבי'ן, וואו מען האָט איינגעאָרדענט פאַר איהם אַ גוט געלעגער מיטגעפאָהרען זענען אָבער מיט איהם נישט מעהר ווי א מנין יודען, און דאָס אויך כדי דער רבי זאָל אויפ'ן וועג קענען דאַוונען מיט מנין אזוי איז געווען דער רצון פון רבי'ן.

דער וועג פון רימאַנאָוו קיין סאַדעגורע, האָט געדויערט צעהן טעג. אויפ'ן גאַנצען וועג האָבען דעם רימאַנאָווער אָבגעוואַרט טויזענדער חסידים, כדי שלום צו געבען דעם גרויסען צדיק און צו דערלאַנגען אַ קוויטעל. אָבער דער רימאַנאָווער האָט זיך אין ערגיץ נישט געוואָלט אָבשטעלען ערקלערענדיג, אַז איצט וועט ער מיט קיינעם נישט אָבגעבען זיך. נור אויפ'ן וועג אַהיים וועט ער אויפנעמען אַלעמען וואָס ווילען דורך איהם אויפגענומען ווערען.

געהערט האָט מען אין די דערפער, אין די קרעטשמעס. אָבער לענגער זיך פערהאַלטען אויפ'ן וועג, האָט דער רימאַנאָווער נישט געוואָלט. בכלל האָט דער אַלטער צדיק בשעת דער דאָזיגער נסיעה זעהר גוט געפיהלט זיך, אַזוי אַז ער האָט עס זאָגאַר כסדור אונטערגעשטראָכען, אַז דאָס איז נור אין זכות פון ריזשינער.

ווי נור מען האט זיך אין סאַדעגורער הויף דערוואוסט, אַז דער רימאַנאָווער איז ארויסגעפאהרען פון דער היים און ער געפינט זיך שוין אויפ'ן וועג קיין סאַדעגורע, האָט מען אָנגעהויבען מאַכען די גרויסע הכנות מקבל פנים צו זיין דעם חשובן גאַסט. אויך אַלע שליאַכען וואָס פיהרען קיין סאַדעגורע האָבען זיך געצויגען לאַנגע רייהען פוהרלייט מיט חסידים קיין סאַדעגורע, וועלכע האבען געוואָלט בייוואוינען די בעגעגעניש פון די גרויסע צדיקים. אָבער נישט ווייניג האָבען זיך געלאָזט צו פוס קיין סאַדעגורע. חסידים האָבען דערווייל געטרינקען משקה, געזינגען ריזשינער ניגונים און בכלל פערבראַכט אין אַ גוטער חסידישער שטימונג אַ יום טוב שטימונג האָט זיך געפיהלט ביי אַלעמען. מען האָט נור מורא געהאט אז מען זאָל חלילה נישט פערשפּעטיגען: דער רימאַנאָווער זאָל זיך נישט אַנאַל מקדים זיין, און זיך שוין געפונען אין סאַדעגורע.

אָבער אויך דער ריזשינער רבי גופא האָט זיך גענומען מכין זיין צום

קבלת פנים. יעדען טאָג האָט ער אַרויסגעשיקט רייטער אויף זיינע בעסטע פערד, כדי אויסצוקוקען דעם גאַסט און האָט זיי אָנגעזאָגט, אַז קוים וועלען זיי זיך דערוויסען, דאָס דער צדיק קומט אָן, זאָלען זיי בליץ־שנעל קומען און ברענגען די בשורה.

אין די הויף־קרייזען האָט מען דעריבער גערעכענט, אַז דער רבי גופא וויל אַקעגענפאָהרען זיין גרויסען גאַסט. איז טאַקע די טייערע קאַרעטע געשטאַנען תמיד גרייט, טאָמער קומען אָן די שליחים און ברענגען די בשורה אַז דער רימאַנאָווער איז שוין גאָהנט.

ענדליך האָט מען זיך דערוואַרט. אַ רייטער איז געקומען צו לויפען און דערצעהלט, אַז דער רימאַנאָווער מיט זיינע בעגלייטער רוהען אין דאָרף זוטשקא.

דאָס דאָרף זוטשקא געפינט זיך איינגאַנצען אַ צוויי מייל פון סאַדעגורע, הייסט עס דאָך, אַז ער געפונט זיך שוין גאָר נאָהנט.

פינדעסטוועגען איז דער ריזשינער גופא נישט געפאָהרען אַקעגען ווי מען האָט גערעכענט, ער האָט גאָר אַקעגענגעשיקט זיינע עלטערע קינדער מיט די טייערע קאַטש.

גלייך ווי דעם ריזשינערס קינדער זענען אַקעגענגעפאָהרען קיין זוטשקא, האָט דער ריזשינער זיך אָבגעשלאָסען אין זיין חדר. געגומען רויכערען זיין לילקע־ציביך מיט גרויס דבקות. דאָס האָט אַזוי געדויערט צוויי שעה דורכאַנאַנד אָהן הפסקה.

פון צייט צו צייט האָט ער געשפרייזט איבער׳ן חדר און ווידער געדויכערט ביז דאָס חדר איז פול געוואָרען מיט רויך.

דערווייל האָט זיך אין דרויסען געבילדעט אַ לאַנגע וואַרע. וואָס האָט זיך געצויגען פון דעם הויפט־איינגאַנג פון הויף ביז צום טהיר פון רבי׳נס חדר. צוויי לאַנגע געדיכטע שורות מענשען האָבען זיך אויסגעשטעלט און געשטאַנען אין גרויס ענגשאַפט, כדי מיט די אייגענע אויגען צו זעהן די בעגעגעניש, צו וואָס זיי זענען ספּעציעל פון ווי ווייט געקומען.

האָט מען דערווייל געשמועסט וועגען דער בעגעגעניש צווישען דיביידע מאורות הגדולים. וואָס וועט אוודאי עושה רושם זיין.

מיעד זייענדיג פון לאַנגען וואַרטען, האָט עמיצער פון צייט צו צייט אַרויסגענומען פון בוזעם־טאַש אַ פלעשעלע מיט אַקעוויט און אַ גלעזעל. זייענדיג אויך מכבד זיינע נאָהנטע שכנים, דערביי האָט מען זיך געווינשעוועט:

— יהי רצון, אַז מיט׳ן צוזאַמענקומען זיך פון די צוויי מאורות הגדולים זאָל שוין פול ווערען דער פגם פון „מאור הקטן״ (פון דער לבנה) און זיין ליכט זאָל שוין ווידער לייכטען, ווי דאָס ליכט פון דער זון און דעמאָלט וועט שוין זיין די גאולה שלימה און דאָס התגלות פון הייליגען משיח...

פלוצלינג איז געוואָרען אַ געשטופעריי, אַנ'ענגשאַפט. ער איז שוין דאַ, — האָט מען זיך איבערגעגעבען פון מויל צו אויער יעדער שטופט זיך, וויל זעהען, אָבער אַ גבאי פון ריזשינער הויף געהט פאָראויס, פאָ־בעט מיט אַ פאַטשיילע און מאַכט אַ וואָרע.

אָך איהם געהט פאמעליך אַנ'אַלטער קליינטשיגער יודעל אָנגעטהוען אין ווייסע קליידער פון קאָפ ביז פיס, ווערענדיג געפיהרט פון ריזשינערס קינדער.

דער עולם שרייט אויס: ברוך הבא! שלום עליכם! דאָס התלהבות וואַקסט.

אָבער באַלד ווערט ווידער אַ טומעל פון דער צווייטער זייט. עס ווערט קלאָר, אַז דער ריזשינער געהט אַקעגען זיין גאַסט ביז צו דער טיהר פון בית־מדרש.

ריהרענד איז געווען די בעגעגעניש צווישען ביידע צדיקים. דער ריזשינער האָט זיך עטוואָס איינגעבויגען און אַ קוש געטהון דעם רימאַנאָ־ווער און שטערען אַריין.

דאַן האָבען ביידע גוטע יודען זיך פערשלאָסען אין רבינ'ס חדר מיוחד וואו עס איז געגרייט געווען אַ כבוד פון כל טוב און לאַנג צוזאַמען פער־בראַכט.

עס איז אויך געפראַוועט געוואָרען אַ סעודה. מען האָט געזאָגט תורה און די אהבה וואָס ביידע גדולי־הדור האָבען אַרויסגעוויזען איינער צום אַנדערען, האָט ממש עלעקטריזירט דעם עולם.

באַלד צומאָרגענס, איז דער רימאַנאָווער אָבגעפאָהרען פון סאַדעגורע מיט נישט קיין קלענערען פאַראַד ווי ער איז אָנגעקומען.

תיכף נאָכ'ן אָבפאָהרען פון סאַדאַגורע. האָט דעם רימאַנאָווערס איידעם ר' לייבוש, אַ פרעג געטהוען דעם שוועהר.

— זאָגט מיר, פאַרוואָס האָט איהר נישט געקושט דעם צדיק בעת ער האָט אייך יאָ געקושט?

— מחמת ער ווייסט דעם סוד פון „נשיקה" — האָט דער רימאַנאָווער געענטפערט, — מיר האָט מען דעם דאָזיגען סוד פון הימעל נישט מגלה געווען, און אויך פון מיינע רביים האָב איך אויך עס נישט געלערענט.

און ווי געפעלט אייך עפעס זיין דרך, — האָט ר' לייבוש ווייטער געפרעגט, — זעהענדיג, אַז עס איז אַנ'עת רצון.

— ער האָט זיך אויסגעוועהלט דעם דרך פון חנוך, דעם מלאך שר־הפנים. מיר אָבער, אַ דאַנק זיין ליעבען נאָמען, האָבען זיך אויסגעוועהלט דעם דרך פון אברהם אבינו.

דער רימאַנאָווער איז אַנטשוויגען געוואָרען, שטאַרק זיך פערטאַכט און דאַן האָט ער אויסגערופען צו זיין איידעם ר' לייביש.

— הער מיין קינד! דער צדיק איז דער כהן גדול פון דור און זיין

האַרץ איז דאָס מזבח אויף וועלכען ער איז מקריב קעבנות, ער קוילעט דעם יצר הרע און ער איז מקטיר קטורת פאַר'ן אויבערשטען דורך זיינע מעשים טובים. און דאָס האָב איך געזעהען ביי ר' ישראלטשע ריזשינער...

— ביי איהם איז מקוים געוואָרען דער פסוק: „אש תמיד תוקד על המזבח" — אַ שטענדיג פייער פון אהבה צו השי"ת פון מסירת נפש צו זיין ליבען נאָמען, און פון התדבקות און אין סוף ברוך הוא. ברענט כסדר אין זיין האַרץ אָהן אויפהער, כאָטש מיט די אויגען זעהט מען עס נישט, און בעת זיין עבודה — אוודאי נישט און עס דאַכט זיך דעריבער אַז עס איז אַלץ שטיל, קאַלט, רוהיג. אָבער עס איז אַ טעות: עס ברענט, עס פלאַקערט...

אַזוי כסדר האָט דער רימאַנאָווער אויפ'ן גאַנצען וועג געהאַלטען אין איין מפליא זיין דעם ריזשינער זיין גרויסקייט, זיין אומפערשטענדליכען און נישט בעגרייפבאַרען דרך.

אָבער אויך דער ריזשינער איז ניט וועניגער צופרידען געווען פון רימאַנאָווערס בעזוך, אויסדרוקענדיג זיך:

— אַזאַ צדיק האָט מען נישט געזעהן זייט הונדערטער דורות. ער איז אין דער בחינה פון אברהם אבינו, אויף וועלכען דער הייליגער מדרש זאָגט, אַז נאָכדעם ווי אברהם אבינו האָט לאַנג געזוכט און געגישטערט און געוואָלט דערגעהן, ווער עס איז דער מנהיג פון דער וועלט, האָט זיך דער אויבערשטער בכבודו ובעצמו צו איהם בעוויזען און געזאָגט:

אני הוא בעל הבירה! — איך בין דער בעל הבית פון דער וועלט!...

מיט די דאָזיגע דבורים, — זאָגען חסידים מפרש — האָט דער ריזשינער מרמז געווען, אַז דער רבי ר' הירש פון רימאַנאָוו איז געקומען צו זיין מדרגה דורך אייגענער אַרבייט, מיט'ן אייגענעם כח, אָהן זכות אָבות, נאָר מיט דער הילף פון בורא און דעריבער איז ער אַזאַ גרויסער בעל מדרגה.

כב

דער שידוך

די בעגעגעניש צווישען די צוויי גדולי החסידות איז געווען דאָס גרעסטע וואונדער פון יענער צייט.

די חסידישע וועלט האָט נישט געקענט בשום אופן בעגרייפען, ווי אַזויביידע גדולי הדור, דער הייליגער ריזשינער און דער הייליגער רימאַנאָווער, האָבען זיך געקענט אַזוי גוט פערשטעהן. אין דער צייט וואָס זייער עבודות איז געווען אַזוי פערשיעדענאַרטיג, ממש מן הקצה אל הקצה.

דאָס עבודות פון רימאַנאָווער האָט דאָך, ווי שוין דערמאָהנט, געהאַט אַ שם אין דער חסידישער וועלט. מיט זיינע תנועות און קולי קולות האָט ער דאָך מרעיש עולמות געווען, אַז דער רבי ר׳ הירש האָט זיך געשטעלט אין דעם ווינקעל דאַווענען, האָט מען איהם געפונען אין אַ צווייט ווינקעל, אין דער צייט, ווען אין ריזשין אין דאָס עבודות געווען בניחותא, געלאַסען. מעהר אינערליך ווי אויסערליך.

עס איז דאָך אויך בעוואוסט, אַז דער הייליגער ריזשינער האָט נישט זעהר גערן געהאַט אַזאַ רעש׳דיג דאַווענען. און איבערהויפט, האָט ער דערפון געוואָלט אָבגעווינען די חסידים וואָס זענען געפאָהרען צו איהם.

דער גרויסער שרף פון סטרעליסק זצ״ל איז אויך געווען אַ שטאַר־קער עובד. זיין דאַווענען און זיין לערנען, האָט פשוט הימלען געשפאָלטען. דאָס התלהבות ביים דאַווענען אָדער ביים טוהען אַ מצוה איז געווען נישט אין די ראַהמען פון די מענשליכע מעגליכקייטען. ממש בקולות וברקים. אָפט מאָל האָט זיך אויסגעדוכטען, אַז דער רבי פערגעהט זיך אַזוי שטאַרק אין זיין עבודות, אַז עס האַלט ממש ביי סכנת נפשות, עד כדי כלות הנפש.

די קולות פון הייליגען שרף ביים דאַווענען האָט מען געהערט נישט נור אין דער גאַנצער שטאָדט, נאָר אַפילו די פאַסטוכער אין פעלד האָבען געוואוסט אַז דאַמאָלס ווען דער צדיק זאָגט „ברוך שאָמר״. איז שוין מיטאָגצייט...

עס פערשטעהט זיך, אַז אויך די סטרעליסקער חסידים האָבען זיך בעמיהט צו דאַווענען אויפ׳ן זעלבען שטייגער, פונקט ווי זייער גרויסער רבי. און די דאָזיגע חסידים האָבען זיך אַזוי שטאַרק אויסגעאַרבייט אין דעם דאָזיגען שטייגער, אַז מען האָט פשוט בעוואונדערט ווי אַזוי עס דער־נעהמט זיך צו זיי אַזעלכע איבער־מענשליכע כחות און גבורה.

נאָך דער הסתלקות פון הייליגען שרף האָט אַן׳אָנגעזעהנער טייל פון די סטרעליסקער חסידים אָנגעהויבען פאָהרען קיין סאַדעגורע, צום הייליגען ריזשינער.

דער ריזשינער האָט די סטרעליסקער חסידים גאָר שטאַרק מכבד געווען, חשוב געהאַלטען, אויסדריקענדיג זיך, אַז קיין שום רבי האָט נישט אַרויסגעגעבען אַזעלכע געלייטערטע נשמות ווי דער סטרעליסקער. אָבער ער האָט נישט געקענט פערטראָגען דעם אופן פון זייער עבודות. דאָס דאַ־ווענען בקולי־קולות, די משונה׳דיגע העויות צו וועלכען זיי זענען געוועהנט געווען אין סטרעליסק.

די סטרעליסקער חסידים האָבען זיך אָבער נישט געקענט דערפון אָבגעוועהנען, פלעגען זיי טאַקי דעם סאַדעגורער קלויז פשוט אויפטרייסלען מיט זייער דאַווענען און דערויף פלעגט דער ריזשינער גאָר שטאַרק מקפיד זיין ביז מען האָט עס זיי בפירוש אויפמערקזאַם געמאַכט, אָדער זיי

זאָלען זיך עמיהען צו דאַוונען מיט מתינות ווי אַנדערע ריזשינער חסי־דים, אָדער זיי זאָלען זיך זוכען אַנ׳אַנדערען רבי׳ן.

היות אָבער ווי די דאָזיגע הייסע, פייערדיגע חסידים האָבען אויפ׳ן לעצטען נישט געוואָלט און נישט געקענט איינגעהען, און פון ריזשינער נישט געוואָלט אַוועק האָבען זיי בעשלאָסען אָבצוגעוועגען זיך פון דעם שטיי־נער עבדות, צו וועלכען זיי זענען געוועהנט געווען אין סטרעליסק, און אָנגעהויבען דאַוונען רוהיג און געלאַסען.

אָבער עס איז זיי נישט אַזוי לייכט אָנגעקומען. ביי טייל האָט עס זיך ממש געגרעניצט מיט מסירת נפש מחמת דאָס איינהאַלטען זיך ביים דאַוונען און נישט צו דאַוונען מיט אַלע אברים, איז זיי זעהר, זעהר שווער אָנגעקומען. אין האַרצען האָט געברענט אַ העליש פייער פון דבקות, פון התלהבות און דאָס פייער האָט געזוכט אַ וועג זיך אויסצולאָדען און דאַ האָט מען מיטאַמאָל פערשטאָפּט אַלע וועגען האָט עס טאַקי געגליעט אין זיך.

איינער פון די גפּוועזענע סטרעליסקער חסידים, מיט׳ן נאָמען ר׳ לייזער טאַפּאראָוער, האָט איינמאָל בעת׳ן דאַוונען זיך אַזוי שטאַרק אָנגעשטרענגט און געמוזט טהוען אַזעלכע איבערמענשליכע התפעלות נישט אַרויסצווייזען און צו דערשטיקען אין זיך זיין אינערליכע התעוררות, זיין אינערלעך פייער, אַז ער האָט בעקומען אַ בלוט־שטורץ און איז גלייך דערנאָך געשטאָרבען...

וועגען דעם דאָזיגען שטייגער דאַוונען, פלעגט דער ריזשינער אַזוי זאָגען:

— אַזוי לאַנג ווי דער הייליגער רבי פון לובלין האָט געלעבט, האָט דאָס חסידות געפלאַקערט ווי פלאַמען פייער און גלייך מיט דער הסתלקות פון רבין פון לובלין, האָט זיך דאָס חסידות אָבגעקיהלט, מיר אָבער, איך מיט מיין פעטער רבי מאָטעלע פון טשערנאָביל בעמיהען זיך צו פערדע־קען די ברענענדע קויהלען פון חסידות פון אויבען מיט אַש. עס דאַכט זיך דעריבער, אַז עס איז מעהר נישט קיין פייער, עס איז קאַלט, אין דער אמת׳ן אָבער ברענט עס דאָרט מיט אַ הימלישער היץ אָבער עס פלאַקערט זיך נישט אויס. די היץ האַלט זיך, דאָס חמימות האָט אַ קיום און ווערט נישט אָבגעקיהלט.

פונדעסטוועגען האָט דער רבי ר׳ הירש פון רימאַנאָוו, אַזוי שטאַרק אויסגענומען ביים ריזשינער טראָץ זיין איבערמענשליכע עבודה, אַז דער ריזשינער האָט זיך גאָרנישט געקענט אויסלויבען פון דעם מערקווירדיגען צדיק פון זיין גדולה, וואָס ער האָט זיך אַליין אויסגעאַרבייט, פאַר זיין קדושה וטהרה, וועלכע גאָר גרויסע האָבען געקענט משיג זיין.

ווי ווייט עס איז נתקשר געוואָרען אַנ׳אהבה צווישען אָט דיביידע גדולי הדור, קען דינען דער פאַקט וואָס ביידע גוטע יודען האָבען בעשלאָ־סען זיך משדך צו זיין.

עמיצער פון די מקורבים, צוזעהענדיג די התפעלות פון ריזשינער פאר׳ן רימאַנאָווער, האָט זיך אָנגערופען צו עס וואָלט נישט געווען אַ פּלאַן אַז דער ריזשינער זאָל זיך משדך זיין מיט זיין פיער-יעהריג אייניקעל אַשר אַ קינד פון שפּעטער בעריהמטען טאַדעגורער רבי׳ן ר׳ אברהם יעקב זצ״ל, מיט׳ן רבי׳ן ר׳ הירש׳ס דריי-יעהריג טעכטעריל רחל לאה.

דער רבי ר׳ הירש האָט אין זיין לעבען געהאַט זעהר פיעל צער גדול-בנים. ער האָט געהאַט זעהר פיעל קינדער אָבער זיי האָבען זיך ר״ל נישט געהאַלטען. אַנ׳אַנדערער מענש וואָלט זיך זיכער צוזאַמענגעבראָכען, איז עס דאָך אָבער געווען דער גרויסער ר׳ הירש, האָט ער אַלץ מקבל באהבה געווען.

פון אַלע זיינע קינדער אין די יונגע יאָהרען איז איהם מעהר נישט פערבליבען ווי איין איידעם ר׳ לייב׳יש.

ערשט אויף דער עלטער, ווען דער רבי ר׳ הירש איז שוין געווען אין די הויכע שבעים, האָט ער ווידער חתונה געהאַט מיט דער רביצי׳ן מלכה, וועלכע האָט איהם געבוירען צוויי וואונדער-שעהנע קינדער אַ מיי-דעלע מיט׳ן נאָמען רחל לאה און אַ יונגעלע מיט׳ן נאָמען יוסף, וועלכער איז שפּעטער געווען ממלא מקום פון זיין גרויסען פאָטער.

אַז די דאָזיגע צוויי קינדערלעך זענען ביים רבי׳ן ר׳ הירש געווען זעהר טייער פערשפאַרט מען צו זאָגען. דער רימאַנאָווער פלעגט זיך גאַנץ אָפט משתעשע זיין מיט די צוויי קינדערלעך און אויסרופען: דאָס האָב איך מיר אויסגעבעטען!...

און אַ וואונדער, דער הייליגער ריזשינער האָט גלייך מסכים געווען צום שידוך. עס האָט זיך אָנגעהויבען אַ קאָרעספּאָנדענץ צווישען די ביידע גוטע יודען ביז עס איז בעשלאָסען געוואָרען, אַז דער רבי ר׳ הירש קומט נאָכ-אַמאָל קיין סאַדעגורע, צו שליסען דעם שידוך.

און אָט דער שידוך, וואָט דאַרף געשלאָסען ווערען צווישען אָט די ביידע מחותנים, האָט נאָך מעהר אויפגערודערט די וועלט. עס האָט קיינעם ניט געקענט איינפאַלען אזא שטייגער געדאַנק, סטייטש דער ריזשינער, וועל-כער האָט זעהר פיעל געשטעלט אויף זיין גרויסען יחוס, וואָס האָט זיך געצויגען אַזש ביז רבי הקדוש, און ביז דוד מלך ישראל, זאָל זיך משדך זיין מיט׳ן רבי׳ן ר׳ הירש, וועלכער האָט לגמרי נישט קיין יחוס אבות אַ קינד פון פשוטע אָרימע פאָלקס-מענשען, וועלכע זענען איהם פריה אָבגע-שטאָרבען און ער האָט געמוזט פינעף יאָהר צייט אַרבייטען ביי אַ שניידער און נאָר אַ דאַנק זיין אייגענעם עבודות האָט ער זיך שפּעטער אַרויפגע-אַרבייט ביז צו דער מדרגה פון אַ רבי ר׳ הירש פון רימאַנאָוו.

און דאָך איז עס געשעהען, אין זימער פון יאָהר תר״ד איז דער אַל-טער רימאַנאָווער צדיק מיט די רבי׳צין און זיין דריי-יעהריג בת זקונים גע-קומען צו פאָהרען קיין סאַדעגורע אויף די תנאים.

דער קבלת פנים וואָס דער ריזשינער האָט געמאַכט לכבוד זיין גרוי־סען גאַסט, האָט נאָך פיעל איבערגעשטיגען דעם קבלת פנים, וואָס דער רימאַנאָווער האָט געהאַט ביים ערשטען שידוך. דער ריזשינער האָט דעם הייליגען רימאַנאָווער אויפגענומען מיט אויסטערלישע בעגייסטערונג, וואָס אלע האָבען זעהר בעוואונדערט. דער ריזשינער האָט פשוט נישט געוואוסט מיט וואָס מכבד צו זיין דעם גרויסען גאַסט, און די שמחה צווישען ביידע צדיקי הדור איז געווען אין לשער.

ענדליך האָט זיך דער ריזשינער אָנגערופען צום רבין ר׳ הירש כהאי לישנא:

— הכלל רימאַנאָווער רבי, ווילט איהר אייך באמת זיך משדך זיין מיט אונז, נעהמענדיג מיין אייניקעל שלמה׳לע, האַי? כ׳האָב מיך טועה געווען, כ׳האָב געוואָלט זאָגען מיין אייניקעל אשר׳ל — פאַר אַ חתן פאַר אייער מיידעלע?

— אודאי וויל איך, אודאי וויל איך — האָט דער רימאַנאָווער רבי אויסגערופען מיט גרויס שמחה — ס׳איז פאַר מיר אַ גרויסער כבוד זיך משדך צו זיין מיט אַזאַ משפחה מיוחסת בישראל ווי אייערע. גאָר אַ גרוי־סער כבוד, און צוליעב דעם טאַקי בין איך געקומען מיט מיין בני בית און מיט מיין קינד די כלה, כדי צו שרייבען תנאים למזל...

אויב איהר ווילט טאַקי שרייבען תנאים, — האָט צו איהם דער ריזשינער אויסגערופען — מוזט איהר דאָך אודאי זיין גרייט מיט׳ן נדן, מיט׳ן סילוק. ווארים איך וועל נישט לאָזען אריינשטעקען די פעדער אַפילו, ביז וואַנען איהר וועט נישט פריהער מסלק זיין די זעקס הונדערט רענדליך נדן, וואָס איהר האָט זיך מתחייב געווען, איהר פערשטעהט, רימאַנאָווער רבי, מחותנים׳שאַפט איז מחותנים׳שאַפט אָבער געשעפט איז געשעפט.

דער רימאַנאָהער רבי איז שטאַרק איבעראַשט געוואָרען, הערענדיג די דיבורים פון ריזשינער און ער האָט אויסגערופען:

— אפנים, אַז איהר האַלט מיך גאָרנישט פאַר אַ בטוח, ריזשינער רבי איהר ווייסט דאָך, אַז די קינדער זענען נאָך גאַנץ יונג, און ביז צום זמן חתונה איז נאָך אַ שענע פאָר יאָהר צו וואַרטען, טאָ וואָס איז דער קלער? איך בין מביטח אַז מען וועט פריהער נישט אָבשמועסען אַ זמן חתונה, ביז עס וועט פאַרקומען דער סילוק פון נדן במלואו, אַ פרוטה וועט נישט פעהלען.

— איך ווייס גאַנץ גוט, אַז איהר, רימאַנאָווער רבי זענט אַנאוּנגעהויערער בעל בטחון — האָט דער ריזשינער אָבגעענטפערט — איך אָבער פיהר מיך, אַז אין אַזעלכע ענינים געטרוי׳ איך קיינעם נישט, אפילו דעם גרעסטען בעל בטוח. איהר זענט שוין ב״ה אַ יוד אַ זקן, איהר זאָלט מאריך ימים זיין און דאָס קינד איז נאָך יונג, איך קען דעריבער נישט גומר זיין דעם שידוך, ביז עס וועט נישט ליגען אָבגעצעהלט אויפ׳ן טיש דאָס גאַנצע

עלד, דער גאַנצער גדן, וואָס איהר האָט צוגעזאָגט, אַ פּרוטה טאָר נישט פעהלען...

— אויף דעם האָב איך מיך גאָרנישט געריכט — האָט דער רימאַנאָווער אָבגעענטפערט — איך האָב דער'יבער קיין געלד נישט צוגעגרייט.

דער שמועס מכח די תנאים איז באַלד אָבגעהאַקט געוואָרען. ביידע גוטע יודען האָבען אָנגעהויבען שמועסען וועגען אַנדערע ענינים, אָבער דאָס האָט שוין לאַנג נישט פערנומען און אויפ'ן אָרט האָט דער רימאַנאָווער זיך געזעגענט מיט'ן ריזשינער, אַוועק מיט זיינע מקורבים אויף זיין אכסניא און געהייסען תיכף שפּאַנען די בויד, כדי אָבצופאָהרען אַהיים.

אַוועקגעפאָהרען פון ריזשין איז דער הייליגער רימאַנאָווער מיט גרויס עגמת נפש. אַ קליינינקייט, געקומען אויף תנאים און פאָהרט צוריק מיט גאָרנישט און צוליב וואָס, צוליב נאַרישע 600 רענדליך, וואָס פאַר אַ חשי-בות געלד האָט בכלל, און בפרט נאָך ביי אַזעלכע גדולים.

אָבער באַלד האָט ער זיך געשטאַרקט, און געטרייסט זיך, אַז מסתמא איז די זאַך נישט פּשוט. אין ריזשין שפּילט אַ ראָליע זעקס הונדערט רענדלעך? בלויז איין גאָלדען ראָד פון אַ קאָטש בעטרעפט מעהר ווי אָט די סומע, מוז דאָך זיין אַז דער ענין איז אַ פיעל טיעפערער אין וועלכען מען דאַרף אַריינטראַכטען.

כד

דעם ריזשינער'ס „טעות"

דעם וועג צוריק קיין סאַדעגורע האָט דער רבי ר' הירש פון רימאַ-נאָוו זצ"ל פערבראַכט אַ שוייגענדיגער, אַ טרויעריגער. ער האָט בשום אופן נישט געקענט פערשטעהען די סיבה, וואָס עס האָט דעם הייליגען ריזשינער געצווינגען נישט צו שליסען דעם שידוך, וויל עס האָט זיך קיי-נעם נישט געקענט לעגען אויפ'ן געדאַנק, אַז די פאַר הונדערט רענדליך זאָ-לען טאַקי זיין די איינציגע מניעה.

— נו מסתמא איז עס פון הימעל — האָט דער רימאַנאָווער געטרייסט זיין הויז-געזינד, וועלכע האָבען נאָך מעהר געליטען פון דער מעשה ווי דער רבי גופא — מסתמא האָט מען אַזוי געהייסען. און מען דאַרף קיין קשיות נישט פרעגען.

ענדליך האָט מען זיך בערוהיגט, סוף כל סוף איז דאָך דאָס קינד אַלט אַינגאַנצען דריי יאָהר, עס וועט זיך נאָך מסתמא טרעפען אַ שידוך פאַר דער טאָכטער פון רימאַנאָווער צדיק...

אויפ'ן וועג פון סאַדעגורע קיין רימאַנאָוו, האָט זיך דער רבי אָבגע-שטעלט, אין דער גרויסער גאַליצישער שטאָדט קאָלאָמיע.

אין שטאָט איז געוואָרען אַ רעש. אַ קליינינקייט דער הייליגער רי־מאַנאָווער איז געקומען. די שטאָט האָט לכבוד דעם גרויסען צדיק איינגע־אָרדענט אַ גרויסאַרטיגען קבלת פנים און אַ דעלעגאַציע פון די חשובים פון שטאָדט איז געקומען צום צדיק בעטען איהם, ער זאָל בלייבען דאָ אַ פּאָר טעג, וועניגסטענס איבער שבת, ווייל ממש די גאַנצע שטאָט וויל די זכי׳ האָבען אויפגענומען צו ווערען דורכן גרויסען צדיק הדור, און אויס־צוגיסען זייערע הערצער פאַרן רבין.

כאָטש דער רימאַנאָווער רבי איז געווען שטאַרק מיעד און ערשעפּט פון טלטול הדרך און פון עגמת נפש. האָט ער דאָך נישט געקענט אָבזאָ־גען די בקשה פון די פני, און ער האָט בעשלאָסען צו בלייבען און שטאָדט אַ פּאָר טעג.

באַלד האָט מען אין שטאָדט זיך דערוואוסט, אַז דער הייליגער רימאָ־נאָווער פערבלייבט אויף עטליכע טעג. איז געוואָרען אַ רעש אין שטאָדט. אַ גאַנצען טאָג האָט דער עולם געשטראָמט צו דער אכסניא פון רבין. כדי אויפגענומען צו ווערען דורך איהם. באַלד האָט מען אין די נאָהנטע מקומות אויך זיך דערוואוסט פון דער דאָזיגער נייעס, און גאַנצע קאַראַוואַנען זענען אָנגעקומען פון די אַרומיגע שטעדטלעך און געשטופּט זיך אַרום דעם חדר פון צדיק, כדי אויסצובעטען דורך זיין זכות אַ ישועה.

די ענגשאַפט איז געווען אונגעהויער גרויס. דער רבי האָט פּשוט קיין מנוחה נישט געהאַט פון דעם עולם, נישט בייטאָג און נישט ביינאַכט. אָבער דער צדיק זייענדיג בטבע אַ גוטמוטיגער, האָט נישט ערלויבט זיינע מקורבים צו בעגעהען זיך שטרענג מיט׳ן עולם. אַלעמען אויסגעהערט מיט גרויס אויפמערקזאַמקייט. און געוואונשען אַ ישועה.

דער עולם האָט אויך געבראַכט פּדיונות. וועלכע מען האָט אַריינגע־לעגט אין דעם אָפענעם טיש־קעסטעל ווייל דער צדיק גופא האָט נישט גע־לעגט קיין אַכט דערויף. אָבזייענדיג דריי טעג אין קאָלאָמיע, האָט דער צדיק געוואָלט אָבפאָהרען אַהיים, כדי זיך ענדליך אָבצורוהען פון דעם שווערען וועג אָבער אָט איז עמיצער פון זיינע מקורבים אַריינגעקומען צום רבין און דערצעהלט, אַז דער סכום פון די פּדיונים, וואָס דער עולם האָט גע־בראַכט, בעטרעפט פיעל מעהר ווי דער נדן, וואָס דער ריזשינער פערלאַנגט פון איהם. בכן וואָלט אַ יושר געווען צוריקצופאָהרען קיין סאַדעגורע, סילוק׳ן דעם נדן און שרייבען תנאים...

אין תחילת האָט דער רימאַנאָווער נישט געוואָלט הערען דערפון, „כיון דאדחי אדחי״ — האָט ער געטענה׳ט. אַז מען האָט גלייך אויפ׳ן אָרט קיין תנאים נישט געשריבען, דאַרף מען נישט. איז אָבער דער עולם צוגעשטאַנען בפרט די רביצין און געטענה׳ט, אַז דער שכל איז גאָר פער־קעהרט, דער אויבערשטער האָט ספּעציעל מזמין געווען דעם גאַנצען סכום פון נדן במלואו, אַז דער שידוך זאָל געשלאָסען ווערען, דעריבער דאַרף מען בלייבען שבת אין קאָלאָמיע און גלייך נאָך שבת צוריקפאָהרען קיין סאַדעגורע און שרייבען תנאים.

ענדליך האָט דער רימאַנאָווער צדיק מסכים געווען צו די הפצרות פון זיינע נאָנסטע, צוריקצופאָהרען קיין סאַדעגורע.

אַ שבת איז געפּראַוועט געוואָרען אין קאָלאָמיע, קען מען זיך שוין אַליין פאָרשטעלען. טויזענדער יודען פון דער סביבה זענען געקומען צום גרויסען צדיק און אין שטאָדט איז געווען ששון ושמחה.

באַלד נאָך שבת איז מען צוריקגעפאָרען קיין סאַדעגורע מיט גרויס שמחה.

דער הייליגער ריזשינער האָט דעם רימאַנאָווער צדיק ווידער אויפגענומען מיט גרויס פרייד און מיט גרויס כבוד. דער רימאַנאָווער האָט אויפן טיש אויסגעשיט די עטליכע הונדערט רענדליך און אויסגערופען:

— אָט האָט איהר, ריזשינער רבי דעם גאַנצען נדן. זעהט איהר, אַז מען האָט אמת'דיגען בטחון העלפט השם יתברך...

— אודאי העלפט ער, אודאי העלפט ער — האָט דער ריזשינער אָבגעענטפערט — נו, וועט מען זיך טאַקי נעהמען מכין זיין צו די תנאים...

די תנאים זענען געפּראַוועט געוואָרען אין גרויסען קלויז מיט'ן אנטייל פון עטליכע הונדערט פערזאָן. אויבען-אָן איז געזעסען ביידע צדיקי הדור און דערנעבען איז געזעסען דער פּאַקטישער מחותן. דער שפּעטערדיגער סאַדעגורער רבי זצ"ל, האַלטענדיג דעם קליינעם חתן אויף דער שויס די שמחה איז געווען אין לשער.

איידער מען איז צוגעטרעטען שרייבען די תנאים האָט זיך דער ריזשינער אָנגערופען צום רימאַנאָווער:

— ווייסט איהר מחותן. אַז מיין מנהג איז, פאַר די תנאים אדורכצושמועסען זיך מכח דעם יחוס, פון וואַנען מיר שטאַמען, און איצטער ווילען מיר עס אויך טהון.

און דער הייליגער ריזשינער האָט אָנגעהויבען אויסרעכענען זיין יחוס:

— דער ראש פון אונזער יחוס-קייט איז געווען מיין עלטער זיידע ר' בעריש ז"ל (דער מעזריטשער מגיד) דער זיידע איז געווען זיין זוהן ר' אברהם המלאך ז"ל. דער עלטער-פעטער איז געווען ר' נחום און מיין פעטער — זיין זוהן ר' מאָטל (טשערנאָבלער). דער טאַטע זכרונו לברכה איז מיר יונגערהייד נסתלק געוואָרען. בין איך אַלס זעקס-יעהריגער יונגעל געפאָהרען מיט דער מאַמען קיין בערדיטשעוו, וואו איך בין געוואָרען חתן מיט דער רמא"ס אַנ'אייניקעל.

אַזוי האָט דער ריזשינער אויסגערעכענט זיין יחוס נישט צוגעבענדיג דערביי קיין שום טיטולען און בעצייכנונגען, בלויז די נעמען פון זיינע אבות האָט ער דערמאָהנט.

נאָכדעם, ווי ער האָט אויסגערעכענט זיין יחוס. האָט ער זיך אָנגערופען.

— און איצטער, מחותן. דערציעהלט איהר אייער יחוס...

אַ געוואַלדיגע שטילקייט האָט גענומען הערשען אין קלויז. מען האָט

דאָך געוואוסט, אַז דער צדיק שטאַמט נישט פון קיין שום רבנישע גזע, איז דער עולם דעריבער נייגעריג געווען צו וויסען די תשובה פון צדיק.

אָבער דער רימאַנאָווער האָט ווי זיין שטייגער איז געווען דערצעה־לען בתמימות:

— מיין פאָטער האָט געהייסען לייבוש, און מיין מוטער שפרינצע. ווען איך בין אַלט געוואָרען צעהן יאָהר, זענען זיי מיר ביידע אָבגעשטאָר־בען. איך האָב זיי דעריבער רעכט נישט געקענט, אַז איך זאָל קענען דערצעהלען זייער שבח. אָבער דאָס ווייס איך, אַז זיי זענען ביידע געווען עהרליכע און פרומע לייט.

— אַלס קליינער יתום — האָט דער רימאַנאָווער ווייטער דערצעהלט. — האָבען מיך מיינע קרובים אַוועקגעגעבען צו אַ שניידער, ביי וועלכען איך האָב מיך פינף יאָר צייט געלערנט די מלאכה פון שניידעריי, כאָטש איך בין נאָך געווען אַ יונגעל, איך בין אָבער געווען עהרליך און געטריי ביי איהם געאַרבייט. איך האָב מיך די מיה געגעבען, אַז דער עיקר זאָל איך קיין נייע זאַך נישט קאַליע מאַכען און אַלטע זאַכען זאָל איך פעררריכטען און אויסבעסערען...

דאַן האָט אויסגערופען דער הייליגער ריזשינער, וועלכער האָט גוט פערשטאַנען די כונה פון די דאָזיגע הויכע דבורים:

— געגוג מחותן, דער שידוך איז געשלאָסען.

באַלד האָט מען געשריבען די תנאים. און דערנאָך איז געפראַוועט געוואָרען אַ סעודה אויפן ריזשינער אופן. אַ גאַנצע נאַכט האָט מען זיך געפרייט און געטאַנצט; צומארגענס אין דער פריה, האָט דער רימאַנאָווער זיך האַרציג געזעגענט מיטן ריזשינער און אָבגעפאָהרען אַ היים מיט גרויס שמחה:

די שמחה פון רימאַנאָדער, וואָס ער האָט זוכה געווען זיך משדך צו זיין מיט׳ן גרעסטען יחוס. איז געווען אין לשער. גלייך ווי ער איז אַהיים־געקומען קיין רימאַנאָוו איז איהם די גאַנצע שטאָט געקומען וואונשען מזל־טוב. אין שבת האָט די גאַצע שטאָדט קידוש געמאַכט ביים רבין, און מען האָט זיך זעהר שטאַרק משמח געווען.

אָבער די שמחה האָט נישט לאַנג אָבגעהאַלטען. אין עטליכע וואָכען אַרום איז געקומען קיין רימאַנאָוו די שמערצליכע ידיעה, אַז דער יונגער חתן אשר׳ל איז פלוצלינג אָבגעשטאָרבען...

די דאָזיגע פיינליכע ידיעה האָט אַלעמען דערשלאָגען. דער טרויער איז געווען אַזוי גרויס סיי אין סאַדעגורע און סיי אין רימאַנאָוו, ערשט איצט האָט מען אָנגעהויבען פערשטעהען דעם עיכוב, וואָס דער ריזשינער האָט זיך ביים ערשטען מאָל איינגעשפאַרט און נישט געוואָלט שליסען דעם שידוך, ביז עס וועט זיין דער סילוק. וויסענדיג אַז דער רימאַנאָווער וועט אַזוי גיך נישט קענען צוגויפשטעלען דעם סכום, וועט מען דאָך ממילא

נישט גומר זיין דעם שידוך, און אַזוי אַרום וועט ער דעם אַלטען צדיק פערשפּאָרען דעם עגמת נפש.

האָט מען דאָך פון הימעל אַנדערש מסבב געווען און ווען די סיבה ר״ל איז געשעהען, איז דער טרויער געווען גרויס אין סאַדעגורע און נאָך גרעסער אין רימאַנאָוו.

באַלד נאָך די טרויער־טעג האָט זיך דער ריזשינער אויסגעדריקט פאַר זיינע נאָהנטע, אַז מן השמים וויל מען, אַז ער זאָל זיין דעם רימאַ־נאָווער צדיקס מחותן. ער וועט זיך דעריבער גאָרנישט אָבשרעקען פאַר דער אויסטערלישע סיבה ר״ל, און אויב דאָס התקשרות איז נישט צושטאַנדגע־קומען ביים ערשטען קינד פון זיין זוהן רבי אברהם יעקב׳ניו זצ״ל וועט עס צושטאַנדקומען ביי זיין צווייטען זוהן שלמה׳ניו...

ווען די דאָזיגע דבורים פון הייליגען ריזשינער האָבען דערגרייכט צום רימאַנאָווער, האָט ער זיך אָנגערופען: אוודאי זענען מיר מסכים. אָבער מיר ווילען פריהער אַז דער ריזשינער זאָל אונז ווענען זיין רצון אַליין בכתב מודיע זיין.

און אַזוי איז טאַקי געשעהען, דער ריזשינער האָט אַליין אָנגעשריבען אַ בריעף צו זיין מחותן, און וועלכען ער האָט איהם מודיע געווען פון דעם אומגליק און וועגען זיין גרייטקייט זיך צו משדך צו זיין אַ צווייט מאָל מיט זיין אייניקעל שלמה׳ניו.

דער רימאַנאָווער האָט תיכף געענטפערט, אַז ער פרעהט זיך שטאַרק מיט׳ן דאָזיגען נייעם התקשרות, אָבער ער בעט אַז דאָס זאָל שוין פאַר־קומען שטילערהייט, אָהן רעש, און אָהן פרסום, כדי עס זאָל מעהר ח״ו נישט שולט זיין קיין עין.

גלייכצייטיג האָט ער צוריקגעשיקט די ערשטע תנאים און געבעטען צו שיקען זיינע תנאים וועלכע ער וועט חתמנען ווי געהעריג.

און אַזוי איז טאַקע געשעהען. דער שידוך איז אויפסנייע געשלאָסען געוואָרען צו דער צופרידענהייט פוןביידע צדדים און זייט דאַמאָלס פלע־גען ביידע גרויסע מחותנים גאַנץ אָפט זיך פונאַנדערשרייבען איבער פער־שידענע ענינים און די אהבה צווישען די ביידע צדיקי הדור איז געווען זעהר שטאַרק.

ערשט איצט האָבען חסידים פערשטאַנען די בעדייטונג פון דעם טעות וואָס דער ריזשינער האָט געהאַט. ביים פונאַנדערשמועסען זיך צום ערשטען מאָל מיט זיין מחותן דער רימאַנאָווער, האָט, ווי דער לעזער געדענקט, דער ריזשינער אויסגערופען:

— ווילט איהר הייסט עס, באמת זיך משדך זיין מיט אונז, נעה־מענדיג מיין אייניקעל שלמהלע... האַ? — כ׳האָב מיך טועה געווען, כ׳האָב געוואָלט זאָגען אָ ש ר ל...

יאָ, דעם ריזשינערס „טעות״, -- עס איז שוין גאַר קיין טעות נישט געווען...

כה

רִיזשינער חסידות

מיר וועלען אין איצטיגען קאַפּיטעל פּרובען געבען אַ שטיקעל כאַ־ראַקטעריסטיק פון ריזשינער חסידות.

די הויפּט־עקרים פון ריזשינער חסידות זענען פאָלגענדע דריי זאַכען: שמחה, אמונת צדיקים און אהבת חברים.

דער הייליגער ריזשינער זצ"ל האָט געלערנט: אַ יוד, וואָס וויל זיך באמת מתדבק זיין אין דעם הייליגען בעשעפער, דעם מקור השמחה, ווי אין פסוק שטעהט: „עוז וחדוה במקומו" — דאָרט ווי דער רבונו של עולם איז, איז פערהאַן שטאַרקייט און פרייד — אַזאַ יוד קען קיינמאָל נישט זיין בעצבות, קען קיינמאל נישט טרויעריג זיין. אַ יוד, וואָס פערגעסט אין שמחה איז אַ סימן, אַז ער האָט ח"ו פערגעסען אין דעם בורא. כ'האָב זעהר מורא — האָט ער דערביי צוגעגעבען מיט אַ שמייכעל — אַז די „דייטשען", די הולטאַיעס, וואָס זענען שטענדיג בשמחה, זאָלען נאָך האָבען עולם הבא אויך, אַ שעהנע זאַך וואָלט דאָס געווען...

דער ריזשינער איז געווען אַ געוואַלדיגער געגנער פון עצבות און מרה־שחורה. אַ פערוויינטען, אָדער זויער־פּנים'דיגען חסיד האָט ער נישט פערטראָגען. אַזאַ שטייגער חסיד האָט נישט געטאָרט קומען פאַר זיינע אויגען.

אַזוי האָט דער ריזשינער ביי יעדע געלעגענהייט אונטערגעשטראָכען ווי ווייט ער איז אַ געגנער פון עצבות און אַן אָנהענגער פון שמחה, ביז ער האָט ביי זיינע חסידים איינגעוואָרצעלט אין זייערע נשמות די הכרה, אַז אונטער אַלע אומשטענדען מוז אַ יוד זיין בשמחה, און נישט נור אַליין זיין בשמחה, נאָר אויך אַנדערע משמח זיין, אַוועקטרייבען מיט געוואַלד דעם שטן וואָס קומט צו געהן אין אַ מאַנטעל פון טרויער פון עצבות, פון צוגעלייגטקייט.

עס איז דעריבער נישט אויסצודריקען דעם כח השמחה וואָס מען האָט געפיהלט קומענדיג אין בעריהרונג מיט אַ סאַדאַגורער חסיד.

נישט גראָד ווען דער חסיד האָט זיך געפונען ביים רבי'ן — דאַמאָלס איז דאָך זיין שמחה געווען אין לשער. אין סאַדאַגורע האָט מען געזעהן בלויז שיינענדיגע פּנים'ער, מענשען וואָס האָבען געוויקט אין שמחה, און מען האָט געקענט בעקומען דעם איינדרוק, אַז אָט די אַלע אָרימע יודען,

וואָס זיצען אין קלויז אָדער שפּאַצירען אין רבינ'ס הויף, זענען די גליקליכסטע מענשען אויף דער וועלט. און באמת האָט יעדער חסיד, זייענדיג אין סאַדאַגורע געפיהלט דעם טעם גן־עדן. די דאָזיגע טעג זענען פאַר איהם געווען אַ יום שכולו טוב. אַזעלכע וואָכען קען מען אָבער נישט שילדערען. דאָס דאַרף מען אַליין קענען פיהלען.

אָבער אַפילו ווען דער חסיד האָט זיך געפינען אין דער היים, ווען די דאגת הפרנסה, וואָס איז אין יענע צייטען, בפרט אין די גאַליציאַנישע מקומות, נישט געווען לייכטער ווי היינט,—האָט פשוט דעם מח צוברעקעלט, און מען האָט ממש געקענט משוגע ווערען — אויך אין אַזאַ מאָמענט פערלירט זיך נישט דער ריזשינער חסיד. לאָזט ער זיך נישט צו דאָס עגמת נפש צום האַרצען. אויסערליך, קען מען טאַקי זעהען ווי ער געהט אַרום מיט דאגות מיט קאָפּ־ברעכעניש, אָבער קוים רייסט ער זיך אָב פון דער היים, קוים קומט ער נאָר צוריק אַריין אין קלויז, דאַן ווערט ער באַלד אַנ'אַנדערער מענש, אַ סאַדאַגורער חסיד...

די גרעסטע אביונים, וואָס האָבען פשוט נישט דעם טאָג איבערצולעבען, וועלען זיך קיינמאָל נישט לאָזען בעהערשען פון דער „סטרא אחרא", ווי עס ווערט אין ריזשין אָנגערופען די „עצבות קליפּה". טאָמער ווערט אין דער היים אַ ביסעל ענג אויפ'ן האַרצען, מען הויבט זיך אָן פערלירען — מען איז דאָך נאָר אַ בשר־ודם — רייסט מען זיך מיט געוואַלד אַרויס פון די נעגעל פון דער קליפּה און מען אַנטלויפט אין קלויז אַריין. דאָרט ווערט מען אַ נייער מענש. עס פערשווינדט מיט אַמאָל דאָס עצבות, דאָס וואָכעדיגקייט און עס הויבט אָן וועהען אַנ'אַנדער ווינטעל. צווישען די היימישע חברה, ביי אַ שמועס פון צדיק פערגעסט זיך דער אָרימער חסיד אינגאַנצען, עס פעהלט איהם שוין מעהר גאָרנישט. ער שוועבט אין אַ וועלט פון רוחניות. דאָס האַרץ צוגעהט ממש פאַר תענוג. אין אַ זיסע בענקשאַפט צום צדיק דריקט זיך אויס אין אַ בנעימות'דיגען ניגון, וואָס עס הויבט זיך אָן פון זיך אַליין צו וועבען...

ווער שמועסט נאָך, אַז עס איז פערהאַן אַ ביסעלע משקה, כדי דאָס האַרץ צו דערכאַפּען און אַ לחיים צו ווינשען, דאַן איז דער תענוג שוין גאָר גרויס, דאַן איז ער דער גליקליכסטער מענש אויף דער וועלט. די שמחה איז חלילה נישט קיין געמאַכטע, קיין פאַבריצירטע אָדער אַנ'אויפגעצווינגענע, נאָר טאַקי אַנ'אמת'ע האַרציגע שמחה..

יאָ, וואָס אַ קאַפּעטשקעלע בראָנפען איז בכח אויפצוטהין, דאָס ווייסט מען נאָר ביי די ריזשינער חסידים...

זיצען זיך אַזוי חסידים אין קלויז, נעהמען צוביסלעך משקה. דער לעצטער פאָהרער, ד. ה. דער וואָס איז שפּעטער פון דער גאַנצער חברותא געווען ביים רבי'ן, דערצעהלט וואָס ער האָט איבערגעלעבט — וויל זעהען זעהט מען כמעט גאָרנישט אין סאַדאַגורע, מען דאַרף נאָר פ י ה ל ע ן,

א י ב ע ר ל ע ב ע ן.– און דער אָרומיגער עולם זיצט און גאַפט און שלינגט ממש דעם חסיד'ס ווערטער. און אַז דער חסיד ווערט פערשוויגען, הויבט אַן'אַנדערער אָן, דערצעהלט אַ תורה פון צדיק, איז עס מבאר לויט זיין פערשטאַנד און אַ דריטער דערצעהלט סתם אַ מעשה, אַ געשעהעניש, וואָס כאָטש אַלע ווייסען שוין די מעשה גאַנץ געווי, דאָך פיהלט מען אין דעם דערצעהלען אַ בעזונדערען תענוג, ביסלעכווייז צוריקט מען די בענק און מען קייטעלט זיך צונויף און מען הויבט אָן טאַנצען, טאַנצען ביז צום פערגעסען זיך...

אַזעלכעס קען געשעהען ביי די ריזשינער חסידים אפילו אין אַ פראָסטען מיטוואָך.

דערצו דאַרף מען צוגעבען, אַז דער סאַדאַגורער חסיד קומט זעהר וועניג אין בעריהרונג מיט'ן רבי'ן. נישט שטענדיג קען מען שלום געבען. און נישט שטענדיג קען מען געזעגנען זיך. אפילו דאַווענען, דאַוועט נישט דער רבי מיט'ן עולם. פונדעסטוועגען פיהלט זיך דער חסיד אַזוי שטאַרק בשמחה, דערפון וואָס ער געפינט זיך אין רבינ'ס סביבה, אַז ער פערגעסט ממש אין עסען און טרינקען. קען ער אַזוי שטעהען שעה'ן לאַנג און וואַרטען מיט אַן'אייזערנער געדולד, מקבל פנים צו זיין דעם רבי'ן. דאָס הארץ פול מיט פלאַטערגיש, מיט אַ פייערדיגער השתוקקות, מיט אַ הימלישען חשק, צאַפּעלט ער פשוט, וואָס פריהער צו זעהען דעם צדיק, און קוים דערלעבט ער שוין צו זעהען דעם רבינ'ס צורה, געהט ער ממש אַרויס פון די כלים, ער פיהלט פשוט דערביי ווי ער וואָלט בשעת מעשה זוכה געווען נהנה צו זיין מזיו־השכינה...

אַן'אינטערעסאַנטער מנהג איז געווען איינגעפיהרט אין סאַדאַגורע: פלעגען זיך חסידים שבת אָדער יום־טוב נאָכ'ן טיש צונויפזאַמלען אונטער'ן רבינ'ס פענסטער, און נעהמען טאַנצען, זינגען און טאַנצען מיט אַן'אויס־טערלישער דבקות, דאָס איז געווען אַ מין אַרויספאָדערונג, אַז דער רבי זאָל זיך בעווייזען ביים פענסטער.

פלעגט אַזוי דער דבקות'דיגער טאַנץ דויערען שעה'ן לאַנג, און קוים האָט דער צדיק זיך בעוויזען מיט אַ שמייכעל, האָט עס ממש דעם עולם אויפגעהויבען ביזן זיבעטען הימעל און ערשט דאַן האָט זיך אָנגעהויבען דער אמת'ער טאַנץ מיט אַזאַ גרויסער שמחה, וואָס מען קען עס נישט משיג זיין.

די צווייטע גרויסע מדרגה, מיט וואָס די ריזשינער חסידים האָבען זיך בעזונדערס אויסגעצייכענט, איז געווען די א מ ו נ ה א י ן ד ע ם צ ד י ק.

עס איז ממש נתפעל צו ווערען ווי ווייט עס האָט דערגרייכט ביי די ריזשינער חסידים די אמונה אין זייער רבי'ן. בפרט נאָך ביי די רוסישע חסידים, וועלכע האָבען נישט געהאַט אַזוי אָפט די מעגליכקייט צו פאָהרען

צום רבין, נאָכדעם ווי ער האָט זיך איינגעאָרדענט אין עסטרייך, אין סאַ־דאגורע. די דאָזיגע חסידים האָבען געלערענט פשט אין רבינס דבור הקל, אין דער תנועה, אין דעם וואונק, אַ מאַך מיט דער האַנד, אָדער אַ קלאַפּ מיט'ן טאַבאַק שקעטעלע — האָבען זיי דערין צוגעגעבען אויסטערלישע פירושים און פּירושי פּרושים און אָט די דאָזיגע אמונה האָט זיי אויך גע־בראַכט ישועות חוץ לדרך הטבע.

ווי ווייט די אמונה פון דעם ריזשינער הסידים אין זייער רבין איז געווען גרויס, קאָן דינען דער מנהג, וואָס איז ביי זיי געווען איינגעפיהרט, אַז מען דאַרף כּלל נישט פאָהרען צום רבין און איהם בעלמוטשען מיט זייער הפצרות. נור ווי באַלד אַז מען געפינט זיך אין אַן׳עת־צרה, איז גע־נוג, אַז מען לאָזט זיך שרייבען אַ קוויטעל, אין וועלכען ער שרייבט איין די בקשה און די צרה ר״ל אין וועלכער ער געפינט זיך, דאָס דאָזיגע קוויטעל צוזאַמען מיט אַ פדיון לעגט ער אַוועק אין דער ספרים שאַנק און זאָגט צו דערביי: „יהי רצון, דאָס זאָל אַזוי גוט זיין, ווי ער וואָלט אַליין דעם רבין איבערגעגעבען דאָס קוויטעל מיט'ן פדיון״...

און דער חסיד האָט געהאַט די אמת'ע אמונה, אַז דער רבי ווייסט וואָס עס האָט ביי איהם פּאַסירט, ער לייענט אויף הונדערטער מיילען ווייט דאָס קוויטעל און איז פאַר איהם מתפּלל.

און אַז עמיצער האָט זיך געקליבען אין וועג אַריין קיין סאַדאגורע פלעגט ער צונויפנעהמען די קוויטלעך מיט די פדיונות, וואָס זענען שוין געלעגען אַ לאַנגע צייט און דער חסיד פלעגט עס אָבפיהרען צום רבין וועמען ער פלעגט עס איבערגעבען.

ווי ווייט עס איז געווען גרויס די אמונה פון די ריזשינער חסידים אין זייער רבין, זאָל דינען פאָלגענדער פאַקט:

ביים בעריהמטען קיעווער גביר און חסיד אָרענשטיין, וועלכער איז געווען אַ פייערדיגער אָנהענגער פון ריזשינער איז אַמאָל קראַנק געוואָרען אַ זוהן אויף אַ מסוכנדיגער קראַנקהייט. דער אַלטער אָרענשטיין האָט זיין זוהן ליעב געהאַט מעהר ווי דאָס אייגענע חיות, און די קראַנקהייט פון זיין גע־ליעבטען זוהן, האָט איהם שיער נישט געריהרט פון זינען פאַר גרויס צער.

די גרעסטע דאָקטוירים, וואָס האָבען דעם קראַנקען בעהאַנדעלט, האָ־בען געגעבען גאַנץ שוואַכע האָפנונגען. מען האָט שוין אָנגעווענדעט אַלע מיטלען אָבער אומזיסט. עס איז זיך לייכט פאָרצושטעלען, וואָס עס האָט זיך אָבגעטהון אין האַרצען פון אומגליקליכען פאָטער, וועלכער האָט נישט קיין שום עצה ווי אַזוי צו דערהאַלטען ביים לעבען זיין געליעבטען זוהן.

וואָס טהוט אָבער אַ יוד אַ חסיד, און דערצו נאָך אַן׳עושר, לאָזט ער שפּאַנען זיין אייגענער קאָטש און לאָזט איבער זיין זוהן אונטער דער אויפ־זיכט פון די דאָקטוירים, און אַליין פאָהרט ער קיין ריזשין. (דאָס איז נאָך געווען ווען דער צדיק האָט געוואוינט אין ריזשין) פול מיט בטחון, אַז

זייענדיק אַליין ביים רבין וועט ער גיכער פועל זיין, אַז דער רבי זאָל מעורר רחמים זיין אויף זיין קינד.

מען דאַרף נאָך דערביי צוגעבען, אַז אַ חוץ דעם וואָס ארנשטיין האָט כמעט אַליין אויסגעהאַלטען דעם ריזשינער הויף מיט שווערע צעהנער טויזענדער רובל אַ יאָהר, איז ער סתם געווען אַ ידיד נאמן פון הייליגען ריזשינער, אַ היימישער מקורב, מיט וועלכען דער רבי האָט גאַנץ אָפט לאַנג פערבראַכט אין פערשידענע ענינים, האַלטענדיג איהם פאַר אַ יוד אַ בר-דעת, אַ חכם-מחוכם.

קומענדיג קיין ריזשין איז ער גלייך פערפאַהרען אין רבינס פּרעכטיגען הויף אַריין, כדי נישט צו פערזוימען איין מינוט, ווייל ער האָט געוואוסט, אַז אַז ביי זיין קינד האַלט עס ביי די לעצטע רגעים, און יעדע מינוט קאָן זיין אַ פערלוסט, כאָטש ער האָט געוואוסט, אַז עס איז נישט יעצט די צייט ווען דער רבי נעהמט אָן זיינע חסידים, האָט ער דאָך מיט רעכט געגלויבט, אַז פאַר איהם וועט מען דאָס מאָל מאַכען אַן'אויסנאַהם.

אַראָבשטייגענדיג פון דער קאָטש איז צו איהם גלייך צוגעלאָפען דער הויפּט-גבאי און דערצעהלט איהם, אַז שוין עטליכע טעג, ווי דער רבי פיהלט זיך עפּעס נישט מיט אַלעמען, און דער דאָקטאָר האָט פערזאָגט, אַז מען זאָל קיינעם נישט צו לאָזען צום רבין, יהי, מי שיהי' און נישט אויפ-רעגען איהם, מיט בקשות און צרות ישראל, נאָר היות ווי עס האַנדעלט זיך ביי אַ סכנה, ביי פיקוח נפש און בפרט נאָך פאַר אַזאַ ידיד נאמן פון רבין, איז ער מוכן ומזומן צו מעלדען עס דעם רבין און ער גלויבט, אַז דער רבי וועט איהם הייסען צולאָזען, אָדער לפּחות הייסען פאַרלייענען דאָס קוויטעל און ווינשען אַ ישועה.

דערהערענדיג, אַז דער רבי איז נישט ביים געזונד און דער דאָק-טאָר האָט געגעבען אַזאַ שטרענגע אזהרה, נישט צו בעאומרוהיגען דעם רבין כדי איהם נישט צו פערשאַפען קיין עגמת נפש, האָט דער אַלטער אָרנשטיין אויסגערופען:

— חלילה וחלילה, איך פערלאַנג עס גאָרנישט פון אייך. איך אסר אויך אייך אפילו איהר זאָלט מיין חולה מזכיר זיין פאַר'ן רבין, איך דאַרף עס לגמרי נישט. איך בין בטוח, אַז מיט מיין נסיעה קיין ריזשין און מיט מיין בעטרעטען דעם רבינ'ס שוועל האָב איך שוין געהאַט די ישועה!...

עס איז גלייך געוואָרען אַן'אָנגעלויף אַרום דעם אַלטען אָרנשטיין, חסידים זענען נתפּעל געוואָרען פון זיינע רייד. און דער אַלטער חסידישער נגיד האָט דערביי צוגעגעבען:

— פון רבינ'ס פה קדוש האָב איך אַליין געהערט, אַז אַ צדיק, וואָס איז נישט בכח צו ברענגען אַ ישועה, תיכף ווי נור דער חסיד האָט בדעה צו איהם צו פאָהרען — אַזאַ רבי איז קיין רבי נישט... דעריבער זאָג איך, ליעבע יודען, אַז קוים איז בעשעהרט פאַר מיין זוהן אַ ישועה, ווייסט עס

שוין דער רבי סיי־ווי, גלייך ווי איך האָב זיך אַרויסגעריהרט פון דער היים, אלא ח״ו נישט, איז נישט כדאי, אַז צוליעב מיין צער, זאָל דער רבי האָבען עגמת נפש און מבולבל ווערען, אין דער צייט, ווען דער רבי איז נישט ביים געזונד, און אין דעם זכות אַליין, וועט מיין זוהן האָבען די רפואה שלימה...

איבערגעבענדיג דעם גבאי אַ פדיון פאַר׳ן רבין, אַ מטבע פאַר׳ן גבאי און אַ שפּאָרען לעצט־געלד פאַר דעם עולם אויף תיקון, איז דער אַלטער אָרנשטיין תיכף אַבגעפּאָהרען אַהיים.

אָט דאָס הייסט אמונת צדיקים, בפרט נאָך ווען עס האָט זיך טאַקי אַרויסגעוויזען, אַז ווי נור אָרנשטיין איז אָבגעפאָהרען קיין ריזשין, האָט דעם קראַנקען אָנגעהויבען ווערען בעסער, און ווען ער צוריק אַהיימגעקומען, האָט ער שוין אָנגעטראָפען זיין זוהן אַ געזונדטען...

כו.

אמונת צדיקים

ווי ווייט עס איז געווען ביי די ריזשינער חסידים שטאַרק די מדרגה פון אמונת צדיקים קאָן דיענען פאָלגענדער עפּיזאָד, וועלכער ווערט צווישען די סאַדאגורער חסידים אָפט דערצעהלט:

צווישען סאַדאגורער עולם האָט געשמ׳ט אַ חסיד מיט׳ן נאָמען ר׳ יעקב יאָשע פון קאָרעץ. דער דאָזיגער חסיד איז געווען אַ גרויסער עושר. ער איז געווען איינער פון די רייכסטע רוסישע חסידים, וואָס זענען געפאָהרען קיין סאַדאגורע. אין די יונגע יאָהרען איז ער געווען אַן אָרימער דאָרפס־מלמד, וועלכער האָט געמוזט צוליעב דעם אָרימען שטיקעל ברויט איבערלאָזען ווייב און קינד און אַוועק אין דער פרעמד קנעלען.

פונדעסטוועגען האָט דער יונגער מלמד נישט מתרעם געווען. ער איז געווען אַזוי אדוק אין חסידות, איבערהויפּט אין ריזשינער חסידות, אַז דאָס גשמיות האָט ביי איהם קיין ראָליע נישט געשפּיעלט. ער האָט צומאָלט וועגען דעם נישט געטראַכט און קוים איז ער אַמאָל געקומען צום רבי׳ן, נאָכדעם ווי ער איז אויסגעשטאַנען אַ שווערען טלטול הדרך, — ווייל אויף קיין הוצאות האָט ער קיין געלד נישט געהאַט — האָט ער, אפילו מיט אַ דיבור הקל נישט געזשאַלעוועט זיך, אַז מיט דער פרנסה געהט עס נישט אַזוי גוט, אַז ער מוז זיין נע ונד, מוז איבערלאָזען אַ ווייב און קינד אָהן השגחה און מוז אַ גאַנץ קיילעכיג יאָהר לעבען אין אַ דאָרף, וואו עס איז דאָ אַ מנין בצמצום, און דאָס אויך פון פערגרעבטע ישוב׳ניקעס, מיט וועלכע מען קען אַ יודיש וואָרט נישט רעדען, און מכל שכן נאָך אַ וואָרט

חסידות. ער האָט עס געהאַלטען פאַר אַ גרויסע העזה, צו פערדרעהען אַ קאָפּ דעם רבי'ן מיט זיינע קליינליכע דאגות. ער האָט, פונקט ווי אַ סך ריזשינער חסידים געהאַלטען, אַז עס איז אַ גרויסע בעליידיגונג פאַר'ן רבי'ן צו פאָהרען צו איהם מכח פרנסה, אַזעלכעס טהוט אַ בהמה, אַ גראָבער נפש, נישט אַנ'איידעלער יונגערמאַן, וואָס זוכט אַ דרך אין יודישקייט און ווייס צו וואָס מען פאָהרט צו אַ רבי'ן און וואָס מען דאַרף זוכען ביי אַ רבי'ן.

אַזוי האָט זיך יעקב יאָשע געפיהרט אַ רייהע יאָהרען. געקנעלט אין וויטען דאָרף, מיט די דאָרפס-יונגען, געזאַמעלט אַ גראָשען צו אַ גראָשען, דעם גרעסטען טייל אַוועקגעשיקט דעם ווייב, וואָס האָט אַ חוץ דעם געהאַט אַנ'אָרים קרעמעל, און דאָס איבריגע האָט ער בעהאַלטען אויף אַ נסיעה קיין ריזשין.

אַהיימקומען צום ווייב און קינד פלעגט ער אויף פסח און סוכות. פלעגט איהם דאַמאָלס דאָס ווייב ממש דערגעהן די יאָהרען, טענה'ען צו איהם, וואָס וועט זיין דער תכלית, איז עס אַזוי רעכט, אַזביידע זאָלען אָבפּינסטערען דאָס ביסעל יאָהרען, אַז דאָס קינד זאָל רעכט דעם טאַטען נישט קענען, און בכלל, ווי לאַנג איז דער שיעור צו זיין אַ דאָרפס-מלמד, בפרט נאָך, אַז זי ווייסט, אַז קיין אַנדערער איז נישט שולדיג אין איהר אומגליק, ווי דער מאַן איהרער, טאַקי יעקב יאָשע. וואָלט ער געווען אַ מענש, וואָלט איהר געווען וואויל און ליכטיג, וואָלט ער פאָהרענדיג צום רבי'ן, זיך מתנצל געווען פאַר'ן הייליגען צדיק, וואָלט ער שוין לאַנג בעהאָלפען געוואָרען. איז ער דאָך אָבער קיין מענש נישט, און דערפאַר איז זי אַזוי אומגליקליך.

יעקב יאָשע פלעגט נאַטירליך אויף איהרע טענות נישט ענטפערען. וואָס וועט ער איהר ענטפערען, געבען צו פערשטעהן אַ פרק אין חסידות, דערצעהלען איהר, אַז ער פאָהרט נישט צום רבי'ן וועגען אַזעלכע שטותים ווי פרנסה, אַז זי איז אַ יודענע, אַז זי וועט עס בשום אופן נישט פערשטעהן...

אַזוי האָט ער זיך געפיהרט לאַנגע יאָהרען, ווען דער רבי האָט געוואוינט אין ריזשין. נאָכדעם ווי דער ריזשינער איז אַוועק פון רוסלאַנד און זיך בעזעצט אין סאַדאגורע, איז די נסיעה צום רבי'ן, פאַר אַזאַ שטייגער מענש ווי יעקב יאָשע, געווען איבער די כחות. פאָהרען קיין אויסלאַנד, מאַכען אַ פּאַס, און בכלל, אַזאַ מרחק קאָסט דאָך עפּעס אַ שעהנע פאַר רובל, עס איז דאָך נישט מעהר אַ „שפּרינג" ווי אַ שטייגער פון קאָרעץ קיין ריזשין. עס איז דאָך עפּעס אויסלאַנד!

פונדעסטוועגען האָט יעקב יאָשע נישט רעזיגנירט. ער האָט געזאַמעלט אַ גראָשען צו אַ גראָשען, אָפּט געגעסען אַ שטיקעל טרוקען ברויט און נאָך

צוויי זמנים האָט ער שוין פערמאָגט אַ שפּאָרע פּאָר רובל און גענומען זיך גרייטען צו דער נסיעה.

פונדעסטוועגען האָט זיך ר׳ יעקב יאָשע נישט פערגינען צו פאָהרען ווי אַ כּראַביע. וואָס איז ער האָט קיין צייט נישט, און אַז די נסיעה וועט דויערען נאָך אַכט טעג? — דאָס מלומדות וועט איהם קיינער חלילה נישט אויסכאַפּען, און וואָס מעהר ער וועט האָבען צער פון טלטול הדרך אַלץ גרעסער וועט זיין דער שכר.

ענדליך איז ער אָנגעקומען קיין סאַדאגורע. שווער צו שילדערען די שמחה פון דעם יודען, וואָס ער האָט זוכה געווען צו זעהן דעם רבי׳ן, נאָך אַזוי פיעל יאָהרען, ווי ער האָט קיין מעגליכקייט נישט געהאַט איהם צו זעהען. יאָהרען פון צער און הארצוועהטאָג, איבערלעבענדיג צוזאַמען מיט׳ן רבי׳ן די רדיפות און נגישות מצד פּאַניע. ביז דער אויבערשטער האָט געהאָלפען און דער רבי איז געבליבען זיצען במנוחה אין סאַדאגורע. דאָס התפעלות פון דעם אָרימען מלמד איז געווען אַזוי גרויס, אַז ביים שלום נעהמען, האָט ער אַרויסגענומען דאָס גאַנצע ביסעל געלד. וואָס ער האָט געהאַט ביי זיך און דערלאַנגט עס דעם רבי׳ן אַלס פּדיון, נישט איבערלאָזענדיג ביי זיך אפילו אַ פּרוטה אויף אַנ׳אָנבייסען. פון הוצאות הדרך אויף צוריקוועגס איז שוין אָבגערעדט.

דער רבי, וועלכער האָט גוט געקענט יעקב יאָשע׳ן, האָט פערשטאַנען, אַז דער דאָזיגער פּדיון איז ווייט ווייט איבער זיינע כּחות, האָט ער דעריבער אַ פרעג געטהון:

— וואָס איז היינט דיין טהון, יעקב יאָשע?

— כ׳בין נאָך אַלץ דאָרפס־מלמד, — האָט ער פשוט געענטפערט.

— עס פּאַסט גאָר נישט פאַר דיר, צו זיין אַ מלמד — האָט זיך דער ריזשינער צו איהם אָנגערופען — לויט דיין נדיבות וואָלט דיר אָנגעשטאַנען צו זיין אַ גרויסער און טאַקי גאָר אַ גרויסער עושר.

מעהר האָט יעקב יאָשע נישט בעדאַרפען. ער האָט געגלויבט באמונה שלימה, אַז ער איז שוין אַ געהאָלפענער, אַז דער רבי האָט איהם געמאַכט פאַר אַ גאָר גרויסען עושר. האָט ער זיך אַ שבועה געגעבען, אַז ווען ער זאָל אפילו ממש אויסגעהן פון הונגער, וועט ער בשום אופן נישט מעהר זיין קיין מלמד. אויס מלמד, ר׳ יעקב יאָשע איז מחויב צו זיין אַנ׳עושר, ווייל אַזוי האָט דער רבי געפּסקנט.

מיט אַנ׳אויסערגעוועהנליכע ענערגיע האָט ער זיך גענומען צום מסחר און ער האָט טאַקי מצליח געווען אויך. דאָס עשירות איז געוואַקסען פון טאָג צו טאָג. ער איז געוואָרען אַ מיליאָנער. זיין תבואה־מסחר האָט געהאַט אַ רוהם נישט נאָר אין גרויסען רוסלאַנד, נאָר אויך ווייט איבער די גרעניצען פון רוסלאַנד. און ער איז געשטאָרבען איבערלאָזענדיג אַנ׳עשירות פאַר קינדער און קינדס־קינדער.

אָבער אפילו שפּעטער, אַלס מילִיאָנע, איז ר׳ יעקב יאָשע קאָרעצער נישט וועהניגער געווען אדוק אין דעם רבי׳ן ווי פריהער, און ווען דער רבי זאָל איהם זאָגען ער זאָל זיין גאַנץ פערמעגען מפזר זיין און צוריק ווערען דאָרפס מלמד, וואָלט ער קיין איין רגע נישט געטראַכט און וואָלט געטהון אַזוי ווי דער רבי האָט איהם געהייסען.

נאָך אַזאַ עהנליכע מעשה דערצעהלט מען צווישען די ריזשינער חסידים, וואָס כאַראַקטעריזירט שטאַרק די אהבה און דאָס אדיקות פון די ריזשינער חסידים צו זייער רבי׳ן.

געווען איז עס נאָך דאַמאָלס ווען דער צדיק האָט געוואוינט אין ריזשין. וועגען דעם וואונדערבאַרען ריזשינער הויף האָבען מיר שוין אין איינעם פון די פריהערדיגע קאַפּיטלעך דערצעהלט. דאָרט האָט געהערשט זעהר אַ שטרענגער רעזשים. נישט שטענדיג האָט מען געקענט צוקומען צום רבי׳ן, נאָר איינמאָל אין דער וואָך, פרייטאָג פאַרנאַכט צו קבלת שבת. דאַמאָלס פלעגט מען צולאָזען דעם עולם. אַ גאַנצע וואָך האָט טאַקי קיינער דעם רבי׳ן נישט געזעהען. און די בקשה־קוויטלעך צוזאַמען מיט די פדיונים פלעגען די גבאים צונויפנעהמען און עס אריינטראָגען צום רבי׳ן. אַנאויסנאַהם פלעגט געמאַכט ווערען נאָר פאַר יחידי סגולה, פאַר אַן׳אדם־חשוב, פאַר אַ צדיק׳ס אַ קינד אָדער פאַר אַ גרויסען רב. דער סתם עולם האָט טאַקי געמוזט וואַרטען אַ גאַנצע וואָך ביז פרייטאָג פאַרנאַכט.

איינמאָל איז געקומען צו פאָהרען קיין ריזשין אַן׳אָרימער מלמד, וועלכער האָט זיין גאַנץ אייגענס פערווענדעט אויף הוצאות הדרך, כדי מקבל פנים צו זיין דעם צדיק. זייענדיג אָרים און אונבעקאַנט האָט דער גבאי איהם נישט געוואָלט צולאָזען צום רבי׳ן, נאָר ער האָט איהם געהייסען צוּוואַרטען ביז פרייטאָג פאַרנאַכט, ביז צו קבלת שלום.

דער אָרימער מלמד האָט אָבער קיין געדולד נישט געהאַט צוצוואַרטען פון מאָנטאָג ביז פרייטאָג פאַרנאַכט. האָט ער אָנגעהויבען פייניגען דעם גבאי, אַז ער זאָל פאַר איהם מאַכען אַן׳אויסנאַהם, און ער זאָל איהם צולאָזען צום רבי׳ן, דערפאַר זאָגט ער איהם צו זיין גאַנץ חלק עולם הבא.

משמעות, אַז דער גבאי איז נישט געווען שטאַרק להוט נאָך דעם אָרימען יוד׳ס עולם הבא, האָט ער איהם פשוט אויסגעלאַכט און געבעטען איהם ער זאָל נישט פערדרעהען קיין קאָפּ און זאָל האָבען געדולד ביז פרייטאָג צו קבלת שלום.

היות ווי די תשוקה צו זעהען דעם רבי׳ן האָט אין דעם יוד שטאַרק געפלאַקערט, האָט ער זיך מיישב געווען און אַוועקגעלעגט זיך אויף די טרעפּ וואָס פיהרען פון הויף אין דעם רבינ׳ס פּריוואַט־וואוינונג. דאָרט איז ער געלעגען צוויי נעכט און צוויי טעג אָהן עסען און טרינקען און ערקלערט, אַז ער איז גרייט צו שטאַרבען פאַר הונגער און דורשט אויף די טרעפּ פון רבינ׳ס הויז ווי באַלד מען וועט איהם נישט צולאָזען צום רבי׳ן.

טאָמער האָט מען איהם געבראַכט עסען, האָט ער עס אָוועקגעשליידערט.
טאָמער האָט מען איהם מיט גינואַלד געוואָלט אַראָבברייסען פון די טרעפ.
האָט דער יוד געקעמפט מיט מסירת נפש. און אפילו מיט פייערדיגע שמיץ
האָט מען איהם נישט געקענט פערטרייבען פון זיין משמור.

זעהענדיג, אַז מען וועט מיט'ן דאָזיגען יונגערמאַן גאָרנישט מאַכען,
איז עמיצער פון די גבאים אריין, און דערצעהלט דעם רבי'ן די גאַנצע
מעשה, ווי אַ יוד איז זיך אַזוי מוסר נפש צוצוקומען צום רבי'ן און ער
איז גרייט געווען זיין חלק עולם הבא דערפאַר אַוועקצוגעבען, און ווען
אויך דאָס האָט נישט געהאָלפען, איז ער גרייט צו שטאַרבען אויב מען
וועט איהם נישט צולאָזען צום רבי'ן.

— לאָזט איהם תיכף אריין — האָט דער רבי בעפוילען. דער יונ־
גערמאַן האָט זיך תיכף אויפגעשטעלט פון אָרט, געלאָפען אַרומוואַשען זיך
אָנגעטהון די בגדי שבת און אַ צופלאָמטער געקומען צולויפען צום רבי'ן.

נאָכן געוועהנליכען שלום נעהמען, און נאָכדעם ווי דער רבי האָט
זאָרגפעלטיג בעטראַכט דעם יונגענמאַן האָט ער צו איהם אויסגערופען:

— האָסטו עפּעס אַ בעזונדערע בקשה?

— יאָ, רבי, איך האָב — האָט דער יונגערמאַן מיט שמחה אויסגערו־
פען. — הייליגער צדיק, אַ גאַנצען זמן האָב איך געקנעלט אין אַ דאָרף,
כּדי איך זאָל פערדינען אויף הוצאות צום הייליגען צדיק. פון דעם גאַנצען
קאַפּיטאַל איז מיר מעהר נישט פערבליבען ווי אַנ'איין און איינציגען רובל.
נעהמט פון מיר צו דעם דאָזיגען אָרימען פדיון — דאָס איז מיין איינציגע
בקשה. דער אייבערשטער האָט אין בית המקדש אויך אָנגענומען דעם
אָרימאַנ'ס קרבן, דאָס ביסעלע מעהל, פונקט ווי דעם עשיר'ס קרבן.

דער רבי האָט צוגענומען דעם זילבערנעם רובל, גוט בעטראַכט איהם,
און געהאַלטען אַ ווײַלע, דאַן האָט ער צוריק דערלאַנגט דעם רובל דעם
יונגענמאַן זאָגענדיג צו איהם:

— דאָ האָסטו אַ מטבע, וואָס וועט דיר ברענגען ברכה און הצלחה!..

ביי די ריזשינער חסידים איז זעהר הויך געשטאַנען די ווערטה פון
די מטבעות, וואָס חסידים פלעגען פון צייט צו צייט בעקומען ביי אַ גע־
לעגענהייט פון זייער רבי'ן. אַזעלכע מטבעות פלעגט מען קענען פערקויפען
פאַר שווערע הונדערטער קערבלעך, גלויבענדיג, אַז די מטבעות ברענגען
פיעל גליק און ברכה פאַר דעם בעזיצער. האָט מען זיך דעריבער שטאַרק
געריסען איבער די מטבעות און נאָר גרויסע גבירים האָבען זיי געקענט
בעקומען.

עס פערשטעהט זיך, אַז דער יונגערמאַן, דער אָרימער מלמד, איז
ממש אַרויס פון די כּלים פאַר דעם גליק וואָס האָט איהם געטראָפען, ווייל
אַזאַ קלאָרע הבטחה ביים בעקומען אַ מטבע האָט נאָך קיין שום חסיד נישט
בעקומען.

עס איז געוואָרען אַ פערשטענדליכער רעש אין ריזשין. גראָד האָבען זיך געפינען גרויסע גבירים אין ריזשין, וועלכע האָבען אַלץ אָנגעווענדעט, כּדי די ברכה-והצלחה׳דיגע מטבע צו בעקומען.

דער מלמד האָט זיך כּלל נישט געגענגעשטעלט און נישט בדעה געהאַט די מטבע צו דערהאַלטען ביי זיך, ווייל נאָך וואָס דאַרף ער, אַ מלמד, ברכה והצלחה, מסחרים פיהרט ער? — צום מלומדות דאַרף ער עס נישט. האָט ער ערקלערט, אַז ער וועט פערקויפען די מטבע נאָר אויף אַ ליציטאַציע. ווער עס וועט געבען מעהר, דער וועט דערין זוכה זיין.

האָט זיך אָנגעהויבען אַ ליציטאַציע אויפ׳ן גרויסען אופן, ביז דער רובעל איז פערקויפט געוואָרען פאַר דריי טויזענד קערבלעך און אָבגעקויפט האָט איהם אַ גביר פון ראַדאָמישל, מיט׳ן נאָמען אָרנשטיין.

אַזוי אַרום האָט דעם רבינ׳ס מטבע אומר וְעושה געבראַכט דעם אָרי־מען מלמד הצלחה. ער איז בפועל ממש געהאָלפען געוואָרען מיט אַ קאַפּי־טאַל פון דריי טויזענד רובעל.

אָבער דער יונגערמאַן האָט נישט געהאַט בדעה צו פערהאַלטען דאָס גאַנצע געלד פאַר זיך, וואָרום די אייגענע מעשה, צו וואָס דאַרף ער געלד? ער וועט זיך נאָר איבערלאָזען אַ פּאָר הונדערטער און דאָס גאַנצע געלד וועט ער אָוועקגעבען דעם רבי׳ן, וועט עס דאָך שוין הייסען אַנ׳אמת׳ער לייטישער פדיון!..

דאָס מאָל האָט מען איהם נאַטירליך שוין צוגעלאָזט צום רבי׳ן און נאָכדעם ווי ער האָט דערצעהלט דעם רבי׳ן דאָס גליק וואָס האָט איהם גע־טראָפען, ווי ער האָט פערקויפט די מטבע און ווי ער וויל דעם גרעסטען טייל פון געלד אַוועקגעבען דעם רבי׳ן, האָט דער רבי אויסגערופען:

מעהר ווי „מעשר" פון פערמעגען, נעהמען מיר ביי קיינעם נישט, און פאַר׳ן איבריגען הויב אָן צו האַנדלען, וועסטו מצליח זיין. אָבער אויך די דריי הונדערט רובעל וואָס דו גיסט מיר, וועלען פערוואַנדעלט ווערען אויף אַ דבר שבקדושה, דאָס איז די ערשטע נדבה צום בנין פון אַ שעה־נער קלויז.

אַזוי אַרום איז דער אָרימער מלמד געהאָלפען געוואָרען צוליעב זיין מסירת נפש און אדיקות אין דעם הייליגען צדיק.

דער ריזשינער האָט אָבער די געפּלאַנטע קלויז נישט געבויט, כאָטש דער פּלאַן איז שוין לאַנג געווען פערטיג. אַפילו אין סאַדאגורע איז ער אויך נישט געבויט געוואָרען בחייו, נאָר ערשט מיט יאָהרען שפּעטער, ווען עס האָט געפיהרט זיין ממלא מקום — דער סאַדאגורער צדיק רבי אברהם יעקב ז״ל.

פאַרוואָס דער ריזשינער גופא האָט די קלויז נישט געבויט, ווייסען חסידים צו דערצעהלען אַ פלא׳דיגע מעשה, נאָר וועגען דעם אין קומענדען קאַפּיטעל.

כז.

דער פּלאַן פון נייעם קלויז

דער פּלאַן פון דעם נייעם בית־מדרש איז שוין לאַנג געווען פערטיג. עס האָט איהם געצייכענט איינער פון די גרעסטע איטאַליענישע אַרכיטעקטען אונטער דער פּערזענליכער השגחה פון רבי'ן. נישט אַלע אָנווייזונגען האָט דער אַרכיטעקט פערשטאַנען. אַ טייל האָבען גאָר סותר געווען די בוי־געזעצען. אָבער אַזוי איז געווען דער ווילען פון היילינגען ריזשינער און צום דאָזיגען רצון האָט זיך געמוזט צופּאַסען דער איטאַליענישער אַרכיטעקט.

אָבער ריזשין איז שוין נישט בעשעהרט געווען, אַז דער דאָזיגער פּאַלאַץ זאָל דאָרט געשטעלט ווערען, ווייל באַלד האָבען זיך אָנגעהויבען די נגישות מצד דער רוסישער מאַכט און דער צדיק איז אַנטלאָפען קיין עסטרייך, בעזעצענדיג זיך אין דעם שטעדטעל סאַדאגורע, וואו ער האָט זיך איינגעאָרדענט אין פּריצישען פּאַלאַץ.

מיר האָבען שוין דערצעהלט, אַז איינער פון די ערשטע גוטע יודען, וועלכע זענען געקומען בעזוכען דעם ריזשינער נאָך זיין בעזעצען זיך אין סאַדאגורא, איז געווען דער סאַווראַנער רבי ר׳ משה זצ״ל, וועלכען ער האָט געפיהרט אין שטאַל ווייזען זיינע פערד און קאָטשען, אויף וואָס ער האָט זיך שפּעטער אויסגעדריקט, אַז דאָס האָט איהם דער ריזשינער געוויזען די „מעשי מרכבה״...

זייט דאַמאָלס איז ר׳ משה געווען אַ שטאַרקער אָנהענגער פון ריזשינער. פלעגט גאַנץ אָפט קומען קיין סאַדאַגורע, און דער ריזשינער האָט איהם אויך שטאַרק מכבד געווען.

איינמאָל, זייענדיג אין סאַדאגורע, האָט זיך דער ריזשינער אָנגערופען צו איהם.

— סאַווראַנער רבי, קומט וועל איך אייך ווייזען עפּעס אַנ׳אַנטיקעל.

דער רבי האָט אויפגעשלאָסען די קאַסע, וואו עס זענען געלעגען די טייערסטע אַנטיקען פון ריזשינער הויף און אַרויסגענומען פון דאָרט דעם פּלאַן פון דעם בית מדרש, וואָס דער איטאַליענישער אינזשיניער האָט געצייכענט.

דער ריזשינער האָט דערלאַנגט דעם סאַווראַנער רבי׳ן דעם פּלאַן אויסרופענדיג דערביי.

— שוין איינמאָל אַנ׳אַנטיקעל!...

דער סעווראנער רבי, אַריינקוקענדיג אַ ווײַלע אין דעם פּלאַן, איז ער בלאַס געוואָרען ווי די וואַנט, באַלד איז ער אויפגעשפּרינגען פון אָרט און אויסגערופען.

— האָט רחמנות, רבי, בויט נישט די דאָזיגע קלויז!

דער ריזשינער האָט זיך שטאַרק פערטראַכט.

— אַזוי מיינט איהר, סעווראַנער רבי, אַז נישט דוד דאַרף בויען דאָס בית נור זיין זוהן שלמה?...

(געמיינט דערמיט צו זאָגען, אַז נישט ער גופא נאָר ערשט זיין זוהן און ממלא מקומו זאָל עס בויען).

— לאָזט געמאַך, הייליגער רבי, רעזיגנירט דערפון אינגאַנצען, לאָזט געמאַך!

— נו, נו — האָט דער ריזשינער אָבגעענטפערט, און צוריק בעהאַל־טען דעם פּלאַן.

אַזוי איז טאַקי געווען, דער ריזשינער האָט שוין ביי זיין לעבען דאָס בית מדרש לויט דעם דאָזיגען פּלאַן נישט געבויט.

פאַר דער פטירה פון רבין ר׳ משה פון סעווראַן, האָט איינער פון זיינע מקורבים איהם אַ פרעג געטהון:

— זאָגט מיר, פאַרוואָס האָט איהר אַזוי שטאַרק מפציר געווען דעם ריזשינער, ער זאָל נישט בויען די קלויז לויט דעם זעלטענעם פּלאַן, וואָס ער האָט אייך דעמאָלט געוויזען.

— איך האָב דערזעהען אין דעם פּלאַן — האָט דער סעוואַנער רבי אויסגערופען — אַז דער ריזשינער האָט דאָרט מכוון געווען די זעלבע כוונות וואָס משה רבינו האָט מקבל געווען אויפ׳ן באַרג סיני ביים בוי פון הייליגען משכן, האָב איך דעריבער מורא געהאַט, עס זאָל חלילה נישט זיין ביים חנוכת הבית פון דער קלויז, דער זעלבער קידוש השם ווי ביים משכן, וואו אהרן׳ס צוויי זוהן, נדב ואביהו זענען געשטאָרבען...

צום סוף האָט ער צוגעגעבען:

ביים ריזשינער האָב איך טאַקי געפּועל׳ט. אָבער צי איך וועל פּועלן ביי זיין ממלא מקום איז אַ גרויסער ספק, זאָל זיך דער מלא רחמים מרחם זיין...

און כך הוה, מיט אַ יאָהר עטליכע און דרייסיג שפּעטער, האָט דער סאַדאגורער רבי ר׳ אברהם יעקב זצ״ל, גענומען זיך בויען די קלויז לויט׳ן פּלאַן פון זיין פאָטער, ווייל, ווי חסידים דערצעהלען, האָט דער הייליגער ריזשינער איהם עס מצוה געווען. דער סאַדאגורער רבי האָט געהאָפט אַז דער כח פון זיין פאָטער וועט מגין זיין אויף זיינע קינדער, זיי זאָלען נישט פאַלען קיין קרבנות.

אָבער דער זכות פון צדיק האָט נור געקענט מגין זיין אויף אַ קור־צער צייט און דאָס שרעקליכע איז געשעהען. אין די יאָהרען תרמ״ב און

הרמ״ג אין די דאָזיגע צוויי יאָהר זענען נסתלק געוואָרען דעם סאַדאגורער׳ס עלטסטער זוהן ר׳ שלמה׳ניו, זיין איידעם ר׳ נחום בערעניו און לסוף איז אויך דער סאַדאַגורער רבי גופא נסתלק געוואָרען.

נאָר וועגען דעם — אין די קומענדע קאַפּיטלען.

ווי מיר האָבען שוין אָנגעוויזען איז איינס פון די שטאַרקסטע מידות פון ריזשינער חסידות געווען די אהבת חברים.

אהבת חברים איז איינס פון די גרויסע מידות אין חסידות בדרך כלל, אָבער אין אַזאַ מאָס ווי מען זעהט עס ביי די ריזשינער — זעהט מען עס נישט אויף קיין שום אָרט.

שוין אָבגערעדט, אַז דער קלויז איז ביים ריזשינער חסיד די אמת׳ע היים און אין זיין שטוב איז ער פּאַקטיש אַן׳אורח אויף אַ וויילע. אין קלויז לערענט ער, דאַווענט ער, שמועסט חסידות, עסט אַ סעודה׳לע. אין קלויז צווישען זיינע ברידער און פריינד פיהלט ער זיך גאָר שטאַרק געהויבען.

נישטאָ קיין קנאה־שנאה. אַ גביר מיטן גרעסטען קבצן שטעהען אויף איין מדרגה לא נוכר שוע לפני דל. טרעפט מען גאַנץ אָפט, ווי דער גרעס־טער נגיד געהט האַנד ביי האַנד מיטן אָרימען חסיד פּערנומען אין אַ שטאַרקען שמועס, אין וועלכען דער אָרימער איז הפנים מעהר בעהאַוונט. דער רייכער שלינגט ממש זיינע רייד און קלאַפּט איהם גוט־ברידעריש אי־בער דער פּלייצע פון גרויס התפעלות.

קומט צו פאָהרען אַן׳אורח פון דער פרעמד, אַ יונגערמאַן, וועלכער קלויבט זיך צום רבין אָדער גאָר צונויפזאַמלען אַ פּאָר גילדען, איז די פרייד אַ האַרציגע. מען בעגעגענט דעם פרעמדען חסיד, פיעל האַרציגער ווי עס בעגעגענען זיך צוויי ברידער נאָך אַ לענגערע פונאַנדערשיידונג.

ווי אָרים דער אורח זאָל נישט זיין, מוז ער קודם כל געבען „תיקון״, ד״ה ער זאָל זיין דער מתחיל, און דאָס איבעריגע וועט שוין דער עולם זיך צוזאַמענלעגען, מען וועט שיקען נאָך אָקעוויט און מען וועט טרינקען לחיים און מען וועט עוסק זיין אין חסידות.

דאָס ענין פון געבען תיקון איז ביי די סאַדאַגורער געווען זעהר אַ וויכטיגער. יעדער אורח, דער אָרימסטער אפילו מוז געבען תיקון.

וועגען דעם טעם פון תיקון דערצעהלט מען, אַז בעת דער ראָזדאָלער צדיק רבי יהודה צבי זצ״ל האָט אַמאָל געוויילט ביים לעמבערגער רב רבי יעקב אָרענשטיין, בעל „ישועות יעקב״ זצ״ל, האָט איהם דער לעצטער גע־פרעגט, פאַרוואָס זענען זיך חסידים נוהג צו נעהמען תיקון ביי אַן׳אורח, האָט איהם דער ראָזדאָלער צדיק געענטפערט:

די טריט פון אַ מענשען, זענען דאָך פון אויבערשטען בעשטימט, ווי עס שטעהט אין פסוק. „מד׳ מצעדי גבר כוננו״. קומט דאָך אויס, אַז דער אורח, וועלכער איז געקומען אַהער, איז פון אויבערשטען געשיקט געוואָרען, דעריבער נעהמט מען בייא איהם תיקון מרמז צו זיין „לתיקוני שדרתיך ולא לעותי״ (צו פעררעכטען האָב איך דיך געשיקט און נישט קאַליע צו מאַכען...).

נאָך אַ טעם פאַרוואָס דאָס טרינקען משקה צווישען חסידים ווערט אָנגערופען תיקון, האָט איבערגעגעבען איינער פון די פייערדיגסטע סאַדאַגורער חסידים פון די אמת׳ע יושבים, ר׳ וועלוועלע גרייצינגער און זיינס אַ וואָרט, האָט מען געוואוסט שטאַמט שטענדיג פון רבין אַליין.

— פשוט איז תיקון דער טייטש, פעררעכטען. מחמת מיט׳ן טרינקען תיקון ווערען די הערצער דערנעהנטערט איינס צום אַנדערען. מען דערצעהלט זיך ספורי צדיקים, ווערט די אמונה געשטאַרקט און מען בעקומט אַ הרהור תשובה און ממילא פעררעכט מען וואָס מען האָט קאַליע געמאַכט. אַ רמז דערצו איז דאָס וואָרט כּוס. די ראשי תיבות פון וואָרט כּוס זענען די אָנהויב ווערטער פון ויאמר סלחתי כדבריך!...

האָט זיך איינער פון די מסובים אָנגערופען: הא ר׳ וועלוועלע, און וואו האָט איהר דעם שם, ג-ט׳ס נאָמען דאַרף דאָך אויך זיין דערבייא אין פסוק שטעהט דאָך: ויאמר ד׳ סלחתי כדבריך!

— תיקון מוזען דאָך טרינקען לכל הפחות צוויי יודען, כדי זיי זאָלען זיך קענען ווינשען לחיים — האָט ר׳ וועלוועלע אָפּגעענטפערט — און צוויי יודען זענען דאָך אַ שם!...

נאָך דעם ווי מען טרינקט לחיים און מען שמועסט חסידות, נעהמט מען פערזאָרגען דעם אורח, ער פיהלט זיך באַלד ווי בייא זיך אין דער היים. מיט גרויס כבוד און שמחה ווערט ער איינגעלאַדען צו עסען, טרינקען און שלאָפען. אָפט מאָל וואַרפט מען גורל, ווער עס זאָל זוכה זיין צום אורח.

איבערהויפּט בעמיהט זיך יעדער איינער צו בעקומען דעם אורח אויף שבת. דאָס מוז שטענדיג דעצידירט ווערען דורך אַ גורל — און דער גליקליכער גרייט צו אַ שבת כיד המלך ווייל לכבוד דעם אורח קומען זיך צונויף אין זיין הויז אַלע חסידים און מען עסט און מען טרינקט און מען זינגט און מען טאַנצט און מען איז זיך משמח אויף׳ן גרויסען אופן.

סאַדאַגורער חסידים וועלען קיינמאָל נישט ערלויבען זייערס אַ חבר ער זאָל זיך מבזה זיין און אַליין געהען בעטען נדבות, ווי גרויס נצרך ער זאָל נישט זיין. קודם כל ווערט מען געוואָהר, וואָס פאַר אַ מין תמיכה ער דאַרף. האַלט עס בייא אַ פּאָר גילדען אויף הוצאות צום רבי׳ן, אָדער אויף אַהיימצושיקען דעם ווייב, מאַכט מען נישט קיין גרויסע אָנשטרענגונגען. נעהמט מען אַ וועלכען עס איז טלית אָדער עטליכע פּאָר תפילין,

װעלכע מען פערזעצט פאַר די פאָר גילדען און דאָס געלד גיט מען אַװעק דעם אורח. שפּעטער װען דער אורח איז שױן אָבגעפאָהרען, לאָזען זיך אַרױס אַ פּאָר בחורים איבער׳ן שטאָדט, שאַפען די פּאָר גילדען צונויף און מען לייזט אויס די משכנות, אָבער גאַנץ אָפט פּלעגט טרעפען, אַז צוליעב דער גרויסער צאָהל אָרימע חסידים, ליגען די משכנות פערזעצט אַ גאַנץ לאַנגע צייט אַזש ביז פּורים, ערשט דאַן װערען זיי שוין „אויסגעלייזט״...

טאָמער איז דער אורח אַ נצרך אין אַ גרעסערע נדבה, ווי למשל חתונה צו מאַכען אַ בוגרת, אָדער ער איז אַ נשרף ל״ע, װער שמועסט נאָך, אַז ער האָט ביי זיך אַ מכתב ותעודה פון רבין אָדער פון עמיצען פון זיינע קינדער, דאַן בעמיהט זיך יעדער חסיד, ווי אָרים ער זאָל נישט זיין, צו שטייער צו געבען אַפילו איבער די כחות, די קלויז בחורים פער־זעצען די לעצטע משכנות זייערע און די שעהנע חסידים פערזעצען זייערע ווינטערדיגע פעלצען, אָדער זייערע זילבערנע טאַבאַק־שקעטעלעך און מען בעמיהט זיך, אַז דער אורח זאָל בעקומען דאָס זייניגע בהרחבה, בכדי דערמיט אין איינהעגס מהנה צו זיין דעם רבין אָדער עמיצען פון זיינע קינדער.

דער עיקר, אַז אַלץ ווערט געטהון מיט אַזאַ שמחה מיט אַזאַ תמי־מות, וואָס מען קען זיך גאַרנישט מצייר זיין. דער אורח פיהלט קיינמאָל נישט, אַז ער נעהמט אַ נדבה. דאָס פּנים שוחקת, די וואַרימקייט, די ברידערליכ־קייט גיט דעם אורח צו פיהלען, אַז דאָס איז ער גאָר מהנה די יודען, װעלכע בעצאָהלען איהם עפּעס אַ הייליגען חוב. ער פיהלט זיך דערביי ווי אַ קינד, בעת ער נעהמט פון זיינע עלטערען אַ מתנה...

וועד שמועסט נאָך, אַז עס קומט אין אַ שטעדטעל עמיצער פון די חסידים־געגעראַלען, אַ חסיד מיט אַ נאָמען, אָדער איינער פון די יושבים, וואָס ווייקט ממש אין חסידות, דאַן איז די פרייד אין לשער, ווייל יעדער פיהלט, אַז די טעג, װעלכע דער חסיד וועט פערברענגען אין שטעדטעל, וועלען זיין אמת׳ע יום־טוב־טעג. מען וועט פראַווען סעודות און מען וועט זיך אָנהערען מעשיות און דבורים פון רבין — און וואָס קען נאָך זיין אַ גרעסער גליק?...

אַזוי שטאַרק איז געוועזען די אהבת חברים ביי די ריזשינער חסידים, אַנ׳אהבה, וואָס האָט געשטעקט אין פּנימיות פון דער נשמה פון וואָס נור אַ קלייניגקייט דערפון האָט געקענט קומען צום אויסדרוק.

כט

דאס מלכות׳דיגע סאדאגורע

דער פרעכטיגער סאדאגורער קלויז האט זיך געפונען עטוואס אבגערוקט פון שטעדטעל, אויף דער צווייטער זייט פון שאסיי, וואס פיהרט פון סאדאגורע קיין נאוואסעליץ אין בעסאראביען.

שוין פון גאנץ ווייט האט מען געקענט בעמערקען די דאזיגע פרעכטיגע געביידע, וואס האט זיך אויסגעטיילט פון דער גאנצער סביבה מיט דעם ריזיגען פערנעהם.

געבויט איז געווען דער קלויז אין גאטישען סטיל, מיט רויטע ציגעל, זעהר הויך און ברייט, פון ביידע ווינקלען פון דער געביידע פון פראנט זענען געשטאנען צוויי הויכע קיילעכדיגע טורעמס מיט שעהנע פיעל פארביגע פענסטערלעך און קונסטפולע בעפיצונגען.

ברייטע מארמארנע טרעפ האבען געפיהרט אין קלויז אריין און אינגאנצען איז דער בנין געווען ארומגערינגעלט מיט שטאלענע שטאכעטען.

דער דאזיגער „קלויז" איז אזוי ארום געווען איינער פון די פרעכטיגסטע בנינים אין גאליציען און פון אויסלאנד זענען ארכיטעקטען און קינסטלער ספעציעל געקומען בעקוקען דעם דאזיגען הערליכען בנין.

אינווענדיג איז דער קלויז געווען פיעל שענער. דאס רחבות, די גערוימקייט איז געווען אונגעהויער. דריי טויזענד מענשען האבען זיך דארט געקענט פערלירען ווי א קליין הייפעל. און עס האט ארויסגערופען די גרעסטע התפעלות ביי אלע פאכלייט דער פאקט, וואס אין קלויז האט זיך נישט געפונען קיין איין זייל, וואס זאל אונטערהאלטען דעם סופיט.

די ווענט און דער סופיט זענען געווען רייך בעפוצט מיט האלךשניצערייען מיט בראנזענע און גיפסענע בעפיצונגען און די קונסטפולע מאלערייען האבען פשוט דאס אויג פערנומען.

רייך איז אויך געווען דער קלויז מיט פיעל הענגלייכטער פון גאלד און פון זילבער. אין סאמע מיטען פון קלויז איז געהאנגען פערדעקט מיט א טיך א וואונדערפולער בראנזענער הענגלייכטער, וואס האט געהאט אן אונגעהויערען ווערט. דער דאזיגער הענגלייכטער איז נאר בענוצט געווארען אין א יום־טוב אדער ווען עס איז געווען א שמחה אין הויף.

בכלל האט די קלויז געבלאנקט פון ציכטיגקייט און אלץ ארום האט געשפיגעלט. אפילו די טישען און די בענק זענען געווען פון טייערסטען

מאַכאַן־האָלץ און מען האָט זיך אין זיי געקענט שפּיגלען.

שמשים האָבען אַכטונג געגעבען, אַז דער קלויז זאָל נישט בעשמוצט ווערען. דער עולם האָט זיך בעצויגען צו דער קלויז מיט גרויס כבוד און עס האָט געהאַט די קדושת בית הכנסת. אפילו טרינקען תיקון האָט מען זיך נישט ערלויבט אין קלויז נאָר אין פּאָליש.

די ספרים, וואָס האָבען זיך אין קלויז געפונען זענען אַלע געווען אין לעדערנע איינבינדען מיט גאָלד־געלייטשטע רוקענס. אַ ספּעציעלער אויפזעהער האָט אַכטונג געגעבען אויף די ספרים זיי זאָלען שטעהן יעדער אויף זיין אָרט זיי זאָלען נישט צו שטאַרק אָבגענוצט ווערען. און טאָמער איז אַ ספר נישט געווען אין אַ געהעריגען צושטאַנד האָט מען עס גלייך אַוועקגעטראָגען צום הויף־איינבינדער.

אין אַ ווינקעל פון קלויז אויף דרום־מערב, האָט זיך געפינען דאָס חדר־מיוחד, דעם רבינ'ס דאַווען־שטיבעל. אין דאָזיגען שטיבעל האָט געדאַווענט דער רבי, ווי זיין שטייגער איז גאַנץ אַליין. די הערליכע אויסשטאַטונג פון דאָזיגען דאַווען-חדר האָט געהאַט אַ רוהם אויף דער גאַנצער וועלט.

ביז אין דער העלפט זענען די פיר ווענט פון חדר געווען בעדעקט מיט טאָוולען פון מאַסיווען נוס־האָלץ אין וועלכע עס זענען געווען אויסגעשניצט וואונדערשעהנע שניצערייען, ווי די כותל מערבי, מערת המכפלה, קבר רחל, אַלערליי בלעטער און קרענץ. דאָס גאַנצע האָלץ־מאַטעריאַל פון דעם חדר ווי אויך די בעקליידונג פון די טהירען פענסטער איז אַלץ געווען פון אָט דעם טייערען נוס־האָלץ.

די ווענט פון דעם חדר זענען געווען בעדעקט מיט ריין גאָלדענע טאַפּעטען, וואָס האָבען פערבלענדעט מיט זייער קונסטפולער אויספיהרונג. פון דעם הערליך געשניצטען באַלקאָן האָט אַראָבגעהאָנגען אַ קריסטאָלענער העננג-לייכטער. די פּאָדלאָגע (דיל) איז געווען בעדעקט מיט אַ שווערען עכט־פערסישען טעפּיך.

דאָס מעבעל פון חדר איז בעשטאַנען פון עטליכע ווייס־לאַקירטע שטוהלען מיט וואונדערליכע בלומען-בעציהרונג אויסגעבעט מיט רויטען סאַמעט, און אַ פרעכטיגער בראָנז־טיש געדעקט מיט אַ מאַרמאָר־פּלאַטע.

אין מזרח איז געווען איינגעפּאַסט אין דער וואַנט אַנ'ארון קודש'ל, געשניצט פון עצי זית פון ארץ־ישראל. דאָס ארון קודש איז געווען בעדעקט מיט טייערע שטיינער און גאָלדפּאַסונג, וואָס האָט ממש פערבלענדעט די אויגען פון גלאַנץ און שעהנקייט. אין ארון קודש איז געלעגען אַ קליין ספר־תורה'לע געשריבען פון רבי משה פשעוואָרסקער זצ"ל. נעבען ארון קודש'ל איז געשטאַנען אַ קליין געשניצטער עמוד פון דעם זעלבען עצי-זית. אויפ'ן עמוד איז געלעגען אַ סידור, אַ כתב־יד, אַ ירושה פון דורות. דער סידור איז געווען געשריבען אויף פּאַרמעט און די טאָוולען זענען געווען פון עצי זית און פערזעהען מיט פערשיעדענע שניצערייען.

רעכטס פון עמוד איז געשטאַנען דאָס מאָדעל פון בית המקדש, זעהר אַ קונסטפולע אַרבייט פון עצי זית און שטעלט מיט זיך פאָר מקדש שלמה מיט זיינע איינריכטונגען און כלי שרת.

דער סאַדאַגורער הויף איז אויך געווען רייך אין זעלטענע אַנטיקען. קינסטלער און צייטונגס־שרייבער פון וויען און בערלין זענען ספּעציעל גע־קומען קיין סאַדאגורע זיך בעקענען מיט די דאָזיגע אַנטיקען. אַ בעריהמ־טער שריפטשטעלער גיט אין דער צייט־שריפט „גאַרטענלויבע״ פון יאָהר 1876 זעהר אַן׳אינטערעסאַנטע שילדערונג פון די אַנטיקען אין סאַדאגו־רער הויף.

קודם כל בעשרייבט ער אַ וואונדער שעהנעם תנ״ך געשריבען אויף דינע פּאַרמעט־בלעטער. די טאָוולען פון דאָזיגען תנ״ך זענען געמאַכט פון מאַסיוו זילבער אויף וועלכע עס זענען אויסגראַווירט הערליכע מיניאַטורען און בעפּיצונגען.

לויט דער מסורה, איז דער דאָזיגער תנ״ך געשריבען געוואָרען אין יאָהר ה׳ אלפים י״ב, אָבער די שריפט איז אַזוי קלאָר אַז מען קען לייענען יעדעס אות.

געווען אין סאַדאַגורע אַ טיש, וואָס האָט געהערט צו די הויפּט־אַנטי־קען. דער דאָזיגער טיש איז געווען בעהאַלטען אין אַ ספּעציעלען קאַסטען, און צוגעשלאָסען מיט ריזיגע שלעסער.

דער שרייבער שילדערט ווי מען האָט לכבוד איהם געעפענט דעם דאָזיגען קאַסטען. דערביי האָבען געאַרבייט זעקס מאַן. ווען מען האָט אַראָפּ־גענומען די דעק פון קאַסטען, האָט זיך בעוויזען אַ הערליכע זילבערנע פּלאַטע, איינגעבעט אין ווייכע הירש־לעדער. אַלע זעקס מאַן האָבען מיט גרויס אָנשטרענגונג אַרויסבעקומען פון קאַסטען די דאָזיגע זילבערנע פּלאַטע און אָנגעלעהנט זי אויפ׳ן קאַסטען מיט׳ן פּנים צום גאַסט.

די פּלאַטע איז געווען אַ פיער־עקיגע נאָר די עקען זענען געווען פערראונדיגט, זי האָט געהאַלטען אַ מעטער די לענג און אַ האַלבען מעטער די ברייט. דיק איז זי געווען אַכט מילימעטער. די פּלאַטע איז אויך געווען געשטעמפּעלט פון דער רוסישער מינץ, אַז זי איז פון פערצעהן לויטיג זילבער.

אויף דער פּלאַטע איז געווען איינגראַווירט אַ קונסטפולע לאַנדשאַפט. אין מיטען איז געווען אַ באַרג אַרומגערינגעלט מיט עטליכע פּאַלמען, אין מיטען פון באַרג האָט זיך געפינען אַ מזבח און אין דער רעכטער זייט, צווישען די פּאַלמען איז געשטאַנען אַ ווידער (איל).

דאָס דאָזיגע בילד האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט עקידת יצחק. נאַטיר־ליך האָבען זיך די בילדער פון אברהם און יצחק נישט געפונען אויפ׳ן דאָזיגען בילד, ווייל יודען איז פערבאָטען דאָס צייכענען אָדער גראַווירען מענשליכע געשטאַלטען.

די דינער האָבען דאַן אַרויסגענומען פון קאַסטען די איבעריגע טיילען פון טיש, פיער פיס אין דער פאָרם פון הירשען־פיס, בעציהרט מיט בלע־טער פון אויבען. די פיס זענען געווען אַריינגעשרויפט אין דער פלאַטע; דאַן האָט מען אַרויפגעלעגט אויפ׳ן טיש די בעפוצונג וואָס האָט געהערט צום דאָזיגען טיש: אַ קונסטפולער בלומען־קראַנץ וואָס ליגט אויף פיער גרויסע לייבען־פיס ווי אויך אַ פראַכטיגע וואַזע — אַלץ פון פערצעהן לויטיג זילבער.

דער דאָזיגער טיש איז אָבער אין סאַדאַגורע נישט געווען פון בעזונ־דערע חשיבות, מחמת פאַר געלד האָט מען דאָך געקענט האָבען אַ ריכטיגע קאָפּיע פון דעם דאָזיגען טיש. אַן אַנטיק האָט אין סאַדאַגורער הויף געהייסען אַ חפץ, וואָס מען האָט פאַר קיין שום געלד אין דער וועלט נישט געקענט נאָכמאַכען אָדער נאָכקאָפּירען.

אַלס דאָס טייערסטע פון די אַלע אַנטיקען האָט מען בעטראַכט אַ בורשטינענעם לילקע־ציבוך אַנדערהאַלבען איילען די לענג, מיט אַזעלכע טייערע בעפיצונגען, וואָס מען האָט צוליעב זייערע איידעלע ניואַנסען בשום אופן נישט געקענט נאָכמאַכען. מיט דער דאָזיגער לילקע־ציבוך האָט זיך דער־ביבער דער רבי נישט תמיד בענוצט.

אויך די איינריכטונג פון רבינ׳ס פריוואַט צימער האָט געהאַט אַ שם אויף דער וועלט.

אין יאָהר 1880 האָט דער עסטרייך־אונגאַרישער קייזער פראַנץ יאָזעף געווײלט אין טשערנאָוויץ אויף אַ דריי טעגיגען בעזוך, האָט מען אויסגע־באָרגט אין סאַדאַגורער הויף דאָס מעבעל, מיט וועלכען מען האָט אויסמעב־לירט דעם קעניג׳ס צימער. דער עסטרייכישער קייזער האָט אויסגעדריקט זיין בעוואונדערונג און ענטציקונג איבער דער הערליכקייט און געשמאַקפו־לער אויספיהרונג פון דעם מעבעל בכלל. בעזונדערס איז ער ענטציקט גע־ווען פון דער גאָלדענער שטוהל, אויף וועלכער ער איז געזעסען און איבער אַ טיש־בעפוצונג וואָס האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ היין אַרומגערינגעלט מיט קליינע הינדעלעך, שטעהענדיג אויפ׳ן גראָז, דאָס אַלץ פון ריינעם גאָלד.

ווײלענדיג אין טשערנאָוויץ, האָט אויך דער קייזער פראַנץ־יאָזעף בע־זוכט די גרויסע פאַבריק פון יודישען פרנס טיטינגער, צום אָנדענקען האָט דער קייזער גע׳חתמ׳עט זיין נאָמען אין אַ געדענק־בוך, דאָס גאָלדענע קונסטפולע שרייב־געצייג, מיט וועלכען דער קייזער האָט זיך בענוצט ביים אונטערשרייבען און דערביי עס זעהר שטאַרק בעוואונדערט, איז אויך געווען אויסגעבאָרגט אין סאַדאַגורער הויף.

טיטינגער האָט דערנאָך געוואָלט אָבקויפען דאָס דאָזיגע שרייב־געצייג ער האָט אָנגעבאָטען דערפאַר גאַנצע צעהן טויזענד גולדען. אָבער אין סאַ־דאַגורער הויף האָט מען דערפון נישט געוואָלט הערען און פאַר כל הון דעלמא נישט געוואָלט פערקויפען קיין שום חפץ פון הויף.

דאָס מלכות'דיגע סאַדאגורע האָט מען אָבער געקענט זעהען ביים סדר־טיש. דער טיש איז באמת געווען אַ שלחן מלכים. אַלע כלים מיט וועלכע דער רבי האָט זיך בענוצט ביים סדר זענען געווען אויס ריין גאָלד. צווישען דעם קייליעכדיגען טיש ביי וועלכען דער רבי מיט די קינדער זענען געזעסען און אין דעם לאַנגען טיש, וואָס איז בעשטימט געווען פאַר די אורחים, איז געשטאַנען אויף דער ערד אַ פרעכטיגע זילבערנע אַכט־רעהריגע מנורה, וואָס האָט געהאַלטען צוויי מעטער די הויך און האָט בעלויכטען די סדר־טישען.

צווישען די אַנטיקען אויפ'ן סדר־טיש האָט זיך בעזונדערס אויסגעצייכענט אַ קליין וויין־פעסעלע, וואָס איז געשטאַנען אויף אַ קינסטלערישען געשטעל, פון וועלכען מען האָט געצאַפּט וויין צו די ארבע כוסות פאַר'ן רבי'ן מיט די קינדער. דאָס דאָזיגע פעסעל איז געווען אויס רייגעם בורשטין. נעבען דעם פעסעל איז געשטאַנען אַ פרעכטיגע בורשטינענע טאַץ מיט אַכצעהן בורשטינענע כוסות. עס האָט גאָרנישט געהאַט קיין שיעור די ווערט פון דעם דאָזיגען „קאָמפּלעט": דאָס פעסעל, די טאַץ מיט די כוסות...

אַ וואַזשנער אַנטיק איז אויך געווען די זילבערנע סדר־קערה. אויסגעזעהען האָט זי ווי אַ קליינע קאָמאָדע מיט דריי שיפלעדלעך. יעדעס שיפלעדעל האָט אין זיך בעהאַלטען אַ מצה פון די דריי סדר־מצות. אויף דער דעק פון דער קאָמאָדע זענען געווען אויסגעדריקט ספּעציעלע פּאַסונגען פאַר די קליינע טעלערלעך אויף מרור, חרוסת א.ד.גל.

אויך דער קאָרעספּאָנדענט פון דער גרויסער „פראַנקפורטער צייטונג" איז זעהר נתפּעל געוואָרען פון דער דאָזיגער סדר־קערה.

אָבער דאָס איז נישט געווען די איינציגע סדר־קערה אין סאַדאַגורע. געווען נאָך עטליכע, וואָס זענען אין דער סדר־נאַכט געשטאַנען אויפ'ן טיש און האָבען זיך נישט־ווערניגער אויסגעצייכענט מיט זייער שעהנקייט. אָבער בענוצט האָט מען זיך, נאַטירליך, נישט מעהר ווי מיט איינע.

וועלט־בעריהמט איז אויך געווען די סאַדאַגורער ביבליאָטעק. געווען דאָרט אַ זאַמלונג פון אַלע יודישע ספרים וואָס זענען ביז דאַן געדרוקט געוואָרען ווי אויך פיעל כתבי־יד'ן. די ביבליאָטעק האָט פערנומען אַ גרויס צימער בעדעקט מיט ספרים פון דער פּאָדלאָגע ביז'ן סופיט. די דאָזיגע ספרים־זאַמלונג האָט געהאַט אַנ'אומגעהויערען ווערט.

כלי-קודש-אנטיקען

מיר וועלען איצטער פרובען בעשרייבען די זעלטענע אַנטיקען פון די דברים שבקדושה, וואָס האָט זיך געפינען אין סאַדאגורער הויף.

קודם כל דאָס טייערע פרוכת וואָס האָט געהאַט אַ גאַנצע געשיכטע אונטער זיך און געהאַט די ווערט פון אַ הון רב.

געשטאַמט האָט דאָס פרוכת פון אַ רייכע יודישע קהלה אין בוכאַרא, וועלכע האָט עס אָבגעקויפט פון די פערטריבענע יודען פון שפאַניען. בעת דעם גירוש שפאַניען, האָבען די אַנטלאָפענע מיטגענומען מיט זיך די דברים שבקדושה און עס פערקויפט אָדער אָוועקגעשענקט צו יודישע קהלות. פער-האַן אויף דער וועלט נאָך פיעל אַנטיקען וואָס שטאַמען פון שפאַניען, אָבער דאָס דאָזיגע פרוכת איז אַ יחידה במינה.

אין בוכאַרא האָבען זיך מיט עטליכע הונדערט יאָהר צוריק געפינען גרויסע און רייכע יודישע קהלות, וועלכע זענען ברבות הזמנים שטאַרק פערקלענערט און פעראָרימט געוואָרען, צוליעב די אונגעהויערע רדיפות און פערפאָלגונגען, וואָס די דאָזיגע יודען האָבען זיך אָנגעליטען.

די רדיפות וואָס די בוכאַרער יודען האָבען געהאַט זענען גענוג בע-קאַנט. דער גרעסטער טייל פון זיי האָט זיך צושפרייט איבער דער וועלט. אַ גרויסער טייל איז אַוועק קיין ארץ-ישראל. און כדי צו האָבען די נויטיגע מיטלען צו קענען אויסוואַנדערען, האָט איינע פון די בוכאַרער יודישע קהלות, וואָס האָט געהאַט אין איהר בעזיץ דאָס דאָזיגע זעלטענע פרוכת, פערזעצט עס אין אַ מאָסקווער באַנק פאַר עטליכע טויזענד רובל. דערביי האָבען זיי זיך אויסגענומען אַ תנאי, אין פאַל ווען זיי וועלען מעהר נישט אומשטאַנד זיין דאָס משכון צוריק אָבצוקויפען, נאָכ'ן אָבלויף פון אַ בע-שטימטער צייט, טאָר מען עס נישט פערקויפען אויף אַנ'עפענטליכער ליצי-טאַציע נאָר פאַר אַ פרוכת אין אַ יודישער שוהל.

איינער פון די באַנק-דירעקטאָרען האָט דעריבער פאָרגעלעגט אַ רי-זשינער חסיד, אַ גרויסער עושר, וועלכער איז צוליעב זיינע עסקים אָפט געקומען קיין מאָסקווא, ער זאָל קויפען דאָס דאָזיגע פרוכת. ווי נור דער חסידישער עושר האָט דערזעהען דאָס פרוכת, איז ער ממש פערבליפט גע-וואָרען, אַזאַ יופי'דיגע זאַך האָט ער אויף זיין לעבען נישט געזעהען. ער האָט עס גלייך אָבגעקויפט פאַר פינף טויזענד רובל און עס אָוועקגעשענקט זיין רבין, דעם הייליגען ריזשינער.

דאָס פּרוכת איז געווען פון ווייס־זיידענס, אָבער פון אַזאַ דיקען זייַדענצייג, וואָס מען זעהט עס גאָרנישט אין אונזערע מקומות. דאָס מאַטעריאַל איז געווען אַזוי שטייף און שטאַרק, ווי עס וואָלט בכלל נישט געווען קיין געוועב.

אויפן פּרוכת האָבען זיך געפינען די צוויי גאָלדענע לוחות אַרומגערינגעלט פון דריי גאָלדענע ווייַנשטאָק־צווייגען, מיט הענגלעך ווייַנטרויבען. די בלעטער פון ווייַנשטאָק און די טרויבען זענען געווען אויסגעשטיקט מיט פּערל, דימאַנטען, רובינען און סאַפּיר־שטיינער. ביים בלויזען בליק אויף אָט דעם זעלטענעם פּרוכת האָט אַפילו אַ געוועהנליכער מענש, נישט קיין מבין אויף איידעלשטיינער, געקענט מעיד זיין, אַז דאָס פּרוכת איז אַ דבר יקר.

דער שריפטשטעלער, וועלכער האָט ווי שוין דערצעהלט אין דער צייטשריפט „גאַרטענלויבע" בעשריבען די אַנטיקען פון סאַדאַגורער הויף, זאָגט זיך אַרויס מיט אונגעהויערע התפעלות וועגען דעם דאָזיגען פּרוכת. לויט זיין מיינונג איז דאָס פּרוכת ווערט אַן'אונגעהויער פערמעגען. בעזונדערס ענטציקט איז ער פון די טייערע שטיינער וואָס זענען אין דעם פּרוכת אויסגעשטיקט. וועגען איין סאַפּיר זאָגט ער, אַז מיט זיין גרויסקייט האָט ער אויף דער גאַנצער וועלט נאָר איין חבר און דאָס איז אין דער רייכער איידל־שטיינער־זאַמלונג פון גראַף בראַניצקי אין פּאַריז.

פון אונגעהויערער וויכטיגקייט האָט אויך געהאַט דאָס וואונדערבאַרע ספר תורה'לע, וועגען וועלכען עס איז אונז שוין אויסגעקומען עטליכע מאָל צו דערצעהלען.

געשריבען די ספר תורה האָט דער וועלט־בעריהמטער סופר און קדוש, רבי אברהם משה מפשעוואָרסק, וועלכער איז געווען אַ קדוש עליון, מחבר פון ספר „אור פני משה", איינער פון די חשוב'סטע תלמידים פון רבין ר' אלימלך פון ליזענסק זצ"ל.

אין דער הסכמה וואָס דער רבי ר' זושא זצ"ל פון אַניפּאָלע, אַ ברודער פון רבין ר' אלימלך, האָט געגעבען אויפן אויבענדערמאָהנטען ספר פון רבי משה פשעוואָרסקער, האָט ער זיך אויסגעדריקט, דאָס איינמאָל האָט ער זיך צוגעקוקט ווי ר' משה סופר שרייבט אַ ספר תורה בקדושה ובטהרה האָט ער בעמערקט, ווי שוואַרץ־פייער שפּראַצט אַרויס פון זיין פּען, בעת ער האָט געשריבען דאָס ספר.

בכלל האָט מען זיך אין דער חסידישער וועלט בעצויגען מיט גרויס יראת הרוממות צום דאָזיגען צדיק וקדוש. מען האָט איהם פּשוט בעטראַכט אַלס מלאך אלקים.

געשריבען האָט ער זעהר ווייניג. אַ מזוזה אָדער אַ פּאָר פּרשיות פון רבי משה'לע פשעוואָרסקער ווערט נאָך ביים היינטיגען טאָג געשאַצט אין די שווערע געלדער, אַזוי חביב איז עס אין די חסידישע קרייזען. ספר תורות

האָט ער בכלל וועניג געשריבען, בלויז עטליכע ספרי תורות במשך זיינע אַלע יאָהרען.

נאָך דער פטירה פון רבי׳ן ר׳ אלימלך זצ״ל, האָט זיינער אַ הויפּט־תלמיד, דער רבי ר׳ מרדכי נעשכיזער זצ״ל, וועלכער האָט איבערגענומען אַ גרויסען טייל פון זיין רבי׳נס תלמידים, שטאַרק געגאַרט, אַז ר׳ משה פשעוואָרסקער זאָל פאָהרען צו איהם און ווערען זיינער אַ חסיד. כאָטש דער פשעוואָרסקער איז אַליין ראוי געווען צו זיין אַ מנהיג בישראל, אָבער צוליעב זיין אָנגעהויערער עניות און שטענדיגער פערנומענקייט מיט הימלישע רעיונות האָט קיין רייד נישט געקענט זיין דערפון.

אָבער ווי אַזוי מאַכט מען עס, אז דער פשעוואָרסקער זאָל פאָהרען קיין נעשכיז?

האָט זיך דער נעשכיזער מיישב געווען, היות ווי ער איז געווען זעהר רייך האָט ער געשיקט אַ שליח צו ר׳ משה׳ן און איהם פאָרגעשלאָגען, אַז ער זאָל שרייבען פאַר איהם אַ קליין ספר תורה׳לע בתנאי, אַז דאָס ספר זאָל געשריבען ווערען ביי איהם אין הויז אין נעשכיז. אַז ער וועט ביי מיר אין הויז שרייבען דאָס ספר — האָט זיך דער נעשכיזער רבי גע־טראַכט — וועט שוין ממילא קומען אַ התקרבות צווישען אונז.

און אַזוי איז טאַקי געשעהן. ר׳ משה פשעוואָרסקער האָט דעם פאָר־שלאַג פון נעשכיזער רבין אָנגענומען. מען האָט אין הויף פון נעשכיזער רבין אָבגעטיילט אַ ספּעציעלען צימער פאַר׳ן סופר, דאָרט איז ער געזעסען פינף יאָהר דורכאַנאַנד.

במשך דער גאַנצער צייט, וואָס ר׳ משה האָט געשריבען דאָס ספר, האָט דער נעשכיזער רבי אויסגעהאַלטען איהם מיט זיין בני בית בהרחבה, מיט כל הצטרכות, און נאָכן פערענדיגען די אַרבייט האָט ער איהם ערשט בעצאָהלט שכר סופרים פינף הונדערט גאָלדענע רענדלעך — אַ געוואַלדיגע סומע אין יענער צייט.

נאָכדעם ווי דאָס ספר איז פערענדיגט געוואָרען האָט מען אָנגעהויבען זוכען אַ גוטען קאָרעקטאָר, וועלכער זאָל דאָס ספר מגיה זיין. עס האָבען זיך געמאָלדען פערשיעדענע בעלי מגיה׳, אָבער דער נעשכיזער רבי האָט געזוכט אַנ׳אומן אין זיין פאַך. ענדליך האָט זיך אָבגעזוכט אַזאַ בעל מגיה. דער רבי האָט איהם ערקלערט, אַז וויפיעל ער וועט איהם געבען שכר טרחה פאַר מגיה זיין, וויל ער איהם נישט זאָגען. ער קען זיך פולשטענדיג פערלאָזען אויפ׳ן רבי׳ן, אַז ער וועט איהם קיין עוולה נישט טהוען. אָבער אַ חוץ דעם איז ער גרייט צו געבען דעם בעל מגיה פאַר יעדען פעהלער וואָס ער וועט אויסגעפינען אינ׳ם ספר תורה׳לע—דריי גאָלדענע דוקאַטען.

און כך הוה. מען האָט דעם בעל מגיה, וועלכער איז געווען אַנ׳אומן נפלא, אָבגעשלאָסען יעדען טאָג אין אַ חדר מיוחד, פריהער האָט מען איהם אָבער בעזוכט, צי ער האָט נישט ביי זיך טינט און פעדער, אַ מעסער

אַ שפּילקע אָדער עפּעס אַנ׳אַנדערע זאַך מיט וועלכע מען קען אַליין מאַכן אַ גרייז און דערנאָך זאָל ער קומען צוגעהן און ווייזען, אַז ער האָט אַ גרייז געפונען. אַ חוץ דעם איז די שמירה געווען זעהר אַ שטרענגע, ווייל מען האָט געוואָלט וויסען, צי עס איז דאָרט נישט דורכגעלאָזט קיין איין גרייז, ווי דער רבי ר׳ משה סופר האָט פערזיכערט.

דער בעל מגיה האָט זיך געמאַטערט אַ חודש צייט, אָבער ער האָט קיין איין איינציגען פעהלער אין גאַנצען ספר נישט אויסגעפינען.

דער בעל מגיה איז אָבער נישט געווען קיין גרויסער צדיק, און עס איז איהם פשוט געגאַנגען אין לעבען כאָטש איין גרייז צו מאַכען אין ספר, ער זאָל לפחות פערדינען דריי רענדלעך. האָט ער זיך מיישב געווען, אויס־געריסען אַ האָהר פון דער באָרד, זי נאַס געמאַכט מיט שפייעכץ און אַזוי לאַנג געוואַשען מיט׳ן שפייעכץ דעם טינט פון אות ג׳ ביים וואָרט „נגע צרעת״, ביז דאָס פיסעל פון דער ג׳ איז אינגאַנצען אויסגעפיהלט געוואָרען מיט טינט און האָט אויסגעזעהען ווי אַ נ׳...

פאַרטיג ווערענדיג מיט׳ן „שטיקעל מלאכה״, האָט ער געלאָזט מודיע זיין דעם נעשכיזער רבי׳ן, אַז ער האָט אויסגעפינען אַ גרייז אין דער ספר תורה.

די דאָזיגע ידיעה האָט געמאַכט אַ געוואַלדיגען רושם אויפ׳ן רבי׳ן, און ער האָט גלייך געשיקט מודיע זיין דערפון דעם רבי׳ן ר׳ משה סופר.

אָבער אויך ר׳ משה איז נישט וועניגער אויפגעציטערט געוואָרען פון דער דאָזיגער ידיעה. ער איז גלייך געקומען צו לויפען צום נעשכיזער רבי׳ן און אויפגעפאָדערט איהם תיכף אַריינצוגעהן אין צימער פון בעל־מגיה כדי צו זעהען דעם גרייז.

ביידע צדיקים זענען אַריינגעקומען אין דעם חדר און דער בעל־מגיה האָט מיט שטאָלץ געוויזען אויפ׳ן גרייז אין דעם וואָרט „נגע״.

ר׳ משה פשעוואָרסקער האָט דאַן זיך אויפגעהויבען פון זיין אָרט און אויסגערופען:

— איך געדענק גוט, אַז איך האָב דאָ געשריבען אַ ג׳ אין דעם וואָרט „נגע״. איך געדענק אויך גענוי דעם „יחוד״ (די הויכע מחשבה פון איינס פון די שמות הקדושים) וואָס איך האָב דאַמאָלס מכוון געווען. דו האָסט דעריבער דעם גרייז מיט דיינע אייגענע הענד געמאַכט. דו ביזט אַ גרויסען קלקול בעגאַנגען. דערפאַר וועט פון דיינע הענד נישט אָבגעטהון ווערען דער נגע צרעת, ווי לאַנג דו וועסט לעבען. דעם דאָזיגען עונש גיב נישט איך, נאָר דאָס הייליגע אות פון דער הייליגער תורה, וועלכעס דו האָסט פוגם געווען...

און תיכף ומיד איז דער בעל מגיה נענש געוואָרען. ער האָט בעקו־מען צרעת אויף זיינע הענד פון וועלכען ער איז קיינמאָל נישט מעהר גע־היילט געוואָרען.

צווישען די קלויז-אַנטיקען איז אויך ווערט צו דערמאָהנען דאָס שטאָל-געגאָסענע ארון הקודש, וואָס איז געווען געמאַכט פון זעלבען מאַטער-יאַל וואָס אַ פייער-קאַסע. דאָס דאָזיגע ארון הקודש האָט מען געלאָזט מאַ-כען אין יאָהר תרמ״ב, נאָך אַ שענדליכע מעשה וואָס נישט ענטדעקטע פער-ברעכער האָבען אויסגעפיהרט אין קלויז.

אינמיטען דער נאַכט האָבען זיך אַ באַנדע קריסטליכע גנבים אַריינ-בעקומען אין קלויז, זוכענדיג די פערשידענע אַנטיקען, פון וועלכע זיי האָ-בען זיך מסתמא אָנגעהערט. אַז די אַלע אַנטיקען האָבען זיך נישט געפינען אין קלויז נאָר אין רבינ׳ס פריוואַט-וואוינונג, דערפון האָבען די איינברכער מסתמא נישט געוואוסט. האָבען זיי אויפגעבראָכען דאָס טייערע ארון-קודש פון עצי-זית, אַרויסגענומען די ספרי-תורות, צוריסען און געשענדעט, דאַן האָבען זיי אָנגעמאַכט אַ חורבן אין דער קלויז-איינריכטונג, אָבגעריסען די בעפוצונג פון די ווענד, אויסגעקריצט אומעטום צלמים און אַוועק.

פון גאַנצען קלויז האָבען זיי בלויז געשוינט דעם רבינ׳ס דאַווען-שטיבעל און דאָס איז געווען אַ שטאַרקע פלא.

צומאָרגענס אין דער פריה האָט זיך געטהון חושך אין שטעדטעל. און ווירקליך איז עס געווען אַן׳אונערהערטער חילול הקודש. אין די ווייטסטע גאַסען האָבען זיך געוואַלגערט יריעות פון די געשענדעטע ספרי תורות, אזש עס האָט ביים הארץ געריסען. מען האָט געוויינט און געקלאָגט און געפאַסט פונקט ווי ביים חורבן בית המקדש.

געווען איז עס אין דער צייט פון די פאָגראָמען אין רוסלאַנד, האָט זיך פערשפרייט אַ קלאַנג, אַז די שענדליכע נבלה זענען טאַקי בעגאַנגען רוסישע פאָגראָמשטשיקעס, וואָס זענען אַריבער די גרעניץ שלא בידיעה אָדער אפשר בידיעה פון דער גרעניץ-וואַך און אָנגעמאַכט דעם חורבן. אַ טייל האָבען אין שרעק עס בעטראַכט אַלס סיגנאַל פאַר אַ ווייטערע פער-ברעכערישע אַקציע. מען האָט זיך געשראָקען, אַז פאָגראָמשטשיקעס פון רוסלאַנד זאָלען אַראָבקומען קיין סאַדאַגורע און מאַכען אַ פאָגראָם אין שטאָדט...

באַלד איז געשטעלט געוואָרען אויף די פיס די גאַנצע אָרטיגע און אַרומיגע פאָליציי. עס זענען אָנגעקומען צעהנדליגער פאָליציי-אָפיצירען, מען האָט חוקר ודורש געווען און מען האָט געשטעלט אַרום דעם הויף אַ שטאַרקע וואַך. אין הויף איז מען אָבער דערפון נישט צופרידען געווען. ביז מען האָט ביים טשערנאָוויצער שטאַטהאַלטער אויסגע׳פועלט אַנ׳ערלויב-ניש צו גרינדען אַ ספעציעלע הויף-גוואַרדיע, אַ מין זעלבסטשוץ פון יודישע יונגעלייט, וועלכע זאָלען בעשיצען דעם הויף, די קלויז און דאָס גאַנצע שטעדטעל.

די שטאַטהאַלטעריי האָט אַרויסגעגעבען געוועהר פאַר הונדערט יונגע-לייט, און אַלס אָנפיהרער איז בעשטימט געוואָרען אַ געוועזענער קאַפּראַל וואָס האָט אַמאָל געדינט אין מיליטער. ער האָט עס אויסגעמושטרירט די

גוואַרדיע און זיי האָבען עס געוואַכט איבער׳ן רבינ׳ס הויף בייטאָג און ביינאַכט אַ גאַנץ לאַנגע צייט.

מעגליך, אַז דאָס האָט טאַקי אָבגעשראָקען די פּאָגראָמשטשיקעס, וועל־כע זענען מעהר נישט געקומען אין שטעדטעל אַריין. אָבער די אויספאָר־שונג וואָס איז דורך דער שטאָטהאַלטעריי אויף אַ זעהר שטרענגען אופן געפיהרט געוואָרען, האָט נישט געבראַכט קיין רעזולטאַט, אַזוי אַז ביז׳ן היינטיגען טאָג איז דער ענין נישט אויפגעקלערט געוואָרען.

אָבער כדי אויף להבא צו בעוואָרענען די היילינע ספרי תורות, האָט מען דאַמאָלס געלאָזט ספּעציעל פאַבריצירען אַ ארון קודש פון שטאָל מיט דאָפּעלטע ווענט, אָנגעפיהלט מיט אַש וואָס זאָל זיין זיכער פון פייער און פון גנבה.

דער דאָזיגער ארון קודש איז אויך געווען שעהן בעפּוצט און האָט זיך דעריבער גערעכענט צו די חשוב׳סטע אַנטיקען פון קלויז.

ל

אַ שלוש־סעודות

דאָס בילד, וואָס זאָל געבען אַ בעגריף וועגען ריזשינער חסידות וועט נישט זיין של מות׳דיג, אויב מיר וועלען נישט שילדערען ווי עס האָט אַמאָל אויסגעזעהען אַ שלוש סעודות אין סאַדאַגורע.

ווי בעקאַנט איז דער רבי קיינמאָל נישט אַריינגעקומען צו דער דריט־טער שבת׳דיגער סעודה צום עולם. אין ריזשין האָט מען געהאַלטען, אַז אין דער צייט פון רעוא דרעוין דאַרף מען זיין איינגעשלאָסען אין זיך. מען דאַרף זיך אַליין מצמצם זיין בבחינת ליבא לפומא לא גליא. האָבען דעריבער די רייכערע חסידים געפּראַוועט שלוש סעודות ביי זיך אויף די אכסניות. צי עס איז יאָ געווען אַ מנין, צי נישט קיין מנין — איז קיין חילוק נישט געווען. הייסען האָט עס פאַרט געהייסען — ביחידות.

פונדעסטוועגען האָבען די שטענדיגע יושבים נישט געקענט ביי זיך פועל׳ן צו פערלאָזען דעם רבינ׳ס דאַך און פונקט ווי שטענדיג, האָבען זיי אויך איצטער צו שלש סעודות, זיך פערזאַמעלט אין אַלטען קלויז, וואָס האָט זיך געפינען אין שכנות פון רבינ׳ס פריוואַט־וואוינונג.

און אָט דער שלש סעודות האָט געהאַט אין זיך אַזוי פיעל רוחניות, אַזוי פיעל עמקות, וואָס איז נישט מעגליך אין קיין ווערטער איבערצוגעבען.

אין קלויז איז געווען שטאַק פינסטער, איינער האָט דעם אַנדערען נישט געזעהען. דער עולם איז געזעסען צונויפגעפּרעסט, אויפגעגעסען דאָס כזית חלה, דאָס פּיצעלע פיש, וואָס דער ראש החבורה ר׳ לייבוש׳ל אוס־

טריקער האָט דערלאַנגט, אויסגעטריינקען דאָס קאַפּעטשקעלע בראָנפען און שוין אַראָבגעוואָרפען פון זיך דאָס גשמיות און מען הויבט זיך אָן אויפצו־הויבען העכער און העכער.

דער עולם צושאָקעלט זיך פרום, מיט כוונה. יעדער בעקומט אַריין אין זיך דיהתעוררות. עס דאַכט זיך, אַז יעדער איינער האָט פליגעל בעקו־מען, און ער דערהויבט זיך פון עולם השפל צום עולם הרוחניות.

ר׳ לייבישל הויבט אָן זינגען „בני היכלא״ מיט אַ ספּעציעלען ריזשי־נער ניגון, אַג׳אויסגעמיש פון שפלות מיט שמחה צוזאַמען, אַ ניגון, וואָס ברענגט אַריין אַזוי פיעל התבטלות, אַז מען ווערט ממש בטל במציאות.

דער גאַנצער עולם זינגט מיט. די ווייך־לאַשטשענדע, וויינענדיגע טענער מישען זיך צונויף. פון צייט צו צייט הערט זיך אַ האַרץ־רייסענדער זיפץ: אוי, הייליגער פאָטער, בעל הרחמים! דכסיפין למחזי׳ זיו דזעיר אנפין!..

יעדער פיהלט זיך אַזוי לייכט. דער קאָפּ איז אַזוי לויטער און ריין, פונקט ווי מען וואָלט גאָרנישט געווען קיין בשר ודם, נאָר טאַקי פון די בני היכלא, פון די הייליגע מלאכים...

נאָר אָט ענדיגט מען דעם זמר׳ מיט אַ פרעהליכען אויסלאָז, בחדותא דזעיר אנפין. און עס ווערט מיטאַמאָל שטיל. עולם רוקט זיך צונויף און מען גרייט זיך הערען די בעל־שם׳סקע מעשה.

מחמת ביי סאַדאַגורער חסידים פראַוועט מען נישט קיין שלש סעודות אָהן אַ מעשה פון הייליגען בעל־שם, אַזוי איז שוין איינגעפיהרט פון שטענדיג אָן.

ווייסט מען שוין, אַז איצטער וועט די מעשה דערצעהלען נישט קיין אַנדערער ווי ר׳ לייבישל אויסטריקער. אָבער סתם אָנהויבען אַ מעשה איז נישט קיין דרך. פריהער דאַרף מען מקדים זיין אַ פרק מוסר און דערנאָך דאַרף מען אַרויסלערנען פון דער מעשה אַ מוסר השכל. אַזוי איז שוין דער דרך, וואָרום בלויז דערצעהלען אַ מעשה איז קיין קונץ נישט, קען דאָך אַ ליאַדע פאַרשוינדעל אויך.

ר׳ לייבישל גיט זיך אַ קרעכצעלע און הויבט אָן:

— אין דער אמת׳ן איז מיר אַ גרויס רחמנות אויף די בלאָנדזשענדע נשמות, אויף די בעלי תאוה, וואָס כאַפּען אַוועק אַלע תענוגי עולם הזה, זיי מיינען, די שוטים, אַז זיי האָבען געפּאַקט דעם פויגעל. אָבער ס׳הויבט זיך גאָרנישט אָן. אָט געהט אַריבער די רגע און שוין, אויס תענוג, וואָס ווייסען זיי, וואָס פיהלען זיי אַ טעם פון אַנ׳עונג־שבת, זאָלען זיי קומען אַהער, וועלען זיי וויסען, וואָס מען מיינט תענוג.

וואָס מעהר מען איז טועם פון תענוג אַלץ מעהר פערגרעסערט זיך די תשוקה צו דעם תענוג, און דאָס איז גאַנץ פערשטענדליך, מחמת דער

תענוג קומט פון דער קדושה, וואָס איז אַ חלק פון אין סוף, דעריבער איז דאָס השתוקקות דער־צו אויך בבחינת אין סוף.

ר׳ לייבישל ווערט אַנטשוויגען. פערזינקען אין זיינע מחשבות. אָבער דאָס דויערט אַ וויילע און באַלד הויבט ער ווידער אָן:

נישט נאָר, וואָס זיי ווייסען נישט, די בעלי תאוה, די שוטים ווי גוט עס איז צו זיין אַ יוד, נאָר זיי ווייסען אויך נישט, ווי לייכט עס איז אַ יוד צו זיין. וואָס וויל דען דער אויבערשטער פון אַ מענש? — נאָר אַני־ערנסטע מחשבה, נאָר אַ גוטען רצון אָהן פניות, אָהן כונות און דער עיקר — מיט שמחה.

און דאָ פערענדיגט זיך די הקדמה צו דער מעשה און עס הויבט זיך אָן די מעשה פון בעל שם טוב הקדוש.

און די מעשה פערענדיגט ר׳ לייבישל מיט אַ מוסר השכל. מען דאַרף וויסען, וואו מען איז אין דער וועלט אין סוף כל סוף ווייסט מען גאָר נישט. טאַפּט מען אין דער פינסטער ווי די בלינדע, מען ווייסט גאָרנישט. נישט מעהר, אַז מען האַלט זיך אָן ביי דער קלאַמקע פון צדיק הדור, זעהט מען עפּעס, עפּעס, אַ קלייניגקייט מחמת סוד ד׳ ליראיו...

נו, גיסט אָן דעם כוס של ברכה!..

לא

אַ פּסק־דין פון אַ גדול

גוטע יודען מיהען זיך נישט בלויז פאַר זייערע חסידים, וואָס געפי־נען זיך אויף דער וועלט, נאָר אויך פאַר די חסידים, וואָס געפונען זיך אויפן עולם האמת — אַזוי פיהלט יעדער חסיד, ביי וועמען אין האַרצען עס איז איינגעבאַקען די אמונת צדיקים.

מען דער־צעהלט פון רבין ר׳ משה לייב סאַסאָווער זצ״ל, אַז ער האָט צוגעזאָגט זיינע חסידים, דאָס נאָך זיין הסתלקות, ווען מען וועט איהם פיהרען אין גן עדן אַריין, וועט ער זיך אוועקשטעלען ביים טויער פון גן־עדן און וועט אַזוי זאָגען צו דער פמליא של מעלה: וועט איהר מיר מיט־געבען אין גן־עדן אַריין אַלע מיינע חסידים, אַלע מיינע אָנגעקניפּטע יודען, וועלכע האָבען מיך מהנה געווען איז הרי טוב, אויב נישט, וויל איך נישט געהן אין גן־עדן אַריין און איבערלאָזען מיינע יודעלעך אויף הפקר...

דער ריזשינער אָבער, דער גרויסער אוהב ישראל, האָט אָבער נישט געלאָזט וואַרטען זיינע חסידים אויף תיקון ביז נאָך זיין הסתלקות, ער האָט זיי נאָך ביים לעבען אַ טובה געטהון, זייענדיג פאַר זיי דער אמת׳ע־מליץ יושר.

אָהן אַ שיער מעשיות ווערט ד'ערצעהלט, ווי אַזוי נשמות פון נפטרים זענען געקומען צום הייליגען ריזשינער, ער זאָל זיי מעלה זיין, און ווי אַזוי ער האָט זיי געטהון אַ טובה, אָבער די מעשה וואָס מיר וועלען דאָ דערצעהלען, האָט דערצעהלט, נישט קיין אַנדערער, ווי דער ממלא מקום פון הייליגען ריזשינער, דער סאַדאַגורער רבי, ר' אברהם יעקב זצ"ל, און דעריבער קען מען זיין זיכער, אַז עס איז נישט סתם עפּעס אַזוי אַ מעשה נאָר אַנ'אמתער פאַקט:

איינמאָל האָט דער ריזשינער זצ"ל פערבראַכט אַ פּאָר טעג אין סקאַלע, אַ שטעדטעל אין גאַליציען, וואו ער איז געקומען וועגען אַ געוויסען כלל ענין. דער ריזשינער איז אויך געבליבען דאָרט שבת.

עס פערשטעהט זיך אַז צו אַ מנין האָט דאָרט אויף שבת נישט צוגעפעהלט. פון אַלע אַרומיגע מקומות זענען אָנגעקומען מענשען, אנשים נשים וטף, כדי צו כאַפּען אַ בליק אויפן קדוש ישראל און צוקוקען זיך צו זיין עבודות.

פרייטאָג נאָכמיטאָג איז, כנהוג, דער ריזשינער געגאַנגען אין מקוה אַריין זיך טובלען לכבוד שבת, אין מקוה האָט ער זיך נישט לאַנג געזוימט, אָבער אַרויסקומענדיג פון וואַסער האָבען זיינע מקורבים דערקענט, אַז דער רבי איז עפּעס נישט מיט אַלעמען.

אַהיימקומענדיג אויף זיין אכסניא איז דער רבי געווען שטאַרק צוטראָגען. ער האָט זיך אַרומגעדרעהט איבערן צימער אַרויף און אַראָב, אין אַ זעהר אויפגערעגטען צושטאַנד, רויכערענדיג אָהן אויפהער זיין ליולקעציבוך און אַרויסלאָזענדיג גאַנצע קנוילען רויך, אַזוי אַז עס האָט זיך געדוכט, ווי אַ וואָלקען הענגט איבערן צימער.

פון צייט צו צייט האָט זיין משמש געכאַפּט אַ בליק אין צימער פון רבין צי ער איז נישט אַמאָל נויטיג, האָט ער אויפגעמאַכט די טהיר אויף אַ שפּאַרינקע, אַ קוק געטהון אויפן רבין און, איז שיער נישט אָבגעשטאַרבען פאַר פחד. וואָס אַזעלכעס האָט געקענט געשעהען, האָט דער משמש זיך געטראַכט, וואָס דער רבי איז איצטער, פרייטאָג פאַרנאַכט אַזוי צוטראָגען, עס איז דאָך קיינמאָל נישט זיין דרך צו געפונען זיך פאַר קבלת שבת אין אַזאַ צושטאַנד.

אַזוי שטעהענדיג הינטער דער טהיר פערטראַכט, דערהערט דער שמש, ווי דער רבי דערנעהנטערט זיך צו דער טהיר. ער שפּרינגט אָב, כאַפּט דאָס סידורל און נעהמט זאָגען שיר השירים ווי קיינמאָל גאָרנישט...

— שמואל'יק — דערהערט זיך דעם רבינס אויסרוף שטעהענדיג אין דער אָפענער טהיר און ווענדענדיג זיך צום משמש, — גיב אַ לויף צום היגען רב און בעט איהם אין מיין נאָמען, ער זאָל מוחל זיין און תיכף אַהערקומען, זאָג איהם, שמואליק, אַז איך קען זיך נישט מכין זיין צו קבלת שבת, כל זמן ער וועט פריהער נישט זיין ביי מיר.

אָבגערעדט די דיבורים, האָט דער רבי זיך ווידער פערמאַכט אין זיין חדר.

דער משמש איז געבליבען זיצען אַ שטאַרק פערטראַכטער. עפּעס אַנ׳אויסטערלישע פּלא. גראָד איצט פרייטאָג פאַרנאַכט, א שעה פאַר קבלת-שבת זאָל זיך דער רבי אַזוי שטאַרק נויטיגען אין דעם שטאָדט-רב, און וואָס איז עפּעס דער טייטש, אַז ער קען זיך נישט נעהמען מכין זיין צו קבלת-שבת כּל זמן דער רב וועט נישט אָנקומען.

אָבער לאַנג טראַכטען האָט ער נישט געקענט, האָט ער געכאַפּט דעם שטעקען און הענדום פּענדום געלאָפען צום רב איבערגעבען איהם די בקשה פון הייליגען ריזשינער.

דער סקאַלער רב, ר׳ שלמה האָט ער געהייסען, איז געווען אַ מפורסם׳דיגער גדול הדור, אַנ׳אָ ערקענטער פּוסק, און דערצו איז ער שוין געווען אַ יוד אַ זקן, עס איז דעריבער דעם משמש שטאַרק נישט אָנגענעהם געווען איצטער אין אַזאַ זמן צו קומען צו איהם מיט דער שליחות פון ריזשינער, אָבער פערפאַלען, חזקה שליח עושה שליחתו... (אַ שליח דאַרף טהון, וואָס מען הייסט איהם).

אַריינקומענדיג צום רב, האָט ער איהם שוין געטראָפען אין דעם שבת׳דיגען כאַלאַט זיצענדיג ביים טיש און איז מעביר סדרה.

אויסהערענדיג די בקשה פון ריזשינער האָט אָבער דער אַלטער רב גלייך געכאַפּט דעם אויבערמלבוש און תיכף ומיד געקומען צו לויפען צום ריזשינער.

דער ריזשינער האָט דעם שטאָדט-רב זעהר גוט אויפגענומען, געהייסען אַריינדערלאַנגען כּיבוד און געבעטען איהם זיך צו זעצען.

— הייליגער רבי, עס איז דאָך איצטער נישט דער זמן דערצו — האָט דער רב געפּרובט אָבוועדען.

— איך וויים, איך וויים, סקאַלער רב, אָבער איך בעט אייך, טהוט אויס דאָס אויבערמלבוש.

דער רב האָט געפאָלגט, אויסגעטהון דאָס אויבערמלבוש און אַוועקגעזעצט זיך.

— איך וועל אייך דערצעהלען אַ מעשה, סקאַלער רב — האָט דער ריזשינער אָנגעהויבען, אָבער איך בעט אייך, איהר זאָלט זיך צו איהר גוט צוהערען.

געווען אַמאָל אַ יוד אַ חסיד, אָבער טאַקי אַנ׳אמת׳ער חסיד און דערצו אַ גרויסער עושר און אַנ׳איש בטוח. אַנ׳אָבגעהיטענער יוד געפיהרט גרויסע עסקים, מפרנס געווען פיעל יודען אין זיינע געשעפטען, אַ בעל צדקה, אַ פּזרן, אַ וואַרים יודיש האַרץ, מיט׳ן פולען זין פון וואָרט.

דערצו איז ער געווען שטאַרק נזהר אין שמירת שבת, אַפילו דער קייזער אַליין זאָל צו איהם קומען און אָנשלאָגען איהם אַ געשעפט אום

שבת, וואָלט ער אויך נישט געוואָלט הערען. ער האָט בכלל אין שבת נישט גערעדט וועגען מסחר און נישט געטראַכט וועגען דעם.

דער סקאָלער רב האָט זיך אָנגעהויבען דרעהען אויף דער שטוהל נישט קענענדיג איינזיצען, וואָס איז עפּעס אַצינד פאַר קבלת שבת דער זמן אויף צו דערצעהלען אַ מעשה אַזוי בפרטות, אַז די מינוט ברענט ממש.

אָבער דער ריזשינער האָט זיך נישט געמאַכט דערויס און ווייטער פאָרטגעזעצט די געשיכטע:

דער דאָזיגער חסיד האָט אַמאָל איבערגענומען פון מלכות אַ גרויסע אונטערנעהמונג, ביי וועלכען עס איז איהם געשטאַנען צו פערדינען אַ הון רב. אַזוי ווי ער האָט נישט געהאַט קיין אייגען באַר-געלד איינצוזעגען קויציע, ווי דער מנהג איז, האָט ער זיך מורה היתר געווען און אויסגע-באָרגט זיך פון זיין קאַסע פרעמד געלד. געלדער פון אַלמנות און יתומים, מחמת, ווי איך האָב אייך דערצעהלט, איז דער חסיד געווען אין שטאָדט אַ גרויסער בעל-בטוח און מען האָט צו איהם געהאַט דעם פולען צוטרוי.

איינגעשטעלט האָט ער דאָך גאַרנישט, ווייל ער איז געווען זיכער מיט די גאַנצע הונדערט פראָצענט, אַז דאָס מסחר איז אַ קוואַל פון פרנסה, פון גרויס עשירות.

דער סקאָלער רב האָט אָבער מעהר נישט געקענט איינזיצען און ער האָט זיך אויפגעהויבען פון אָרט.

— איהר זיצט, זעה איך, ווי אויף הייסע קויהלען, סקאָלער רב — האָט דער ריזשינער אויסגערופען — איהר האָט מורא אַז עס ווערט שפּעט, אָבער איך בעט אייך, האָט געדולד נאָך אַ פּאָר מינוט, עס האַנדעלט זיך וועגען אַ זעהר וויכטיגען ענין.

— הכלל, ער האָט די קויציע איינגעלעגט — האָט דער ריזשינער ווייטער פאָרטגעזעצט די מעשה — און עס איז געבליבען אַז דער גובער-נאַטאָר, אין וועמענס הענד דער עסק איז געלעגען, וועט שוין שפּעטער בע-שטימען אַ זמן ווען דער חסיד דאַרף קומען אַדורכרעדען דאָס מסחר.

דער חסיד איז אַהיימגעפאָהרען אַ צופריעדענער און געדאַנקט דעם ״ויבערשטען פאַר׳ן מסחר וואָס ער האָט בעשלאָסען און אָבגעמאַכט ביי זיך, אַז ווען השי״ת וועט העלפען און דאָס מסחר וועט גוט אַוועק, וועט ער אַ טייל פון ריוח צולעגען צו די געלדער פון די אַלמנות און יתומים, אַדאַנק וועלכע ער האָט געקענט צוקומען צום מסחר.

— אַזאַ עהרליכער יוד איז דאָס געווען דער דאָזיגער חסיד — האָט דער ריזשינער מיט התפּעלות אויסגערופען צום סקאָלער רב.

אָבער דעם רב איז דער קאָפּ דערצו נישט געלעגען. די הויט האָט אויף איהם געברענט און ער האָט זיך כסדר געווישט דעם שוויס פון פנים.

— איך זעה, אַז איהר איילט זיך, סקאָלער רב, איהר איילט זיך אוודאי צו געהן אין שוהל אַריין, דער עולם וואַרט שוין דאָרט אוודאי אויף

אייך, עס איז שוין טאַקי שפּעט, אָבער פערפאַלען, סקאַלער רב, איהר מוזט אויסהערען די גאַנצע מעשה, ווייל עס האַנדעלט זיך אין אַ גרויסען און וויכטיגען ענין, אין אַ דין־תורה.

— דער דאָזיגער גובערנאַטאָר, מיט וועמען דער חסיד האָט בעדאַרפען ענדיגען דאָס מסחר, איז אָבער געווען אַ גרויסער שונא ישראל, און וויסענדיג אַז דער אונטערנעהמער איז אַ חסידישער יוד, זעהר אַ פרומער, האָט ער בכיון בעשטימט דעם טאָג פון שמועסען וועגען מסחר אויף שבת.

דערהאַלטענדיג דעם בריעף מיט'ן בעשטימטען טערמין, איז דעם חסיד פינסטער געוואָרען אין די אויגען. אין איילעניש, האָט ער ביים אַריינטראָגען די קויציע פערגעסען, ווי ער האָט זיך תמיד געפיהרט, אויסצורעדען זיך, אַז קיין שום רייד וועגען עסקים ווערען נישט געטהון אום שבת. איצט שרייבט צו איהם דער שונא-ישראל, דאָס אויב ער וועט נישט קומען אום שבת ווערט דער מקח בטל און די איינגעלעגטע קויציע ווערט פערפאַלען...

איהר קענט זיך פאָרשטעלען דעם מצב אין וועלכען דער חסיד האָט זיך געפונען. ער איז גלייך אַוועקגעפאָהרען קיין ווילנא. משתדל געווען זיך, אָנגעווענדעט אַלע תחבולות, אַז מען זאָל איהם אָבלעגען דאָס שליסען דעם מסחר אויף אַנ'אַנדערן טאָג אָבער עס האָט גאָרנישט געהאָלפען.

האָט ער זיך אָנגעהויבען מיישב צו זיין וואָס ער זאָל דאָ טהון; זאָל ער לאָזען פערפאַלען די קויציע, און שלאָגען דאָס גאַנצע מסחר פאַר אַ כפרה? — יאָ, ער האָט שטאַרק געהאַ.טען דערביי. וואָלט די קויציע געווען בלויז זיין אייגען געלד — וואָלט ער זיך אויף אַ מינוט נישט געוואַקעלט, אַ שעהנע ריינע כפרה. אָבער אַ גרויסער טייל פון די קויציע בעשטעהט דאָך פון אָרימע נדן־געלד פון אלמנות און יתומים, וואָס וועלען בלייבען אומגליקליך אויף זייער גאַנץ לעבען. ווי אַזוי קען ער נעהמען אויף זיך די פעראַנטוואָרטליכקייט פאַר אַזוי פיעל נפשות, וואָס וועלען צוליעב דעם ליידען דחקות?...

זאָל ער זיך אָבער שטעלען צום טערמין — ג—ט שטראָף מיך נישט פאַר די בלויזע מחשבה. אַזוי פיעל יאָהרען נישט גערעדט וועגען מסחר אום שבת, בייגעשטאַנען אַזוי פיעל שווערע נסיונות, זאָל ער היינט אַנדערש טהון, צוליעב וואָס? צוליעב געלד?...

איז געבליבען ביים חסיד, אַז זאָל געשעהען וואָס עס וויל, ער שלאָגט אַלץ פאַר אַ כפרה און ער וועט זיך נישט שטעלען צום טערמין, ער פערלאָזט זיך אויף ג-ט און וואָס ער וויל זאָל ער מאַכען...

פלוצלינג האָט זיך איהם פאָרגעשטעלט אין זיין פאַנטאַזיע, אַז ער קומט אַהיים צו זיך אין שטאָדט אַריין. אין שטאָדט איז אַ קאָכעניש, אַ רעדעניש. זיין הויז איז בעלאַגערט מיט אָרימע אַלמנות, מיט זייערע פיצלעך קינדער, אַ געשריי, אַ גוואַלד, איינער שרייט איבער דעם אַנדערען:

גזלן, רוצח, רויבער, גיב אָב מיין געלד, מיין אָרימע פּראַצע, דעם נדן פון מיין עלענדע יתומה, זי װעט דאָך אויף אייביג פערזיצען...

עס לויפען איהם נאָך אָרימע יתומים׳לעך, רייסען איהם ביי די פּאָלעס און שרייען צו איהם: מערדער, דו האָסט אונז אָבגעשאָכטען, מיר װעלען מוזען װערען שלעפער, פערברעכער, אַלץ דו, װייל דו האָסט אונזער ביסעל געלד פערתכלי׳וועט!

די דאָזיגע שרעקענס-בילדער האָבען שוין דעם חסיד אינגאַנצען דערדריקט. ער האָט שוין מעהר נישט געקענט איבערהאַלטען... זייענדיג בטבע אַ גרויסער בעל רחמנות, וואָס פלעגט זיך שטענדיג זיין גרייט מקריב צו זיין פאַר יודענס וועגען, האָט ער ביי זיך בעשלאָסען, אַז ער שטעלט זיך צום גובערנאַטאָר, ס׳איז דאָך נישט חלילה קיין חילול שבת, נאָר בלויז עטליכע דיבורים, ער נעמט אויף זיך דעם גרעסטען עונש, אַבי ער זאָל נישט אומגליקליך מאַכען אַזוי פיעל אומגליקליכע יתומים...

און אַזוי איז טאַקי געשעהען.

עד כאן דער סיפור המעשה — האָט דער הייליגער ריזשינער פערענדיגט — איצטער פרעג איך אייך, סקאָלער רב, פּסקנ׳ט מיר צי קען מען דעם חסיד בעטראַכטען פאַר אַנ׳אונס און מיר האָבען דאָך אַ קיימא-לן, אַז „אונס רחמנא פטרי״ (אויב עמיצער איז געצווינגען צו טהון אַנ׳עברה, פּטר׳ט מען איהם פון אַ שטראָף) און דער חסיד דאַרף נישט דערפאַר בעשטראָפט ווערען בפרט נאָך ווען ער האָט דערנאָך אויף דעם דאָזיגען חטא אויפריכטיג תשובה געטהון, — אָדער איהר האַלט, אַז דער חסיד געהער נישט צו דער מדרגה, ווייל סוף כל סוף, האָט עס זיך דאָך נאָר געהאַנדעלט אין דיני ממונות, אין געלד זאַכען, און דעם כלל אונס רחמנא פטרי וועגדעט מען נאָר אָן ביי דיני נפשות, אין דעם פאַל קען דער חסיד נישט בעטראַכט ווערען פאַר אַנ׳אונס.

האָט זיך אָנגעהויבען צווישען די צוויי גדולים אַ שקלא וטריא, דער סקאָלער רב האָט שוין פערגעסען, אַז מען וואַרט אין שוהל אויף איהם, און ענדליך האָט דער רב אַרויסגעטראָגען דעם פּסק, אַז עס הייסט יאָ אַנ׳אונס מחמת, ער האָט עס דאָך געטהון נישט צוליעב אייגענעם נוצען, נאָר צוליעב רחמנות, צוליעב די אלמנות און יתומים, וואָס וואָלטען זיכער דערפון געליטען, און מי יודע, צי עס וואָלט ביי די אביונים נישט דערפיהרט צו דיני נפשות, הכלל דער חסיד איז געוועזען אַנ׳אונס און ער איז פטור פון אַנ׳עונש...

ווי נאָר דער סקאָלער רב האָט אַרויסגעטראָגען דעם פּסק, האָט דעם הייליגען ריזשינערס פנים אויפגעלויכטען, ער האָט אָנגעכאַפּט די האַנד פון אַלטען רב און מיט שמחה אויסגערופען:

— איהר זענט דאָס דער דיין. אויף וועמען די הייליגע גמרא זאָגט: כל דיין הדן דין אמת לאמיתו נעשה שותף להקב״ה. יאָ, איהר זענט עס

דער אמת׳ער דיין אמת, דאָס בית דין של מעלה האָט אפילו אויך מסכים געווען צו אייער פסק, אַצינד געהט מיר געזונדערהייט צו קבלת שבת.

שפּעטער האָט מען זיך דערוויסט, אַז דער דאָזיגער יוד איז געווען אַ ריזשינער חסיד, וועלכער איז שוין געווען אויפן עולם האמת, און אַט דעם פרייטאָג האָט מען דן געווען די נשמה, און די נשמה האָט זיך גע־פונען אין אַ גרויסער קלעם, ביז זי האָט זיך בעפרייט פרייטאָג פאַרנאַכט, ווען די דינים אין הימעל ווערען בטל צוליעב קדושת השבת און איז גע־קומען צו לויפען צום הייליגען ריזשינער, וועלכער איז גראָד געווען אין מקוה, אַז דער רבי זאָל איהם טהון אַ טובה. האָט דער רבי פערשטאַנען, אַז נאָר אַ פסק פון אַ רב אַ גדול קאָן זיין אַ תיקון פאַר דעם חסיד׳ס נשמה, האָט ער געשיקט נאָך דעם סקאָלער רב, אַרויסבעקומען פון איהם דעם געהעריגען פסק און געטהון אַ טובה זיין פערשטאָרבענעם חסיד.

ענדיגענדיג די דאָזיגע מעשה האָט דער סאַדאגורער רבי זצ״ל צו־געגעבען:

צו זיין אַן׳אמת׳ער דיין איז גאַנץ שווער, אָבער צו זיין אַן׳אמת׳ער גוטער יוד איז נאָך שווערער...

לב

כלל־ישראל ארבייט

געווען איז עס אין יענע טרויעריגע יאָהרען פון דער הערשאַפט פון ניקאָלאַי דער ערשטער. דאָס רוסישע יודענטום האָט געשמאַכט אונטער דער לאַסט פון די צרות. די שרעקליך אויפגעבלאָזענע יודען־שנאה האָט אָנגעהויבען אַרויסצוגעבען איהרע פרוכטען. אַ חשכות האָט געהערשט אין די יודישע שטעדט און שטעדטלעך. פול זענען געווען די שוהלען און בתי־מדרשים. יודען האָבען קיין אַנדער מיטעל נישט געהאַט נאָר דאָס איינציג־אויסגעפּרובטע און זיכער־ווירקענדע מיטעל פון תשובה, תפילה וצדקה. האָט מען טאַקי מתפלל געווען, אַז די גזרות רעות וואָס דער טיראַן האָט אַרויסגעגעבען און אַרויפגעלעגט אויפ׳ן ביסעל יודעלעך, זאָלען צושווימען ווי אַ רויך עס זאָל פון זיי נישט בלייבען קיין שריד ופליט.

דער הייליגער ריזשינער האָט זיך נאָר וואָס געהאַט אָבגערוהט פון די שווערע איבערלעבענישען, פון די רדיפות און נגישות, וואָס ער האָט געהאַט אויסצושטעהן פון גרויזאַמען צאַר. אַט זיצט ער שוין במנוחה אין זיין נייעם וואוינאָרט, אין סאַדאַגורע, — אָבער זיין הארץ און זיינע מחשבות זענען

נאָך אַלץ דאָ ט, אויף יענער זייט גרעניץ, וואו ער האָט איבערגעלאָזט דעם כלל ישראל אונטער די שרעקליכסטע בעדינגונגען.

גראָד האָט זיך אָנגעהויבען די תקופה פון די קאַנטאָניסטען, וועלכע איז שוין פון אַ רייה יודישע היסטאָריקער בעשריבען געוואָרען. אַ שרעק נעהמט אַרום ווען מען פרובט זיך פאָרשטעלען די גרויל-העפטיגקייט פון דער דאָזיגער קיינמאָל נאָך נישט פאַרגעקומענער רציחה, ווי עס איז דאָס אַוועקגזלען יונגע צעהן-צוועלף-יעהריגע יודישע קינדער פון זייערע עלטערן, אָבשמד'ן און פערוואַנדלען זיי אין סאָלדאַטען.

אַ בהלה האָט געהערשט אין אַלע יודישע ישובים. ווי ווייט מען האָט געקענט האָט מען די קינדער בעהאַלטען, אויסגעהיט פון אַ פרעמד אויג. אָבער ווי לאַנג קען מען עס לעב'עדיגע נפשות, דערצו נאָך יונגע ברויזענדע קינדערישע נאַטורען, צוימען ווי די גענז אין אַנ'ענגער שטייג. — דערצו נאָך האָבען זיך אָנגעהויבען בעווייזען אין אַלע יודישע מקומות יענע טונקעלע פּאַרשוינען, וואָס זענען גרייט פאַר געלד אַלץ צו פערקויפען — די „כאַפּערס", וועלכע זענען געווען אויסגעבינדען מיט אַלע שטאָדטישע, געוואוסט וויפיל קינדער יעדער האָט און וואו די קינדער ווערען בעהאַלטען. בקיצור, עס האָט זיך געטהון חושך אין די יודישע שטעדטלעך.

צום גליק האָט די דאָזיגע פינסטערע גזרה נאָך נישט געהאַט דערגרייכט קיין פוילען, דאָרט וואו יודען האָבען געלעבט אין קאָמפּאַקטע מאַסען, אָבער מען האָט זיך געריכט דערויף אַ ליאַדע טאָג. מען האָט פערשטאַנען, אַז מיט די פוילישע מאַסען איז די רוסישע רעגירונג נאָך נישט זיכער. נאָר-וואָס איז אונטערדריקט געוואָרען דער גרויסער פוילישער נאַציאָנאַל-אויפשטאַנד, מוז מען האַנדלען אַ ביסעל פאָרזיכטיגער. אָבער אַז סוף כל סוף וועט אויך דאָ קיין פוילען דערגרייכען די עכט-ניקאָלאַיעווסקע גזרה — דערין איז קיין ספק נישט געווען.

האָבען זיך די דאַמאָלסטיגע גדולי הדור אין פוילען מתיעץ געווען, אָבגעהאַלטען אַספות, געטראַכט און געזוכט עצות, ווי אַזוי אָבצוווענדען די שרעקליכע גזרה. איך ובמה לקדם את פני הרעה.

צווישען די דאַמאָלסדיגע גדולי-הדור, וועלכע זענען בעקאַנט געווען אויך אַלס שתדלנים און עסקנים לטובת הכלל, איז בעזונדערס בעריהמט געווען דער אַלטער וואורקער רבי זצלל"ה. דער וואורקער רבי, אַ תלמיד פון אַלטען קאָצקער רבין, זצלל"ה איז געשטאַנען אין צענטער פון עסקנות ביי אַלע ענינים וואָס האָבען געהאַט אַ שייכות צום רוסיש-פוילישען יודענטום, ער האָט עס שטענדיג צונויפגערופען די גרויסע אסיפות, און על פי רוב איז ער אויך פון אַלע צדיקי הדור אויסגעקליבען געוואָרען אַלס דער הויפט-שתדלן, אַלס דער געהער, אַלס דער וועקער, רופער און מאָהנער, צו פאָדערן די רעכט פון די געדריקטע יודישע מאַסען, אָבצוווענדען פון זיי אַלע שלעכטע גזירות.

דער וואורקער רבי זצ״ל פלעגט דעריבער גאַנץ אָפט קומען קיין וואַרשא און אָבגעהאַלטען בעראַטונגען מיט די דאַמאָלסטיגע וואַרשאָווער פּני, מיט די בלאָך׳ס, מיט די קראָנענבערג׳ס, מיט די בערגסאָנ׳ס — די אַמאָלי־גע וואַרשאווער מאַגנאַטען, וועמענס קינדער און אייניקלעך, עס געהערען שוין לאַנג נישט צום יודישען שטאַם.

און כאָטש די דאָזיגע פּני האָבען שוין דאַמאָלס נישט געהאַט קיין גרויסע שייכות מיטן יודענטום, דאָך האָבען זיי גאָר שטאַרק רעספּעקטירט דעם דאָזיגען גרויסען צדיק, דעם וואורקער רבי זצ״ל. בעצויגען זיך צו איהם מיט דער גרעסטער יראת הרוממות און זיין בקשה איז געווען פאַר זיי אַ בעפעהל, וועלכעס זיי האָבען ווי ווייט מעגליך זיך בעמיהט צו פער־ווירקליכען.

שטעהענדיג אין קאָנטאַקט מיט די דאָזיגע לייט, וועלכע האָבען שוין מיט אַ פוס געשטעקט אין נישט יודישען לאַגער, האָט זיך דער וואורקער רבי זצ״ל דערוואוסט, אַז די רוסישע רעגירונג פּלאַנט בקרוב אויך אין פּוילען איינצופיהרען די קאַנטאָניסטען־גזירה, אַז אויך אין אונזערע מקומות וועט מען אָנהויבען כאַפּען קליינע יודישע בחורים׳לעך און אוועקשיקען זיי למרחקים, אַבנייסען זיי פון שורש, אָבשמד׳ן ר״ל, און פערוואַנדלען זיי אַלס אייביגע ניקאָלייסקע סאָלדאַטען.

עס איז זיך לייכט פאָרצושטעלען וואָסער רושם די דאָזיגע פּערטרוי־ליכע ידיעה האָט געמאַכט אויפן דאָזיגען גרויסען אוהב ישראל, אויפן אַלטען וואורקער זצ״ל.

אויף דער גיך האָט ער צונויפגערופען אַ פערטרויליכע אסיפה פון די דאַמאָלסטיגע צדיקים און מען האָט געקלערט אַנ׳עצה ווי אַזוי די דאָזיגע שרעקליכע גזירה אָבצוווענדען.

צווישען די בעשלוסען וואָס די דאָזיגע גרויסע אסיפה האָט אָנגענומען, איז אויך געווען דער בעשלוס צו שיקען אַ שליח מיוחד צום הייליגען רי־זשינער קיין סאַדאגורע, צו וועלכען אויך די פּוילישע גוטע יודען האָבען זיך בעצויגען מיט גרויס יראת הכבוד אָנער־קענענדיג איהם אַלס קדוש עליון, אַז אויך דער ריזשינער זאָל זיך מכניס זיין אין דער זאַך און בע־מיהען זיך, אַז די גזירה זאָל בטל ווערען.

און אַלס שליח פון כלל ישראל אין פּוילען צום הייליגען ריזשינער איז אויסגעוועהלט געוואָרען נישט קיין אַנדערער, ווי דער וואורקער רבי זצ״ל.

שטילערהייט, אָהן רעש, איז דער וואורקער רבי אין בעגלייטונג פון בלויז איין משמש אָבגעפאָהרען קיין גאַליציען.

שווער איז דאַמאָלס געווען די נסיעה, אויף פיהרען און פויערישע וועגענער. נישט געווען אַפילו קיין לייטישער שאָסע, דערצו נאָך פאַר אַנ׳־עלטערן און שוואַכען מענש, אָבער די זאָרג פאַרן כלל ישראל האָט ביים

וואָרקער רבי׳ן אַלץ איבערגעוואויגן. און ווי תמיד האָט ער אויך איצט פאַר יודענס וועגען זיך ממש מוסר נפש געווען.

לאַנג האָט געדויערט די נסיעה פון שטעדטעל וואָרקא ביי וואַרשע ביז סאַדאגורע ביי דער רומענישער גרעניץ, אָבער ענדליך איז דער רבי אָנגעקומען קיין סאַדאגורע, וואו ער איז אויפגענומען געוואָרען מיט גרויס כבוד, דער ריזשינער האָט זיך שטאַרק געפרעהט מיטן דאָזיגען עמוד החסידות אין פוילען.

דער וואָרקער רבי האָט פאַרן ריזשינער געשילדערט די ביטערע לאַגע פון די יודען אין רוסלאַנד, און וויפיל דאָס יודענטום ליידט פון דער שרעקליכער קאַנטאָניסטען-גזרה, וויפיל יודישע נשמות ווערען אָבגעריסען פון שורש און אַוועקגעשליידערט אין כף-הקלע, און איצט פּלאַנעוועט דער רשע ניקאָליי אויך אין פוילען די דאָזיגע גזרה אָנצוווענדען, דעריבער איז ער אין שליחות פון כלל-ישראל און פון די צדיקי-הדור געקומען צו איהם, צום ריזשינער הייסט עס, אַז ער זאָל זיך מכניס זיין אין דעם עסק און זיך בעמיהען, אַז די גזרה זאָל בטל ווערען.

דער הייליגער ריזשינער האָט זיך שטאַרק פערטראַכט. לאַנג שפּאַצירט איבערן צימער אַרויף און אַראָב. געגרויכערט זיין לילקע-ציבוך פערשפּרייטענדיג געדיכטע קנוילען רויך. עס איז קענטיג געווען, אַז ער האָט פאַר זיך אַ שווער שטיקעל אַרבייט. ענדליך האָט ער זיך אָבגעשטעלט און אויסגערופען צו זיין חשובען גאַסט:

— הערט מיך אויס, וואָרקער רבי, וואָס שייך די קאַנטאָניסטען-גזרה אַז זי זאָל נישט אָנגעווענדעט ווערען אין פוילען — קען איך מיך גאַנץ גוט פערלאָזען אויף די פוילישע גוטע יודען. זיי זענען שטאַרקער פאַר איהם, דער רשע מרושע ימח שמו, איך פערזיכער אייך, וואָרקער רבי, אַז אין פוילען וועט מען די קאַנטאָניסטען-גזרה נישט איינפיהרען. בנוגע אָבער די לאַגע פון רוסישען יודענטום בכלל און די קאַנטאָניסטען-גזרה בפרט וואָס הערשט אין רוסלאַנד בתקפה, מוז איך אייך מוסר סוד זיין, אַז מיטן טאָג ווען איך האָב געמוזט אַוועק פון רוסלאַנד האָב איך אַ קנאַפּע דעה אין די דאָרטיגע ענינים. זיין שר אין הימעל קעמפט מיט אונז גאָר שטאַרק, ער האַלט מיך פאַר אַנ׳עסטרייכער...

— דעריבער מוזט איהר, פוילישע גוטע יודען, וואָס געפונען זיך יאָ אונטער זיין ממשלה, נעהמען זאָרגען אויך פאַר די רוסישע יודען. ווי אַזוי — דאַרף איך אייך נישט לערנען. איך קען זיך אויף אייך פערלאָזען. נישט-קשה. איהר זענט חלילה נישט קיין קטלא-קניא׳ס...

— אָבער אַנ׳עצה בדרך הטבע, וועל איך אייך יאָ געבען — האָט דער ריזשינער צום סוף מוסיף געווען — איהר האָט דאָך אוודאי געהערט וועגען דעם שר וגדול בישראל, וועגען דעם גרויסען ענגלישען יוד ר׳ משה מאָנטעפיאָרע. דער דאָזיגער יוד איז איינער פון די פני פון דער ענגלישער

מלוכה, און דערצו אַ יוד מיט אַ וואַרעם יודיש האַרץ, וואָס איז זיך גרייט מוסר נפש צו זיין פאַר יודענס וועגן. איהם דאַרף מען מכניס זיין בעובי הקורה און ער, אַ דאַנק זיין איינפלוס בחצרות מלכים קען אַ סאַך ווירקען אויפן רוסישען צאַר ער זאָל אויפהערען אַזוי שטאַרק צו פייניגען די יודען.

— דעריבער איז מיין עצה, אַז איהר וואורקער רבי, זאָלט גלייך פאָהרען קיין קראָקא, די קראַקאָווער יודען שטעהען, ווי מען זאָגט, אין קאָנטאַקט מיט מאָנטעפיאָרען, זאָלט איהר דאָרט אויסקלויבען אַן'אדם חשוב, אויף וועמען מען קען זיך סומך זיין, און איהם שיקען קיין לאָנדאָן, ער זאָל אין מיין נאָמען, אין נאָמען פון אַלע גוטע יודען, וואָס געפונען זיך אין רוסלאַנד־פוילען און אין נאָמען פון גאַנצען כלל־ישראל זיך משתדל זיין ביי דער ענגלישער רעגירונג אַז זי זאָל אויסנוצען איהר גרויסען איינפלוס ביים צאַר ניקאָלאַי, אַז די ביטערע גזרה זאָל בטל ווערען.

דער וואורקער רבי זצ"ל האָט אָבשיד גענומען פון ריזשינער און גלייך אָבגעפאָהרען קיין קראָקא, וואו ער האָט פערבראַכט עטליכע טעג, נאָכגעזוכט, נאָכגעפאָרשט אויף אַ פּאַסענדען שליח דרחמנא, וועלכער זאָל באמת ראוי זיין צו נעהמען אויף זיך אַזאַ וויכטיגע שליחות אין נאָמען פון כלל ישראל.

אַזאַ שליח האָט זיך אויך אָבגעפונען אין דער פערזאָן פון אַ געוויסען ר' ישראל בירקענפעלד. געווען איז ער אַ יוד אַ תלמיד־חכם, מיט אַ וואַרים יודיש האַרץ, וועלכעס האָט געוועהטאָגט איבער די יודישע צרות, דערצו איז ער סתם אַזוי געווען אַ מקורב מיט מאָנטעפיאָרען פיהרענדיג מיט איהם אַ ברייטע קאָרעספּאָנדענץ וועגען פערשידענע כלל־ישראל ענינים.

דער וואורקער רבי זצ"ל, האָט מיט'ן דאָזיגען ר' ישראל לאַנג פער־בראַכט, שילדערענדיג פאַר איהם די לאַגע אין וועלכע עס געפונט זיך דער פיעל־מיליאָניגער רוסיש־פוילישער יודישער קיבוץ און געבעטען איהם צו וויר־קען אויף מאָנטעפיאָרען אַז די ענגלישע רעגירונג זאָל אויסאיבען אַ דרוק אויף דער רוסישער רעגירונג אין דער הינזיכט. ר' ישראל בירקענפעלד איז גלייך אָבגעפאָהרען קיין לאנדאן, וואו ער האָט זיין שליחות גלענצענד אויסגעפיהרט. ר' משה מאָנטעפיאָרע איז אַזוי אַדורכגענומען געוואָרען מיט די צרות פון די רוסישע יודען, אַז ער האָט פשוט אויפגעשטורעמט די ענגלישע עפענטליכע מיינונג און די רעגירונגס־קרייזען, אַזוי ווייט, אַז דער דאַמאָלסדיגער פרעמיער דער יוד דיזראַעלי — לאָרד ביקאָנספילד, און דער אויסערן־מיניסטער לאָרד פּאַלמערסטאָן האָבען אָפיציעל אינטערווענירט ביי דער רו־סישער רעגירונג און לסוף אָנפערטרויט ר' משה מאָנטעפיאָרען אַן'אָפיציעלע מיסיע צו פאָהרען קיין רוסלאַנד, און צו בעקענען זיך מיט די לאַגע פון דאָרטיגען יודענטום.

וועגן דער עצם נסיעה פון ר' משה מאַנטעפיאָרע אין רוסלאַנד איז נישט דאָ דאָס אָרט צו רעדען.

אָבער אַז מען האָט אין פוילען קיין קאָנטאַקטען נישט געהאַט – דאָס ווייסען מיר אַלע. מיר ווייסען אויך, אַז אין רוסלאַנד איז די גזרה אין אַ קורצער צייט אַרום בטל געוואָרען. די חסידישע וועלט ווייסט צו דערצעהלען זעהר פיעל עפּיזאָדען און מעשיות וועגען דעם קאַמף וואָס די צדיקי הדור האָבען געפירט מיט'ן צורר ניקאָלאַי ביז זיי זענען איהם בייגעקומען.

אָבער ר' משה מאָנטעפיאָרע ע"ה איז פון זיין נסיעה אין רוסלאַנד ווייט נישט צופרידען געווען. אַהיימגעקומען איז ער אַנ'ענטוישטער, אַ פּערביטערטער. די רוסישע מאַכט האָט איהם פּשוט אָבגענאַרט און ער האָט בעשלאָסען זיך אין איהר נוקם צו זיין.

ווי מען גלויבט זאָל ר' משה מאָנטעפיאָרען האָבען געלונגען אַרויסצורופען די היסטאָרישע קרימער-קריעג, וואָס האָט זיך געענדיגט מיט אַ מפּלה פאַר'ן צאַר און אַזוי אַרום פּעראורזאַכט דעם ערשטען איינברוך אין דער מויער פון צאַראַט.

לג

גוט-ייִדישקייט

כלל-ישראל-אַרבייט הייסט נישט נאָר, ווען מען איז זיך מכניס אין אַן ענין, דאַמאָלסט ווען עס האַלט ביי אַ שווערע גזרה, רחמנא ליצלן, אָדער ווען אַ סכנה פאַר אַ גרויסען קיבוץ יודען איז נאָהנט און מען דאַרף יודען מציל זיין פון דער דאָזיגער סכנה. כלל-ישראל-אַרבייט הייסט אפילו אויך ווען מען נעהמט זיך פּעררייכטען ענינים וואָס קוקען אויס אין פּלוג קליינליך. אַ מנהיג ישראל דאַרף אויך אין זין האָבען אַזעלכע שטייגער זאַכען. די זאָרג פאַר'ן יחיד ווי די זאָרג פאַר'ן כלל דאַרף שטעהען אויף איין מדרגה, ווייל יעדער יוד איז דאָך אַן עולם מלא.

גוטע יודען האָבען שטענדיג דאָס אין זין געהאַט, און שטענדיג דערויף רעאַגירט ווי עס דיקטירט דער דעת תורה, דער גוט-יודישער דרך, דער דרך החסידות, וואָס עס האָט ממשיך געווען אויף דער וועלט דער הייליגער בעל-שם-טוב זכותו יגן עלינו.

אין ריזשין און שפּעטער אין סאַדאַגורע פלעגען אַזעלכע שטייגער כלל-ישראל-אַרבייטען זעהר אָפט צושטאַנד קומען און שטענדיג האָט דער צדיק געטהון ווי עס לערנט דער אמת-יודישער דרך.

אַ פּאָר עפּיזאָדען וואָס ווערען דערצעהלט וועגען דעם צווישען די סאַ-

דאגורער חסידים, וועלען אילוסטרירען אויף אַ געגוג קלאָרען אופן דאָס געזאָגטע:

איינמאָל זענען די שענקער פון אַ שטעדטעל אין גאַליציען נישט ווייט פון סאַדאגורע, געקומען צום רבי׳ן מיט אַ געוואַלד, אַז זיי ווערען אומגליקליך באשר ובכן דער נייער פּראָפּינאַטאָר, וועלכער האָט גענומען אין פאַכט די בראָנפען־ברענעריי, רייסט פון זיי ממש די הויט, פערלאַנגט אַ פּרייז פאַר אָקעוויט צעהן מאָל אַזוי פיעל און היות ווי זיי זענען געצוואונגען צו קויפען סחורה נאָר ביי איהם, זענען זיי אומגליקליך. שטעהט זיי פאַר אינגאַנצען אומצוקומען פאַר הונגער מיט זייערע משפחות.

די שענקער זענען געווען פּשוט׳ע בעלי־בתּישע יודען, יודען פון אַלטען שטייגער, צו קיין גוט: יודען זענען זיי נישט געפאָהרען.

דאַגעגען דער פּראָפּינאַטאָר איז געווען אַ שעהנער יוד און געפאָהרען קיין סאַדאגורע. דאָך אָבער האָבען אַלע געהאַלטען, אַז דער רבי וועט שיקען תּיכף ומיד נאָך דעם פּראָפּינאַטאָר, איהם גוט אויס׳מוסר׳ן און אויפפאָדערען איהם, אַז ער זאָל אויפהערען צו זויגען דאָס בלוט פון זיינע קונים און ער זאָל לאָזען לעבען די פאָר יודישע שענקער.

דער רבי האָט אָבער נישט געפונען פאַר נויטיג צו שיקען נאָך פּראָפּינאַטאָר. ער האָט בלויז אויסגערופען צו דער שענקער־דעלעגאַציע:

— ס׳איז מיר אַ פּלא, אַז די יודען פון אייער שטעדטעל און פון דער גאַנצער סביבה אַרום זאָל טרינקען פון דאָזיגען בראָנפען. ווי אַזוי קען מען עפּעס טרינקען „לחיים״ ביי אַ משקה וואָס אין איהר איז אויסגעמישט יודיש בלוט, יודישע טרעהרען? — איך וואָלט אַזאַ משקה נישט גענומען אין האַנד אריין.

עס פערשטעהט זיך, אַז דער דאָזיקער פּסק איז געגוג געווען אַז אַלע יודען זאָלען מיטאַמאָל אויפהערען טרינקען די משקה. מען האָט נישט געטרינקען און פּטור. עס האָט נישט לאַנג געדויערט און דער פּראָפּינאַטאָר האָט עס אָנגעהויבען גאָר שטאַרק דערפיהלען און דערווייסענדיג זיך אַז דאָס האָט איהם אָנגעטהון דער ריזשינער רבי, איז ער געקומען צום רבי׳ן מיט אַ געוואַלד.

— ס׳טייטש רבי, איהר האָט דאָך מיך אומגליקליך געמאַכט. איהר האָט דאָך מיך אָבגעקוילעט.

דער צדיק האָט איהם אַ וואָרט נישט געענטפערט. אפילו נישט קיין שלום געגעבען.

האָט ער זיך אַזוי אַרומגעדרעהט אין סאַדאגורע עטליכע טעג, האָט זיך משתדל געווען ביי די מקורבים, ביי די קינדער. אַז דער רבי זאָל איהם אויפנעהמען ביז עס איז איהם געלונגען, און דער רבי האָט איהם גענומען זאָגען תּוכחה פאַרוואָס ער האַנדעלט אַזוי נישט יודישלעך.

אָבער דער פּראָפּינאַטאָר האָט עס נישט געקענט פערשטעהן. און

האַלטענדיג, אַז עס געשעהט איהם אַ שרעקלעכע עולה האָט ער זיך געוו־מען חוצפה'דיג אויסטעהנע'ן:

— הייליגער צדיק, פאַרוואָס וואָלט איהר זיך מישען אין אַזעלכע שטיי־גער ענינים, וואָסער ידיעה האָט דען אַ גוטער יוד אין פּראָפינאַציע־אַנגע־לעגענהייטען. אַ גוטער יוד דאַרף בכלל נישט אָבגעבען זיך מיט אַזעלכע קלייניקייטען. אָט למשל דער ערשטער חסידישער רבי, דער הייליגער בעל־שם האָט לגמרי געוויכט פון שטאָדט. ווייניג געהאַט מחזקות מיט מענשען און ס'רוב זיך מתבודד געווען אין די וועלדער...

דער רבי האָט זיך צושמייכעלט און דאַן אויסגערופען:

דער חילוק צווישען אונז און דעם הייליגען בעל־שם־טוב זצ"ל איז דער, וואָס אין יענע יאָהרען, בעת די רויבער די גזלנים האָבען זיך געפו־נען אין די וועלדער, האָט דער צדיק זיך געמוזט דאָרט געפונען, כּדי צו בעשיצען פון זייערע הענד די אָרימע מענשען, וואָס זיי פלעגען בעראַבע־ווען. היינט אָבער, וואוינען די גזלנים אין די שטעדט, און גאַנץ אָפט פאָהרען זיי צו גוטע יודען און האַלטען זיך פאַר חסידים און שעהנע יודען. דעריבער מוז דער רבי זיך אויך אָבגעבען מיט שטאָדט־זאַכען, כּדי צו פער־שטעלען דעם וועג פאַר זייערע רויבערישע דרכים, פשוט, להציל עשוק מיד עושקו. (צו ראַטעווען דעם געראויבטען פון רויבערס הענד...)

דער פּראָפּינאַטאָר איז אַוועק פון רבי'ן בפחי נפש און ער איז גע־צווינגען געווען אָראָבצולאָזען פון פּרייז. ערשט דאַן האָט מען מיט דער הסכמה פון צדיק אָנגעהויבען נוצען צוריק זיין משקה.

אַמאָל זענען די חסידים פון קאָלאָמיי געקומען צום רבי'ן אויף אַ שבת. האָט זיך דער רבי ביי זיי אויסגעפרעגט איבער פערשידענע שטאָדט־זאַכען. האָט זיך עמיצער געקלאָגט אויף איינעם פון די אָרטיגע שוחטים, אַז ער איז עפּעס גאָר אַ מאָדנער נפש. אַנ'אויסטערלישער קמצן. טאָמער האַנדעלט עס זיך אין אַ פּאָר פּרוטות, איז ער אפילו גרייט זיך מונע צו זיין פון אַ דבר מצוה. קיינמאָל געהמט ער נישט קיין אורח, לאָזט נישט קיין יוד איבערנעכטיגען ביי זיך אין שטוב, און אפילו די בחורים וואָס קלויבען צונויף כּוללות אויף פערשידענע דברים שבצדקה, ווייסען צו וויכען פון איהם ווי אַ פּעסט...

דער צדיק איז פון דער דאָזיגער מעשה גאָר אויפגעקאָכט געוואָרען און ער האָט אויסגערופען:

— נו, און די קאָלאָמייער יודען עסען פון זיין שחיטה?...

עס פארשטעהט זיך אַז די קאָלאָמיי'ער יודען און קודם־כּל די סאַדאַגו־רער חסידים האָבען גלייך אויפגעהערט צו עסען פון דאָזיגען שוחט'ס שחיטה.

דער שוחט איז דאָך ממילא געבליבען אַנ'אָבגעקוילערטער. איז ער

געקומען צולויפען צום רבי'ן מיט אַ געוואַלד, ס'טייטש? ער איז דאָך אומ־גליקליך.

האָט דער צדיק איהם מסביר געווען, ווי אַזוי אַ יוד, אַ שוחט דאַרף זיך נוהג צו זיין, אַז יודען זאָלען מעגען עסען פון זיין שחיטה.

אָבער דער שוחט האָט עס נישט געקענט משיג זיין. דאָס קמצנות איז איהם געווען איינגעגעסען אין די ביינער און ער האָט געגלויבט אַז מען בעעולה'ט איהם בחנם און אָהן אַ פאַרוואָס.

זעהענדיג, אַז דער רבי האַלט זיך ביי דאָס זייניגע, האָט דער שוחט זיך געמאַכט קוראַזש און אויסגערופען:

— הייליגער רבי, זאָגט מיר, וואו שטעהט דאָס ערגיץ, אַז אַ שוחט איז מחויב מעהר ווי אַנ'אַנדערער יוד צו געבען צדקה צו זיין אַ מכניס אורח, פאַרוואָס זאָל מען גראַד צו אַ שוחט שיקען דעם גרעסטען טייל אורחים וואָס קומען אין שטאָדט אַריין און טאָמער וויל ער נישט אָדער ער איז נישט בכוח אַלעמען צו בעפרידיגען, טאָר מען נישט עסען פון זיין שחיטה.

— איך וועל עס דיר זאָגען, האָט דער צדיק אויסגערופען, וועסטו מודה זיין, אַז מיר זענען גערעכט. די הייליגע גמרא זאָגט, אַז ווער עס איז געבוירען געוואָרען אין מזל מאדים, וועט זיין אַ שופך דם. און אַז דער מענש האָט אַ זכי', ווערט ער אַ שוחט, פערגיסט ער בלוט בדרך מצוה און אויב נישט ווערט ער אַ פשוט'ער רויבער, אַ מערדער, א שופך דם ר"ל.

אָבער סוף כל סוף פערגיסט דאָך אויך דער שוחט בלוט, דאַרף דאָך אַ שוחט ביי זיך זיין שטאַרק געפאַלען.

נאָר דער תירוץ איז, אַז דער שוחט טהוט עס נישט צוליב אכזריות צוליב די נידריגע חי'שע אינסטינקטען, נאָר מחמת צווי השם, מחמת דער בורא עולם האָט עס איהם געהייסען טהון, ער איז דערמיט מקיים אַ מצוה און מאַכט נאָך איבער דער שחיטה אַ ברכה בשם ובמלכות.

אָבער ווי אַזוי קענען מיר מענשען מבחין זיין צווישען אַ שוחט און אַ שוחט, צי דער שוחט טהוט עס צוליעב צווי השם און אַזוי אַרום איז זיין שחיטה כשר כדין וכדת. אָדער ער טהוט עס צוליעב איינגעבוירענע אַכזריות, ווייל ער איז געבוירען געוואָרען אין מזל „מאדים"?

איז פערהאַן אָט דער סימן מובהק: איז דער שוחט אַ בעל־רחמנות, אַ מזג טוב, האָט ליעב צו טהון גוטס מיט מענשען, איז מפזר זיין געלד אויף צדקה און העלפט אַ יודען אין דער נויט, איז דאָס אַ סימן, אַז עוסק אין שחיטה איז ער נישט צוליעב אַכזריות, נאָר צוליעב דער מצוה און זיין שחיטה איז כשר וישר.

טאָמער איז אָבער דער שוחט אַנ'אַכזר, אַ קמצן, אַ מענש וואָס ווייזט נישט אַרויס די מדה פון רחמנות, איז אַ סימן, אַז ער איז אַ שופך־דם,

אַז דער מענש האָט פּשוט הנאה צו פאַרגיסען בלוט און דעריבער איז זיין שחיטה נישט כּהוגן.

— דו פרעגסט מיך, וואו שטעהט דאָס ערגיץ, וועל איך דיר ווייזען אַ רמז אין דער תורה: ולא נתן אדום נתון את ישראל עבור בגבולו ויט ישראל מעליו. טייטשען מיר: אדום איז לשון מאדים, מזל מאדים, ווי באַלד דער שוחט וועלכער קומט אַרויס פון מזל מאדים וויל נישט אַריינלאָזען קיין יוד אין זיין גבול, דאַן דאַרף זיין ויט ישראל מעליו — דאַרפען יודען איהם אויסמיידען.

די דאָזיגע דבורים האָבען דעם שוחט שטאַרק איבערגענומען. תיכף האָט ער אויסגעבראָכען מיט אַ געוויין, און דער סוף איז געווען, אַז ער איז אַהיימגעפאָהרען פון סאַדאַגורע אַ גאַנץ אַנדערער מענש.

וועגען דעם דאָזיגען גוט־יודישען דרך, דערצעהלט מען אויך אַ שעהנע מעשה פון רבי׳ן ר׳ הירש פון רימאַנאָוו זצ״ל.

איינמאָל איז צום רבי׳ן ר׳ הירש ז״ל געקומען אַן אַלמנה מיט אַ בי־טער געוויין, אַז זי האָט געהאַט פאַר׳ן בית־דין פון שטאָדט אַ משפט מיט איהרס אַ בעל־חוב, און דאָס בית־דין האָט איהר אינגאַנצען אַוועקגע׳פּסקנט, אַזוי אַז זי איז אינגאַנצען אומגליקליך.

דער צדיק האָט איהר געגומען אויסרעדען און איהר מבטיח געווען, אַז דער אויבערשטער וועט איהר דעם שאָדען אָבגעבען כּפל כּפלים און אַז ער קען דאָ גאָרנישט מאַכען. קוים האָט דאָס בית-דין גע׳פּסקנט איז פאַר־פאַלען. אָבער די אַלמנה האָט זיך דערמיט נישט געוואָלט טרייסטען. זי האָט זיך געוואָרפען אויף דער ערד און יאָמערליך געוויינט, אַז עס האָט פּשוט ביים האַרץ געריסען.

דער רבי ר׳ הירש ז״ל איז שטאַרק איבערגענומען געוואָרען פון איה־רע בכיות, האָט ער געשיקט זיינעם אַ מקורב צום בית־דין, אַז זיי זאָלען זיך מטריח זיין און קומען צו איהם.

צווישען די דיינים האָט זיך געפונען דער שפּעטערדיגער טאַרנער רב, הגאון ר׳ ישראל ראַפּאָפּאָרט ז״ל, וועלכער איז נאָך דאַמאָלס געווען אַן׳איי־דעם אויף קעסט. פונדעסטוועגען האָט מען איהם שוין דאַמאָלס צוליעב זיין גאונות און פּקחות מצרף געווען צום בית-דין.

ר׳ ישראל איז אַפילו נישט געווען קיין חסיד. פונדעסטוועגען איז ער תיכף ומיד געקומען קוים האָט ער דערהערט, אַז דער צדיק הדור רופט איהם.

די איבריגע צוו דיינים זענען יאָ געווען חסידים, אָבער זיי האָבען געוואוסט, אַז דער רבי מישט זיך קיינמאָל נישט אין אַזעלכע ענינים, איז עס פאַר זיי געווען אַ שטאַרקע פּלא און מיט גרויס נייגעריגקייט זענען זיי געקומען צום רבי׳ן.

— רבותי — האָט דער רבי ר׳ הירש ז״ל זיך אָבגערופען — איהר האָט דאָ ארויסגעטראָגען אַ פסק אין דעם משפט פון דער אלמנה. היות ווי מיר דאַכט זיך, אַז איהר האָט אַ טעות געהאַט, בעט איך אייך, אַז איהר זאָלט נאָכאַמאָל מעיין זיין אין דעם ענין.

דער רבי האָט גלייך געהייסען אַריינברענגען דעם שלחן ערוך. די דיינים האָבען זיך גענומען מפלפל זיין און לסוף איינגעפונען, אַז זיי האָבען באמת א טעות געהאט. אַז זיי האָבען דער אלמנה עפ״י דין נישט געקענט אוועק׳פסקנען...

די צוויי חסידישע דיינים האָבען עס בעטראַכט אַלס אָפענעם רוח הקודש און זיי זענען ממש אַרויס פון די כלים. אָבער דער מתנגדישער גאון האָט געוואָלט וויסען עפ״י שכל פון וואַנען דער רבי האָט פערשטאַנען אַז זיי האָבען געהאַט אַ טעות.

— כ׳וועל עס אייך זאָגען — האָט דער רבי ר׳ הירש אויסגערופען: דער הייליגער משורר זאָגט אין תהלים: תורת ד׳ תמימה משיבת נפש, פיקודי ד׳ ישרים משמחי לב. דערפון האָב איך מיר געדרינגען, אַז וויבאַלד דער פסק וואָלט געווען אַ ריכטיגער, וואָלט די אלמנה נישט געווען אַזוי צובראָכען, זי וואָלט נישט אַזוי יאָמערליך געוויינט, וויל דעם אויבערשטענס תורה, זיינע דינים, דערקוויקען און דערפרעהען דאָס האַרץ און נישט זיי צוברעכען עס, חלילה...

דערצו האָבען חסידים צוגעגעבען: דער תירוץ פון רבי׳ן ר׳ הירש זצ״ל איז זעהר אַ וואוילער תירוץ אָבער פאָרט האָט מען דאָ געזעהען אַ אָפענבאַרער רוח הקודש.

לד

דער טאַלנער רבי

איינער פון די גרעסטע גוטע יודען פון יענעם דור, איז געווען דער בעריהמטער צדיק, רבי דוד׳ל טאַלנער זצ״ל, אַ זוהן פון רבי׳ן ר׳ מאָטעלע פון טשערנאָבל זצ״ל.

ריזשין און טשערנאָבל זענען געווען די צוויי גרויסע גוט־יודישע צענטערען אין רוסלאַנד. סיי אין ריזשין און סיי אין טשערנאָבל האָט געהערשט תורה וגדולה במקום אחד. אין די רבי׳שע הויפען זענען אויף אַ גלייכען אופן טראַקטירט געוואָרען דורך דער רוסישער מחבלישער מאַכט.

נאָך דער פטירה פון הייליגען טשערנאָבלער רבי׳, פערבלייבען אַכט זוהן, וועלכע זענען אַלע געווען גדולי הדור. אָבער דעם גרעסטען גוט־יודישען הויף האָט געפיהרט דער טאַלנער רבי ר׳ דוד׳ל זצ״ל.

ריזשין מיט טשערנאָבל זענען געווען אויך נאָהנטע קרובים און מחותנים.

אין די ערשטע יאָהרען נאָך דער פּטירה פון רבי׳ן ר׳ מאָטעלע זצ״ל, האָט ר׳ דוד׳ל זיך בעזעצט אין שטעדטעל וואַסילקאָוו, וואו ער האָט געלעבט אין גרויס דחקות. דער גרעסטער טייל פון די טשערנאָבלער חסידים זענען געפאָהרען צום עלטסטען זוהן פון טשערנאָבלער, דעם רבי׳ן ר׳ אהרון זצ״ל. צו איהם זענען צוגעשטאַנען נאָר געצעהלטע חסידים. אָבער דער טאַלנער איז געווען אַ וועלטס-חכם און בטבע אַן׳אויפגלעגטער מענש, פלעגט ער זיך טרייסטען מיט גוטמו ווערטלעך און דערמיט אויך טרייסטען זיין קליינעם עולם.

זיינע מקורבים האָבען פון איהם פערלאַנגט, אַז ער זאָל אַרויספאָהרען אַביסעל אויף דער וועלט, כדי די וועלט זאָל איהם דעקענען אָבער דער טאַלנער האָט שמייכלענדיג אָבגעענפערט:

— מיינט איהר, אַז צו ווערען אַ גוטער יוד איז אַ קלייניגקייט, אַז אויף דעם איז גאָרנישט פערהאַן אַ צייט און אַן׳אָרט — האָט איהר אַ גרויסען טעות. ווערט מען אַ גוטער יוד אין דער ריכטיגער צייט, מאַכט דאָס וואָרט „רבי״ — ראש בני ישראל.

אָבער דאָס האָט נישט לאַנג געדויערט. אין א קורצע צייט אַרום איז אויפ׳ן חסידישען האָריזאָנט אויפגעגאַנגען דער נייער שטערן, וואָס האָט אַזוי העל געלויכטען אין דער וועלט פון חסידות, עס האָט גיך אָנגעהויבען מפורסם צו ווערען דער נאָמען פון הייליגען טאַלנער ז״ל.

ר׳ דוד׳ל זצ״ל האָט זיך בעזעצט אין דעם קליינעם שטעדטעלע טאַלנע, וואָס האָט געהערט צום גראַף שובאַלאָוו. באַלד איז דאָס קליינע רוסישע שטעדטעל געוואָרען אַ שם דבר. עס איז דאָרט אויפגעשטעלט געוואָרען אַ פּרעכטיקער הויף, וואָס האָט געצויגען אויף זיך אַלעמענס אויפמערקזאַמקייט. די רייכע בריית-האַרציגע רוסישע חסידים זענען נישט קאַרג געווען אויף קיין געלד, און זיי האָבען זיך בעמיהט צו פערוואַנדלען דעם טאַלנער הויף אין אַ ריכטיגע קאָפּיע פון ריזשינער הויף. איז טאַקי דער טאַלנער הויף געווען אַ היכל מלכים אין פולען זין וואָרט.

אָבער אויך צום טאַלנער הויף האָט זיך די רוסישע מאַכט גענומען טשעפּען. די פערפאָלגונג לגבי דעם טאַלנער הויף איז אָבער נישט געווען אין תחילת אַזוי גרויס, מחמת די רשעים האָבען געהאַט צו טהון מיט׳ן ריזשינער. אָבער נאָכדעם ווי דער ריזשינער צדיק איז אַנטלאָפען פון רוסלאַנד, האָבען זיך די צאַרישע משחיתים גענומען צום טאַלנער רבי׳ן זצ״ל און נישט נאָר צו איהם אַליין, נאָר בכלל צו אַלע טשערנאָבלער קינדער.

די דאָזיגע נגישות האָבען סוף-כל-סוף דערפיהרט, אַז דער טאַלנער רבי איז פּונקט ווי דער ריזשינער, אַנטלאָפען פון רוסלאַנד קיין גאַליציען.

וועגן די סיבות וואָס האָבען דערפיהרט דערצו זענען פערהאַן פער-

שידענע שיטות. אַ טייל האַלטען, אַז די הויפּט־סבה איז געווען אַ שטוהל פון ריינעם זילבער, וואָס די חסידים האָבען געלאָזט אויספּערטיגען און גע־געבען דעם רבי׳ן אַ מתנה. די דאָזיגע שטוהל איז געווען זעהר אַ פּראַכט־פולע און געהאַט די ענליכקייט צו אַ קעניגליכע טראָהן־שטוהל. אויפן רו־קען פון דער שטוהל האָט זיך געפונען אַ גאָלדען קריינדעל, אַ רמז צו כתר מלכות ווי אויך אויסגראווירטע אותיות: דוד מלך ישראל חי וקים.

ווי נאָר די מוסרים, וועלכע די רוסישע מאַכט האָט אָנגעשטעלט אַרום די טשערנאָבלער קינדער האָבען געבראַכט אַ דאָנאָס וועגען דער דאָזיגער שטוהל, האָט מען זיך אָנגעכאַפּט דערין ווי אין אַ כשר׳ע מציאה. אַ קלאָ־רער בעוויז, אַז דער טאַלנער רבי איז אַ מורד במלכות. איז מען בעפאַלען דעם טאַלנער הויף און פערפיהרט אַ פּראָצעס געגען דעם רבי׳ן. אָבער איידער וואָס ווען, האָט דער טאַלנער רבי זיך מקדים געווען און אַוועק פון רוסלאַנד.

אַז דאָס אָבער זאָל זיין די אייגענטליכע סיבה צוליעב וואָס דער טאַלנער רבי איז אַוועק פון רוסלאַנד, ווערט אין די חס־דישע קרייזען אָפּ־געלייקענט. מען ווייזט אָן, אַז די מעשה מיט דער שטוהל איז פּאָרגעקומען מיט צוואַנציג יאָהר פריהער, אַז דאַמאָלט זענען פּאָרגעקומען צוליב דער מעשה אַ גאַנצע סדרה פּראָצעסען. עס האָט אָבגעקאָסט אַ הון רב ביז ס׳איז געלונגען זיך אַרויסצודרעהען פון עסק. אַזוי אַז מען האָט זאָגאַר צוריקגעגעבען דעם רבי׳ן זיין שטוהל, בלויז דאָס קריינדעל האָט מען פער־ניכטעט.

דער אמת איז אָבער, אַז זינט די מעשה מיט דער שטוהל האָט מען אין די רוסישע רעגירונגס־קרייזען נאָך מעהר קרום אָנגעהויבען קוקען אויף דער טשערנאָבלער גזע, ביז עס איז אַרויס אַ גזרה, אַז אַלע צדיקים פון דער דאָזיגער גזע טאָרען קיינמאָל נישט פערלאָזען זייערע וואוין־ערטער. זיי מוזען בלייבען אין די שטעדט, וואו זיי געפונען זיך אין טאָג פון דער גזרה כל ימי חייהם, און קיינער טאָר נישט פערלאָזען זיין וואוין־אָרט, אָהן דער ספּעציעלער ערלויבניש פון מיניסטער פאַר אינערליכע ענינים.

די דאָזיגע גזרה האָט נאַטירליך זעהר שווער געטראָפען אַלע טשער־נאָבלער קינדער. די דאָזיגע אויסטערלישע תפיסה האָט אַלעמען שטאַרק דערדריקט, אָבער נאָך מעהר האָט עס וועה־געטהון דעם הייליגען טאַלנער, ווייל עס האָט איהם געקאָסט דאָס לעבען פון זיין איינציגען זוהן, פון זיין אויג אין קאָפּ, ר׳ מאָטעלע ז״ל.

ר׳ מאָטעלע האָט זיך געהאַט פערקיהלט און בעקומען אַ לונגען־פעה־לער, האָבען די דאָקטוירים איהם געראַטען, אַז אויב ער וועט נישט אַרויס־שיקען דעם חולה אין קרימער געגענד, וועט זיין לעבען זיך געפונען אין סכנה. האָט זיך אָנגעהויבען אַ השתדלות ביי דער רוסישער מאַכט צו בע־קומען אַ נ׳ערלויבניש פאַר׳ן טאַלנער׳ס בן־יחיד צו פערלאָזען דאָס שטעדטעל.

אָבער עס האָט גאָרנישט געהאָלפען. עס זענען אָנגעווענדעט געוואָרען כּל מיני השתּדלות, מען האָט געשיט מיט געלד אָהן אַ צאָהל, מען האָט אָנגעווענדעט אַלערליי פּראָטעקציעס, אָבער די רשעים האָבען אַפּילו נישט געוואָלט הערען צו ענדערען די גזירה.

די לאַגע פון חולה איז דעריבער וואָס אַמאָל געוואָרען אַלץ שלעכטער און שלעכטער. האָט מען בעשלאָסען, זאָל זיין וואָס עס זאָל נישט זיין, און מען פאָהרט מיט'ן חולה קיין קרים אָהן אנ'ערלויבניש. דער טאַלנער רבי זצ"ל, ווענדיג ראַטעווען דאָס לעבען פון זיין טייערען בן־יחיד, איז שוין געווען גרייט אויף אַלעם, אַפּילו אויף סיביר. קיין פרייז איז פאַר איהם נישט געווען צו טייער, אַבי צו ראַטעווען זיין זוהן ר' מאָטעלע.

אָבער עס איז שוין לײדער געווען צו שפּעט.

מוצאי ראש־השנה האָט מען בעשלאָסען צו לאָזען זיך אין וועג אַריין.

טאַלנע איז דאַמאָלס געווען אַ פערוואָרפען שטעדטעל, נײַנציג קילאָמעטער ווייט פון אַ באַהן־סטאַציע און פון טאַלנע ביז צו דער סטאַציע באָפּאַליץ האָט מען געמוזט פאָהרען מיט אַ פוהר.

עס פערשטעהט זיך, אַז פאָהרען נײַנציג וויאָרסט וועגס מיט אַ חולה־מסוכּן איז נישט גאָר פון די בע'טעמ'טע זאַכען, און דערצו האָט מען זיך בעדאַרפען היטען אַז די נאַטשאַלסטוואָ פון שטעדטעל זאָל זיך נישט דערוויסען פון דער דאָזיגער אויסטערלישער גנבה.

דער טאַלנער רבי האָט זיך מיט זיין זוהן גאַנץ קאַלט געזעגענט נישט אַרויסווייזענדיג די מינדעסטע אויפגערעגטקייט. ער האָט איהם אַפּילו נישט אַרויסבעגלייט פון הויף: נור בלויז ביז צו דער טהיר.

מיטגעפאָהרען מיט'ן חולה איז זיין פרוי און עטליכע משמשים, כּדי דער פּרסום זאָל זיין וואָס קלענער.

די נסיעה ביז צו דער באַהן־סטאַציע באָפּאַליץ האָט געדויערט אַ גאַנצען מעת־לעת און דאָס האָט דעם מצב פון קראַנקען זעהר פערע־גערט.

תּיכּף ווי מען איז אָנגעקומען קיין באָפּאַליץ האָט מען געשיקט אַ טעלעגראַמע קיין טאַלנע צום רבי'ן, אַז דער מצב פון חולה האָט זיך פערערגערט, און מען ווייסט נישט וואָס צו טהון, צי זאָל מען פאָהרען ווייטער, אָדער מען זאָל אפשר צוריקקומען.

אין טאַלנע איז אָבער אויך נישט געווען קיין טעלעגראַף־סטאַציע. דער טעלעגראַף־אַמט האָט זיך געפונען אויף האַלב וועגס צווישען באָפּאַליץ און טאַלנע, אין דעם שטעדטעל זווינאַגראָדקע. האָט מען געמוזט די טעלעגראַמע שיקען דורך אַ ספּעציעלען רייטער קיין טאַלנע. דער רייטער האָט זיך כּלל נישט געאיילט און ער האָט געבראַכט די טעלעגראַמע ערשט שבת אין מיטען טיש.

ווען מען האָט די טעלעגראַמע געוויזען דעם רבי'ן האָט ער אויסגערופען:

— נו, שבת היא מלעזוק — און ווייטער געפיהרט טיש ווי דער שטייגער נישט אַרויסווייזענדיג די מינדעסטע אויפרעגונג.

די חסידים זענען אָבער געווען שטאַרק צובראָכען און זענען אַרומגעגאַנגען דערשלאָגען. גלייך נאָכ'ן טיש האָט דער עולם גענומען זאָגען תּהילים מיט גרויס בכיות.

אין מיטען שלש סעודות איז אָנגעקומען אַ צווייטע טעלעגראַמע, אַז דער חולה פיהלט זיך בעסער. און מערקווירדיג, אין דער צייט, וואָס ביי דער ערשטער טעלעגראַמע איז דער רבי געווען פולקאָם רוהיג, האָט ער ביי דער צווייטער טעלעגראַמע ממש אויפגעציטערט. ער האָט גלייך געהייסען ברענגען מים אחרונים, אָבגעבענשט, דאַן איז ער אַריין צו זיך אין חדר, געמאַכט הבדלה און פערשלאָסען זיך.

אַרום עלף אין אָווענד איז אָנגעקומען אַ דריטע טעלעגראַמע, אַז דער חולה דאַרף האָבען גרויס רחמים. די רביצין מיט די מקורבים זענען אריינגעלאָפען מיט אַ גרויס געוויין אין רבינס חדר אָבער זיי האָבען געטראָפען דעם רבין ליגען צוגעשפּאַרט אויפ'ן בעטעל און שלאָפען געשמאַק.

שטענדיג פלעגט דער רבי ביים מינדעסטען שאָרך אויפקומען. אָבער דאָ איז ער ביים געוויין און געשריי גאָר שטאַרק געשלאָפען.

עס האָבען נישט געהאָלפען אַלע תחבולות, דאָס טופען מיט די פיס, דאָס קלאַפען אין דע־ טהיר, דאָס קלאַפּען אויף טאַצען און דאָס פויקען אין די פענסטער. דאָס אַלץ איז געווען אומזיסט. דער רבי האָט זיך צומאָהלט נישט קיין ריהר געטהון.

"ער עולם האָט זיך שטאַרק אָנגעהויבען שרעקען. עמיצער איז צוגעגאַנגען אויפגעהויבען דעם רבינס קאָפּ, אַ צווייטער האָט איהם אָנגענומען ביי דער האַנד, אַ דריטער ביי אַ פוס, דער רבי איז געשלאָפען נאָרמאַל, ווי אַ געזונדער מענש, אָבער אויפוועקען איהם האָט מען נישט געקענט.

ערשט איינס אַ זייגער ביינאַכט האָט זיך דער רבי פּלוצלינג אויפגעכאַפּט און אַרומגעקוקט זיך איבערן חדר, וואָס איז געווען פול מיט חסידים.

די רביצין איז באַלד אויסגעבראָכען מיט אַ געוויין, אַז עס האָט פשוט ביים האַרצען געריסען.

דער רבי איז אָבער געווען גאַנץ גלייכגילטיג, פונקט ווי עס וואָלט זיך נישט געהאַנדעלט וועגען זיין איינציגען זוהן. ער האָט בלויז געמורמעלט: התחת אלקים אנכי? מען דאַרף דאַנקען דעם בורא פאַר'ן גוטען ווי פאַר'ן שלעכטען.

דער עולם האָט באַלד פערשטאַנען, אַז עס איז שוין נאָך אַלעם.

שפּעטער האָט די פרוי פון ר' מאָטעלע דערצעהלט:

באַלד ווי מען האָט אָנגעצונדען אַ ליכט, האָט דער חולה זיך אויפגעזעצט און אויסגערופען:

— פּאַרוואָס צינדט מען נישט אָן אַ ליכט, זעהט איהר דען נישט וואָסער גאַסט מיר האָבען? דער טאַטע איז דאָך געקומען!...

עלף ביינאַכט איז פאָרגעקומען די יציאת נשמה. איינס ביינאַכט, דאַמאָלס ווען דער טאַלנער רבי זצ"ל איז אויפגעקומען פון שלאָף איז שוין געווען נאָך דער קבורה.

די דאָזיגע איבערלעבעניש האָט אַזוי געווירקט אויפ'ן טאַלנער רבין, אַז ער האָט בעשלאָסען וואָס גיכער צו פערלאָזען רוסלאַנד.

לה

דער צוזאמענטרעף

אין די לעצטע יאָהרען האָט די רוסישע מאַכט מעהר נישט אַזוי שטאַרק אַכטונג געגעבען אויף דעם טאַלנער הויף, אַז קיינער זאָל חלילה פון דער „תפיסה" נישט אַנטלויפען און פערלאָזען דאָס שטעדטעל. זעהענ־דיג, אַז מען האָט זיך שוין צוגעוועהנט צו דער גזרה און דער הויף האָט זיך ווי עס איז צוגעפאַסט צו די בעדינגונגען.

און דאָס האָט לייכטער געמאַכט דאָס אַנטלויפען. מען האָט געוואוסט אַז אין אַ פינסטערער נאַכט און דערצו אין אַ שטרענגער געהיימניש, וועט דער רבי מיט זיין בני־בית קענען פערלאָזען דאָס שטעדטעל און אַריבער די גרעניץ.

האָט מען גענומען אין געהיים אָרגאַניזירען דאָס אַנטלויפען, צוגעגרייט אַ „שוואַרצער", וועלכער זאָל אויף דער גרעניץ איבערנעהמען דעם רבין מיט זיין פאַמיליע און איבערפיהרען איהם אויף יענער זייט. דער ענין איז אָבער געווען בעוואוסט בלויז פאַר צוויי דריי מענשען, און די איבעריגע האָבען אפילו נישט געהאַט דעם מינדעסטען אַהנונג, אַז דער רבי פערלאָזט דאָס שטעדטעל מיט'ן הויף מיט אַלעם מיט אַנ'אַנדער.

דערצו דאַרף מען צוגעבען, אַז דער טאַלנער רבי זצ"ל איז שוין דאַמאָלס געווען אַ ייד אַ זקן, און דערצו האָט איהם דאָס אומגליק מיט זיין בן־יחיד ר' מאָטעלע זצ"ל אויף שטאַרק צובראָכען, עלטער געמאַכט מיט אַ צעהנדליג יאָהרען. דאָך אָבער איז דער בעשלוס ביים רבין צו פערלאָ־זען רוסלאַנד געווען אַזאַ פעסטער, אַז די אַלע הפצרות פון זיינע נאָהנטע, אַז ער זאָל זיך אָבזאָגען פון דעם געפעהרליכען פּלאַן, האָבען נישט געהאַט קיין ערפאָלג. דער רבי האָט בעשלאָסען צו פאָהרען. מען האָט נאָר געוואַרט אויף אַ פּאַסענדע געלעגענהייט.

און אַזאַ געלעגענהייט האָט זיך טאַקי באַלד געמאַכט.

דעם טאַלנער רבינ'ס איידעם ר' בי נחומ'טשע, וועלכער איז געווען אַ

זוהן פון טריסקער מגיד זצ״ל האָט זיך משדך געווען מיט׳ן באַהושער רבי זצ״ל. רבי נחום׳טשע איז איינמאָל געקומען צו זיין שווער און דערצעהלט איהם, אַז ער האָט שוין מיט מזל אָבגעשמועסט אַ זמן חתונה, און ער וואָלט גערן געוואָלט, אַז דער שוועהר זאָל פאָהרען קיין באַהוש צו דער חתונה, אָבער וואָס זאָל מען טהון מיט׳ן גזירת המלכות ?

— מיט׳ן גזירת המלכות וועלען מיר טהון, פונקט ווי אונזערע עלטע־רען האָבען געטהון מיט המנ׳ס גזרה — האָט דער רבי געענטפערט.

— הייסט עס, אַז איהר וועט קומען אויף דער חתונה פון אייער אייניקעל ?

— אם ירצה השם וועלען מיר זיין אויף דער חתונה!

די דאָזיגע תשובה האָט נחום׳טשען שטאַרק איבעראַשט, אָבער ער האָט מיט קיין וואָרט נישט איבערגעחזרט די הבטחה פון זיין שווער ווי־סענדיג, אַז דאָס איז פערבינדען מיט סכנת נפשות.

ענדליך איז אָנגעקומען דער זמן חתונה. אין אַ פינסטערע נאַכט האָט רבי דוד׳ל טאַלנער פערלאָזט זיין הויז און זיין הויף און געלאָזט זיך צו דער רוסישער גרעניץ.

און נאָך אין דער זעלבער נאַכט האָבען איהם אויף דער גרעניץ אָב־געוואַרט די „שוואַרצער״ און נאָך עטליכע שעה פאָהרען מיט אַ פויערישע פוהר איז דער רבי מיט זיינע נאָהנטע אָנגעקומען קיין בראָד אין דעם דאַ־מאָלסדיגען גרויסען עמיגראַציע־צענטער.

אין רוסלאַנד האָט מען דעם מינדעסטען אהנונג נישט געהאַט, אַז דער טאַלנער רבי זצ״ל אַנטלויפט, אָבער אין גאַליציען האָט מען פון דער דאָזיגער געשעהעניש קיין סוד נישט געמאַכט. די „שוואַרצער״ האָבען דעם ענין מפרסם געמאַכט אין שטאָדט, אַז מען האָט זיי בעשטעלט אויפ׳ן דאָ־זיגען טאָג אַריבערצונעהמען דעם טאַלנער רבי׳ן. און פון בראָד האָט זיך די ידיעה פערשפרייט איבער גאַנץ גאַליציען, אַזוי אַז ווען דער טאַלנער רבי איז געקומען קיין בראָד, האָט ער געפונען אַנ׳עולם פון טויזענדער חסידים פון אַלע עקען לאַנד, וועלכע זענען זיך צונויפגעפאָהרען כדי מקבל־פנים צו זיין דעם בעריהמטען רבין און מקבל צו זיין פון איהם אַ ברכה.

ווי נאָר דער רבי האָט זיך בעוויזען אויף דער עסטרייכישער זייט, האָט די לופט געציטערט פון די ברוך הבא אויסגעשרייען לכבוד דעם רבין. דער עולם האָט געטאַנצט פאַר שמחה און דער כבוד וואָס די גאַליצישע יודען האָבען ערטיילט דעם טאַלנער רבין זצ״ל איז געווען אין לשער.

פון בראָד איז דער טאַלנער רבי געפאָהרען קיין באַהוש אויף דער חתונה. געווען איז עס שוין איינמאָל אַ חתונה! די פרייד איז געווען אין לשער. מען דאַרף נעמען אין אַכט, אַז קרוב פערציג יאָהר האָט דער טאַלנער רבי נישט געטאָרט פערלאָזען זיין שטעדטעל, און נישט געקאָנט

קומען אין בעריהרונג מיט דער וועלט, און דאָ איז מיטאמאָל ערשינען דער זקן שבחבורה, דער טאַלנער רבי, איז טאַקי די שמחה אין דער חסי־דישער וועלט געווען זעהר גרויס.

נאָך דער חתונה איז דער טאַלנער רבי אָבגעפאָהרען אויף עטליכע וואָכען צייט קיין לעמבערג, מיט'ן בעשלוס זיך מעהר נישט צוריקצוקעהרען קיין רוסלאַנד, אָבער וואו ער וועט זיך בעזעצען איז נאָך נישט געווען קלאָר.

לעמבערג האָט מיטאמאָל אויפגעלעבט. אָבער נאָך מעהר האָבען אויפגעלעבט די רוסישע עמיגראַנטען, וועלכע זענען אַנטלאָפען פון רוסלאַנד צוליעב דער דאַמאָלסדיגער שווערער צייט און זיי האָבען זיך אַרומגעוואַל־גערט איבער די גאַליצישע שטעדט בעירום ובחוסר כל, דער טאַלנער רבי האָט אַלע דאָזיגע אומגליקליכע עמיגראַנטען מאכיל ומשקה געווען אויף זיינע הוצאות, געקומען אין קאָנטאַקט מיט די עמיגראַציע־טהוער, צושיקט דעם עולם אויף אַלע שבעה ימים, אָבער דער צופלוס פון עמיגראַנטען איז אַלץ געווען אַ שטאַרקער.

די הוצאה איז געווען זעהר גרויס, אָבער פון קיין געלד־מאנגעל האָט מען אין טאַלנע נישט געוואוסט. רוסישע חסידים האָבען געשיקט געלד לרוב און דערפון האָבען געגאָסען פיעל הונדערטער אָרימע עמיגראַנטען.

ווי עס האָט דערצעהלט דער אייגענטימער פון דער אכסניא, וואו דעם רבינס בני בית איז איינגעשטאַנען, האָט ער אין פערלויף פון די זיבען וואָכען, וואָס דער טאַלנער רבי האָט געוויילט אין לעמבערג, פּער־איבריגט ריין געלד פיער טויזענד גילדען. דערפאַר האָט ער זיך נוהג גע־ווען, איינמאָל אין דער וואָך אַריינצוגעהן צום רבין מיט אַ קוויטעל און געבען אַ שעהנעם פדיון.

איידער דער רבי איז אָבגעפאָהרען פון לעמבערג איז צו איהם גע־קומען דער האָטעל־אייגענטימער און געבעטען, אַז דער רבי זאָל אין איהם נישט פערגעסען, ער זאָל איהם טהון אַ טובה אויף יענער וועלט.

דער טאַלנער רבי, וועלכער איז בעקאַנט געווען אַלס גרויסער חכם, האָט אַ שמייכעל געטהון און אויסגערופען:

— אויף דער וועלט, האָב איך דאָך שוין אַ טובה געטהון, אויף יענער וועלט זאָג איך אייך צו, אַז וויבאַלד כ'וועל נאָר בכח זיין, וועל איך אייך טהון אַ טובה...

זיצענדיג אין לעמבערג, איז צו איהם אָנגעקומען אַ דעלעגאַציע פון בראָד מיט דער הייסער בקשה, אַז דער רבי זאָל זיך דאָרט בעזעצען. די דאָזיגע בקשה האָבען אויך אונטערשטיצט די רוסישע חסידים. בראָד איז דאָך געווען די גרעניץ־שטאָדט, וואו עס איז נישט שווער זיך אַריבערצוכאַ־פען, איז דעריבער די שטאָדט בראָד דאָס פאַסענדסטע אָרט פאַר'ן טאַלנער רבי'ן זצ"ל.

ענדליך האָט דער רבי מספים געווען און איבערגעצויגען זיך קיין בראָד, וואו עס זענען צוגעגרייט געוואָרען פּאַסענדע דירות פאַר איהם און פאַר זיינע מקורבים.

בראָד, וועלכע איז אין יענע יאָהרען סיי ווי געווען אַ קאַפּיגע שטאָדט, וואו עס האָט שטאַרק געקלאַפּט דער גרויס-שטעדטישער דופק, האָט נאָך מעהר אויפגעלעבט, צוליעב דעם וואָס דער טאַלנער רבי האָט דאָרט קובע מקום געווען. פון גאַנץ גאַליציען האָבען זיך געצויגען בריקעס מיט חסידים קיין בראָד כדי צו פראַווען זיך ביים בעריהמטען טאַלנער רבין זצ״ל.

אָברוהענדיג זיך פון דער שווערער רייזע האָט דער טאַלנער רבי גע-וואָלט בעזוכען די בעריהמטע גאַליציאַנער גוטע יודען כדי זיך מיט זיי משתעשע צו זיין און קודם כל האָט ער בעשלאָסען צו פאָהרען קיין סאַדאגורע.

פאַרוואָס דער טאַלנער רבי האָט אויסגעוועהלט צום ערשטען צו פאָה-רען קיין סאַדאגורע, דערצעהלט מען פערשיעדענע מימרות צווישען חסידים, אָבער ווי מען בעהויפּטעט, איז עס געגאַנגען דעם טאַלנער רבין מכחיש צו זיין די קלאַנגען, אַז צווישען איהם און דעם ריזשינער זצ״ל זאָל הערשען חלילה חילוקי דעות, וואָס זאָלען נאָך כלומרש׳ט שטאַמען פון די צייטען ווען דער סאַדאַגורער רבי האָט געוואוינט אין ריזשין. און כדי די דאָזיגע קלאַנגען אָבצוּלייקענען, האָט דער אַלטער רבי בעשלאָסען צו פאָהרען קיין סאַדאגורע אויף אַ שבת.

ווי נאָר מען האָט זיך אין סאַדאגורע דערוואוסט פון דער דאָזיגער געפּלאַנטער נסיעה האָט זיך גענומען קאָכען אין הויף ווי אין אַ קעסעל. מען האָט גענומען מאַכען געוואַלדיגע הכנות צום קבלת פנים, פונקט ווי צו אַ גרויס-אַרטיגע חתונה. דער גאַנצער ריזיגער הויף-אַפּאַראַט איז געלאָזט געוואָרען אין גאַנג. חסידים זענען געווען אויסער זיך פון שמחה. מען האָט גענומען צוגרייטען הערליכע דירות פאַר דעם גרויסען גאַסט און חסידים פון אַלע עקען לאַנד האָבען אָנגעהויבען שטראָמען קיין סאַדאגורע כדי ביי צוּוואוינען די בעגעגעניש צווישען דעם טאַלנער מיט׳ן סאַדאַגורער רבין זצ״ל.

און דער קבלת פנים איז באמת געווען אַ מלכות׳דיגער, אַלע רבישע קינדער, דער זוהן מיט די איידעמס, די מקורבים און סתם טויזענדער חסי-דים זענען אַקעגענגעפאָהרען דעם טאַלנער רבין אַזש ביז קיין טשערנאָוויץ, אויפ׳ן באַהן.וואָקזאַל, פון וואַנען דער טאַלנער רבי האָט געזאָלט אָנקומען פון בראָד. און די אָרימע חסידים, וועלכע האָבען קיין געלד נישט געהאַט אויף הוצאות האָבען זיך געלאָזט צו פיס פון סאַדאגורע קיין טשערנאָוויץ — עטליכע צעהנדליג קילאָמעטער.

וואָס עס האָט זיך אָבגעטהון אויפן טשערנאָוויצער וואָקזאַל, פערשפּאָרט מען צו דערצעהלען. אַ חוץ די טויזענדער סאַדאגורער חסידים, האָבען זיך דאָרט אויך פערזאַמעלט אַלע טשערנאָוויצער יודען, פון גרויס ביז קליין, כדי צו כאַפּען אַ בליק אויפ׳ן בעריהמטען רבין.

אין סאַדאַגורע איז דער קבלת פנים געווען ממש אַ ריהרענדער. דער סאַדאַגורער רבי איז אַקעגנגעגאַנגען זיין גאַסט ביז אין הויף אַריין. די בעגעגעניש צווישעןביידע גוטע יודען איז געווען זעהר אַ האַרציגע. דער סאַדאַגורער רבי האָט אַנגענומען זיין גאַסט און אַריינגעפיהרט איהם אין זיין חדר, וואו עס זענען צוגעלאָזען געוואָרען בלויז די גאָר נאָהנטע מקורבים. אָבער אויך זיי האָבען נישט קיין סך פערשטאַנען פון דעם שמועס וואָס עס האָט זיך צווישען ביידע צדיקי הדור ענטוויקעלט.

— ווי געפעלט אייך עפעס גאַליציען — האָט דער סאַדאַגורער רבי דאַמאָלס געפרעגט.

— סדנא דארעא חד הוא (אומעטום איז איין וועלט) — האָט דער טאַלנער רבי אָבגעענטפערט — סיי דאָ און סיי דאָרט מיינען עס די יודען גאַנץ ערנסט און וואָס זיי טהוען. און ווי זיי זענען זיך נוהג טהוען זיי עס מיט'ן גאַנצען האַרצען...

דער סאַדאַגורער רבי האָט אַ פנים שטאַרק הנאה געהאַט פון דעם דאָזיגען ענטפער און ער האָט זיך דערביי שטאַרק צושמייכעלט.

— טאַלנער רבי, איהר זענט דאָך אַ וועלטס-חכם — האָט דער סאַדאַגורער רבי אויסגערופען — זאָגט מיר דעם טעם, פאַרוואָס די פערצייטישע רביים האָט מען גערופען סתם צדיקים, בעת די הייגטיגע רופען מיר אָן „גוטע יודען"?

דער טאַלנער רבי האָט אַ ווײַלע געטראַכט און אויסגערופען:

— איך מיין, אַז די זאַך איז גאַנץ פשוט: די פערצייטישע רביים זע-נען געווען צדיקים אָבער נישט קיין גוטע יודען, ווייל זיי זענען צום רבונו של עולם כסדר געקומען מיט טענות, הלמאי יודען ליידען אַזוי פיעל. קוים האָבען זיי מרגיש געווען עפעס אַ בייזע גזרה איבער אַ כלל אָדער אַפילו אַ יחיד, האָבען זיי מרעיש עולם געווען מבטל צו מאַכען דעם גזר ביז זיי האָבען אויסגעפיהרט. זיי זענען דעריבער געווען אין דער מדרגה פון צדיקים, ווי די הייליגע גמרא זאָגט: צדיק גוזר והקב"ה מקיים. מיר אָבער זענען „גוטע" יודען, מיר זענען נישט גענוג מרעיש עולמות געגען גזירות. מיר זאָגען: ווען דו רבונו של עולם ווילסט אַזוי, קענען מיר נישט זיין געגען דעם. דעריבער ווערען מיר אָנגערופען ג ו ט ע יודען...

דער סאַדאַגורער רבי האָט זיך שטאַרק צושמייכעלט און אויסגערופען:

— אָווא, אָווא, גוט געזאָגט, גוט געזאָגט!

לו

אַן'איבערגעגעבענער חסיד

אין דער גאַליציאַנער חסידישער וועלט איז דער וויזיט פון טאַלנער רבין זצ"ל אין סאַדאַגורע לאַנג, לאַנג געווען אַן'ענין וועגען וועלכען מען האָט נישט אויפגעהערט צו רעדען און צו שמועסען, איינטייטשען און אויסטייטשען אויף פערשידענע אופנים. איבערהויפט האָט מען מעיין געווען אין די פערשידענע געשפרעכען, אין די שמועסען, וואָס ביידע בעריהמטע צדיקים האָבען צווישען זיך געפיהרט.

ווי שוין דערצעהלט, האָט זיך דער טאַלנער רבי זצ"ל בעזונדערס אויסגעצייכענט דערמיט, וואָס ער האָט געקענט דעם טיפסטען און אצילות'דיגסטען ענין מתלבש זיין אין אַ סיפור המעשה, וועלכע האָט אין פלוג אויסגעקוקט אַזוי זיך אַ מעשה, אַן'עפּיזאָד, אָבער אין דער אמת'ן איז עס גאָר געווען אַ לבוש פון ענינים, וואָס שטעהען ברומו של עולם, וועלכע נישט יעדער מח קען עס סובל זיין און נישט יעדער מענשליכער שכל קען עס משיג זיין. כאָטש אַן און פאַר זיך איז די מעשה גופא געווען אַ שענע, מיט אַ מוסר השכל.

זעהר שטאַרק ווערט געטייטשט פשט אין דער פאָלגענדער מעשה, וואָס דער טאַלנער רבי זצ"ל האָט דערצעהלט דעם סאַדאַגורער רבי'ן זצ"ל בעת'ן ווייל'ען ביי איהם צו גאַסט:

— הערט איהר, סאַדאַגורער רבי, — האָט דער טאַלנער אָנגעהויבען — מיט איין זאַך בין איך אייך מקנא, מיט אייערע חסידים! איהר האָט באמת געטרייע זעלנער, אויסגעהאַלטען ביז גאָר, זיי זענען אייך אויסערגעוועהנליך געטריי און איבערגעגעבען.

דער סאַדאַגורער רבי האָט אָנגעהויבען שמייכלען, וויסענדיג, אַז זיין גרויסער גאַסט איז אויסען צו דערצעהלען אַ מעשה פון וועלכער ער וועט אַ הנאה האָבען.

— בדידי הוה עובדא, — האָט דער טאַלנער רבי פאָרטגעזעצט — און פּאַסירט האָט עס מיט מיר אויפ'ן וועג קיין סאַדאַגורע ביי אייער'ס אַ חסיד.

— פאָהרענדיג קיין סאַדאַגורע, האָב איך אויפ'ן וועג געוואָלט זיך אָברוהען. איהר ווייסט דאָך, אַז איך בין נישט קיין יונגערמאַן, און האָב פשוט נישט קיין כח צו פאָהרען אָהן אָברוה אַזאַ ווייטען וועג, האָב איך

געבעטען, מען זאָל פאַר מיר אויסזוכען אויפ'ן וועג אַ סטאַנציע, דערביי האָב איך מיך אויסגענומען אַ תנאי, אַז די סטאַנציע זאָל בשום אופן נישט זיין אין אַ וועלכע עס איז שטאָדט אָדער שטעדטעל, נור דוקא אויפ'ן דאָרף, ביי אַנ'אַרענדאַר אָדער אַ ישוב'ניק. אויך צוליעב דעם זעלבען טעם: איך בין אַ שוואַכער מענש און אין שטאָדט האָב איך נישט קיין מנוחה צוליעב דעם עולם, וואָס קומט צו מיר שלום נעהמען און פראַווען זיך. און אויך דערפאַר ווייל דעמאָלס ווען איך פאָהר צו אַ גוטען יודען, צו אַ צדיק הדור, בין איך קודם כל מסיח דעת פון מיין אייגענע רבי'סטווא. בין איך אויס רבי, בין איך אַ יוד אַ חסיד!

האָט מען מיר אויסגעזוכט אַנ'אכסניא אין אַ דאָרף הינטער קאַלאַמיע. מיינע מענשען האָבען זיך דערוואוסט, אַז אין זעלבען דאָרף איז פאַרהאַן אַ יוד אַ גרויסער מכניס אורח און טאַקי אַנ'עהרליכער יוד אויך, אַ סאַדאַ-גורער חסיד, איז דאָך גאַנץ וואויל. אָבער ליתר תוקף, האָב איך געשיקט פאָראויס אַ שליח מיוחד כדי צו דערוויסען זיך צי איך קען דאָרט איבער-נעכטיגען, צי עס איז פערהאַן דאָרט אַ שטיקעל מקום פאַר אַזאַ שטייגער מענש ווי איך בין.

היות אָבער ווי דער שליח האָט זיך פערשפעטיגט, האָבען מיר בלית ברירה בעשלאָסען צו פערפאָהרען אין דאָרף אַריין צו דעם סאַדאַגורער חסיד דעם אַרענדאַר. וואָרום אין דער אמתן וואָס איז דער קלער, אַ יוד אַ מכניס אורח וועט ער דען ח"ילה אונז נישט לאָזען איבערנעכטיגען!..

זעגען מיר אויסגעשטיגען אין קאַלאַמיע, געווען איז עס שוין אויף דער נאַכט און פון דאָרט האָבען מיר געדונגען אַ פוהרל צו פאָהרען אין דאָרף אַריין.

אויפ'ן וועג אין דאָרף אַריין, איז אונדז אַקעגענגעקומען אונזער שליח. וועלכען מיר האָבען פריהער אַרויסגעשיקט. דער שליח איז געווען אויסער זיך פון אויפרעגונג און ער האָט פאָרגעלעגט מיר זאָלען צוריקפאָהרען אין שטאָדט אַריין:

— וואָס איז געשעהן — האָב איך געפרעגט, וואָס ביזטו אַזוי צוטראָגען.

— סטייטש...

— אָבער וואָס סטייטש, וואָס האָט דער יוד געענטפערט, האָסט איהם געזאָגט אַז דער טאַלנער מיט זיינע מענשען ווילען ביי איהם איבערנעכטיגען?

— געזאָגט!

— און וואָס האָט ער געענטפערט דערויף?

— ער האָט געענטפערט ווי אַ מחוצף!...

— אָבער וואָס האָט ער פאַרט געזאָגט?

— ער האָט געזאָגט: אויב דער טאַלנער וויל דאָ נעכטיגען, וועט ער געפינען אָפענע טהירען פונקט ווי אַלע אורחים קומען צו מיר אַהער.

— דערפאַר רופסטו איהם אָן מחוצף ?...

— אוודאי, נעהמט און פערגלייכט דעם רבי׳ן זאָל לעבען מיט אַלע אַנדערע אורחים!...

— געה שוין, ביזט אַ שוטה, — האָב איך איהם געענטפערט. און געהייסען פערפאָהרען צום אַרענדאַר, כדי דאָרט איבערצונעכטיגען.

— וואָס זאָל איך אייך זאָגען, סאַדאַגורער רבי! איך האָב געהאַט דאָרט ביי אייער חסיד אין קרעטשמע אַ וואוילע סטאַנציע, גאַר אַ וואוילע סטאַנציע. ווען מיר זענען אָנגעקומען אין דער קרעטשמע איז שוין געווען צוגעגרייט פאַר מיינעטוועגען אַ חדר מיוחד, אויפגעפוצט בכבוד מיט אַ שאַנק ספרים דערצו, אויך פאַר מיינע מענטשען האָט מען צוגעגרייט בעלעגעו׳ס ווי עס געהער צו זיין, אָבער דער בעל הבית אַליין האָט זיך נישט געוויזען.

ענדליך האָט דער בעל־הבית בעוויליגט אַריינצוקומען, געגעבען מיר שלום און גלייך אַוועק, נישט אַרויסרעדענדיג קיין דבור הקל.

דערנאָך האָט ער צוגעגרייט א נאַכטמאָל כיד המלך, אַנ׳אמתע סעודת מלכים, פון מילכיגע מאכלים, אָבער דער בעל הבית האָט זיך נישט בעוויזען. עס האָט אונז משמש געווען זיינער אַ משרת.

— מיר האָבען עקסטרע צוגעגרייט מילכיגס — האָט דער משרת זיך פערענטפערט, — כדי מען זאָל נישט האָבען קיין שום קלער.

הכלל מיר האָבען געהאַט אַ וואוילע סטאַנציע, אָבער דער בעל הבית האָט נישט אַרויסגעוויזען דעם מינדסטען אינטערעס פאַר מיין פערזאָן: דאָס פערהאַלטען זיך פון דאָזיגען קרעטשמער איז דעריבער געווען פאַר אונז אַ חידה סתומה.

אין דער פריה האָבען מיר אָבגעדאַווענט, טועם געווען פון אונזער צידה לדרך און געוואָלט זיך לאָזען אין וועג אַריין.

אָבער דאָ האָט זיך ווידער בעוויזען דער משרת, וועלכער האָט אונז כסדר משמש געווען און האָט אויסגערופען:

— ניין, רבותי. איהר וועט נישט פאָהרען פאַר׳ן אָנבייסען, ביי אונז לאָזט מען נישט אַוועק קיין שום יוד פאַר׳ן פריהשטיק.

פערפאַלען, האָבען מיר געפריהשטיקט. ווידער אַ פיינע סעודה, מעדני מלכים, מיר זענען געווען זעהר צופרידען, אַז עס האָט מיר שוין אָנגעהויבען אַביסעל פערדריסען פאַרוואָס דער בעל הבית אַליין ווייזט זיך נישט. מען דאַרף דאָך אַזאַ שטייגער יוד מכיר טובה זיין.

אָבער אַז ער ווייזט זיך נישט אַליין איז פערפאַלען. נאָכ׳ן אָנבייסען שיק איך אַריין מיין שמש צום בעל הבית און בעט ביי איהם אַ חשבון פאַר דער סטאַנציע און פאַר׳ן עסען.

דער בעל הבית איז פון מיין פאָרשלאַג גאָר אויפגעבראַכט געוואָרען און ער האָט געענטפערט דעם שמש:

— דאָס איז דאָך גאָר אונערהערט, פערלאַנגען פון מיר אַ חשבון פאַר הכנסת אורחים? ביי קיין שום יוד האָב איך נאָך פאַר דער מצוה נישט גענומען בעצאָהלט. פאָהרט אייך געזונדטערהייט און לאָזט מיך געמאַך.

האָט מיר שוין דער יוד אָנגעהויבען געפעלען. איך האָב געוואָלט אַביסעל דערקענען דעם זעלטענעם מענש. האָב איך ווידער געשיקט צו איהם דעם שמש:

— געה זאָג דעם בעל הבית, אז איך בעט איהם, דאָס ער זאָל אַריינקומען צו מיר אויף אַ ווײלע. זאָג איהם, אַז אויב ער וועט נישט קומען צו מיר, וועל איך קומען צו איהם.

די דאָזיגע דבורים האָבען אָפּנים געווירקט, ווייל באַלד איז דער בעל הבית אַריינגעקומען אַ גלייכגילטיגער, ווי קיינמאָל גאָרנישט.

— קודם כל נאָט אייך אַ וואַרימען יישר כח פאַר דער אכסניא און פאַר די מאכלים מיט וואָס איהר האָט אונז אַלע מאכיל ומשקה געווען. מיר האָבען ביי אייך געהאַט אַנ׳אויסגעצייכענטע אכסניא.

— ברוכים תהי׳ — האָט דער בעל-אכסניא גאָרנישט נתפעל-ווערענ-דיג אָבגעענטפערט.

— פאַרוואָס ווילט איהר נישט נעהמען ביי מיר קיין געלד? האָב איך ווייטער געפרעגט.

— ווייל איך נעהם נישט ביי קיינעם קיין געלד פאַר דער מצוה פון הכנסת אורחים.

אָבער ביי מיר דאַרפט איהר מאַכען אַנ׳אויסנאַהם — האָב איך איהם אַ זאָג געטהון.

— דהיינו?

— איך בין דאָך נישט סתם עפּעס אַנ׳אורח, נור אַ רבי, קענט איהר דאָך האָבען אפשר חולשת הדעת, אַז איהר האָט מהנה געווען אַ פרעמד׳ן רב׳ן, דאַרפט איהר ביי מיר נעהמען געלד, כדי איהר זאָלט האָבען אַ פתחון פה צו זאגען, אַז איהר האָט עס געטהון פאַר געלד...

דאָ האָט זיך שוין דער יוד צושמייכעלט און אויסגערופען:

— און אַ רבי איז וואָס, איז ער אפשר קיין אורח נישט? ניין איך וועל ביי אייך קיין געלד נישט נעהמען.

— אויב אזוי וועל איך אייך געבען אַ ברכה. ווי איז אייער נאָמען?

— איך האָב מיין רבין און איך לאָז מיך בענוגען מיט זיינע ברכות— האָט דער בעל הבית אָבגעענטפערט.

— האָט אַלזאָ ביי איך מיינס אַ ברכה נישט קיין חשיבות — האָט איך איהם געפרעגט.

— איך בין אַ סאַדאַגורער חסיד און מיר, סאַדאַגורער חסידים, לאָזען זיך בענוגען מיט אונזער רבי'ן...

און ער האָט אויסגעפירט דאָס זייניגע, דער אַרענדאַר, ער האָט מיר דעם נאָמען נישט געזאָגט. אַ, סאַדאַגורער רבי, איהר מעגט זיך בעריהמען מיט אייערע חסידים, איהר האָט אַנ'אַרמעע פון געטרייע זעלנער, וואָס זע־נען גרייט אויף מסירת נפש.

דער סאַדאַגורער רבי האָט געשמייכעלט אָבער דער טאַלנער זצ"ל האָט גלייך צוגעגעבען:

— האַ, אַ שעהנע מעשה, נישט אמת, אָבער דער שוטה מיינט, אַז מיר ווייסען נישט זיין נאָמען, — מיר ווייסען גאַנץ גוט, און מיר האָבען שוין פערזאָרגט איהם מיט עשירות און מיט כל טוב פאַר קינדס־קינדער. הע, געהערט אַביסעל, ער וועט נישט מקבל זיין דעם טאַלנער'ס אַ ברכה.

ער איז אפילו אייערס אַ חסיד, סאַדאַגורער רבי, זאָל אייך נישט פערדריסען, אָבער איך זאָג אייך, אַז ער וועט שוין איינמאָל מקבל זיין, ער וועט מקבל זיין פאַר קינדער און פאַר קינדס־קינדער...

לז

א ררייטער קוק

יענעם שבת, ווען דער טאַלנער רבי זצ"ל האָט געווילט אין סאַדאַ־גורע, איז שוין איינמאָל געווען אַ שבת, וועלכען סאַדאַגורער חסידים האָבען געהאַט לאַנג צו געדענקען. דאָס התנהגות פוןביידע צדיקי הדור ביים שבת'דיגען טיש. דאָס מכבד זיין איינער דעם אַנדערען, דאָס התבטלות, וואָס יעדער איינער פון זיי האָט אַרויסגעוויזען האָט אַלעמען ממש אַרויס־געבראַכט פון די כלים. און דער חסיד, וואָס האָט דאָס מיט זיינע אייגענע אויגען בייגעוואוינט, האָט זיך בעטראַכט אַלס דעם גליקליכסטען אויף דער וועלט.

קודם כל האָט דער סאַדאַגורער רבי מכבד געווען דעם טאַלנער מיט פיהרען טיש. אָבער דער טאַלנער זצ"ל האָט זיך דערפון אָבגעזאָגט:

— איהר זענט בעל הבית און איך בין צו אייך געקומען — האָט דער טאַלנער געטענה'ט, מוז איך מיך צופאַסען צו אייך.

סוף כל סוף איז געבליבען, אַז ביידע פיהרען טיש. דאָס הייסט, יעדער פיהרט זיך אויף זיין שטייגער, פונקט ווי ער איז זיך שטענדיג נוהג.

אין סאדאגורע פלעגען גאנץ אָפט ווײלען בעריהמטע צדיקים אַלס געסט, אָבער אזא כבוד איז קײנעם פון זײ נישט צוגעטײלט געוואָרען.

ביים טיש, האָט דער סאַדאגורער רבי מכבד געווען זיין גאַסט מיט זאָגען תורה, אָבער דער טאַלנער האָט קײן תורה נישט געוואָלט זאָגען, ענטפערענדיג: מיר זעמיר איצט ניט דערביי.

אַ גאַנצען שבת איז דער טאַלנער רבי זצ״ל געווען שטאַרק פערדביקות׳ס פערמוח׳ט. עס איז קענטיג געווען, אַז דער צדיק איז גאַר שטאַרק בעשעפטיגט אין אַ הויכען ענין.

ערשט צו שלש סעודות, וואָס איז געפּראַוועט געוואָרען בײם רבי׳ן אין דער פּריוואַט־וואוינונג, ביי אַ גאַנץ קלײנעם עולם, וואָס איז בעשטאַנען פון דעם סאַדאגורער רבינ׳ס קינדער און גאַר נאָהנטע מקורבים, איז דער טאַלנער רבי ענדליך מרוצה געוואָרען צו זאָגען תורה:

— און דאָס איז דער ענין פון וזרח השמש ובא השמש — האָט דער הייליגער טאַלנער זצ״ל אָנגעהויבען — יעדער דאַרף שטרעבען איבערצולאָזען אַ ממלא מקום, ווען חלילה נישט, הייסט עס „שקעה חמה שלא בעונתה״, וואָס דאָס איז דער היפך פון סדר העולם. דאָס איז אויך דער סוד פון לקוי המאורות, וועגען וועלכען די הייליגע גמרא זאָגט, אַז דאָס איז אַ פּועל יוצא ווען אַ תלמיד חכם איז נספד געוואָרען שלא כהלכה, און שלא כהלכה הייסט קודם כל בחיי אביו.

דעריבער שטעהט ביי דוד המלך ויקרבו ימי דוד למות, נור די טעג זענען ביי איהם אָבגעשטאָרבען, מחמת ער האָט איבערגעלאָזט דעם אמת׳ן ממלא מקומו און דעריבער האָט ער געקענט זאָגען מיט שמחה: הנני הולך בדרך כל האדם, ווי דער סדר פון דער וועלט און: האב קודם לבנו, אַ טאַטע איז פריהער ווי אַ קינד...

געווען איז עס שוין איינמאָל אַ שמועס. אַ פחד אלקים האָט געהערשט אויף אַלע אָנוועזענדע. מען האָט געפיהלט, אַז מען פאַלט־אָב אברים׳ווייז. אָבער נאָך מעהר איז געווען דאָס דביקות פון סאַדאגורער רבין בעת׳ן דאָזיגען שמועס, און עס איז קיין הוה אמונה נישט געווען. אַז דאָס איז נישט עפּעס גלאַט אַזוי אַ שמועס אָהן שום בונד. יעדער האָט געפיהלט בחוש, אַז עס איז נישט פּשוט.

אין יענעם מוצאי שבת האָט דער סאַדאגורער רבי זצ״ל זיך פּשוט קיין אָרט נישט געקענט געפונען, דעם טאַלנערס שמועס האָט איהם נישט געלאָזט צורוה, איז ער אומגעגאַנגען איבער׳ן חדר שטאַרק צוקאָכט ווי נישט זיין שטייגער, ערשט ביי דער מלוה מלכה האָט ער זיך בערוהיגט און אַ זאָג געטהון צו זיינע קינדער, וועלכע האָבען איהם געפרעגט פּשט אין דעם טאַלנער׳ס דבורים.

— די וועלט זאָגט, אַז ער איז אַ קלוגער און איך זאָג, אַז ער איז פון יענע חכמים אויף וועלכע די הייליגע גמרא זאָגט, חכם עדיף מנביא,

ווייסט איהר פאַרוואָס? ווייל אַ נביא זאָגט וואָס ער ווייסט, וואָס ער זעהט בנבואה, וואָס מען הייסט איהם זאָגען, און אַ חכם ווייסט וואָס ער זאָגט. אַ נביא זאָגט נאָר על פי רוב פאַר יענעמ׳ס וועגען און אַ חכם זאָגט גלייכצייטיג פאַר יענעם און פאַר זיך, די מדרגה פון אַ חכם איז בחינת אדם. און אויף אַזאַ חכם האָבען אונזערע חז״ל געזאָגט איזהו חכם הלומד מכל אדם...

אָבער וואָס דער טאַלנער האָט באמת געמיינט מיט׳ן דאָזיגען אויס־טערלישען שמועס, האָט מען זיך דערוואוסט מיט אַ פאָר יאָהר שפּעטער בעת דער סאדאגורער רבי האָט געהאַט דאָס זעלבע אומגליק וואָס דער טאַלנער רבי, פערלירענדיג בחייו זיין ממלא מקומו. די דאָזיגע תורה האָט זיך דעריבער צוגעפּאַסט פאַר ביידע..

און ביי דעם אומגליק, וואָס האָט איהם געטראָפען, האָט דער סאַדאַ־גורער רבי אַרויסגעוויזען אזאַ אויסטערלישען כח, וואָס מען האָט עס ממש נישט געקענט פערשטעהן. מען האָט געזעהען בחוש, אַז דער רבי האָט מבטל געווען בתכלית הביטול אַלע גשמיות׳דיגע ענינים, ווי זיי וואָלטען אַבסאָלוט נישט עקזיסטירט. און ווי פיהלבאַר דאָס אומגליק איז נישט גע־ווען, האָט מען אָבער אויף איהם נישט בעמערקט קיין שפור פון אבלות ווי קיין זאַך וואָלט נישט געשעהען...

איצטער אַ פּאָר ווערטער וועגען ריזשינער׳ס התנהגות ביים טיש.

געגעסען האָט דער ריזשינער גאָר וועהניג. מעהר ווי איין לעפעל האָט ער קיינמאָל נישט פערזוכט. אָבער פריהער פלעגט ער דאָס מאכל אַזוי פערזאַלצען, אַז קיינער האָט דערנאָך נישט געקענט עסען דערפון.

אויך פון פלייש האָט ער בלויז טועם געווען און באַלד עס צוטיילט שיריים.

זעהר אַ שעהנעם עפּיזאָד דערצעהלט מען וועגען דעם זעלבען ענין צווישען די סאַדאגורער חסידים:

בעת דער ריזשינער זצ״ל איז זיך צום ערשטען מאָל צונויפגעקומען מיט זיין מחותן דער קאָסאָווער רבי, דער פאָטער פון זיין איידעם דער וויזשניצער רבי זצ״ל, האָט מען נאַטירליך געפּראַוועט אַ סעודה ווי דער שטייגער איז. האָט דער קאָסאָווער רבי געגעסען ווי דער דרך העולם איז. און דער ריזשינער האָט בלויז טועם געווען, פון יעדען מאכל עטוואָס.

— פאַרוואָס עסט איהר עפּעס גאָרנישט — האָט דער קאָסאָווער רבי אַ פרעג געטהון זיין מחותן.

— איידער מיר זענען אַראָב אויף דעם עולם — האָט דער ריזשינער געענטפערט — האָבען מיר זיך אויסגענומען מיט אונזער גוף אַ תנאי, אַז אַנדערש קענען מיר נישט מיט איהם ווערען אַ מחותן, סיידען ער וועט

מסכים זיין צו זיין אַ מסתּפק במועט, און נישט נור אַ מועט, נור טאַקי אַ מועטא דמועטא, פון אַלע צרכי הגוף, אין געגענטייל בעשטעה איך נישט אויפ'ן התחברות. האָט אונזער גוף מסכים געווען דערויף און פון דאַמאָלס אָן היט ער דעם דאָזיגען תּנאי פּינקטליך און געטרוי.

דערהערענדיג די דאָזיגע דיבורים, האָט דער קאָסאָווער רבי אַוועקגעלעגט דעם לעפעל, אָבגערוקט דעם טעלער, און אויפגעהערט צו עסען.

ווען דער ריזשינער זצ"ל האָט עס אין אַ ווייל אַרום בעמערקט, האָט ער אויסגערופען:

— און איהר, מחותן, פאַרוואָס עסט איהר נישט, צי האָט אפשר אייער גוף אויך זיך עפּעס מתחייב געווען?

דער קאָסאָווער רבי' האָט אַ שמייכעל געטהון און אויסגערופען:

— מיר האָבען זיך מיט אונזער גוף גאָרנישט מתחייב געווען, און דערפאַר זענען מיר זיך נוהג צו עסען וויפיעל דער גוף דאַרף האָבען, אָבער איצטער איז מיר פערענטפערט געוואָרען אַן ענין, וועלכער איך האָב קיינמאָל נישט רעכט פערשטאַנען.

פרייטאָג צונאַכטס, ווען אַ יוד קומט אַהיים פון שוהל בעגלייטען איהם צוויי מלאכים, איז ער זיי מקבל פּנים מיט אַ פיינעם שלום עליכם מלאכי השרת, ער זינגט זמירות, תּהלות ותשבחות, אָבער תּיכף ומיד פּאַרטיגט ער זיי אָב, זאָגט ער צו די הימלישע געסט צאתכם לשלום, געהט איך געזונדטערהייט. איז דאָך די קשיא: פאַרוואָס שיקט ער עפּעס זיי אַזוי גיך אַוועק, פאַרוואָס לאָזט ער זיי נישט זיצען בשעת'ן עסען?...

נאָר דער תּירוץ איז: אַ מענש קען נישט עסען, בשעת עס זיצען נעבען איהם מלאכים, וואָס עסען גאָרנישט...

לח

דער בורים און די פּירות

אין דער חסידישער וועלט דערמאָהנט מען מיט גרויס פּחד דעם זמן ווען עס איז נסתּלק געוואָרען פון דער וועלט די גרויסע און הייליגע נשמה פון ריזשינער זצ"ל. וועגען דעם דאָזיגען זמן ווערען דערצעהלט אָהן אַ שיעור מעשיות און עפּיזאָדען, צווישען די חסידים פון דער ריזשינער גזע.

געווען איז עס אין אָנהויב פון יאָהר תּרי"א. אין יענעם ראש השנה האָט זיך אין סאַדאַגורע פערזאַמעלט זעהר אַ גרויסע צאָהל חסידים, מעהר ווי אַלע יאָהר. ווי דער עולם וואָלט געפיהלט, אַז דאָס איז דער לעצטער ראש השנה, וועלכען זיי האָבען נאָך די זכיה אָבצוהאַלטען צוזאַמען מיט זייער גרויסען רבין.

ביי די טישען האָט דער ריזשינער זצ״ל זעהר פיעל געשמועסט וועגען ענין קץ, און ענין ביאת המשיח. די גדולי החסידים האָבען פערשטאַנען, אַז דער ענין איז נישט פשוט און דעריבער איז גרויס געווען דער פחד וואָס האָט צווישען זיי געהערשט.

ביים לעצטען ראש השנה׳דיגען טיש האָט דער ריזשינער צדיק פּלוצלינג אויסגערופען:

— צי הערט איהר נישט דעם שופר של משיח? איך הער איהם יאָ! מען דאַרף דעריבער זיין גרייט.

און דער הייליגער ריזשינער האָט זיך טאַקי גענומען גרייטען, גרייטען זיך צו זיין לעצטען וועג.

אָבער נאָך מעהר בפירוש׳ער האָט מען מרגיש געווען די נאָהנטע הסתלקות פון ריזשינער אין דזשיקאָוו.

דער רבי ר׳ אליעזר דזשיקאָווער זצ״ל איז געווען פון די גרעסטע און חשוב׳סטע גוטע יודען אין זיין צייט. אַ זוהן פון אַלטען ראָפּשיצער זצ״ל, האָט ער באַלד נאָך דער הסתלקות פון זיין גרויסען פאָטער בשום אופן נישט געוואָלט איבערנעהמען דעם עולם, כאָטש אַלע זענען צו איהם צוגעשטאַנען און געקרוינט איהם פאַר זייער מנהיג. איך בין נישט ראוי דערצו — האָט ער געטענה׳ט, מאַכט בעסער פאַר אַ רבין מיין שוואָגער ר׳ אשר׳ל, ער איז מעהר ראוי דערצו.

און כך הוה, אין ראָפּשיץ איז פערבליבען דער איידעם פון אַלטען ראָפּשיצער און ר׳ אליעזר האָט זיך אַוועקגעצויגען קיין דזשיקאָוו, וואו ער האָט פערנומען דעם רבנות-אַמט.

אָבער דער עולם האָט סוף כל סוף אויסגעפיהרט. דער דזשיקאָווער רב האָט ענדליך מסכים געווען צו ווערען רבי. באַלד איז זיין נאָמען בעריהמט געוואָרען אין דער גאַנצער חסידישער וועלט, טויזענדער חסידים האָבען געצויגען צו איהם, און אַזוי אַרום איז געשאַפען געוואָרען די גרויסע גוט-יודישע דזשיקאָווער גזע.

דער דזשיקאָווער רבי זצ״ל האָט זיך נוהג געווען יעדען ראש השנה צו מאַכען אַ „מי שבירך״ אַלע צדיקי הדור. האָט ער ערב ראש השנה אַריינגערופען זיין סופר, ר׳ הירש איז געווען זיין נאָמען, און ער פלעגט אויסרעכענען די נעמען פון די רביים מיט די מוטערס נעמען לויט׳ן סדר, וואָס ער האָט פאָרגעזאָגט. די דאָזיגע נעמען האָט דער סופר אויפגעשריבען אויף פּאַרמעט, און בעת דער עלי׳ לתורה, אום ראש השנה, האָט דער דזשיקאָווער רבי אַרויסגעלייענט פון דער רשימה די נעמען פון די גוטע יודען אין ער האָט זיי געמאַכט מי שבירך׳ס.

אַזוי האָט ער זיך תמיד געפיהרט, אַזוי אַז דער סופר האָט שוין געוואוסט ווי אַזוי צו שרייבען דעם סדר. פלעגט ער ערב ראש השנה אַריינ-

קומען צום רבין מיט אַ פאַרטיגע רשימה, וועלכע דער רבי פלעגט בלויז איבערקוקען, און געבען דערויף זיין הסכמה.

שטענדיג האָט זיך דער ערשטער אויף דער דאָזיגער רשימה געפונען דער נאָמען ישראל בן חוה — דאָס איז דער נאָמען פון הייליגען ריזשינער זצ״ל, און אַזוי האָט אויך דער סופר ר׳ הירש אין דעם ערב ראש השנה פון יאָהר תרי״א אויסגעשטעלט אַלס דעם ערשטען פון דער רשימה דעם נאָמען פון הייליגען ריזשינער.

אַריינקומענדיג צום רבין, האָט דער דזשיקאָווער זצ״ל אויסגערופען צום סופר:

— האָסט שוין פערטיג די רשימה?

יאָ, — רבי, — האָט ר׳ הירש אויסגערופען, דערלאַנגענדיג די רשימה דעם רבין.

דער דזשיקאָווער האָט אָבער נישט וואַרפענדיג אַ בליק אויף דער רשימה, אַ פרעג־געטהון:

— וועמענס נאָמען האָסטו צום ערשטען געשטעלט?

— אַזוי ווי תמיד — האָט ר׳ הירש אָבגעענטפערט, דעם נאָמען פון ריזשינער, ווי מען פיהרט זיך שוין שעהנע יאָהרען.

— וואָס, דו זאָגסט מיר שוין דעות — האָט דער דזשיקאָווער רבי אויסגערופען, פרעגסט מיך שוין גאָרנישט, איך האָב שוין גאָרנישט קיין דעה?...

דער סופר איז שטעהן געבליבען ווי פערשטיינערט. בלאַס געוואָרען און נישט פערשטאַנען וואָס עס קומט דאָ פאָר.

דער דזשיקאָווער רבי האָט זיך אויפגעהויבען פון אָרט און גענומען שפרייזען אַ שפאָרע ווייל׳ע איבער זיין צימער. ענדליך האָט ער זיך אבגעשטעלט און אויסגערופען צום סופר:

— שרייב איבער די רשימה, און שרייב אויפ׳ן ערשטען אָרט דעם נאָמען: חיים בן מרים (דאָס איז דער נאָמען פון הייליגען צאַנזער זצ״ל) און אַלס סימן זאָג איך דיר, אַז די ראשי־תיבות פון דאָזיגען נאָמען, זענען די זעלבע ווי פון „מכלכל חיים בחסד״ — האָסט פערשטאַנען וואָס מען רעדט צו דיר?

אוודאי האָט דער סופר פערשטאַנען. ער האָט גלייך פערלאָזט דעם רבינס חדר און גענומען אויספערטיגען אַ צווייטע רשימה. אָבער נישט פערשטאַנען האָט דער גרויסער עולם פאַרוואָס עס איז פלוצלינג ענטשטאַנען די דאָזיגע שנוי און דערצו דער רמז פון מכלכל חיים בחסד...

אָבער עס האָט נישט לאַנג געדויערט, בסך הכל אַ חודש צייט, — און דער עולם האָט געהאַט די מעגליכקייט זיך איבערצוצייגען אין אָפענבאַרען רוח הקודש פון דזשיקאָווער רבין זצ״ל.

אָבער נישט נאָר ערשט אין ראש השנה, האָט מען אין סאַדאגורע

דערפיוהלט, אַז עס רוקט אָן די קאַטאַסטראָפע. נאָר נאָך מיט אַ צייט פרי־הער האָט מען בעמערקט פאַקטען און געשעהענישען, וואָס האָבען געהאַט אַנ'אָנדייט, אַז דער ריזשינער זצ"ל מאַכט שוין די הכנות צו שיידען זיך פון דעם עולם.

באַלד נאָך שבת נחמו, האָט דער ריזשינער זצ"ל ערקלערט, אַז ער פאָהרט אויף אַ שבת אין זיין גוט „פאַטאַק־זלאַטי", וואו ער האָט גע־האַט זעהר אַ שעהנעם הויף.

פאָהרענדיג קיין פאַטאַק־זלאָטי, האָט דער רבי אָנגעזאָגט, אַז קיינער זאָל מיט איהם נישט מיטפאָהרען. די חסידים וואָס זענען געקומען אויף שבת קיין סאַדאגורע האָט ער געהייסען בלייבען אין סאַדאַגורע. ער האָט אויך בעפוילען, אַז פרייטאָג־צונאַכטס זאָל פיהרען טיש דער עלטסטער זוהן זיין רבי שלום־יוסף'ניו זצ"ל, און שבת בייטאָג — דער צווייטער זוהן זיי־נער. דער שפעטערדיגער סאַדאגורער רבי זצ"ל.

צוזאַמען מיט זיך האָט ער ערלויבט מיטצופאָהרען בלויז דעם דריטען זוהן זיינעם רבי בערעניו זצ"ל, דער שפעטערדיגער לייעווער רבי, ווי אויך דער דאַמאָלס אין סאַדאגורע וויילענדער רבי ר' משה קאָברינער זצ"ל, וועל־כער איז געווען אַ שטאַרקער אָנהענגער און אַ פערעהרער פון הייליגען רי־זשינער זצ"ל.

דעם גאַנצען שבת האָט דער ריזשינער פערבראַכט כמעט אינגאַנצען ביחידות, אפילו זיינע בעגלייטער האָט ער נישט צוגעלאָזט צו זיך. ערשט שבת פאַרנאַכט, פאַר זון־אונטערגאַנג איז דער רבי אַרויס אַביסעל אין גאָר־טען אריין שפּאַצירען, דאָרט האָט זיך געפונען אַ פרעכטיגע אַלטאַנע פון צווייגען און בלומען וואו דער רבי האָט זיך אַוועקגעזעצט אָברוהען און געהייסען רופען צו זיך דעם זוהן זיינעם און דעם השוב'ן גאַסט — דעם קאָברינער זצ"ל.

דער ריזשינער זצ"ל האָט דאַן אָנגעהויבען שמועסען תורה זעהר עמקות'דיג, וועלכעביידע האָבען אויסגעהערט מיט אַ פערכאַפּטען אָטעם.

צום סוף האָט דער ריזשינער אויסגערופען:

דער סוד פון שלש סעודות מיינט מען דעם צדיק הדור, ווייל פון דער דאָזיגער סעודה, אין דער צייט פון רעוא דרעוין, געהט אַרויס די השפעה פאַר יודענס וועגען אויף אַ גאַנצער וואָך. דאָס זעלבע איז אויך מיט'ן צדיק הדור, ווי מיר געפונען אין דער הייליגער תורה: ויוסף הוא המשביר — דער צדיק הדור ווערט אָנגערופען יוסף, און ער איז עס דער משפיע פון פרנסה פאַר דער וועלט.

דער ריזשינער איז שטיל געבליבען, זיצענדיג דערביי שטאַרק צוקאָכט. אָבער באַלד דערנאָך האָט ער זיך געווענדעט צום קאָברינער רבי'ן אויס־רופענדיג:

— קאָברינער רבי, איך מיין, אַז מען מוז יוצא זיין שלש סעודות מיט

פירות. לאָמיר טאַקי עסען עטליכע פירות, פון אָט דעם גאָרטען און יוצא זיין מיט שלש שעודות. ס'וואָהר קאָברינער רבי, ס'זיינען שעהנע פירות? מיר האָבען זיך חלילה נישט צו שעהמען מיט די פירות?...

דער קאָברינער זצ"ל, וועלכער האָט פערשטאַנען דעם אמת'ן מכוון, וואָס דער הייליגער ריזשינער מיינט מיט די דאָזיגע דיבורים, איז שטאַרק פערצייטערט געוואָרען. גלייך איז ער אויפגעשפרינגען פון אָרט און מיט גרויס פערצווייפלונג אויסגעשריגען:

— ניין, ניין, הייליגער צדיק, מיר ווילען נאָך נישט נהנה זיין פון די פירות, מיר ווילען נאָך נישט. די פירות זיינען טאַקי זעהר שעהן און זעהר גוט, אָבער די וועלט דאַרף דאָך האָבען דעם בוים גופא!...

דער הייליגער ריזשינער האָט אויף די דיבורים פון קאָברינער רבי'ן גאָרנישט געענטפערט. ער האָט בלויז געבליקט ערגיץ ווייט, ערגיץ אין אין סוף.

אָבער די פערצווייפלונג פון קאָברינער רבי'ן איז כסדר געוואַקסען. דאָס נישט ענטפערען האָט איהם נאָך מעהר אויפגעציטערט און נישט קאָנענדיג זיך בעהערשען, האָט ער אויסגערופען:

— הייליגער צדיק! דער כלל ישראל מוז אייך האָבען!

דער ריזשינער זצ"ל האָט זיך דאַן אויפגעשטעלט פון אָרט, געלאָזט זיך צום אויסגאַנג פון דער אַלטאַנע און כלאחר־יד אָבגעענטפערט:

— נו, ווי באַלד דער דור זאָל מיך דאַרפען, וועט ער מיך האָבען!

און אַזוי רעדענדיג האָט ער זיך געלאָזט צוריקגעהן פון גאָרטען צו זיך אין חדר...

לט

איז די לעצטע טעג

דער רבי ר' משה פון קאָברין זצ"ל וועלכער האָט פון די אויסטערלישע דבורים פערשטאַנען, אַז עס דערנעהנטערט זיך שוין די צייט פון ריזשינער'ס הסתלקות, האָט בעשלאָסען פאַר קיין פאַל נישט אָבצולאָזען דעם רבין ביז ער וועט פון איהם זיך דערוויסען דעם סוד פון ריזשינערס עבדות וואָס איז געווען אַזוי שטאַרק פערשטעלט, אַז קיין שום בריה האָט עס נישט געקענט משיג זיין. מחמת, ווי אַנדערש און מרחק, ווייט איז עס געווען דאָס עבדות פון הייליגען ריזשינער, לגבי דעם דרך החסידות פון אַנדערע גוטע יודען. דער גרויסאַרטיגער הילוך, דער מלכות'דיגער שטאַט, דאָס מתינות און דאָס בעזאָכטקייט, וואָס עס איז פאַר אַלעמען געווען א חידה סתומה.

איז טאַקי דער קאַברינער אין דעם זעלבען שבת צו נאַכטס נאָך הבדלה, אַריין אין חדר פון ריזשינער און געווענדעט זיך צו איהם:

— זאָגט מיר רבי, וועלכעס איז דער וועג משיג צו זיין עבודות הבורא, ווי אַזוי צו דיענען דעם הייליגען בעשעפער.

— וואָס עפּעס אינמיטען דערין — האָט דער ריזשינער געפרעגט דעם קאַברינער רבין.

— תורה היא וללמד אני צריך — האָט דער קאַברינער רבי אויס-גערופען.

דער ריזשינער זצ"ל האָט זיך דאַמאָלס שטאַרק פערטראַכט און אָבּ-געענטפערט:

— ווייס איך וואָס, דאָס איז אַן ענין, וואָס מען קען אין קיין ווער-טער נישט מתלבש זיין. עס איז בבחינת לבא לפומא לא גליא. פונדעסט-וועגען וועל איך אייך צוליעב טהון און איך וועל אייך דערצעהלען אַ מעשה'לע:

געווען אַמאָל אַ קעניג האָט ער געהאַט צוויי גוטע פריינד, אוהבים נאמנים. אויך דער קעניג האָט זיינע גוטע פריינד שטאַרק ליעב געהאַט. ממש זיך נישט געקענט אָהן זיי אַ טאָג בעגעהן. האָבּען זיך די דאָזיגע גו-טע פריינד פון קעניג אָנגעהויבען גרויס האַלטען, בלאָזען פון זיך, אַ קליי-ניגקייט זייער חשיבות ביים מלך, ווי גרויס עס איז די צוגעבונדענקייט פון מלך צו זיי, האָבּען זיי אָנגעהויבען ערלויבען זיך אַזעלכע זאַכען, וואָס קיין אַנדערער האָט זיך נישט ערלויבט.

אין תחילת איז עס געווען אַ קליינינקייט, אַ קליין עבירה'לע, דעם קעניג האָט עס טאַקי פערדראָסען, אָבער ער האָט זיך געמאַכט נישט זע-הענדיג. ער האָט אַוועקגעקוקט. האָט עס די צוויי לייט נאָך מעהר צוגע-געבען קוראַזש, האָבּען זיי געטהון אַ גרעבערע עבירה, וואָס האָט שוין גע-שמעקט מיט אַ גרויסע שטראָף. אָבער אויך דאָס מאָל האָט דער קעניג מכפר געווען, פאַרט גוטע פריינד, און וואָס טהוט מען נישט פאַר גוטע פריינד?...

הקיצור, די גוטע פריינד פון קעניג זעהענדיג, אַז די אהבה פון קע-ניג איז אַזוי גרויס, אַז אפילו אַזאַ גראָבּע עבירה, פאַר וועלכע מען געהט אין תפיסה אַריין ווערט זיי נישט גערעכענט, האָבּען זיי זיך ערלויבט אויף נאָך אַ גרעסערע עבירה, אויף אַ פשוטע מרידה במלכות...

דאָ האָט שוין דער קעניג נישט געהאַט קיין דעה. דאָס קעניגליכע געריכט האָט זיי געשטעלט צום משפט און גע'פסק'ענט מיתה, ווי עס קומט די מורדים במלכות.

ערשט איצט האָבּען זיך די גוטע פריינד אַרומגעזעהען ווי ווייט זיי האָבּען געשטעלט אויף דער גוט-פריינדשאַפט פון מלך. אָבער איצטער איז

שוין געווען פערפאַלען. זיי מוזען שטאַרבען. דאָס געריכט האָט אַזוי געפּסק'ענט.

אָבער, היות ווי זיי זענען דאָך געווען דעם קעניגס גוטע פריינד, האָט זיי דאָס געריכט ערלויבט זיי זאָלען געהען צום קעניג וויינען און בעטען פאַר איהם, און אויב ער וועט זיי שענקען דאָס לעבען וועט עס זיין געשענקט. אַ קעניג קען דאָך אַפילו לפנים משורת הדין בעגנעדיגען וועמען ער וויל.

זענען זיי געפאַלען פאַר'ן קעניג און געקלאָגט און געוויינט. דערמאָהנט דאָס גוט-פריינדשאַפט זייערס, אַז אַ שטייגער האָט עס געקענט ריהרען.

האָט דער קעניג זיי געענטפערט מיט האַרבע רייד. אָנגעוויזען אויף די חטאים, וואָס זיי זענען בעגאַנגען אין דער לעצטער צייט אויף וועלכע ער האָט זיך געמאַכט אַוועקקוקען.

— אָבער איהר — האָט דער קעניג אויסגעשריען — אַנשטאָט צו בעטראַכטען עס פאַר אַ חסד, אַז דער קעניג טהוט עס מיט אייך לפנים משורת הדין, האָט איהר דערפאַר נאָך מעהר גאוה בעקומען, איהר האָט גערעכענט אַז אויף דער גוט-פריינדשאַפט פון מלך קען מען אַלץ אויסשטעלען אַפילו אַ בפירושע מרידה — ניין מיינע ליעבע פריינד. איהר האָט געבען אַ גרויסען טעות געהאַט און איצט זענט איהר געמשפט געוואָרען, נישט נור פאַר דער איצטיגער עבירה, נור אויך פאַר די עבירות, וואָס איהר זענט פריהער בעגאַנגען.

— אָבער היות ווי איהר זענט פאַרט געווען מיינע גוטע פריינד, און איהר זענט געווען איינגעבאַקען אין מיין האַרץ, וועל איך מיט אייך טהוען אַ חסד: איך וועל בעפעהלען צו ציהען אַ שטריק איבערן שטראָם פון טייך, און איהר וועט דאַרפען אַריבערגעהען איבער דעם שטראָם געהענדיג איבער דער שטריק. וועט איהר אויסהאַלטען דעם דאָזיגען עגזאַמען, און איהר וועט בשלום אַריבערקומען דעם טייך, איז אַ סימן, אַז פון הימעל האָט מען אייך מוחל געווען און איהר וועט בלייבען לעבען, און ווען נישט, וועט איהר ממילא אומקומען אין די ברויזענדע כוואַליעס פון טייך.

און כך הוה. מען האָט פערצויגען אַ שטריק איבער דעם טייך, און דער ערשטער האָט גענומען שפּרייזען איבער דער שטריק ביי דער אַלגעמיינער שפּאַנונג פון אַ גרויסען עולם און ג–ט האָט געהאָלפען, ער איז אַריבער בשלום, ער איז ניצול געוואָרען פון אַ זיכערען טויט.

— אַ שמחה, אַ גדולה, אַ קלייניגקייט אַ מענש איז אָבגעראַטעוועט געוואָרען פון טויט!...

לויפט צו איהם צו דער צווייטער ידיד, וועלכער דאַרף איצט דעם עגזאַמען אויסהאַלטען און רופט אויס צו איהם:

— זאָג מיר, ברודער, כ׳בעט דיך, לערן מיך ווי אַזוי קען מען אַרי־בערגעהן איבער אַזאַ שמאָלע שטריק, ווען דאָס לעבען געפונט זיך אין דער גרעסטער געפאַהר, ווען אַלץ ווערט געשטעלט אויף אַ האָהר. זאָג מיר אויך וויז מיר, ווי אַזוי ווערט מען עס ניצול פון די ברויזענדע כוואַליעס?

— דאָס קען מען נישט לערנען, מיין ליבער פריינד, האָט דער ניצול־געוואָרענער אויסגערופען. דאָס קען מען מיט קיין ווערטער נישט איבער־געבען, דאָס קען נישט ווערען קיין סיסטעם, וואָס אַלע קענען אָנווענדען אויף׳ן זעלבען אופן און ניצול ווערען פון דער סכנה. דאָס מוז מען אַליין תופס זיין. דאָס מוז מען אַליין משיג זיין. אָבער איין זאַך וועל איך דיר יאָ זאָגען: מען מוז כסדר, אָהן אויפהער, טראַכטען צו דערהאַלטען דאָס גלייכגעוויכט. טאָמער גיט עס אַ ציה פון איין זייט, זאָל מען באותו רגע זיך אַ בויג טהון אויף צוריק, דאָס איז דער גאַנצער סוד פון מיין רעטונג. און דאָס האָב איך געטהון געהענדיג איבער׳ן שטראָם און אַ דאַנק דעם בין איך לעבען געבליבען...

אין די לעצטע פאַר וואָכען פאַר דער הסתלקות, האָט יעדער איינער, אַפילו נישט דער גרויסער בעל-מדרגה געקענט זעהען, אין דער התנהגות פון צדיק, אַז דאָס איז ער זיך מכין צו דער הסתלקות. אויך זיינע תורה־שמועסען זענען געווען וועגען דעם זעלבען ענין, פול מיט בולט׳ע אָנצוהערעניש׳ען וואָס האָבען אָנגעוויזען, אַז דער הייליגער ריזשינער נעהמט אָבשיעד פון זיינע חסידים.

אין דעם לעצטען סוכות, האָט דער ריזשינער געגומען זאָגען תורה אויף דעם יהי רצון כשם שקיימתי וישבתי בסוכה זו כך אזכה ליישב בסוכת עורו של לויתן״. אין ריזשין האָט מען נישט געזאָגט „אזכה״ — אַ לשון יחיד, נאָר „יזכנו״ — אַ לשון רבים. איצטער האָט עס דער רבי מבאר געווען, — מיר זאָגען יזכני — אַ לשון רבים. מיר זאָלען האָבען די זכי׳, מחמת אַ צדיק איז נישט נהנה פון זיין חלק עולם הבא, ווי באַלד ער פיהלט דאָרט צרות ישראל, און נישט דווקא צרות הכלל נאָר אַפילו צרות הפרט, און בפרט פון זיינע אָנגעקניפטע חסידים.

דעריבער בעטען מיר זיך: יזכנו לישב בסוכת עורו של לויתן, מיר אַלע צוזאַמען זאָלען זיין יורשי גן־עדן, לבל ידח ממנו נדח. קיינער טאָר אונז נישט פעהלען, און אַלע זאָלען מיר זיין צוזאַמען בעלמא דקשוט...

דער צדיק האָט זיך שטאַרק פערדבקות׳ט, אַ מורא׳דיגע שטילקייט האָט געהערשט אין דער סוכה. אַ געוואַלדיגע געשפאַנטקייט כדי צו הערען דעם רבינס ווייטערדיגע דבורים.

פלוצלינג האָט דער הייליגער ריזשינער אויסגערופען:

— געוואַלד! וואָס טהוט מען זיך פאַר אַ׳עצה, געוואַלד, וואו נעמט מען

עפעס אַ מיטל נישט צו פערגעסען אויף יענער וועלט דעם צער פון די יודען, פון דער כנסת ישראל אויף דער וועלט?...

דערביי האָט דער הייליגער ריזשינער אָנגעהויבען זינגען דאָס בעקאַנטע ריזשינער ניגונ'דל וואָס האָט אָנגעוואָרפען אַ פחד אויף דעם גאַנצען עולם, וואָס האָט זיך געפונען באותו מעמד.

דעם לעצטען סדר אין זיין לעבען (פסח תר"י) האָט דער הייליגער ריזשינער זצ"ל אָבגעריכט פול מיט שנויים. אַזוי למשל האָט ער דעם פזמון „והיא שעמדה לאבותינו ולנו" איבערגעזאָגט זעכציג מאָל און יעדעס מאָל איז זיין פנים נשתנה געוואָרען.

ביים סוף פון סדר האָט ער אַ זאָג געטהון צו זיינע מקורבים:

— עס וועט קומען אַ צייט, ווען אלע מלוכות וועלען בעהערשט ווע-רען מיט אַנ'אויסערגעוועהנליכער שנאה צו יודען ביז זיי וועלען אונז פער-טרייבען מיט געוואַלד קיין ארץ ישראל. ווייל קיין שום לאַנד וועט אונז נישט וועלען אַריינלאָזען, און באמת וועט עס זיין פאַר יודען אַ גרויסער בזיון, וואָס די אתחלתא דגאולתא זאָל זיך אָנהויבען אויף אַזאַ אופן. אָבער פערפאַלען. זאָל שוין זיין וואָס עס וויל, אַבי מיר זאָלען שוין ענדליך זוכה זיין צו דער גאולה...

מ

דאָס הסתלקות פון ריזשינער זצ"ל

אין די לעצטע טעג פון זיין לעבען, האָט דער הייליגער ריזשינער זצ"ל זעהר אַ סך פערברענגט מיט זיינע קינדער. ער האָט מיט זיי פיעל געשמועסט וועגען זיין דרך אין חסידות און וועגען זיין גייסטיגע ירושה, וואָס ער לאָזט זיי איבער.

— דאָס שווערסטע און גרעסטע עבודות — האָט דער ריזשינער מיט התלהבות אויסגערופען, — ליגט נישט דווקא אין סיגופים, אין פרישות. דער טייטש פון וואָרט התבודדות, איז נישט אַז מען זאָל זיך אינגאַנצען אויס-טיילען פון דער וועלט און דערווייטערען זיך פון מענשען, נישט אין דעם ליגט די קונץ. מען דאַרף קענען האָבען התבודדות דווקא צווישען טויזענ-דער מענשען אַפילו ווען מען איז אין עולם און מיט'ן עולם קען מען אויך זיין אויסגעטהון פון דער וועלט און זיין ווייט פון מענשען...

סיגופים מיינט מען נישט דווקא, אין אַ קאַלטער ווינטער-נאַכט אין אַ קאַלטען אין דרויסען, קוילערענדיג זיך אין שניי און טובל'ענדיג זיך אונטער'ן אייז. סיגופים קען מען האָבען אַפילו אונטער דער וואַרימער פע-רינע, אויך דאַמאָלס קען מען פיהלען דעם טעם פון חיבוט הקבר, ווען

מען דערמאָהנט זיך אין דעם אפס, אין דער נישטיגקייט פון אַ בשר ודם געגען דער גרויסקייט פון אין סוף... און פיהלט מען דאָס, מאַכט מען דאָך ממילא נאָס די קישענס מיט טרעהרען ווי דוד המלך זאָגט אין תהלים: בדמעתי ערשי אמסה...

און יעדען פריהמאָרגען האָט מען טאַקי געפונען די קישענס נאָס און דורכגעווייקט מיט טרעהרען.

איינמאָל, ווען דער הייליגער ריזשינער איז געזעסען אין קרייז פון זיינע קינדער און געשמועסט וועגען תכלית, האָט ער פלוצלינג אויסגערופען צו זיי:

— „העלפט אייך דאָ ווי איהר קענט און פערלאָזט אייך נישט אויף מיר". דאָס גרעסטע וואונדער וואָס די הייליגע תורה דערצעהלט וועגען משה רבנו בשעת דער פטירה און דעם גרעסטען שבח וואָס מען זאָגט איהם נאָך איז דאָס וואָס: לא כהתה עינו, זיין אויג איז נישט פערבלענדעט געוואָרען בשעת דער פטירה פון די גרויסע אורות, פון די עולמות העליונים, ער זעהט ווייטער און פיהלט די יודישע צרות, ער ווייסט אַליין און פיהלט מיט אונז מיט. אָט דאָס הייסט אַנ'אמת'ער רועה ישראל, און דערפאַר איז זיין ערשטער שבח „לא כהתה עינו". אָבער ווי אַזוי קען מען דערגרייכען צו אַזאַ הויכער מדרגה?

— העלפט זשע אייך קינדער דאָ, ווי איהר קענט, און פערלאָזט אייך נישט אויף מיר!...

חסידים דערצעהלען, אַז דעם לעצטען יום־כפור, בעת דער הייליגער ריזשינער איז אַריין אין קלויז צום דאַווענען האָט ער אַרויפגעלעגט די האַנד אויף דער מזוזה און געזאָגט שטילערהייט די ווערטער: „הריני כפרת כל ישראל"!

אין דעם לעצטען יום כפור האָט דער הייליגער ריזשינער איבערגעלעבט זעהר אַ שווערען תענית. אַ מוראדיגע דורשט האָט איהם געפייניגט מען האָט געזעהען, אַז עס האַלט ביי סכנת נפשות, אַז עס איז ממש באו מים עד נפש, חסידים זענען אַרומגעגאַנגען צורודערט, ווייל מען האָט פשוט מורא געהאַט פאַר אַנ'אומגליק. אַזוי האָט עס געדויערט אַ גאַנצען טאָג ביז עס איז נאַכט געוואָרען און מען האָט שוין געמעגט טועם זיין, דאַן האָט זיך פלוצלונג דער דורשט פון איהם אָבגעטהון.

אָבער דער שרעקליכער דורשט, פון וועלכען ער האָט געליטען אַ גאַנצען מעת לעת, האָט פעראורזאַכט פאַר'ן רבי'ן אַ שווערע קראַנקהייט. דער רבי איז געצוואונגען געווען צו פערבלייבען אין בעט, און אַזוי ליגענדיג האָט ער ווייטער פאָרטגעזעצט זיין הייליגע עבדות, און אויפגענומען זיינע חסידים.

די קראַנקהייט האָט זיך אָבער מיט יעדען טאָג פערערגערט, מען האָט אַראָבגעבראַכט דאָקטוירים פון טשערנאָוויץ, פון לעמבערג און זאַגאַר פון

וויען, אָבער קיין דאָקטאָר האָט נישט געגעבען קיין גוטע האָפנונגען און אַלע האָבען געפיהלט, אַז די קאַטאַסטראָפע רוקט אָן.

אַזוי האָט עס געדויערט ביז ג׳ מרחשון פון יאָהר תרי״א ווען עס האָט זיך מיטאַמאָל געפיהלט גאָר שלעכט. האָט ער פּלוצלונג געהייסען אַריינלאָזען אַלע יודען, וואָס האָבען זיך געפונען איפ׳ן הויף און געזאָגט תהלים מיט גרויסע בכיות, און אויפהויבענדיג זיינע הענד צו ג-ט, האָט ער אויסגערופען מיט די לעצטע כחות:

— די הייליגע גמרא זאָגט, אַז רבינו הקדוש האָט פאַר זיין פּטירה אויפגעהויבען זיינע הענד זאָגענדיג צו השם יתברך: גלוי וידוע לפניך, נאָר דו, רבונו של עולם, ווייסט, אַז נישט קוקענדיג אויף מיין גרויס עשירות, האָב איך פון דער וועלט נישט נהנה געווען אפילו אויף אַזוי פיעל, ווי דער קליינער פינגער. און איך שווער, אַז איך האָב נישט נהנה געווען פון דעם עולם אפילו כחוט השערה...

באַלד דערנאָך איז פאָרגעקומען די הסתלקות פון גרויסען צדיק. דאָס איז געשעהען כהרף עין, פאַר די אויגען פון הונדערטער חסידים, וואָס זע-נען געווען באותו מעמד...

גרויס איז געווען דער טרויער אין דער חסידישער וועלט. מען האָט געפיהלט, אַז דאָס גרויסע אור, וואָס האָט געלויכטען אַזוי פיעל יאָהרען אַ בער׳ן יודישען האָריזאָנט, איז מיטאַמאָל פערטונקעלט געוואָרען. בליץ-שנעל האָט זיך די טרויעריגע ידיעה פערשפרייט איבער גאַנץ גאַליציען, און יעדער יוד, וואָס האָט זיך געפונען אין אַ מרחק וואָס איז מעגליך גע-ווען צו קומען צו דער לוי׳ האָט אַלץ געלאָזט אויף הפקר און געקומען קיין סאַדאַגורע.

די בכיות און די יללות פון די צעהנדליגער טויזענדער מלוים האָבען פשוט די ערד נאַס געמאַכט. דער צער איז געווען אַזוי גרויס, אַז קיינער האָט נישט געקענט זיך פאַסען. אומעטום זענען איינגעאָרדענט געוואָרען הספדים, וואו עס איז אָבגעשאַצט געוואָרען די גרויסע אבדה פאַר׳ן כלל-ישראל.

לאַנג האָט דער שרעקליכער טרויער צוליעב דער הסתלקות פון היי-ליגען ריזשינער זצללה״ה געהאַנגען איבער דער יודישער וועלט, און אפילו נישט חסידים האָבען געפיהלט, אַז דאָס יודענטום האָט פערלוירען אַ גרויסע און הייליגע פערזענליכקייט, אַ זייל אויף וועלכער דער כלל ישראל האָט זיך סומך געווען...

דער ריזשינער זצ״ל האָט איבערגעלאָזט זעקס זוהן און פיער טעכטער. די זוהן זענען געווען:

דער עלטסטער, רבי שלום יוסף זצ״ל, וועלכער איז באַלד נאָך דער פּטירה פון זיין גרויסען פאָטער נפטר געוואָרען.

דער צווייטער זוהן איז געווען רבי אברהם יעקב, דער סאַדאגורער רבי זצ״ל, וועלכער האָט נוהג נשיאות געווען אין סאַדאגורע גאַנצע דריי און דרייסיג יאָהר.

דער דריטער: רבי מנחם נחום, דער שטעפּינעשטער רבי זצ״ל.
דער פערטער: רבי בער, דער ליאָווער רבי זצ״ל.
דער פינפטער: דער בעריהמטער טשאָרטקאָווער רבי ר׳ דוד משה זצ״ל.
דער זעקסטער און דער יונגסטער, רבי מרדכי פייבוש זצ״ל — דער הוסיאַטינער רבי.

די איידעמס זענען געווען: דער סקאָווערער רבי ר׳ איציקל זצ״ל, דער בעריהמטער וויזשניצער רבי ר׳ מענדיל זצ״ל און נאָך צוויי איידעמס, וועלכע זענען געווען גבירים און גרויסע מיוחסים און האָבען גע־שטאַמט פון בערדיטשעוו.

דער עלטסטער זוהן פון הייליגען ריזשינער רבי שלום יוסף זצ״ל, וועלכען מיר האָבען נאָר וואָס דערמאָהנט, איז נפטר געוואָרען ניין חדשים נאָך דער פטירה פון זיין פאָטער. נפטר געוואָרען איז ער אונטערוועגס, אויף א נסיעה אין דייטשלאַנד, אין דער שטאָדט לייפּציג און דאָרט איז ער אויך צו קבורה געקומען.

געווען איז ער אַ גרויסער עובד, וועלכער האָט געוואוסט, ווי אַזוי זיין עבודות פאַר אַ זייטיג אויג צו בעהאַלטען. דער הייליגער ריזשינער האָט שטאַרק שטאָלצירט מיט זיין דאָזיגען בכור און בעת ער האָט איהם חתונה געמאַכט, האָט דער הייליגער ריזשינער אַרויפגעלעגט די האַנד פאַר דער חופּה אויף דעם חתנ׳ס קאָפּ און אויסגערופען.

— מיין טאַטע זכרונו לברכה, האָט געזאָגט: אין מיינע קינדער וועט מען דערקענען ווער איך בין. און איך זאָג, אין מיינע קינדער וועט מען דערקענען נפלאות הבורא...

באַלד נאָך דער פטירה פון זיין גרויסען פאָטער, האָט ר׳ שלום יוסף זיך זעהר שלעכט געפיהלט, ער האָט לויט דער עצה פון דאָקטוירים גע־דאַרפט פאָהרען אין אַן אויסלענדיש קור־אָרט, אָבער ער האָט כסדר די דאָ־זיגע נסיעה אָבגעלעגט, ביז עס איז געקומען דער חודש אלול, האָט ער פּלוצלינג מודיע געווען, אַז ער פאָהרט.

פאַרוואָס עס איז ענטשטאַנען די פּלוצלינגע שנוי, האָט נאַטירליך קיינער נישט געוואוסט. מען האָט אָבער אויך נישט געפרעגט קיין קשיות. מסתמא ווייסט ער וואָס ער טהוט, בפרט אַז ער האָט מיט זיך מיטגענומען אַ מנין יודען.

אַזוי אַרום איז ער אָבגעפאָהרען פון סאַדאגורע. און קיינער האָט נישט מרגיש געווען, אַז דאָס איז טאַקי זיין לעצטע נסיעה.

אויפ'ן וועג האָט מען זיך אָבגעשטעלט אין לייפּציג. דאָ האָט זיך דער חולה אָנגעהויבען זעהר שלעכט צו פיהלען. ער האָט פערשטאַנען, אַז עס דערנעהנטערט זיך די שעה פון זיין הסתלקות, האָט ער צוגערופען זיין גבאי און אויסגערופען צו איהם:

— עס זאָל דיר נישט אַמאָל איינפאַלען מיך מטלטל צו זיין פון דאַנען קיין סאַדאגורע, כּדי מיך קובר צו זיין נעבען מיין הייליגען פאָטער. דאָ אין לייפּציג רוהען אויך יודען, און דאָ קומט מען אויך צו קבורת ישראל — האָסט פערשטאַנען?

און אַזוי איז טאַקי געשעהען. י"א אלול תרי"א איז דעם ריזשינערס עלטסטער זוהן רבּי שלום יוסף זצ"ל נסתלק געוואָרען און געבראַכט געוואָרען צו קבורה אויפ'ן לייפּציגער בית עלמין.

חסידים דערצעהלען אַ פּלא'דיגע מעשה מיט אָט דעם נפטר, וואָס איז געשעהען מיט פיעל יאָהרען פריהער.

ביים ריזשינער זצ"ל איז געווען אַ מנהג אַז באַלד ווי מען האָט איהם מבשר געווען, אַז עס איז איהם געבוירען געוואָרען אַ קינד האָט ער געהייסען פאַר זיך ברענגען דאָס קינד כּדי עס אָנצוקוקען. עס פערשטעהט זיך, אַז דער הייליגער ריזשינער זצללה"ה האָט דערביי געהאַט גאָר הויכע כּוונות אָבער אַזוי האָט ער זיך שטענדיג געפיהרט.

אויך ווען ר' שלום יוסף איז געבוירען געוואָרען, האָט מען איהם געבראַכט דאָס קינד.

ווי נאָר דער הייליגער ריזשינער האָט אַ בּליק געטהון אויפ'ן קינד האָט ער אויסגערופען צו זיינע מקורבים:

— אַ שעהן שטיקעל לייפּציגער סחורה!...

געמיינט האָט מען, אַז דער רבּי מיינט דערמיט צו זאָגען, אַז עס איז אַ גוטע סחורה, ווייל אַלע גוטע סחורות קומען דאָך פון לייפּציג, הייסט עס מסתמא אַ גרויסע נשמה.

ערשט יעצט נאָך דער פּטירה פון רבּי שלום יוסף זצ"ל, האָט מען ערשט פערשטאַנען דעם אמת'ן מיין פון הייליגען ריזשינערס דבּורים. עס איז אַ לייפּציגער סחורה, ער האָט איהם הייסט עס בעשטימט פאַר לייפּציג, וואו ער איז נסתלק געוואָרען און געקומען צו קבורה.

מא

די ירושה־תפילין

חסידים דערצעהלען, אז פאר דער הסתלקות האט דער הייליגער ריזשינער זצ״ל צוגערופען צו זיין בעט אלע זיינע קינדער און געשמועסט מיט זיי דברים כבושים. צום סוף האט ער צו זיי אויסגערופען:

דער דרך העולם איז, אז יעדער טאטע לאזט איבער ירושה פאר זיינע קינדער. אבער וואס זאל איך אייך איבערלאזען, אז פערמאגען פערמאג איך גארנישט...

פונדעסטוועגען האט ער צוגערופען יעדען איינציגען פון זיינע קינדער און איהם איבערגעגעבען א טייל פון זיינע עצמיות. צום בכור, רבי שלום יוסף זצ״ל, האט ער איבערגעענטפערט זיין צורה, צום סאדאגורער רבי — זיין מח, צום ליאוואר רבי — זיין עניוות, צום טשארטקאווער רבין — זיין יראה, צום שטיבניעטשער — זיין חכמה, און צום יונגסטען דעם הוסאטינער רבין — זיין מושכל ראשון.

דערנאך האט ער מוסיף געווען:

איך מיין נישט דערמיט צו זאגען, אז קיינער פון אייך קען נישט דערגרייכען צו דעם וואס דער ברודער פערמאגט. דאס וואס איך גיב אייך איז ירושה, און דאס איבעריגע דארפט איהר אליין זיך מייגע זיין, כדי צו דערגרייכען צו עבודות הבורא.

מיר געפונען ביי די הייליגע אבות: אלקי אברהם, אלקי יצחק ואלקי יעקב, איז דאך די קשיא, צו וואס דארף מען צושטעלען דאס ווארט אלקי צו יעדען איינעם פון די אבות וואלט דאך גענוג געווען צו שטעלען אלקי אברהם יצחק ויעקב, נאר דער תירוץ איז: כאטש יצחק האט דאך געקענט לערנען אלקות ביי זיין פאטער אברהם, און יעקב ביי זיין פאטער יצחק, דאך האט יעדער איינער פון די אבות אליין זיך פערטיעפט אין דער ג־ט־ליכקייט. אליין דערגרייכט די הכרה אלקות און נישט געוואלט קומען צום גרייטען.

נאך דער פטירה פון הייליגען ריזשינער זענען אלע קינדער אבגעפאהרען קיין פאטאק זלאטי, אין דעם גוט וואו דער צדיק האט פערברענגט אין דער לעצטער צייט און האט עס שטארק מחבב געווען. דארט האבען זיך פערקליבען אלע זיהן און איידעמס פון הייליגען ריזשינער א חוץ זיין איידעם דער וויזשניצער רבי, וועלכער איז שוין דאן געווען רב אין וויזשניץ און מען איז צוגעטרעטען זיך צוצוטיילען מיט דער ירושה.

עס איז איבעריג צו זאָגען, אַז דאָס עשירות וואָס האָט זיך געפונען אין סאַדאַגורער הויף איז געווען אין לשער. פונדעסטוועגען האָט קיין שום זאַך נישט אַרויסגערופען אַ סכסוך נאָר אַ פּאָר תּפילין.

די דאָזיגע תּפילין האָט דער ריזשינער בעקומען בירושה פון זיין פאָטער רבי שלום שכנא זצ״ל, וועלכער האָט די תּפילין געירשנ׳ט פון זיין פאָטער רבי אברהם המלאך זצ״ל. אין די חסידישע קרייזען שמועסט מען, אַז די דאָזיגע תּפילין האָבען געהערט צום בעל שם טוב הקדוש און זענען געשריבען געוואָרען דורך זיינעם אַ תּלמיד בקדושה ובטהרה.

די דאָזיגע תּפילין זענען באמת געווען אַ פּלא, דאָס כּתב פון די פּרשיות איז תּמיד געווען אַזוי פריש, אַזוי ריין, די אותיות און דער טינט האָט אַזוי געגלאַנצט מיט פרישקייט, פונקט ווי זיי וואָלטען נאָר וואָס אָנגעשריבען געוואָרען.

די דאָזיגע תּפילין זענען ביים הייליגען ריזשינער חשוב׳ער געווען ווי אַלץ אין דער וועלט. ער האָט עס בעטראַכט פאַר זיין טייערסטען אוצר, וואָס קיין שום הון דעלמא האָט לגבי דעם קיין חשיבות נישט געהאַט, ווען עס פלעגט צום ריזשינער קומען אַ גרויסער גאַסט, און ער פלעגט איהם בעטען צו ווייזען עפּעס פון זיינע וועלט-בעריהמטע אַנטיקען, פלעגט דער הייליגער ריזשינער תּמיד שטאָלצירען מיט זיינע תּפילין.

מען דערצעהלט, אַז בעת דער טריסקער מגיד ז״ל איז געווען צו גאַסט ביים ריזשינער, האָט זיך דער מגיד געבעטען ווייזען די אַזוי שטאַרק געריהמטע תּפילין.

דער ריזשינער האָט נאַטירליך זיין חשוב׳ען גאַסט געוויזען די תּפילין און דערביי דערצעהלט פאָלגענדע געשיכטע.

— בעת די רוסישע רשעים האָבען מיר גענומען תּפוס, האָב איך בעשלאָסען נישט מיטצונעהמען מיט זיך די דאָזיגע תּפילין, ווייל איך האָב מורא געהאַט, עס איז דאָך עפּעס אַ תּפיסה טאָמער ווערען זיי דאָרט חלילה פערפאַלען. האָב איך זיי דעריבער געלאָזט אין דער היים און אָנגעזאָגט איינעם פון מיינע מענשען, שטאַרק אַכטונג צו געבען אויף דעם דאָזיגען טייערען אוצר, און אין תּפיסה האָב איך מיטגענומען אַנדערע תּפילין.

— פאַרוואָס זשע האָט איהר אייער ספר-תורה׳לע יאָ מיטגענומען און נישט מורא געהאַט אַז עס וועט פערפאַלען ווערען — האָט דער מגיד געפרעגט.

— איר פרעגט גאַנץ גוט, טריסקער מגיד, אויך דאָס ספר תורהלע איז ביי מיר חשובער ווי אַלע אוצרות אין דער וועלט. אָבער דאָס ספר תורהלע האָב איך געמוזט מיטנעמען מיט זיך צוליב אַ טעם כּמוס, וואָס געהט אַריין אין גדר פון „ליבא לפומא לא גליא״.

גלייך ווי איך בין אַהיימגעקומען פון תּפיסה — האָט דער הייליגער

ריזשינער זצ"ל פאַרטגעזעצט דאָס געשפּרעך — גלייך בין איך אַוועק אין מיין בעהעלטעניש, אַרויסגענומען די תּפילין און געלאָזט זיי עפענען, כּדי זיך איבערצוציייגען צו די פּרשיות זענען דאָרט ווי עס געהער צו זיין. ווי גרויס איז דעריבער געווען מיין צער, דערזעהענדיג, אַז די אותיות זענען איינגאַנצען בעדעקט מיט אַ געדיכטען שימעל...

איר קענט אייך פאָרשטעלען וואָס איך האָב דאַמאָלס איבערגעלעבט. שטעלט אייך פאָר, ביי מיינע אָבות האָבען די תּפילין זיך תּמיד געהאַלטען ריין און אויך ביי אונדז האָבען מיר יאָהרען לאַנג זיי אַליין איבערגעזעהען עטליכע מאָל אין יאָהר און קיינמאָל האָבען זיי נישט בעדאַרפען קיין תּיקון. און מיטאַמאָל זאָל איך זיין געצוואונגען זיי מתקן צו זיין.

איך האָב מיך גאַנץ גוט פונאַנדערגעווינט, און צום סוף האָב איך בעפוילען מיין שמש, ער זאָל געהן רופען מיין סופר.

אָבער ווי גרויס איז געווען איבערראַשונג, דאָס דעלאַנגענדיג די פּרשיות דעם סופר; האָב איך דערזעהען, אַז די אותיות זענען ווידער ריין ווי תּמיד, אָהן שום פּגמ'לע און פעהלער, אַז זיי דאַרפען נישט דעם מינדעסטען תּיקון...

איך האָב זיך נאַטירליך שטאַרק געפרעהט, פונקט ווי עס איז פריהער געווען גרויס מיין צער אַזוי איז איצטער גרויס געווען מיין שמחה. און איך האָב זיך משער געווען, אַז דאָס וואָס איך האָב פריהער אויף די אותיות געזעהען אַ שימעל איז געווען אַן עונש דערפאַר, ווייל איך האָב די תּפילין פערלאָזט אַזאַ לאַנגע צייט...

עס איז איבריג צו זאָגען, אַז יעדער איינער פון ריזשינערס קינדער האָט געוואָלט זוכה זיין אין אָט די זעלטענע תּפילין.

היות אָבער ווי מען האָט נישט געקענט אַדורכקומען צווישען זיך איז געבליבען במוסכם אַז מען זאָל ליציטירען צווישען זיך אויף אַזאַ אופן: יעדער איינער פון די יורשים זאָל אויפשרייבען אויף אַ צעטעל, וויפיל ער איז גרייט מוותר צו זיין פון דעם פאָטערס ירושה בשכר ער זאָל בעקומען די דאָזיגע תּפילין, און ווער עס וועט אַממעהרסטען מוותר זיין פון דער ירושה דער זאָל די תּפילין בעקומען.

אָט די צעטעלעך האָט יעדער אַריינגעלעגט אין אַ פערמאַכטען קאָנווערט וועלכען מען האָט איבערגעגעבען אין דער האַנט פון עלטסטען ברודער רבי שלום יוסף זצ"ל, וועלכער האָט זיך פערנומען מיט מחלק זיין די ירושה.

נאָכדעם ווי מען האָט שוין געהאַט בעשלאָסען צוצורעטען עפענען די קאָנווערטען האָט מען זיך מיישב געווען, אַז דאָס גלייכסטע איז אַ גורל ווייל דער וואָס דאַרף באמת זוכה זיין צו די תּפילין איז נישט שייך, אַז ער זאָל דאַדורך פערלירען זיין חלק ירושה וואָס עס קומט איהם עפ"י דין ועפ"י יושר.

און אַזוי איז געבליבען. מען האָט געוואָרפען גורל, און זוכה געווען האָט דער טשאָרטקאָווער רבי, רבי דוד משה זצללה״.

נאָכדעם ווי דער גורל האָט שוין דעצידירט, אַז די תפילין געהערען צום טשאָרטקאָווער זצ״ל, איז געבליבען דאָס אויף טשעקאָוועס זאָל מען עפּענען די קאָנווערטען כדי צו זעהען ווי וויט חשיבות די תפילין האָבען און וויפיל יעדער איינער איז געווען גרייט מוותר צו זיין פון זיין חלק ירושה, כדי ער זאָל בעקומען די תפילין.

אין ווי איבערראַשט זענען אַלע געבליבען ווען מען האָט געעפענט דעם טשאָרטקאָווערס קאָנווערט און דאָרט איז געשטאַנען אויפגעשריבען אַז ער איז גרייט מוותר צו זיין אויף דער גאַנצער ירושה, ער זאָל אפילו נישט בעקומען אפילו אַ שוה פרוטה אַבי ער זאָל די דאָזיגע תפילין בעקומען.

היות אָבער ווי די ברידער זענען נאָך אַלץ געשטאַנען אונטערן רושם פון דעם דאָזיגען גורל, האָט זיך צו זיי געווענדעט דער טשאָרטקאָווער רבי זצ״ל:

— וואָס חידושט איהר אייך אַזוי וואָט די תפילין געהען איבער צו מיר, עס איז גאָרנישט קיין צופאַל וואָס איך האָב זוכה געווען בגורל. די תפילין געהערען צו מיר, ווייל אַזוי איז געווען דער רצון פון הייליגען טאַטען ומעשה שהי׳ כך הי׳:

עטליכע חדשים איידער איך האָב אָנגעהויבען לעגען תפילין, האָט מיך דער טאַטע זכרונו לברכה אַרייגערופען צו זיך אין חדר אַריין און געשמועסט מיט מיר הלכות תפילין אַ לענגערע צייט. ביים סוף פון שמועס האָט דער טאַטע אויסגערופען:

— הערסטו דוד מושה׳ניו, האָב איך פאַר דיינעטוועגען אַ פּאָר טייערע תפילין, אַנ׳אמתער אוצר יקר. וואָס קיין שום ערך אין דער וועלט איז נישט גלייך צום דאָזיגען אוצר.

די דאָזיגע דיבורים האָט דער טאַטע פאַר מיר איבערגעחזרט אַ גאַנץ סאַך מאָל אין משך פון דער צייט, ווען איך האָב ביי אים געלערענט די דינים פון תפילין אָבער ווי גרויס איז געווען מיין פלא, ווען ער האָט פשוט געשיקט נאָכן סופר און בעשטעלט ביי אים פאַר מיינעטוועגען אַ פּאָר פרשיות.

האָב איך זיך שטענדיג געוואונדערט. ס׳טייטש, אַ פּאָר תפילין געשריבען פון אַ פשוטען סופר זאָל דער טאַטע אָנרופען אַנ׳אמתער אוצר יקר ?... ניין עס קען נישט זיין, עס איז נישט פשוט.

ערשט מיט יאָהרען שפּעטער האָב איך פערשטאַנען אַז דער טאַטע האָט מיט זיינע דיבורים מכוון געווען אויף די טייערע תפילין, וואָס ער האָט בעקומען בירושה פון זיינע אָבות, אַז די דאָזיגע תפילין וועלען אַמאָל געהערען צו מיר.

מב

דער בלבול

אין משך פון גאַנצען יאָהר תרי״א, האָבען אַלע קינדער פון ריזשי־נער זצ״ל פערבראַכט אין זייער גוט פּאַטאָק־זלאָטי, וואו זיי האָבען נוהג אב־לות געווען נאָך זייער גרויסען פאָטער און נישט געוואָלט נוהג נשיאות זיין.

ווי שוין דערצעהלט, איז דער עלטסטער זוהן פון ריזשינער, רבי שלום יוסף זצ״ל, נפטר געוואָרען אין אלול פון דעם זעלבען יאָהר. דער צווייטער נאָך איהם — רבי אברהם יעקב זצ״ל איז דעריבער געווען דער עלטסטער פון די ברידער. זענען צו איהם צוגעשטאַנען זיינע יונגערע ברי־דער, ווי אויך אַ גרויסער טייל פון ריזשינער עולם ער זאָל אויף ראש השנה צוריקפאָהרען קיין סאַדאגורע. און ווערען דער ממלא מקום פון זיין פאָטער ז״ל.

אַזוי אַרום איז סאַדאגורע ווידער געוואָרען דער גרויסער חסידישער צענטר וואו עס האָבען געשטראָמט טויזענדער חסידים פון לאַנד און פון אויס־לאַנד אין דער צייט, ווען די איבריגע ברידער זענען זיך צופאָהרען אין פערשיעדענע שטעדט, וואו זיי האָבען זיך איינגעאָרדענט און ערוואָרבען זיך טויזענדער אָנהענגער.

אָבער שוין אין די ערשטע יאָהרען פון זיין נשיאות, האָט דער סאַ־דאגורער רבי דערפיהלט דעם טעם פון גלות, ווערענדיג אַריינגעצויגען אין אַ שרעקליכען בלבול, צוליעב וועלכען ער איז געגאַנגען אין תפיסה אַריין. און פונקט ווי זיין פאָטער דער ריזשינער זצ״ל, אַזוי האָט אויך זיין זוהן און ממלא מקום, געמוזט זיין פערשפּאַרט אין תפיסה פאַר אַ זינד וואָס ער איז אבסאָלוט נישט בעגאַנגען.

די געשיכטע פון דאָזיגען אויסטערלישען בלבול איז פאָלגענדע:

אין אַ רוסיש שטעדטעל האָט געוואוינט אַ יוד מיט׳ן נאָמען חייקל, וועלכער האָט זיך מפרנס געווען פון אַ גאָר נישט שעהנע פּרנסה. זיין עובדה איז געווען צו פאַלשעווען געלד, נאָכמאַכען רוסישע רובל׳ס און זיי פער־שפּרייטען צווישען די פּויערים.

דער דאָזיגער יוד איז אַמאָל געפאָהרען קיין סאַדאגורע הגם קיין חסיד איז ער נישט געווען.

מאַכט זיך אַ מעשה און מען ענטדעקט ביי דעם יוד דאָס פאַבריקעל

מיט'ן פאַלשען געלד. דער יוד וועט זעלבסטפערשטענדליך אַרעסטירט, אָבער דאָ קומט אונטער, ווי דער שטייגער איז אין אַזעלכע פאַלען, אַ יוּדישער מסור, וועלכער טראָגט אונטער דער צאַרישער רעגירונג, אַז דער סאַדאגורער רבי זאָל האָבען חלילה געהאַט עפּעס אַ שייכות מיט דעם ענין „והא ראי'" חייקל איז אַמאָהל „געפאָהרען" קיין סאַדאגורע!...

די רוסישע רעגירונג האָט זיך אין דעם אָנגעכאַפּט ווי אין אַן אבן טוב.

עס איז איבריג צו זאָגען, אַז עס האָבען זיך געפונען „גוטע פריינד" פון די דאַמאָלסדיגע „משכילים, וועלכע האָבען געגאָסען אייל אויפ'ן דאָזיגען פייער, מען האָט דעם ענין צושמירט אויף קליינע טעלערלעך און אַרויסגעקומען איז עס אַ פיין געריכט, וואָס איז געווען אַזוי שטאַרק צום טעם פון די צאַרישע סאַטראַפּען.

ענדליך האָט זיך די רוסישע רעגירונג אָפיציעל געוואָנדען צו דער עסטרייכישער רעגירונג, דאָס היות ווי עס איז פעסטגעשטעלט געוואָרען, אַז דער סאַדאגורער רבי איז אַ שותף צו דעם דאָזיגען מסחר, פאָדערט אויף די רוסישע רעגירונג, אויפ'ן סמך פון קאָנווענט צו פערפאָלגען די פערברעכער, וואָס ברענגען שאָדען איינע פון די מלוכות. צו אַרעסטירען דעם רבי'ן מיט זיינע נאָהנטע מקורבים.

באַלד נאָך פסח פון יאָהר תרט"ז (1856) האָט אַ ספּעציעלע זשאַנדאַמעריע אָבטיילונג פון טשערנאָוויץ געמאַכט אַן איבערפאַל אויפ'ן רבינ'ס הויף אין סאַדאגורע, צוגענומען זעהר פיעל ווערטפולע חפצים, אַרעסטירט דעם רבי'ן מיט אַכט פערזאָן פון זיינע מקורבים און זיי אָבגעפיהרט קיין טשערנאָוויץ אין תפיסה.

עס איז איבריג צו זאָגען וואָסער גרויסער רעש עס האָט אין דער יודישער וועלט אַרויסגערופען דער דאָזיגער סקאַנדאַל, וואָס האָט נישט זיינס גלייכען, צו נעהמען און אַרעסטירען אַ בעריהמטען רבי'ן, וואָס פערמאָגט פיעל טויזענדער אָנהענגער, צוליעב עפּעס אַ נאַרישען בלבול, אין דער צייט, וואָס מען האָט געוואוסט, אַז דער סאַדאגורער רבי, איז אַ רייכער מענש און ער נויטיגט זיך כלל נישט אין אַזעלכע געשעפטען, חסידים זענען אַרומגעגאַנגען שטאַרק נידערגעשלאָגען, פערלוירען זיך און נישט געוואוסט, וואָס מען הויבט אָן צו טהון, בכדי דעם דאָזיגען בלבול צו נישט מאַכען און דעם רבי'ן בעפרייען.

אָבער דאָס איז כלל נישט אַזוי לייכט אָנגעקומען. די פערביסענע געגנער פון חסידות האָבען שוין לאַנג אויסגעקוקט אויף אַזאַ געלעגענהייט. שוין לאַנג האָבען זיי געזוכט מיט וואָס צו קאָמפּראָמיטירען אַ גרויסען רבי'ן און ווען עס האָט זיך די דאָזיגע געלעגענהייט געמאַכט, האָבען זיי עס בעשלאָסען אויסצונוצען אויפ'ן גרויסען אופן, כאָטש קיינער פון זיי

האָט נישט געגלויבט אין דער גאַנצער געשיכטע, וויסנדיק גאַנץ גוט, אַז עס איז נישט מעהר ווי אַ נאַרישער און זינלאָזער בלבול.

האָט מען גענומען צושמירען אין דער פרעסע די דאָזיגע געשיכטע. איבערהויפט האָט מען זיך געלאָזט וואוילגעהן אין דער יודיש-דייטשער פרעסע, וועלענדיג פערשוואַרצען דאָס פּנים פון די חסידים און די גוטע יודען אויף דער גאַנצער וועלט.

אונפערשעהמט איז די נאָטיץ אין דער וויענער יודישער „אַלגעמיינער ציימונג” (זייט 381, יאָהר 1856) וואָס איז אָבגעדרוקט מיט ספּעציעל פעטע שריפט:

— „אַ גרויסער סקאַנדאַל האָט אַרויסגערופען דער פאַקט, וואָס דער רבי פון די חסידים אין סאַדאגורע איז פערהאַפטעט געוואָרען, ווייל ער האָט געפעלשט רוסישע שטאַאַטס-נאָטען. מען האָט ביים רבי'ן אין קעלער געפונען די געלד-פרעס. מען האָט תיכף איינגעזעצט דעם רבי'ן צוזאַמען מיט אַכט מקורבים, וואָס האָבען זיך בעטייליגט אין די פאַבריקאַציע פון די דאָזיגע רובל'ס. מען האָט אויך איינגעזעצט די אַלמנה פון רבינ'ס פאַטער. זיין גרויס גוט אין קאָלאָמעאַ (?) האָט דערווייל די רעגירונג איבער-גענומען. ביי דער פערהאַפטונג זענען צוויי חסידים דערשאָסען געוואָרען, ווייל זיי האָבען געשטעלט אַ ווידערשטאַנד”.

דער דאָזיגער נאַרישער פּאַמפלעט, האָט קענטיג געמאַכט אַ שווערען רושם אויף די מעסיגערע לעזער פון די ציימונג, האָבען זיך אָנגעהויבען שיטען אַ מבול פון אָנפראַגען און מען האָט געשטורמט די רעדאַקציע מיט בריעף, כדי צו דערוויסען זיך די פּרטים פון דער דאָזיגער אויסטערלישער געשיכטע. די רעדאַקציע האָט דעריבער אַרויסגעשיקט אַ שליח קיין טשער-נאָוויץ, וועלכער האָט פעסטגעשטעלט, אַז קיין געלד-פרעס האָט מען אין קעלער פון רבינ'ס וואוינונג נישט געפונען. אויך האָט מען דעם אַלטען רבינ'ס אַלמנה נישט אַרעסטירט. נאַריש איז אויך די בעהויפטונג, אַז צוויי חסידים זענען דערשאָסען געוואָרען, מחמת קיינער האָט נישט געשטעלט קיין ווידערשטאַנד. דער רבי מיט אַכט פון זיינע נאָהנטע זענען טאַקי אַרעסטירט געוואָרען, און זיי זיצען אין טשערנאָוויצער צענטראַל-אַרעסט. דאָס גוט פּאָטאָק-זלאָטי האָט די רעגירונג פערנומען אַלס משכון. מען האָט אויך קאָנפיסקירט דעם רבינ'ס מזומנע פערמעגען, דערונטער פינפצען טוי-זענד גילדען, וואָס געהערען צום ארץ-ישראל-כולל, מחמת דער רבי איז דער נשיא פון כולל, ווי אויך אַלע ווערט-זאַכען. די דאָזיגע איוב-פּאָסט האָט אין גאַנץ גאַליציען, סיי ביי אָרטאָדאָקסען און סיי ביי נישט אָרטאָדאָקסען געמאַכט אַ טיעפען און שטאַרקען איינדרוק.

דער שרייבער בעהויפטעט אויך, אַז לויט ווי ער האָט זיך אינפאָר-מירט, איז עס נישט מעהר ווי אַן'אונפערשעהמטער בלבול, מחמת דער רבי גופא האָט מיט קיין געלד-עסקים קיינמאָל נישט צו טהון.

דערווייל האָט מען אָנגעהויבען שטורמען אין דער גאַנצער וועלט. מען האָט אָנגעהויבען אַרבייטען אויף פערשיעדענע אופנים. ספּעציעלע שלי־חים זענען געפאָהרען קיין ווינען, און קיין פּעטערבורג. מיט דער גאַנצער אַקציע אין רוסלאַנד האָט אָנגעפיהרט דער גרויסער רבי ר׳ אהרן קאַרלינער זצ״ל, וועמענס איידעם דער סאַדאַגורער רבי איז געווען. ער איז אויך אָפּט געקומען קיין טשערנאָוויץ, כדי אויפ׳ן אָרט זיך מיישב זיין וואָס עס איז פאַרהאַן אויפצוטהון.

אין דערווייל זענען אַוועק וואָכען און חדשים און דער ענין האָט זיך נישט קיין ריהר געטהון. די רוסישע רעגירונג האָט אויסגעפּאָרשט דעם ענין אויף איהר שטייגער: מורא׳דיג צושלעפּט און לאַנג, נישט געאיילט זיך לגמרי, און די עסטרייכישע רעגירונג האָט גאָרנישט געקענט אויפטהון ביז די אויספאָרשונג וועט אינגאַנצען פערענדיגט ווערען: קיין אַדוואָקאַט אַלס פאַרשטעהער פון רבי׳ן האָט מען צו דער אויספאָרשונג נישט צוגעלאָזט, מחמת דער רבי איז געווען אַן׳עסטרייכישער אונטערטאַן. אַזוי האָט זיך דער ענין פערוויקעלט אויף אַ משונה׳דיגען אופן און עס האָט זיך נישט געווי־זען קיין שטראַהל פון האָפנונג.

דער רבי איז דערווייבער פערבליבען אין תפיסה, וואו ער האָט אי־בערגעלעבט מורא׳דיגע ענויים, געפינענדיג זיך אין אַ זעהר שלעכטע אונ־ערטרעגליכע בעדינגונגען.

מב

אין תפיסה

ווי שוין דערצעהלט איז דער סאַדאַגורער רבי זצ״ל צוליב אַ שענדלי־כען בלבול אַריינגעפאַלען אין תפיסה און עס איז קיין מיטעל נישט געווען ווי אַזוי איהם צו בעפרייען. אַלץ איז אָבהענגיג געווען פון דער אויספאָר־שונג, וואָס די רוסישע אויספאָרשונגס־מאַכט האָט געפיהרט. אָבער אויך צו־להכעיס, כדי דער רבי זאָל וואָס לענגער שמאַכטען אין תפיסה, האָבען די רוסישע סאַטראַפּען דעם גאַנצען ענין אָוועקגעלעגט אין אַ זייט און גאָרנישט צוגעריהרט זיך צו דער אויספאָרשונג. דער סאַדאַגורער רבי איז דעריבער געצווינגען געווען צו פערבלייבען אין תפיסה.

חסידים בעהויפּטען, אַז דאָס האָט די רוסישע מאַכט ספּעציעל זיך בוקם געווען אין סאַדאַגורער רבי׳ן זצ״ל, צוליב דעם דורכפאַל, וואָס זי האָט געהאַט ביי זיין פאָטער דעם הייליגען ריזשינער זצ״ל, וועלכער האָט זיך אויף אַזאַ וואונדערפולען אופן אַרויסגעריסען פון זייערע הענד. דאָס וואָס

זיי האָבן נישט געקענט דערגרייכן ביים פּאָטער, האָבן די רשעים געוואָלט דערגרייכן ביים זוהן.

און באמת האָט דער סאַדאַגורער רבי אין טשערנאָוויץ געהאַט זעהר אַ שווערע תפיסה. נישט בלויז דערפאַר ווייל מען האָט איהם צוליב אַ נאַרישען און לעכערליכען בלבול אָבגעריסען פון זיין היים, פון זיין פאַמיליע און פון זייגע טויזענדער אָנהענגער, בערויבט אים פון דער פריי און געהאַלטען איהם פערשפּאַרט אין אַן׳ענגער קאַמער, נאָר הויפּטזעכליך דערפאַר, ווייל ער האָט אין תפיסה געהאַט געוואַלדיגע שטערונגען אין זיין עבדות הבורא און האָט נישט געקאָנט דינען דעם אויבערשטען ווי ער איז געוואוינט געווען. אָט די יסורי הנפש האָבן דעם רבי׳ן אזוי פיעל געערגערט און אין דעם איז בעשטאַנען דער אמת׳ער צער פון שמאַכטען אין תפיסה.

קודם כל האָט דער רבי נישט געהאַט פאַר זיך קיין בעזונדער צימער, ווי ער האָט עס פון דער תפיסה־מאכט פערלאַנגט. דער טורמע־שעף, — אַ גרויסער שונא ישראל — האָט נאָר געזוכט עצות צו פערביטערען דאָס לעבען פון בעריהמטען רבי׳ן. האָט ער אין דער זעלבער קאַמער, צוזאַמען מיט׳ן רבי׳ן אַריינגעפּאַקט אַן׳אוקראַיני׳שען היידאַמאַק, אַן׳אויסוואורף פון דער ערגסטער מדרגה, און דערצו אַ שונא ישראל, — און דער דאָזיגער היידאַמאַק איז עס געווען דער שכן פון רבי׳ן אין משך פון חדשים לאַנג. מיט איהם האָט דער רבי עס בעדאַרפען טיילען די ענגע תפיסה־קאַמער.

שווער צו שילדערען, וואָס דער רבי האָט דאַמאָלס איבערגעלעבט. דער היידאַמאַק האָט איהם פשוט נישט געלאָזט דאַווענען. אַ חוץ דעם האָט ער פעראומרייניגט די קאַמער, אַז עס איז ממש נישט געווען איבער־צוהאַלטען.

דער טורמע־שעף האָט אפילו קיין בענקעל נישט אַריינגעלאָזט אין דער צעלע. אַ גאַנצען טאָג האָט דער רבי געמוזט זיך האַלטען אויף די פיס, און נישט געהאט ווי זיך אָנצושפּאַרען, שלאָפען האָט ער געמוזט אויף דער נאַרע, וואָס האָט זיך, ווי אין יעדער תפיסה מיט׳ן אָנקומען פון דער נאַכט אַרויסגערוקט פון דער וואַנט. די צוויי נאַרעס, וועלכע האָבן זיך אויטאָמאַטיש אַרויסגערוקט פון דער וואַנט אין תחילת נאַכט האָבן ממש פערפולט דאָס גאַנצע קאַמער און עס איז מעהר נישט געווען וואו זיך אַ קעהר צו טהון. טאָמער האָט דער רבי געוואָלט נאָך וואָך־זיין און עוסק זיין אין זיינע ענינים, איז עס נישט מעגליך געווען. אַ חוץ דעם, האָט דער היידאַמאַק געליאַרעמט, אַז מען לאָזט איהם נישט שלאָפען — אַזעלכע ליידען האָט דער רבי געהאַט אויסצושטעהן.

מיט גרויס פּראָטעקציע און פאַר שווער געלד האָבן די סאַדאַגורער חסידים אויסגעפּועלט ביים טורמע־שעף, ער זאָל ערלויבען אַריינשטעלען פאַר׳ן רבי׳ן אַ סאָפקע, וואו דער רבי זאָל זיך קענען צושפּאַרען און ער

זאָל נישט דאַרפֿען אַ גאַנצען טאָג שטעהן אויף די פּיס. אויך זאָל צו בײנאַכט דערויף שלאָפֿען און נישט אויף דער האַרטער נאַרע.

דאָס האָט אָבער פֿערדראָסען דעם הײדאַמאַק, און ער איז גײפֿאַלען אויף אַ המצאה. ער האָט נעמליך אויסגענעהט אויף דער סאָפֿע אַ קרײץ, זײענ־דיג זיכער, אַז דער רבי וועט זיך שוין מעהר נישט צושפּאַרען אויף דער סאָפֿע, אויף וועלכער עס איז אויסגענעהט אַ קרײץ, ממילא וועט ער שלאָ־פֿען אויף דער סאָפֿע און דער רבי — אויף דער האַרטער נאַרע.

און כך־הוה, ווי נאָר דער רבי האָט דערזעהען דעם אויסגענעהטען קרײץ, האָט ער זיך שוין מעהר נישט געוואָלט צושפּאַרען אויף דער סאָ־פֿע. דער רשע האָט גאָר שטאַרק אָנגעקוואָלען פֿון זײן ווילדער המצאה, די סאָפֿע, וועלכע איז פֿאַר שווער געלד אַרײנגעבראַכט געוואָרען אין קאַ־מער דורך די חסידישע שתדלנים, האָט געדיענט אַלס געלעגער פֿאַר׳ן רשע און דער רבי איז ווײטער געצווינגען געוועזען צו שטעהן אויף די פּיס אַ גאַנצען טאָג.

דערצו נאָך האָט זיך נעבען דער טורמע געפֿונען אַ קירכע. דאָס קלינגען פֿון די גלאָקען האָט דעם רבי׳ן זעהר שטאַרק דערקוטשעט. מבלבל געווען פֿון זײן עבודה, האָט ער זיך כסדר אַזוי פֿערשטאָפּט די אויערען מיט די שפּיץ־פֿינגער און גאַנצע טעג געשטאַנען אין אַ ווינקעלע נישט גע־בענדיג זיך אַ ריהר.

די חוצפּה פֿון הײדאַמאַק איז אָבער וואָס אַמאָל געוואָרען אַלץ גרע־סער. כל־זמן ער האָט זיך בעגניגענד מיט חוזק מאַכען אין דער שטיל אונטער דעם רבינ׳ס פּלײצעס, האָט דער רבי עס נאָך פֿערשוויגען, האַל־טענדיג, אַז אויך דאָס איז פֿאַר איהם אַן אָבקומעניש מן השמים, אַז אויך דאָס איז אַ טײל פֿון דער תפיסה, אָבער אָט האָט זיך דער פֿאַרשוין ער־לויבט אַפילו צו שטערען דעם רבי׳ן אין זײן דאַווענען. דאָס האָט דער רבי מעהר נישט געקאָנט איבערטראָגען. און ווען דער וועכטער פֿון תפיסה איז אַמאָל צו איהם געקומען, האָט ער געפֿאָדערט בײ איהם מען זאָל אַרויס־נעהמען דעם „שכן" זײנעם פֿון דער קאַמער. דער וועכטער, האָבענדיג גרויס דרך ארץ פֿאַר׳ן רבי׳ן, איז גלײך געלאָפֿען צום תפיסה־שעף און אי־בערגעגעבען איהם דעם רבינ׳ס פֿערלאַנג.

דער תפיסה־שעף האָט אָבער חוזק־געמאַכט פֿון דעם רבינ׳ס פֿאָדערונ־גען אדרבא, עס האָט איהם נאָך מעהר הנאה געטהון די מעשה, זעהענ־דיג דערין אַ בעווײז, אַז דער הײדאַמאַק דערקוטשעט זעהר שטאַרק דעם רבי׳ן און אַלס שכר דערפֿאַר, האָט ער פֿעראָרדענט צו געבען דעם הײדאַ־מאַק אַ דאָפּעלטע פּאָרציע שפּײז יעדען טאָג.

דער רשע, זעהענדיג, אַז פֿאַר׳ן דערקוטשען דעם רבי׳ן ווערט ער נאָך בעלויהנט, האָט ער זיך גענומען מיט מעהר חשק צו פּײניגען דעם דעם רבי׳ן. און אײנמאָל, אַ מאָנטאָג איז עס געווען, ווען דער רבי האָט

געהאַלטען אין דאַווענען, האָט זיך דער היידאַמאַק גאַר שטאַרק צווינגען אויפ'ן הויכען קול. דאָס האָט דעם רבי'ן זעהר פערערגערט, און האַלטענ-דיג ביים לאַנגען „והוא רחום", ביי הבט משמים וראה כי היינו ללעג וקלס בגוים" האָט זיך דער רבי שטאַרק פונאַנדערגעוויינט. אָבער באַלד האָט ער זיך מחזק געווען און אויסגערופען מיט גרויס התלהבות, ובכל זאת שמך לא שכחנו נא אל תשכחנו!...

די דאָזיגע תפלה האָט דער רבי פיעל מאָל איבערגע'חזר'ט מיט גרויס התלהבות.

פלוצלינג איז געשעהען אַן'אויסטערלישע זאַך: דער היידאַמאַק האָט זיך פלוצלינג אָנגעהויבען ווארפען ווי אין קדחת. אַ טויט-שרעק איז אויף איהם געפאַלען. ער האָט זיך אָנגעהויבען רייסען די האָר פון קאָפּ. ער האָט פערלוירען דאָס לשון, זיין גאַנצער גוף איז מיטאַמאָל ווי איינגעשרימפּען געוואָרען פאַר גרויס יסורים.

דאָס האָט געדויערט אַ לענגערע צייט. אָבער שפּעטער האָט ער צו-ריק בעקומען לשון, און ער האָט אָנגעהויבען שרייען מיט בענומענע קולות:

— ראַטעוועט. איך שטאַרב!

די דאָזיגע קולות האָבען אויפגעוועקט די גאַנצע טורמע. אַלץ האָט זיך געשטעלט אויף די פיס. עס זענען זיך צונויפגעקומען די וועכטער און קאַנצעלאַריע-שרייבער און פאַר זייערע אויגען האָט זיך פאַרגעשטעלט אַן'-אויסטערליש בילד: אין אַ ווינקעל פון דער קאַמער איז געשטאַנען דער רבי איינגעהילט אין טלית און תפילין מיט'ן פנים צו דער וואַנט און כמעט זיך נישט בעוועגט. בעת דער היידאַמאַק איז געווען גרין און געל פאַר יסורים, געריסען זיך אויף די גלייכע ווענט און געהאַלטען אין איין שרייען: ראַטע-וועט, נעהמט מיך אַרויס פון דאַנען, דער רבי שניידט פון מיר לעבעדיגע שטיקער, ער טויטעט מיך!..

אין שרעק איז עמיצער פון די וועכטער געלאָפען צום טורמע-שעף. אָבער אויך אין דעם קאַבינעט פון שעף האָט זיך דערזעהען אַ מורא'דיג בילד. אָבער אַנשטאָט וואָס אין קאַמער האָט דער היידאַמאַק געריסען זיך די האָר פון קאָפּ, געדראַפּעט זיך אויף די גלייכע ווענט און געשריגען מיט בענומענע קולות, האָט ער אין דעם עלעגאַנטען קאַבינעט געפונען דעם שעף וואַלגערען זיך אויף דער ערד אין קאָנוואולסיע, ווי ער וואָלט בעקומען אַן'עפּילעפּטישען אַנפאַל...

דער וועכטער איז גלייך געלאָפען אין קאַמער אריין און מיט אַ גע-וואַלד אַרויסגעריסען דעם היידאַמאַק פון רבינס קאַמער לאָזענדיג דעם רבין מיט זיך אַליין. ערשט דאַן איז זיי ביידען מיטאַמאָל בעסער געוואָרען. דער טורמע שעף איז געקומען צו זיך און דער היידאַמאַק'ס שרעק איז פערשוואונדען.

זייט דאַמאָלס האָט זיך די לאַגע פון רבי'ן געענדערט צום בעסע-

רען. דער טורמע שעף האָט פשוט געציטערט פאַר זיין לעבען און האָט אַלץ געטהון, וואָס מען האָט פון איהם פערלאַנגט לטובת דעם רבי׳ן.

ער האָט גלייך פעראָרדענט איבערצופיהרען דעם רבי׳ן אין א גרויס ליכטיג צימער מיט פענסטער, וואָס געהען אַרויס אין טורמע-גאָרטען. ער איז זאָגאַר אַליין געקומען צום רבי׳ן געפאַלען איהם צו די פיס, און געבעטען דער רבי זאָל איהם מוחל זיין פאַר די אונאַנגענעהמליכקייטען, וואָס ער האָט איהם פערשאַפען און דערפאַר איז ער גרייט אַלעס צו טהון פאַר׳ן רבי׳ן, וואָס געהט נאָר אַריין אין די ראַהמען פון געזעץ.

דער רבי האָט דאַן אויסגעווירקט, אַז קודם כל זאָל דער גבאי מעגען זיך געפונען ביי איהם אין קאַמער, און והשנית, זאָל שבת און יום-טוב צוגעלאָזט ווערען אַ מנין צום דאַוונען און מען זאָל אויך אַריינלאָזען אַ ספר-תורה אין דער תפיסה.

זייט דאַמאָלס איז דאָס תפיסה-קאַמער פערוואַנדעלט געוואָרען אין אַ בית-המדרש. פאַר אַ פאָר קראַנען וואָס מען האָט געגעבען דעם וועכטער האָט ער אויך אַמאָל צוגעלאָזט צום רבי׳ן אַ זייטיגען מענשען, דער גבאי האָט זיך תמיד געפונען ביים רבי׳ן. און שבת איז געקומען פון שטאָדט אַ מנין יודען, וואָס האָבען געדאַוונט מיט איהם און אַ לענגערע צייט פערבראַכט מיט׳ן רבי׳ן.

ערשט דאַן האָט דער רבי אויפגעלעבט. בעקומען אַ בעסערען אויס-זעהען און מיט מער ברען געגומען עוסק זיין אין זיין עבודת הבורא.

אָבער די שווערע איבערלעבענישען אין דער פריהערדיגער תפיסה-קאַמער האָבען איבערגעלאָזט זיינע שפורען אויפ׳ן רבי׳נ׳ס געזונד. פון לאַנגען שטעהן אויף די פיס, האָט ער בעקומען אָבגעשוואַכטע פיס, פון וואָס ער האָט אַלע זיינע לעבענס-יאָהרען געהאַט צו ליידען. און פון דעם שטענדיגען האַלטען די שפיץ-פינגער אין די אויערען, האָט זיך איהם געמאַכט אַנ׳אויערען-קראַנקהייט, פון וועלכער ער האָט זיך קיינמאָל נישט אויסקורירט.

מד

די בעפרייאונג

פופצעהן חדשים צייט האָט דער סאַדאַגורער רבי זצ״ל פערבראַכט אין תפיסה. פופצעהן חדשים צייט איז ער געווען אָבגעריסען פון דער היים, פון דער פאַמיליע און פון זיינע טויזענדער אַנהעגער, צוליעב עפעס אַ נאַרישען און לעכערליכען בלבול, פון וועלכען קיינער האָט מתחלה נישט געגלויבט, ביז די בעפרייאונג איז ענדליך געקומען צוליעב אַנ׳אינטערווענץ פון אַ אויסלענדישע גרויסע יודישע פערזענליכקייט, וועמענס השפעה עס

איז געווען זעהר גרויס אויף דער גאַנצער וועלט און מיט זיין פאָדערונג און גאַראַנטיע האָט מען זיך געמוזט רעכענען.

אין משך פון די פופצעהן חדשים, וואָס דער רבי איז געזעסען אין תפיסה, האָט ער כסדר געלערנט די ארבעה חלקי שלחן-ערוך, ביז ער האָט זיי געקענט בעל פה מיט אַלע מפרשים ממש מיט'ן לשון פון שלחן ערוך. אַ חוץ וואָס ער האָט עוסק געווען אין אַנדערע ענינים און שעורים. איבער-הויפט האָט ער בעניַיט די שעורים ווען ער איז אַריבערגעגאַנגען אין דער בעקוועמערער תפיסה-קאַמער, וואו מען האָט שוין געקענט האָבען צו איהם אַ צוטריט און מען האָט צוגעלאָזט צו איהם די נויטיגע ספרים. דאַן האָט ער געלערנט זיינע שעורים פונקט ווי ער האָט זיך נוהג געווען זייענדיג אויף דער פריי.

בכלל האָט זיך דער רבי מעהר נישט געקלאָגט און אפילו נישט גע-הייסען ברענגען קיין קרבנות פאַר זיין בעפרייאונג, קוים האָט ער מנוחה און קיין שטערונגען אין זיין עבודות. ער קען דינען דעם אויבערשטען אונגעשטערט, פערלאַנגט ער מעהר גאַרנישט.

— וואָס דאַרף מען דען חלילה, דערמאָהנען דעם אויבערשטען כביכול, אַז איך, אברהם יעקב בן שרה זיץ אין תפיסה? — האָט דער סאַדאַגורער רבי זצ"ל גע'טענה'ט צו אַלע, וועלכע זענען געקומען מיט טענות, וואָס עס וועט זיין דער סוף און דער תכלית, ווי לאַנג נאָך וועט דער רבי זיצען אין תפיסה.

ווי נאָר דער תפיסה-רעזשים איז אַביסעל לייכטער געוואָרען האָט דעם סאַדאַגורערס רבינ'ס שוועהר, דער גרויסער רבי אהרן פון קאַרלין זצ"ל זיך אָנגעהויבען משתדל זיין, מען זאָל איהם צולאָזען צו זיין איידעם דעם סאַדאַגורער רבי'ן.

דאָ איז שוין צוגעגאַנגען אַביסעל שווערער. דער טורמע-שעף האָט געמליך פון פראָקוראָר בעקומען אַ שטרענגען אָנזאָג, אַז קיין רבנים און סתם „דוכאָוונע" זאָל ער פאַר קיין פאַל נישט צולאָזען צום „אַרעסטאַנט", אָבער דאָך איז עס געלונגען דעם קאַרלינער רבי'ן זצ"ל אַריינצובעקומען זיך אין תפיסה, וואו ער האָט פערבראַכט מיט זיין איידעם עטליכע שעה צייט אין טיעפע, הויכע שמועסען.

די בעגעגעניש צווישען שווער און איידעם איז בעטראַכט געוואָרען אַלס גרויסע געשעהעניש אין דער סאַדאַגורער חסידישער וועלט, און אָהן אַ שיעור עפּיזאָדען ווערען וועגען דער דאָזיגער בעגעגעניש דערצעהלט צווישען די חסידים.

נאָכדעם ווי די ביידע גוטע יודען האָבען זיך בעגריסט נאָך אַזאַ לאַנגע צייט פון זיין אָבגעריסען איינער פון אַנדערען, האָט זיך אָנגעהוי-בען דאָס געשפּרעך.

— ווי פיהלט איהר אייך, סאַדאגורער רבי, דאָ אין תפיסה — האָט איהם דער קאַרלינער געפרעגט.

דער סאַדאגורער רבי האָט אַ ווײַלע געטראַכט און אויסגערופען:

— וואָס איז עפּעס דער חילוק דאָ צי דאָרט? מה לי הכא, מה לי התם? השי״ת איז מלא כל הארץ כבודו. מען געפונט איהם אומעטום

דער סאַדאגורער רבי האָט אַ ווײַלע געשוויגען און דאַן ווידער אָנגעהויבען.

— ווען יוסף הצדיק איז געזעסען אין תפיסה אין מצרים, וועלכעס ווערט אָנגערופען ערות הארץ, דאָס נידריגסטע לאַנד אין דער וועלט דאָך דערצעהלט אונז די הייליגע תורה אַז אויך דאָרט איז ויהי ד׳ את יוסף, דאָרט איז אויך כביכול מיט איהם געווען. מען דאַרף נאר האָבען שכל און וויסען ווי אַזוי צו זיכען איהם, יתברך שמו, געפונען געפונט מען איהך אומעטום...

— נו און ביי וועלכער מדרגה האָט איהר איצט — האָט דער קאַרלינער ווייטער געפרעגט.

— איך האַלט נאָך אַלץ ביי דער אַרבייט צוצוקומען צו דער מדרגה פון „שויתי״ — האָט דער סאַדאַגורער רבי זצ״ל אָבגעענטפערט מיט אַ קרעכץ.

די גדולי החסידות גיבען צו פאָלגענדען פירוש צו אָט די דיבורים:

דער צדיק הדור דאַרף זיך אַזוי אַרויסאַרבייטען, אַז ער זאָל תמיד זיין דבוק אין כביכול אין דעם שויתי ד׳ לנגדי תמיד. ווען ד״ר צדיק איז שוין ביי אָט דער מדרגה האָט ער שוין מעהר נישט קיין שייכות מיט דער ערדישער וועלט. אַלע עולם הזה׳דיגע יסורים מאַכען שוין נישט אויף איהם דעם מינדעסטען רושם און ער פיהלט עס שוין אַבסאָלוט נישט. ווען דער צדיק געפונט זיך אין דער דאָזיגער הויכער מדרגה פערגעסט ער אין אַלע ערדישע יסורים און זיי האָבען גאָר קיין בעדייטונג נישט פאַר איהם. ווען דער קאַרלינער רב זצ״ל האָט געפונען זיין איידעם אין אַזאַ התרוממתדיגען מצב האָט ער גערעכענט, אַז זיין איידעם האָט דערגרייכט די גרעסטע מדרגה כּדי מבטל צו מאַכען אַלע יסורים און נישט פיהלען צומאָלט אַז ער געפונט זיך אין אַ תפיסה, און דאָס האָט איהם וועהגעטהון וויסענדיג אַז די בעפרייאונג קען נאָר קומען דורך זיין אייגענער בעמיהונג און ווען ער פיהלט נישט דעם צער פון תפיסה, בעמיהט ער זיך דאָך אוודאי נישט וועגען דער בעפרייאונג. די תשובה פון סאַדאַגורער רבי׳ן זצ״ל האָט איהם דעריבער בערוהיגט. ער אַרבייט איצטער צוצוקומען צום תכלית, נו פיהלט ער דאָך יאָ דעם צער פון תפיסה, איז אַ סימן, אַז די בעפרייאונג איז נאָהענט...

— דאָ אין תּפיסה איז אַ גינסטיק אָרט אויסצוטהון זיך פון אַלעֶרליי גשמיות — האָט דער קאַרלינער רבי ווייטער אויסגערופען, ווערלענדיג אַ פּנים טרייסטען זיין איידעם וועלכער איז געצוואונגען צו שמאַכטען אין תּפיסה— מען האָט דאָ אמת׳ע התבודדות, מען איז אָבגעזונדערט פון דער גאַנצער וועלט, מען זעהט לחלוטין נישט קיין שלעכטס פאַר די אויגען...

— און איך זאָג — האָט דער סאַדאַגורער רבי איהם אָבגעענטפערט — אַז כּדי צו זיין באמת אויסגעטהון פון אַלערליי גשמיותדיגע ענינים, איז דווקא נויטיג צו זיין צווישען מענשען און צו קענען זייערע שלעכטע נטיות און חפצות און דערביי האָבען די אמתע בחירה, לבחור בטוב ולמאוס ברע. אַ קונץ איז אַרויפצואַרבייטען זיך אין אַנ׳אָרט וואו מען זעהט נישט קיין שלעכטס פאַר די אויגען ? אַדרבה, איך האַלט אַז אזא אַרויפאַרבייטען זיך ברענגט נישט צום תּכלית המכוון, ווייל קוים קומט מען שפּעטער אין בעריהרונג מיט דער וועלט, קען אַלץ קאַליע ווערען. דאַגעגען ווען מען אַרבייט זיך אַרויף אין אַ סביבה וואו מען קען האָבען אַ בחירה, איז עס אַנ׳עבודה של קימה, האָט מען שוין מעהר נישט קיין מורא פאַרן יצר־הרע.

איבריגענס פערשטעה איך נישט דאָס גדלות וואָס בעשטעהט אין בלויזען אָבגעוועגען זיך פון די שלעכטע נייגונגען פון די בהמה׳שע תּאוות און פון די אַנדערעניישען פון יצר הרע. מיינט איהר אַז דאָס איז שוין דער גאַנצער תּכלית ? און אַז מען איז שוין מקיים די גאַנצע תּורה פון בראשית ביז לעיני כל ישראל הייסט עס שוין אַ הויכע מדרגה ? — דאַמאָלס איז מען ערשט אַ פּשוטער יוד, אַנ׳אָדם בינוני אַלץ נאָך נישט אין דער מד־רגה פון אַ צדיק. די מדרגה פון אַ צדיק איז אַ גאָר הויכע. דאָס איז אַנ׳ענין מה שאין הפּה יכול לדבר - וואָס מען קען עס מיט ווערטער נישט אויסדריקען, און צו דער דאָזיגער מדרגה קען מען נישט קומען זיי־ענדיג ווייט פון כּלל ישראל אַרומגערינגעלט פון הויכע תּפיסה מויערן...

— אויב אַזוי פאַר וואָס זשע זיצט איהר דאָ, ווי לאַנג איז דער שיעור צו זיצען אין תּפיסה ?...

— יעדע זאַך האָט זיך זיין שיעור — האָט דער סאַדאַגורער רבי גע־ענטפערט — מסתּמא איז פערהאַן אַ שיעור. אַלץ איז פון איהם כּביכול דעם בעל הרחמים. מיינט איהר, אַז איהר, שוועהר, האָט אויף מיר רחמנות און דער בעל הרחמים חלילה נישט?... זייט רוהיג, עס וועט זיך אויסלאָזען דער שיעור וואָס איז פון הימעל בעשטימט געווען, און דוחק זיין את הקץ איז אוודאי נישט גלייך !

דערמיט האָט דער קאַרלינער רבי זצ״ל אָבשיד גענומען פון זיין איידעם און אָבגעפאָהרען צוריק אַהיים.

אוןווירקליך האָט שוין דער סאַדאַגורער רבי נאָכן דאָזיגן בעזוך פון זיין שוועהר לאַנג נישט פערבליבן אין תפיסה, און די ישועה איז גע־קומען אויף אַנ׳אומגעריכטען אופן, אויף אַנ׳אופן וועלכען מען האָט כלל נישט ערוואַרט.

די גאַנצע בעפרייאונג איז געווען ארומגעהילט מיט סודות. פאַר יחי־די סגולה איז נאָר בעקאַנט געווען אַז אַ שליח מיוחד איז אָבגעפאָהרען קיין לאָנדאָן צו דעם בעריהמטען יודישען שתדלן סיר משה מאָנטאָפיאָרע ע״ה און דערצעהלט איהם אַז דער סאַדאַגורער רבי, דער ממלא מקום פון הייליגען ריזשינער זצ״ל שמאַכט אין תפיסה צוליב עפּעס אַ נאַרישען בלבול.

ר׳ משה מאָנטאָפיאָרע און זיין איידעלע פרוי יהודית הערענדיג פון דער אויסטערלישער בשורה, זענען זיי פשוט אויפגעציטערט געוואָרען און ערקלערט, אַז זיי וועלען נישט רוהען ביז דער רבי וועט בעפרייט ווערען פון יעדען חשד און דער פּראָצעס געגען איהם וועט בטל ווערען בתכלית הביטול.

און ווירקליך האָט ר׳ משה מאָנטאָפיאָרע באַלד זיך מכניס געווען אין דעם ענין. דער ענגלישער אַמבאַסאַדאָר אין וויען האָט גלייך בעקומען אַנ׳־אויפטראַג זיך צו בעקענען מיט דעם פּראָצעס און איהם מאָנטאָפיאָרען תיכף ומיד מודיע זיין אין וואָס עס בעשטעהט דער בלבול, צוליב וועלכען דער סאַדאַגורער רבי זיצט אין תפיסה.

דער ענגלישער אַמבאַסטאָר אין וויען האָט דעם ענין גענוי אויסגע־פאָרשט און געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז מען האָט דאָ צו טהון מיט אַ נידערטרעכטיגען און צוגלייך לעכערליכען בלבול.

דער ענגלישער אַמבאַסאַדאָר איז דעריבער באַלד דערנאָך אויפ׳ן אויפטראַג פון ר׳ משה מאָנטאָפיאָרע אַוועק צום עסטרייך־אונגאַרישען אוי־סערן־מיניסטער און געפאָדערט ביי איהם זאָפאָרט צו בעפרייען דעם אַרעס־טירטען רבין פון דער טשערנאָוויצער תפיסה און מבטל צו מאַכען דעם פּראָצעס אין געגענטייל וועט דער ענין פערוואַנדעלט ווערען אין אַ גרויסען אינטערנאַציאָנאַלען סקאַנדאַל, ווייל די ענגלישע רעגירונג איז זעהר אויפ־געבראַכט צוליעב דער דאָזיגער כהאַט.

דער אַמבאַסאַדאָר האָט אויך ערקלערט, אַז וואָס שייך די פּרעטענס־יעס פון דער רוסישער רעגירונג איז ער בעפולמעכטיגט צו נעהמען אויף זיך די פעראַנטוואָרטליכקייט פאַר די פאָלגען, ווייל צוגלייך מיט זיין דע־מאַרש ביי דער עסטרייכישער רעגירונג, האָט אויך דער ענגלישער אַמבאַ־סאַדאָר אין פּעטערבורג געמאַכט אַ דעמאַרש ביי דער רוסישער רעגירונג און דאָרט פּרובט מען זיך אינגאַנצען ריין־וואַשען פון דעם עסק, טענה׳דיג.

אז דער ענין איז נאָר נוגע דער עסטרייכישער רעגירונג, ווייל דער אַרעס־טירטער איז אַן עסטרייכישער בירגער, לגבי וועמען די רוסישע מאַכט האָט קיין שום פּליכט און קיין שום פּרעטענסיעס.

נאָך אַ קורצער דיפּלאָמאַטישער פאַרהאַנדלונג איז ענדליך אַרויסגע־געבען געוואָרען אַ בעפעהל תיכף צו בעפרייען דעם סאַדאַגורער רבי פון תפיסה און צוריקקערען איהם די קאָנפיסקירטע גיטער ווי אויך דאָס באַרע געלד.

אַזוי אַרום האָט זיך געענדיגט די מערטירער־געשיכטע פון סאַדאַגו־רער רבי.

מה

פדריד כפש

די פרייד און די שמחה וואָס האָט געהערשט אין דער חסידישער וועלט, צוליעב דער בעפרייאונג פון סאַדאַגורער רבין זצ״ל פון תפיסה איז געווען אין לשער. אַ קלייניגקייט פונפצעהן חדשים איז דער רבי געווען אָבגעריסען פון דער וועלט, פון זיין היים און פון זיין עולם חסידים, פונפ־צעהן חדשים צייט, און עס האָט זיך געדוכט, אַז עס וועט גאָר קיין סוף און קיין עק נישט נעהמען, אַז די אויסזיכטען פאַר זיין בעפרייאונג זענען געווען אַזעלכע קליינע, און מיטאַמאָל האָבען זיך פריי געעפענט די תפיסה־טויערן. דער רבי איז אַרויסגעלאָזט געוואָרען אויף דער פריי. אַלע פערנוי־מענע ווערט־זאַכען זענען צוריקגעגעבען געוואָרען און דער פּראָצעס געגען רבין ווערט בטל — האָט מען זיך דעריבער געפרעהט מיט דער ישועה אויפ׳ן סאַדאַגורער אופן. אין אַלע קלויזען האָט מען סעודות הודאה גע־פּראַוועט, שירות ותשבחות געזונגען און געדאַנקט דעם בורא פאַר׳ן גרוי־סען חסד וואָס ער האָט געטהון.

עס פערשטעהט זיך, אַז די שמחה אין סאַדאַגורע גופא איז געווען פיעל שטאַרקער. פון אַלע זייטען האָבען חסידים געשטראָמט אין שטעד־טעל אריין, שלום צו נעהמען און אַ בליק צו כאַפּען אויף זייער רבין, דאָס שטעדטעל, וואָס איז אין משך פון די פונפצעהן חדשים געווען פער־וויסט און פערחושכ׳ט, די כרנסה איז געווען אַ קלאָגעדיגע, ווייל קיין חסיד האָט זיך נישט געוויזען אויף אַ רפואה, האָט ווידער אויפגעלעבט און איין גרויסע פרייד האָט געהערשט אין אַלע ווינקעלעך אויף שריט און טריט.

אָבער מערקווירדיג, וועהניגער ווי אויף אַלעמען איז די שמחה געווען קענטיג אויפ׳ן רבין גופא. אויסגעזעהען האָט ער, אַז עס האָט ממש וועה

געטהון דאָס הארץ אַ קוק צו טהון אויף איהם. די תפיסה האָט אויפ'ן רבין זעהר טיעפע שפורען איבערגעלאָזט, אָבער פונדעסטוועגען האָט מען געהאָפט, אַז נאָכדעם ווי דער אויבערשטער האָט געהאָלפען, וועט דער רבי צוריק בעוויזען אַ פנים שוחקורת ווייל נאָכ'ן אָבלויף פון אַ קורצען זמן, וועט אויך דעם רבינס פיזישער מצב זיך צוריק שטעלען ווי געווען. לסוף האָט מען גאָרנישט בעמערקט אויפ'ן רבינס אויסזעהן, אַז ער זאָל זיין אויפגעלעגט און בערוהיגט...

האָבען זיך חסידים געבראָכען די קעפ, געטראַכט אין דער זאַך און געפּרובט צו פערשטעהן, וואָס אַזעלכעס עס דרוקט אויפ'ן הארץ פון זייער מנהיג, פאַרוואָס איז ער עפּעס אַזוי נישט מיט אַלעמען און פאַרוואָס בעטייליגט ער זיך נישט אין דער אַלגעמיינער שמחה.

און מערקווירדיג, אויך אויף די איבעריגע ברידער פון רבין — וועלכע זענען שוין דאן געווען מפורסמ'דיגע גוטע יודען און פערמאָגט טויזענדער אָנהענגער, — וועלכע האָבען געאיילט צו קומען קיין סאַדאגורע כדי צו בעגריסען זייער עלטסטען ברודער צו זיין בעפרייאונג, אויך אויף זיי האָט מען קיין שפור פון פרייד נישט געקענט בעמערקען, פערקעהרט נאָך, זיי האָבען מיט טרויעריגע בליקען געקוקט אויף זייער ברודער, דעם סאַדאגורער רבין און פון צייט צו צייט, האָט זיך אַ קרעכץ פון עמיצענס הארץ ארויסגעריסען.

דאָס האָט זיך באַלד אויפגעקלערט. בסך הכל אייניגע וואָכען זענען אריבער זייט דער רבי האָט פערלאָזט די טשערנאָוויצער תפיסה און ווידער האָט זיך צווישען די חסידים פון דער ריזשינער גזע פערשפרייט אַ טרויעריגע בשורה. דער סאַדאַגורער רבי איז געפעהרליך קראַנק, ער האָט בעקומען אַ לונגען-ענטצינדונג און זיין לעבען איז אין געפאַהר.

ערשט איצט האָט מען פערשטאַנען די סיבה פון דער צוריקגעהאַלטענקייט וואָס דער רבי מיט זיינע הייליגע ברידער האָבען אַרויסגעוויזען בעת דער אַלגעמיינער שמחה. דער רבי איז לעבענס-געפעהרליך! די דאָזיגע טרויעריגע בשורה האָט אַלעמען ווי עלעקטריזירט און מאַסענווייז איז דער עולם געקומען צו לויפען קיין סאַדאגורע, כדי צו געפונען זיך אין דער נאָהענט פון זייער ליעבען רבין און מנהיג.

איז די קלויז שטענדיג פיעל געווען מיט מתפללים. מען האָט בסדר געזאָגט תהילים, געטרינקען „תיקון" אַז דער רבי זאָל געזונד ווערען. און אַלע האָבען געגלויבט און זיכער געווען אַז די ישועה וועט און מוזען קומען.

עס זענען זיך אויך צונויף געקומען קיין סאַדאַגורע אַלע הייליגע ברידער, מען האָט געמאַכט גרויסע בעמיהונגען, מען האָט אַראָבגעבראַכט אַלע גרעסטע וויענער, טשערנאָוויצער און לעמבערגער פּראָפעסאָרען. אָבער אַלע האָבען פעסטגעשטעלט, אַז די קראַנקהייט איז אַ געפעהרליכע

מחמת דאָס האַרץ ביים חולה איז שטאַרק אָבגעשוואַכט צוליעב די שווערע איבערלעבענישען, וואָס ער האָט איבערגעלעבט. דאָקטוירים קאָנען דאָ גאָרנישט אויפטהון און נאָר איין רבונו של עולם קאָן העלפען!...

שווער צו שילדערן דעם רושם וואָס די דאָזיגע דיאַגנאָזע האָט געמאַכט אויף דעם פערזאַמעלטען עולם. אָבער פערלוירען האָט מען זיך נישט. אַלע האָבען געגלויבט, אַז קוים זענען זיך צונויפגעקומען אַלע הייליגע ברידער, וועלען זיי דעם רבין אַוודאי אויסבעטען און מבטל מאַכען דעם גזר.

האָט מען דעריבער צווישען איין ספר תהילים צום אַנדערען געטרינקען „תיקון" און געוואונשען אַ רפואה שלימה און לחיים פאַר'ן הייליגען רבין...

און אָט בעת אַזאַ הפסקה, ווען דער עולם האָט מיט גרויס דבקות געטרינקען „תיקון" איז אַריינגעלאָפען אין קלויז דער שפּעטערדיגער טשאָרטקאָווער רבי זצ"ל. וועלכער האָט נאָך דאַמאָלס געוואוינט אין פּאָטאָק-זלאָטי און אַ געשריי געטהון:

— ברידער! מיר קענען גאָרנישט אויפטהון. מען האָט ביי אונז אַלע מדרגות אַוועקגענומען, פּרובט נאָך אויס איין מיטעל: רופט צונויף אין קלויז אַריין דעם המון עם, די פּראָסטע יודען, זאָלען זיי זאָגען תהילים, זאָלען זיי אָנקלאַפּען אין די שערי רחמים, אַ קאַפּיטעל תהילים פון אַ פּראָסטען יוד, קען אַמאָל האָבען אַ גרויסע פּעולה.

עס האָט נישט לאַנג געדויערט און די גאַנצע שטאָדט איז געווען פערזאַמעלט אין קלויז. אַלע זענען געקומען זאָגען תהילים פאַר'ן געזונד פון רבין — פון רב ביז'ן וואַסער-טרעגער. די בכיות זענען געגאַנגען עד לב השמים, אַזוי האָט מען אויסגעזאָגט גאַנץ תהילים און דאַן האָט מען ווי דער מנהג איז, פון „תמניא אפי" איבערגעחזר'ט די פסוקים פון רבינס נאָמען „אברהם יעקב בן שרה"...

ווען דער עולם האָט געהאַלטען ביים אות י', ביים פסוק: „יבואוני רחמיך ואחי' כי תורתך שעשועי" איז פּלוצלינג אַריינגעקומען צולויפען דער יונגסטער פון די ברידער, דער שטיפענשטער רבי ר' נחומ'טשע זצ"ל, אַרויפגעשפּרונגען אויפ'ן בעלעמער און אַ געשריי געטהון, אַזש די גאַנצע קלויז האָט געציטערט:

— יודען! די צרה איז זעהר נאָהנט! די קרוין פאַלט באַלד אַראָב פון אונזער קאָפּ ווער פון אייך וואָלט מסכים געווען צו זיין אַנ'אויסלייזקרבן און איז מוכן ומזומן צו נעהמען אויף זיך דעם גזר דין פון אונזער טייערען ברידער און אייער הייליגען רבין, ווער פון אייך איז זיך מתנדב אַלס קרבן פדיון נפש פון גרויסען צדיק, איצטער חסידים, האָט איהר אַ שעת הכושר זיך צו קויפען עולם הבא!...

די דאָזיגע פּחדים'דיגע ווערטער האָבען ווי עלעקטריזירט דעם גאַנ-

צען עולם. ביי יעדען איינעם האָבען זיך געביטען די פּאַרבען אין פּנים יעדער איינער האָט געפיהרט מיט זיך אַנ׳אינערליכען קאַמף פון זיין אָדער נישט זיין...

אָבער דאָס האָט געדויערט נאָר איניגע סעקונדען.

פּלוצלינג האָט איינער פון די בעדייטענדסטע סאַדאגורער חסידים, ר׳ מרדכי מישל האָט ער געהייסען, און פון שטעדטעל לינסק האָט ער געשטאַמט, זיך אויפגעשטעלט אויף אַ באַנק און מיט אַ פעסטער און ענטשלאָסענער שטימע און מיט שטראַהלענדיגע אויגען פאַר שמחה האָט ער אויסגערופען:

— רבי, איך בין אויף מיר מקבל דעם גזר דין פון מורנו ורבנו הצדיק רבי אברהם יעקב בן שרה, איך בין מוכן ומזומן מיט׳ן פולסטען בעוואוסטזיין און מיט׳ן גאַנצען הארץ צו זיין אַ קרבן פאַר מיין רבין, אתם עדי!

אָבער אין דעם זעלבען מאָמענט האָבען זיך אויך אַנדערע חסידים אָנגערופען, אַז זיי זענען בערייט זיך צו ברענגען אַ קרבן פאַר זייער רבין. עס איז דעריבער ענטשטאַנען אַ גרויסער ויכוח און אַ טומעל, אָבער דער שטיפענשטער רבי האָט אַ קלאַפּ געטהון מיט דער האַנד אויפ׳ן בעלעמער און אויסגערופען:

— ר׳ מרדכי מישל האָט זוכה געווען!... און תיכף האָט ער פערלאָזט דעם קלויז.

ר׳ מרדכי מישל איז תיכף אַוועק צו זיך אויף דער אכסניא, געהייסען זיך דערלאַנגען טינט און פעדער און פאַפּיר. אַוועקגעזעצט זיך שרייבען אַ צוואה צו זיין ווייב און קינדער קיין לינסק און גענומען מאַכען די נויטיגע הכנות צו זיין לעצטען וועג.

אין דער זעלבער נאַכט איז ר׳ מרדכי מישל שווער קראַנק געוואָרען. און גלייך דערמיט האָט דער רבי אָנגעהויבען שוויצען, און זיין מצב האָט זיך אָנגעהויבען בעסערן. ר׳ מרדכי מישל האָט זיך אַלץ כסדר געפרעגט ווי עס פיהלט זיך דער רבי און הערענדיג, אַז עס ווערט איהם בעסער, האָט זיין בלייך פּנים אויפגעלויכטען פאַר שמחה, פרעהענדיג זיך דערמיט וואָס דער רבונו של עולם האָט זיין קרבן בעוויליגט...

באַלד האָט ער געשיקט נאָך חברה קדישא און פערשטענדיגט זיך מיט זיי ווי אַזוי זיי זאָלען זיך נוהג זיין בשעת יציאת נשמה און בשעת קבורה. פיהלענדיג, אַז עס ווערט איהם אַלץ שלעכטער, האָט ער בעפוילען מען זאָל אַהעררופען צו זיין בעט דעם עולם חסידים און זיינע גוטע פריינד און מען זאָל שטעלען צעהן קוואָרט בראַנפען אויף זיין קאַנטע...

האָט דער עולם גענומען צו ביסלעך, אויך איהם, דעם נוטה למות האָט מען געמוזט בענעצען די ליפען מיט אַ ביסעל משקה און ווינשענדיג אַלעמען אַ האַרציגען לחיים האָט ער צוגעגעבען:

— דער הייליגער רבי זאָל האָבן אַ רפואת שלימה און איך — אַ מנוחה נכונה תחת כנפי השכינה...

זיינע לעצטע ווערטער זענען געווען:

— זייטס מיר אַלע געזונד און שטאַרק און זייט מיך תמיד מזכיר פאַר'ן הייליגן צדיק...

צומאָרגענס איז געווען די לוי' פון ר' מרדכי מישל. די גאַנצע שטאָדט און אַלע הייליגע ברידער האָבן זיך אין דער לוי' בעטייליגט. אַ קרקע האָט ער בעקומען נעבען אוהל פון הייליגן ריזשינער זצ"ל.

אין עטליכע טעג אַרום איז דער סאַדאגורער רבי זצ"ל אינגאַנצען געזונד געוואָרען.

אין עטליכע וואָכען אַרום נאָכדעם ווי דער רבי איז געזונד געוואָרען איז פאָרגעקומען די חתונה פון רבינס זוהן ר' שלמה זצ"ל (דער שפּעטער-דיגער ממלא מקומו) מיט דער טאָכטער פון רבין ר' הירש פון רימאַנאָוו זצ"ל. די חתונה איז פאָרגעקומען אין סאַדאגורע, אָבער אַזאַ חתונה האָבען נאָך חסידים בכלל נישט געהאַט. גאַנצע זיבען טעג האָט געדויערט דאָס זינגען און דאָס טאַנצען און דאָס משמח זיין זיך צוליעב דער דרייפאַכער שמחה: דעם רבינס בעפרייאונג, דעם רבינס געזונד ווערען און דעם רבינס חתונה מאַכען דאָס ערשטע קינד. דער רבי גופא איז די גאַנצע צייט גע-שטאַנען ביים אָפענעם פענסטער און צוגעקוקט זיך ווי די חסידים זענען זיך משמח אויפ'ן הויף.

אויפ'ן זיבעטען טאָג פון די שבע ברכות איז צוגעגאַנגען צום רבין אַן אַלטער חסיד פון לינסק און געבעטען ביים רבין אַ „מטבע" אויף משקה פאַר אַ תיקון פון דער נשמה פון ר' מרדכי מישל, זיין בן-עיר.

— קוים זיך אין איהם דערמאָהנט — האָט דער רבי מיט אַ הקפדה אויסגערופען — איך אָבער האָב אין איהם נישט פערגעסען אויף איין רגע. וואָס זאָל איך אייך זאָגען: מען איז אויף יענעם עולם געלאָפען איהם אַנ-קוקען אויף וואונדער. ער נויטיגט זיך לחלוטין נישט אין אייער תיקון. דער הייליגער טאַטע און דער זיידע, דער „מלאך" זענען זיינע צוויי גוטע ריקענהאַלטערס, וואָס אַנבעלאַנגט אַ מטבע אויף אַ ביסעל משקה מהיכי תיתא.

דער רבי האָט איהם דערלאַנגט אַ האַלבען רובעל, וועלכער איז פערקויפט געוואָרען פאַר עטליכע הונדערט קערבלעך און פאַר דעם געלד האָט מען געטרינקען עטליכע טעג נאָכאַנאַנד פאַר ר' מרדכי מישל'ס וועגען און דער עולם האָט דערביי פרום געבעטען, זכותו יגן עלינו...

מ"ו

פערשוואונדענע מטבעות

ווי מיר האָבען שוין ביי פערשידענע געלעגענהייטען דערמאָהנט, איז דער ענין פון רבינס אַ מטבע געווען זעהר חשוב ביי די חסידים פון דער ריזשינער גזע. די דאָזיגע מטבעות האָבען חסידים בעטראַכט אַלס דעם טייערסטען אוצר אין דער וועלט. ס'רוב, בעזונדערס קראַנקע פרויען און קינדער האָבען עס געטראָגען אויפ'ן האַלז אין אַ ספעציעל בייטעלע, און נאָכ'ן אָבלעבען האָט מען עס מיטגענומען אין קבר-אריין...

מטבעות פון רבין האָט מען אויך אָפט ליציטירט און געצאָהלט דער-פאַר גאָר הויכע פרייזען, וועלכע זענען פערוועגדעט געוואָרען אויף דברים שבצדקה.

מען דערצעהלט צווישען חסידים פאָלגענדען עפיזאָד, וואָס האָט אין דער חסידישער וועלט געמאַכט אַ גרויסען רושם.

געווען איז עס ג' מרחשון, אין טאַג פון דער יאָהרצייט פון הייליגען ריזשינער זצ"ל, זענען זיך קיין טשאָרטקאָוו צונויפגעקומען הונדערטער חסי-דים, בכדי צו געפונען זיך אין טאָג פון דער הלולה ביים רבין זצ"ל. נאָך מנחה-מעריב, האָט דער טשאָרטקאָווער רבי זצ"ל געגעבען זיינע חסי-דים אַ מטבע אויף תיקון ווי עס איז דער מנהג אין יאָהרצייט צו טרינ-קען משקה.

צומאָרגענס אינדערפריה, נאָכ'ן דאַווענען, האָט דער רבי געפרעגט איינעם פון זיינע הויפט-גבאים, צי די מטבע איז פערקויפט געוואָרען אויף אַ ליציטאַציע.

דער גבאי האָט דאַן געענטפערט, אַז לעת עתה איז די מטבע נאָך נישט פערקויפט געוואָרען.

— פאַר וויפיעל אַ שטייגער וועט אַזאַ מטבע פערקויפט ? האָט דער רבי געפרעגט.

— פאַראַיאָהרען איז די מטבע פערקויפט געוואָרען פאַר צעהן רובל — האָט דער גבאי אָבגעענטפערט.

— צעהן רובל איז זי דאָך ווערט פאַר מיר אַליין — האָט דער רבי אויסגערופען און בעפוילען צוריקצוגעבען איהם די מטבע. און זיין פינאַנץ-גבאי האָט ער בעפוילען אויסצוצאָהלען דערפאַר צעהן מזומנע רובל...

דער סאַדאגורער רבי זצ"ל פלעגט קיינעם נישט אָבזאָגען צו געבען

מטבעות, ווער עס האָט נור ביי איהם געבעטען האָט ער אַ מטבע בעקומען.

כמעט יעדער סאַדאגורער חסיד האָט פערמאָגט פיעל אַזעלכע מטבעות וועלכע ער פלעגט אָנטהון אויפ׳ן האַלז בעת אַ קראַנקהייט און אָנזאָגען מען זאָל זי איהם מיטגעבען אין קבר אריין.

ווי ווייט דעם רבינס מטבע איז געווען חשוב ביי די חסידים בע־ווייזט פאָלגענדער עפּיזאָד.

אין שטאָדט רזשעווניץ, וואָס האָט זיך געפונען אויף יענער זייט גרעניץ, אין רוסלאַנד הייסט עס, האָט זיך געפונען אַנ׳אָרימער בעדנער, וועלכער האָט זיך קיינמאָל נישט געקענט פערגינען צו פאָהרען קיין סאַדא־גורע, מחמת, אפילו זיך „שווארצען" די גרעניץ דאַרף אויך קאָסטען אַ דרייער־רובל, וואָס דער בעדנער האָט עס נישט פעמאָגט. אָבער נאָך מעהר האָט דעם אָרימען בעדנער געערגערט דער פאַקט, וואָס ער האָט נאָך נישט פערמאָגט קיין איינציגע מטבע פון רבין. ער איז ממש אַרומגע־גאַנגען אויס מענש.

איינמאָל, נאָך עפּעס אַ שמחה אין סאַדאגורער הויף, האָבען די חסי־דים אין שטעדטעל רזשעווניץ בעקומען פון רבין אַ מטבע. די שמחה איז געווען אין לשער.

שבת־צונאַכטס נאָך הבדלה האָבען זיך אין סאַדאגורער קלויז צונויפ־געזאַמעלט אַלע חסידים פון דער ריזשינער גזע און מען איז צוגעטרעטען צו דער ליציטאַציע פון דער מטבע, בכדי פאַר׳ן געלד פון דער פערקויפ־טער מטבע, זיך צו קענען משמח זיין מיט דער שמחה פון זייער רבין.

די ליציטאַטאָרען האָבען כסדר געשטיגען, ביז עס האָט שוין געהאַל־טען ביי פינף און צוואָנציג רובל.

דאָ האָט זיך דערנעהנטערט צום בעלעמער דער אָרימער אשר בעד־נער, אַ קלאַפּ געטהון אויפ׳ן בעלעמער און אויסגערופען:

— רבותי! איהר האָט שוין ביי פערשיעדענע געלעגענהייטען געהאַט די זכי׳ צו בעקומען דעם רבינס מטבע, אין דער צייט וואָס איך, אַנ׳אָרי־מער בעדנער, קאָן מיך קיינמאָל נישט דערשלאָגען דערצו. צום רבין זאָל לעבען קאָן איך קיינמאָל נישט פאָהרען, ווייל איך האָב נישט די נויטיגע הוצאות הדרך, און קויפען אַ מטבע אויף אַ ליציטאציע קאָן איך אויך נישט, ווייל איך האָב נישט די נויטיגע מזומנים, אָבער מיין האַרץ ברענט ווי אַ פייער פאַר חשק׳ עס ווילט זיך מיר שטאַרק קויפען די דאָזיגע מטבע, היות אָבער ווי קיין געלד האָב איך נישט. בכן בין איך געפאַלען אויף אַנ׳המצאה: היות ווי איך פערמאָג אַ ירושה־שטוב, וואָס האָט די ווערט פון עטליכע הונדערט קערבליך, ביז איך גרייט אָוועקצוגעבען די שטוב אין רשות פון קלויז. איך וועל מהיום והלאה זיין אַ לאָקאַ־

טאָר ביי קהל וואָס וועט צאָהלען דירה-געלד און פאַר'ן דאָזיגען דירה-געלד וועט מען זיך משמח זיין און טרינקען משקה.

— זכה לו — האָט די גאַנצע חבריא אויסגערופען. די מטבע בלייבט ביי אשר בעדנער!

די מטבע איז טאַקי ביים בעדנער פערבליבען און זיין גליק האָט קיין גבול נישט געהאַט.

ווען מען האָט דערצעהלט דעם רבין די דאָזיגע שעהנע געשיכטע האָט ער אויסגערופען:

— אָווא, דאָס הייסט אַ כח פון אַ פּראָסטען יודען, אָבער איך הייס מעהר ווי אַ רובל אַ יאָהר פון איהם נישט נעהמען דירה-געלד. דערפאַר זאָג איך אייך, אַז דעם דאָזיגען רובל מעגט איהר ליציטירען, פונקט חי איהר וואָלט איהם ביי מיר בעקומען...

און אַזוי האָט זיך ג פיהרט שעהנע יאָהרען. סוכות-צייט, האט דער בעדנער געסילוקט דעם רובל דירה-געלד, וועלכען מען האָט ליציטירט פונקט ווי עס וואָלט געווען דעם רבינס אַ מטבע.

חסידים וויסען אויך צו דערצעהלען וועגען „פערשוואונדענע מטבעות" ווען מטבעות פון רבין זענען געוואָרען פערשוואונדען, נאָכדעם ווי זיי האָבען ב״ה געווען אַ ישועה.

אַזאַ וואונדערבאַרע געשיכטע דערצעהלט מען וועגען דער טאָכטער פון הייליגען ריזשינער, די פרוי פון וויזשניצער רבין ר' מענדעלי זצ"ל.

דעם ריזשינערס עלטסטע טאָכטער הרבנית מרים ע"ה ווען זי האָט זיך געריכט צו געבוירען דאָס ערשטע קינד, דעם שפּעטערדיגען רבין ר' ברוכ'ל וויזשניצער זצ"ל. האָט זי זיך שטאַרק געשראָקען און איז דעריבער אוועק צו איהר גרויסען פאָטער בעטען אַ מטבע אויף שמירה.

דער ריזשינער זצ"ל האָט איהר דאַמאָלס געגעבען אַ מטבע, וועלכע זי האָט אַריינגעלעגט אין אַ זיידען בייטעלע, פערנעהט און תמיד געטראָגען אויף זיך.

נאָך דער הסתלקות פון ריזשינער זצ"ל — האָט די וויזשניצער רבי-צין פּלוצלינג בעמערקט, אַז דאָס בייטעלע איז לעדיג. די מטבע איז נישטאָ כאָטש עס איז פונקט ווי שטענדיג ווייטער פערנעהט.

נאַטירליך האָט די רביצין געהאַט שטאַרק עגמת נפש פון דער דאָ-זיגער אויסטערלישער פּאַסירונג, אָבער באַלד האָט זי זיך געטרייסט און גע-זאָגט צו זיך.

— אויב איך בין נישט ווערט צו טראָגען די מטבע וואָס מיין הייליגער טאַטע האט מיר געגעבען, לאָמיר כאָטש טראָגען דאָס בייטעלע אין וועלכען די מטבע איז געלעגען!...

אזוי האָט די וויזשניצער רביצין, דאָס לעדיגע בייטעלע געטראָגען אויף זיך פינף און צוואַנציג יאָהר צייט. און דערפון האָבען אַלע גע־חאוסט.

אַ יאָהר פאַר איהר פטירה איז די רביצין שטאַרק קראַנק געוואָרען און די דאָקטוירים האָבען איהר געשיקט קיין וויען זיך צו לאָזען אָפּערי־רירען. פאַר דער אָפּעראַציע האָט זי געבעטען מען זאָל איהר נישט אויס־טהון דאָס בייטעלע וואָס זי האָט אויף דעם האַלז געטראָגען.

בשעת מען האָט איהר איינגעגעבען שלאָף־געטראַנק האָט זי אין אַ אויפגערעגטען צושטאַנד אָנגעכאַפּט דאָס בייטעלע און אויסגעשריגען:

— אָ, טאַטעניו, הייליגער טאַטעניו, וואו ביזטו?

אָבער ווי גרויס איז געוועזען איהר שטוינונג, ווען זי האָט בשעת מעשה דערפיהלט, אַז די מטבע געפונט זיך ווידער אינוועניג, אין בייטעלע.

נאָך דער אָפּעראַציע, וועלכע האָט זיך טאַקי איינגעגעבען, האָט די רביצין וועגען דער פלא מיט דער מטבע פאַר קיינעם נישט דערצעהלט נאָר בלויז פאַר איהר מאַן דעם גרויסען וויזשניצער רבין זצ"ל נעהמענדיג פון איהם אַ וואָרט, אַז כל זמן זי וועט לעבען, זאָל ער נישט מגלה־סוד זיין פאַר קיינעם, אַפילו נישט פאַר איהרע אייגענע קינדער אַז די פערשוואונדע־נע מטבע, וואָס זי האָט שוין יאָהרען ניט געהאַט, האָט זיך פלוצלינג צוריק געפונען אין בייטעלע.

אין אַ יאָהר אַרום איז די רביצין נפטר געוואָרען. ערשט דאַן האָט דער וויזשניצער רבי זצ"ל געעפענט דאָס בייטעלע און אַרויסגענומען פון דאָרט די מטבע וועלכע ער האָט געוויזען זיינע קינדער אויסרופענ־דיג דערביי:

— זעהט קינדער, אָט איז אַ מטבע מן השמים...

חסידים וועלכע האָבען פערמאָגט אַ סך מטבעות האָבען זיך געלאָזט דערפון גיסען אַ קידוש־בעכער אָדער אַ חנוכה־לאָמפּ וואָס די ווערט דער־פון איז גאָרנישט געוועזען אָבצושאַצען.

אויף אַ מטבע וואָס אַ חסיד האָט בעקומען פון רבין פלעגט מען באַר־גען גרעסערע סומעס געלד. אפילו נישט־חסידים האָבען עס בעטראַכט אַלס דאָס קוראַנטסטע משכון, זייענדיג זיכער, אַז דער לוה וועט אין קיין פאַל נישט פערפאַלען לאָזען דעם רבינס מטבע, ער וועט באַדאַי אַ קושען פון זיין צוקאָפּענס פערקויפען און די מטבע אויסלייזען.

ווי שוין דערצעהלט, פלעגט דער ריזשינער זצ"ל און נאך איהם דער סאדאגורער רבי קיינמאל נישט דאווענען אין קלויז צוזאמען מיט'ן עולם. שטענדיג פלעגט ער דאווענען אין זיין יחידות-שטיבעל, וואס האט זיך געפונען נושט ווייט פון עמוד. בלויז צוויי צייטען אין יאהר פלעגט דער רבי מיטדאווענען, מיט דעם עולם דאס איז געווען אין דער ערשטער סליחות נאכט ביי דער תפילה „עננו" וועלכע דער רבי פלעגט זאגען פאר'ן עמוד אלס בעל-תפילה ווי אויך די נענועים בעת דער סוכות'דיגען הלל.

דער פחדים'דיגער „עננו", וועלכען דער רבי פלעגט זאגען אין א גאר שטילען, מתיקות'דיגען טאן בעגלייט פון א ספעציפישען סאדאגורער קרעכץ, האט ממש צובראכען די הערצער פון גאנצען עולם. יעדער איינציגער איז אוועק פון דער דאזיגער תפילה גערייטערט און דערהויבען. די דאזיגע תפילה האט מען קיינמאל נישט געקענט פערגעסען.

אבער נאך מעהר פלא זענען געווען די נענועים. געשטאנען איז דער רבי מיט'ן פנים צו מזרח. דער טלית אראבגעלאזט ביז'ן גארטעל און פון טלית האבען ארויסגעשטארט דעם רבינס הענד וואס האבען געהאלטען די ארבעה מינים. דערביי איז דער רבי געשטאנען גלייך אהן די מינדסטע בעוועגונג און דאך האט דער שפי'ץ פון לולב געציטערט און געלאזט פון זיך הערען א שטילען גערויש אין דער אלגעמיינער שטילקייט.

די נענועים פלעגען תמיד דויערען פון צוויי ביז דריי שעה. אין משך פון דער דאזיגער צייט האט אין קלויז געהערשט אזא פחדים'דיגע שטילקייט, אז מען האט ממש געהערט דאס קנאקען פון די ליכט וואס האבען זיך געברענט. און כאטש מען האט נישט בעמערקט קיין שום בעוועגונג ביים רבין, פלעגט אבער דאס ארט וואו דער רבי איז געשטאנען בשעת די נענועים געווען ממש נאס פון טרעהרען און ווי די גבאים האבען דערצעהלט, פלעגט מען טאג-טעגליך נאך הלל קענען אויסדרענגען דעם רבינס מלבושים, פונקט ווי זיי וואלטען זיך שעהן לאנג געווייקט אין וואסער...

דער כלל איז דער פּרט

אין יאָהר תרל״ב, איז דער גרויסער רבי אהרן קאַרלינער זצ״ל געקומען צו גאַסט צו זיין איידעם דעם סאַדאַגורער רביין.

אין אַנ׳אַנדערער צייט. וואָלט אַזאַ בעזוך אין די חסידישע וועלט געווען אַ גרויס געשעהעניש, אַ קליינינקייט, דער גרויסער רבי אהרן איז געקומען צו גאַסט קיין סאַדאַגורע. איז אָבער גראָד געווען אַנ׳עת צרה אויף יודען, אַז עס איז נישט געווען דער קאָפּ און דאָס געמיט צו שמחות. עס האָט אין יענעם ווינטער נעמליך אויסגעבראָכען אַנ׳עפּידעמיע צווישען קימפּעטאָרינס ר״ל. יעדע קימפּעטאָרין האָט בעדאַרפט האָבען רחמים, אַז זי זאָל איבערקומען בשלום.

אין רבינ׳ס הויף האָט זיך געטוהן חושך. די געוויינען און די געשרייען פון די משפחות פון די אומגליקליכע איז געווען אין לשער. עס האָט ממש הימלען געשפּאָלטען. גאַנצע טעג, האָט מען אין קלויז תהילים געזאָגט אין מתפּלל געווען אַז דער ביטערער גזר זאָל אָבגעטהון ווערען. דער רבי גופא איז געווען פערמאַכט אין זיין חדר מיוחד און קיינעם נישט צוגעלאָזט צו זיך. אַרומגעגאַנגען שטאַרק צוקאָכט און אויס־מענש, אָבער נור אַ קליינער טייל פון די יולדות זענען ניצול געוואָרען, דער גרעסטער טייל זענען, נישט געדאַכט זאָל עס זיין, אומגעקומען יונגערהייט...

פערשטעהט זיך, אַז די צייט איז נישט געווען פּאַסיג אויסצונוצען ווי געהעריג דעם וויזיט פון מפורסמ׳ניגען צדיק און גדול הדור ווי עס איז ר׳ אהרן קאַרלינער זצ״ל.

אָבער ווען דער גרויסער גאַסט איז געקומען, איז דאָך נישט שייך. האָט דער רבי בעשטעלט עטליכע גבאים, וואָס זאָלען שטיין צו דינסט פון דעם גרויסען גאַסט, אָבער קיין סך האָט דער איידעם מיט זיין שוועהר נישט פערבראַכט, און כסדר זיך בעמיהט אַז די גזירה זאָל בטל ווערען און די מגפה זאָל אויפהערען.

גראָד אין יענעם מאָמענט האָט זיך געפּיהלט אויף די צייט די טאָכטער פון רבינ׳ס אַ הויפּט־גבאי מיט׳ן נאָמען ר׳ ישעי׳. דער דאָזיגער ר׳ ישעי׳ אַ יוד אַ פּקח, האָט גוט געוואוסט מיט וואָס דאָס שמעקט, און היות די טאָכטער איז געווען ביי איהם איין און איינציגע און ער האָט שטאַרק געציטערט פאַר איהר לעבען, איז ער בעצייטענס אוועק צום רבי׳ן און מודיע עולם געווען, אַז דער צדיק זאָל מתפּלל זיין, אַז די טאָכטער זיינע זאָל געהאָלפען ווערען.

אָבער ווי ערשטוינט איז דער גבאי געבליבען הערענדיג פון זיין רבי פאָלגענדע תשובה:

— איך קאָן דיר היינט גאָרנישט העלפען, איך בין איצט אין דער מדרגה פון ירמי' הנביא, בעת ער' האָט געקלאָגט „גם כי אזעק ואשוע סתם תפילתי". פאָלג מיך, געה אַריין צו מיין שווער, דער גרויסער רבי אהרן, און לאָז איהם נישט געמאַך, אפשר וועט ער זיין ביכולת מיט זיינע תפילות צו ברענגען אַ ישועה פאַר דיר און פאַר אַלע יודישע קינדער!...

די דרכים פון ר' אהרן קאַרלינער זצ"ל זענען גוט בעקאַנט אין דער חסידישער וועלט, ווען מען איז געקומען צו איהם בעטען אַ ישועה און דער מבקש איז די ישועה ווערט געוועזען, האָט ער איהם גוט אויסגעזי־דעלט און אַפילו אַ שטויס געטהון מיט דער לולקע, וואָס ער האָט אין האַנד געהאַלטען. און ווער עס האָט בעקומען אויסגעזידעלט פון דאָזיגען צדיק הדור איז געווען זיכער, אַז ער איז אַ געהאָלפענער.

אַזוי האָט ער זיך תמיד נוהג געווען. האָט עס זיך געהאַנדעלט אין אַ קליינער בקשה איז געוואָג געווען, אַז ער זאָל אויפ'ן קוויטעל־דערלאַנגער גוט אָנשרייען און דער לעצטער איז זיכער געווען, אַז ער האָט געפועלט אַלדאָס גוטס. קוים האָט עס זיך געהאַנדעלט אין אַ וויכטיגען ענין, מבטל צו מאַכען אַ שווערען גזר־דין, דאַמאָלס איז שוין נישט געווען גענוג די הקפדה פון רבי'ן, דאַמאָלס איז געווען דער סימן, אַז מען וועט געהאָלפען ווערען, ווען ער האָט פון רבי'ן בעקומען אַ שטויס מיט'ן לולקע ציבוך. און דער יעניגער וואָס האָט אַזאַ שטויס בעקומען, האָט געקאָנט זיכער זיין אַז ער איז געהאָלפען מיט דער ריכטיגער הילף.

ווען דעם סאַדאגורער רבי'נ'ס גבאי ר' ישעי' איז אַריינגעקומען אין חדר פון קאַרלינער רבי'ן און דערלאַנגט איהם דאָס בקשה־קוויטעל האָט זיך דער אַלטער צדיק אויפגעהויבען פון אָרט און אַ געשריי געטהון:

— געה אַרויס פון מיין שטוב, וואָס מייגסטו עפעס, איך וועל געהן מהפך זיין סדרי בראשית צוליעב דיין טאָכטער, אַרויס פון מיין שטוב.

אָבער ר' ישעי' האָט זיך נישט געריהרט פון אָרט. ער האָט גע־וואוכט, אַז אין אַזאַ צייט איז נישט גענוג וואָס ער האָט בעקומען אויסגעזי־דעלט פון רבי'ן. ער האָט שטאַרק חשק געהאַט צו בעקומען אַ שטורך מיט'ן לולקע־ציבוך, האָט ער דעריבער אויסגערופען:

— הייליגער צדיק, איך וועל נישט אָבטרעטען פון דאַנען ביז איהר, וועט מיר מבטיח זיין, אַז מיין קינד וועט געהאָלפען ווערען!

אַ ווייל'ע האָט געדויערט אַ פיינליכע שטילקייט אין צימער. ענדליך האָט דער קאַרלינער זצ"ל אַ כאַפּ געטהון דעם לאַנגען לולקע־ציבוך און דערלאַנגט מיט איהם אַ פערמעסט אויפ'ן גבאי, אַ געשריי טהוענדיג אויף איהם:

— געה לאָמיר דיר מעהר נישט אָנקוקען!

מיט גרויס שמחה איז ר' ישעי' אַהיימגעלאָפען אָנזאָגען די גוטע בשורה, אַז די ישועה איז נאָהנט.

דערווייל איז אַדורך שעה׳ן נאָך שעה׳ן. די יולדת איז נאָך אַלץ נישט געהאָלפען געוואָרען. אין מיטען דערנאַכט האָט מען אָנגעהויבען מרגיש זיין, אַז דאָס לעבען פון דער יולדת געפונט זיך אין געפאַהר. די סכנה ווערט פון מינוט צו מינוט גרעסער, איז ר׳ ישעי׳ צוזאַמען מיט זיין ווייב געלאָפען אויף דער סטאַנציע פון קאַרלינער רבי׳ן, צריינגעריסען זיך אין זיין צימער אַריין און ביטער זיך פונאַנדערגעוויינט.

— הייליגער רבי — האָט די פערצווייפעלטע מוטער געליאַרעמט — צוועלף יאָהר האָבען מיר געוואַרט אויפ׳ן דאָזיגען שטיקעל קינד, ביז דער הייליגער רבי זאָל לעבען האָט אונז די דאָזיגע מתנה פון הימעל געבראַכט. שווייגט נישט, הייליגער צדיק, רייסט איין וועלטען, אַז די מתנה פון אייער איידעם זאָל חלילה נישט צוגענומען ווערען, אונזער רבי האָט בפירוש געזאָגט, אַז נור איהר, גרויסער צדיק, קענט אונזער קינד דערהאַלטען ביים לעבען.

די דאָזיגע דבורים פון דער פערצווייפעלטער מוטער האָט געמאַכט אַ שטיקעל רושם אויפ׳ן אַלטען צדיק. אַ ווײַלע האָט ער אַרומגעשפרייזט אין זיין צימער, דאַן האָט ער אויסגערופען:

— די יודענע זאָל אַ היימגעהן, און דו, ישעי׳ וואַרט אין שכנות׳דיגען צימער.

ר׳ אהרן האָט דאַן פערשלאָסען זיך אין זיין צימער, אָנגעצונדען די ליכט און גענומען זיך דרעהען אַראָב און אַרויף. דאָס האָט געדויערט בערך אַ האַלבע שעה צייט. דאַן האָט ער צוריק די טהיר געעפענט און אַריינגערופען צו זיך זיין הויפט־גבאי, צו וועלכען ער האָט זיך געווענדעט מיט פאָלגענדע דבורים.

— געה און זאָג דעם יוד, וואָס שטעהט אין יענעם חדר, אַז עס איז אין הימעל אַ גרויסער קטרוג ר״ל אויפ׳ן כלל ישראל, עס האָט געהאַלטען ביי גרויסע און ביטערע גזרות ר״ל, האָט מען דעם גזר אויסגעקויפט מיט אַ סכום יודישע קימפעטאָרינס ובכן אויב איך זאָל זיך דוקא איינשפאַרען, אַז די דאָזיגע קימפעטאָרין זאָל בלייבען ביים לעבען, וועט דער גאַנצער כלל ישראל חלילה האָבען זיכער פיעל צו ליידען. בין איך דעריבער דערפאַר, אַז עס איז גלייכער, אַז דער פרט זאָל זיין אַ קרבן כפרה פאַר׳ן כלל. איך קאָן דעריבער דעם יוד גאָרנישט העלפען. ער מוז צושטייער געבען זיין קרבן, אַז דער כלל ישראל זאָל געהאָלפען ווערען, היות אָבער ווי די יודענע האָט מיך שטאַרק צושרויפט, און זי איז אַ באה בטענה: אַז די טאָכטער איז אַ מתנה, וואָס זי האָט פון איידעם בעקומען, האָבען מיר אויסגעפועלט, אַז דאָס קינד, וואָס דאַרף געבוירען ווערען זאָל בלייבען לעבען.

ווען דעם קאַרלינער׳ס גבאי האָט איבערגעגעבען די דבורים ר׳ ישעי׳ן איז איהם, נאַטירליך, געוואָרען נישט איבריג פרעהליך אויפ׳ן האַרצען, האָט

דער פערצווייפלטער פאָטער ווידער זיך אריינגעריסען מיט אַ געוויין אין צימער פון רבי׳ן.

אָבער איצט האָט דער קאַרלינער זצ״ל זיך נישט געבייזערט, ווי ער איז תמיד געווען געוואוינט. ער האָט נור טרויעריג אָבגעענטפערט:

— איך האָב געטהון אַלץ, וואָס איז אין מיין יכולת. דאָס קינד האָב איך שוין אויסגעבעטען... אייער טאָכטער דאַרף גרויס רחמים, אָבער השם יתברך איז דאָך אַ בעל הרחמים...

ר׳ ישעי׳ איז אָבער געווען אַ יוד אַ חסיד, וואָס פערצווייפעלט נישט אפילו אין דער לעצטער רגע. געקומענדיג פון קאַרלינער רבין די דאָזיגע תשובה, אַז מיט דער טאָכטער האַלט שמאָל, האָט ער תיכף ומיד זיך גע־פאַסט און אויסגערופען צו זיך:

— נו, וועט מיין רבי מוזען העלפען!

און תיכף איז ער געלאָפען צום סאַדאגורער רבין און מיט אַ ביטער האַרץ דערצעהלט דעם קאַרלינער רבינ׳ס תשובה.

— פאָלג מיך, ישעי׳, געה אַריין צו מיין ר׳ נחום בערעניו צו מיין איידעם. מיין שוועהר האָט דיר נישט געהאָלפען זאָל דיר מיין איידעם העלפען. די יונגע קענען זיך אַמאָל גיכער אַן׳עצה געבען ווי די אַלטע...

ווי געזאָגט איז עס געווען אין מיטען דער נאַכט, אָבער ר׳ ישעי׳ האָט נישט געקוקט דערויף און געלאָפען צום רבינס בעריהמטען איידעם ר׳ נחום בערעניו.

גראָד איז ר׳ נחום בערעניו וואך געווען, זיצענדיג איבער זיינע ספרים. הערענדיג אין וואָס עס האַנדעלט זיך, האָט ער געהייסען זיין גבאי תיכף אויפזוכען און אַהערברענגען דעם בעריהמטען בעל תפילה פון סאַדא־גורער הויף ר׳ יהושע סקאַווערער.

ר׳ יהושע׳לע האָט מיט זיינע זיסע ניגונים געשמ׳ט אין דער גאַנצער חסידישער וועלט; אַריינברענגענדיג די צוהערער אין געוואַלדיגע התעוררות.

באַלד איז דער בעריהמטער מנגן געקומ׳ין צום רבינ׳ס איידעם.

— הער מיך אויס, ר׳ יהושע׳לע זינג מיר עפּעס אַ שעהנעם ניגון, זינג עפּעס בעטעמט׳ס און ברענג אונז אַריין אין אַ שטיקעל דהתעוררות.

ר׳ יהושע׳לע מנגן האָט גאָרנישט איבערגעפרעגט און אָנגעהויבען זינ־גען דעם לעצטען „כבקרת״.

ווי נור ער האָט געגומען עטליכע טענער האָט ר׳ נחום בערעניו אַ מאַך געטהון מיט דער האַנד, ער זאָל אויפהערען.

— עפּעס אַ קונץ מיט׳ן „ונתנה תוקף״ אריינברענגען אַ ביסעל „התעוררות״? — זינג עפּעס אַנדערש.

ר׳ יהושע׳לע האָט אָנגעהויבען זינגען אב־הרחמים.

— לאָז געמאַך, ר׳ יהושע׳לע, — האָט ר׳ נחום בערעניו אויסגערופען

— מיר האַלטען נישט ביי „הזכרת נשמות״. מיר דאַרפען האָבען לעבעדי־גע התעוררות, ווייסטו וואָס, זינג די ברייתא פון ר׳ ישמעאל!...

און ר׳ יהושע׳לע האָט אָנגעהויבען זינגען. זיין זיסע שטימע האָט זיך אינמיטען פון דער פינסטערער נאַכט צוגאָסען, אַרויסגעבענדיג אַזעלכע טע־נער, וואָס זענען פיעל געווען מיט תחנונים און מיט רחמים, אַז עס האָט פשוט אויסגעריסען אַ שטיק האַרץ.

בעת׳ן זינגען איז ר׳ נחום בערעניו געזעסען מיט פערגלייזטע אויגען פון וועלכע עס האָבען זיך געגאָסען אַ ים מיט טרעהרען. מיט דער לינ־קער האַנד האָט ער כסדר געקלאַפּט מיט׳ן גאָלדענעם טאַבאַק-פּושקעלע אויפ׳ן טיש.

ביי די ווערטער „כלל ופרט, אי אתה דן אלא כעין הפרט״. האָט דער מנגן זיך גאָר בעזונדערס צוגאָסען אין אַ האַרצרייסענדע התעוררות.

דאָ האָט זיך פּלוצלינג דערהערט אַ לאַנג־געצויגענער און טיפער קרעכץ וואָס האָט זיך אַרויסגעריסען פון ר׳ נחום בערעניו׳ס בריסט: אַזאַ משונה׳דיגען קרעכץ, וועלכע אפילו אין סאַדאַגורע איז מען נישט געוואוינט געווען צו הערען:

ר׳ יהושיע׳לע האָט פערשטאַנען, אַז מען דאַרף די זעלבע ווערטער און די זעלבע נגינה נאָכאַמאָל איבערחזור׳ן. און ער האָט טאַקי נאָכאַמאָל עס איבערגעחזור׳ט עטליכע מאָל. דאַן האָט ר׳ נחום בערעניו געמאַכט אַ בעוועגונג מיט דער האַנד, אַז דער מנגן זאָל אויפהערען און ר׳ נחום בע־רעניו האָט אויסגערופען:

—כלל ופרט אי אתה דן אלא כעין הפרט. אַז עס האַנדעלט זיך אין אַ כלל און אין אַ פּרט דאַרף מען זיך גיכער רעכענען מיט׳ן פּרט, ווי מיט׳ן כלל. דער טעם דערויף זאָגט די הייליגע גמרא, אין בכלל אלא מה שבפרט. דער כלל איז דאָך סוף כל סוף אַ צוזאַמענשטעל פון אַ סך פּרטים. דערי־בער בעט איך דיר, רבונו של עולם, העלף דעם פּרט, וועט שוין ממילא דער כלל האָבען אַ ישועה.

עס האָט נישט לאַנג געדויערט און באַלד איז מען געקומען אָנזאָגען די בשורה, אַז די יולדת איז בשלום איבערגעקומען און געבוי־רען אַ בן זכר.

און פון דאַמאָלס אָן האָט די עפּידעמיע ר״ל אויפגעהערט.

אין דעם זעלבען יאָהר איז דער גרויסער ר׳ אהרן נסתלק געוואָרען. חסידים האָבען געזאָגט, אַז זיינע מדרגות האָט געירשנ׳ט זיין אייניקעל ר׳ נחום בערעניו, ווי׳לכער איז געווען אַ גרויסער בעל־מח. אָבער דאָס דור איז נישט ראוי געווען צו האָבען אַזאַ מנהיג און אין עלף יאָהר אַרום איז אויך ר׳ נחום בערעניו זצ״ל נסתלק געוואָרען יונגערהייט.

מח

דער גלגול

יעדער יוד גלויבט, אַז זיין נשמה איז אַראָבגעקומען אויף אָט דעם עו״ם השפל בכדי עפּעס מתקן צו זיין. מתקן צו זיין וואָס ער האָט קאַליע געמאַכט, ווייל נאָר אויף דעם עולם קאָן מען עוסק זיין אין מצוות ומעשים טובים, דאַגעגען אויף יענער וועלט שניידט מען נאָר די פּרוכט פון די מעשים טובים וואָס מען האָט פערזייעט אויף דער וועלט. אָדער מען קומט אָב פּאַר די שלעכטע מעשים וואָס מען איז בעגאַנגען.

פאַרהאַן אָבער אַזעלכע חטאים, וואָס לאָזען זיך נישט ריין־וואַשען בלויז דורך יסורי־גהינם. און דער זחוטא מוז זיי אַליין מתקן זיין. צוליב דעם ווערט ער נאָכאַמאָל געשיקט אויפן עולם השפל, ווערט אויפסניי געבוירען, בעקומט ווידער די בחירה למאוס ברע ולבחור בטוב און מען שטעלט דעם מענש ווידער אַמאָל פאַר אַ פייער־פּראָבע.

האָט ער א זכי׳ מתקן צו זיין דעם חטא צוליב וואָס ער איז נאָכאַמאָל מגולגל געוואָרען, איז וואויל צו איהם. טאָמער חלילה נישט, ווערט ער נאָכ׳ אַמאָל מגלוגל אין פערשידענע ברואים און בעלי חי ביז ער ווערט אינגאַנצען געלייטערט און איז זוכה צו קומען צו זיין שורש און צו אַ מקום מנוחה.

און דאָס איז דאָך ידוע, אַז אַלע גוטע יודען האָבען גרויסע כחות פערלעגט מתקן צו זיין אַזעלכע פערבלאָנדזשעטע נשמות, אַזעלכע נשמות וואָס דאַרפען תיקון. אויף שריט און טריט בעגעגענט זיך דער צדיק הדור מיט אָט די נשמות און אַ גרויסער טייל פון זיין עבדות ווערט פערוועדעט דערויף, אַ טובה צו טהון אַ יודען דאַמאָלס ווען יענער אַליין קען זיך שוין גאָרנישט העלפען.

וועגען דעם ענין גלגולים דערצעהלט מען צווישען די חסידים פון דער ריזשינער גוטע אַ פּלא׳דיגע מעשה, וואָס איז נאָך פאָרגעקומען בימי ריזשין.

פאָרגעקומען איז עס אין יאָהר תקצ״א. געבושעוועט האָט דאַמאָלס רחמנא ליצלן די שלאַפקייט איבער גאַנץ רוסלאַנד און אָנגעמאַכט חורבות. נישט געוועזען קיין איין הויז, וואָס זאָל אויסגעמיטען ווערען פון דער שרעק־ליכער עפּידעמיע.

עס פערשטעהט זיך, אַז אויך צום שטעדטעל ריזשין איז אָט די מגפה צוגעקומען. אָבער די איינוואוינער פון שטעדטעל זענען געווען פול מיט האָפנונג אַז דער זכות פון רבין זצ״ל וועט מגין זיין אויפ׳ן שטעדטעל און עס וועט קיינער נישט געניזוקט ווערען.

אָבער ווי ערשטוינט זענען אַלע געבליבען, דערהערענדיג אַז דער רבי האָט זיך פערשלאָסען אין אַ חדר מיוחד, און קיין שום מענש צו זיך נישט צוגעלאָזט. ער האָט געגעבען אַ שטרענגען פערזאָג צו זיינע גבאים און הויף-לייט, הזהר והזהר, נישט צולאָזען קיין שום אורח יהי׳ מי שיהי׳.

חסידים האָבען עס פערשטאַנען אויסצוטייטשען, אַז דער רבי האָט אונטערגענומען אַ געוואַלדיגען קאַמף מיטן בעל דבר. און אַזאַ קאַמף פאָדערט גרויסע אָנשטרענגונג, געוואַלדיגע מח-אַרבייט, און דעריבער פערלאַנגט דער רבי אַז קיינער זאָל איהם נישט מבלבל זיין און נישט שטערען איהם אין זיין גרויסער אַרבייט.

אָבער מעשה שטן הצליח, בעמיהעהנדיג זיך פאַרט דעם רבין מבלבל צו זיין אין זיין הייליגער אַרבייט וואָס איז דער סטרא אחרא ווייט נישט געווען לרצון, האָט ער אונטערגעשטעלט נישט קיין אַנדערען נור דעם רבינס אַ לייב-מענש, אַ מקורב און אַ גרויסער נכבד ביים רבין, זיין נאָמען איז געווען ר׳ נתנאל.

דער דאָזיגער ר׳ נתנאל איז שוין געווען אַ יוד אין די זעכציגער. אַ פלאַם-פייערדיגער חסיד, וועלכער איז נאָך געפאָהרען צום ריזשינער׳ס פאָטער דעם פּראָבישטשער ז״ל. דער יוד איז געווען גרייט אויף דער גרעסטער מסירת נפש, אַבי אָנצוטהון אַ נחת רוח דעם רבין, אין וועלכען ער איז געווען שטאַרק אָנגעקנופּט, אַפילו צו געהן אין פייער אַריין. און אויך דער רבי האָט דעם ר׳ נתנאל שטאַרק ליעב געהאַט און מיט איהם אָפט פערבראַכט אין פערשידענע הויכע שמועסען.

צוליעב דער שרעק פון די מגפה ר״ל, האָבען פיעל דאָרפס-יודען פון נאָהנט און ווייט געלאָזט אַלץ אויף הפקר און מיט ווייב און קינד געקומען צו לויפען קיין ריזשין, כדי צו געפונען זיך אין דער שרעקליכער עת צרה נאָהנט פון רבין און ניצול ווערען פון אַ זיכערען טויט אין זיין זכות.

איבערהויפט האָט יעדער וואָס איז געקומען קיין ריזשין זיך בעמיהט אויפגענומען צו ווערען פון רבין און בעקומען פון איהם אַ ברכה. אָבער דאָ האָבען זיי זיך דערוואוסט, אַז דער רבי האָט שטרענג פערזאָגט, אַז מען זאָל קיין יליד אשה צו איהם נישט צולאָזען כל זמן ער וועט אַליין נישט עפענען די טהיר פון זיין יחוד-שטיבעל.

די דאָזיגע טרויעריגע בשורה האָט דעם פערזאַמעלטען עולם גאָר שטאַרק צובראָכען. וואָלטען זיי געווען חסידים וואָלטען זיי פערשטאַנען אַז

די זאַך איז נישט פּשוט, אַז דאָס האָט דער רבי אונטערגענומען די גרויסע אַרבייט לטובת דעם כּלל ישראל, צו וועלכער עס פאָדערט זיך גרויס ישוב הדעת און מנוחה. זענען עס דאָך אָבער געווען פּראָסטע מענשען, וואָס האָבען אין חסידות נישט געהאַט די מינדעסטע הבנה, האָבען זיי עס אויסגעטייטשט אַז אויב דער צדיק לאָזט נישט צו צו זיך, איז אַ סימן, אַז די וועלט געהט חלילה אונטער, אַז עס איז נישטאָ וואָס מעהר אויפצוטהון, איז אַ סימן אַז די שערי רחמים זענען חלילה פערשלאָסען און עס איז לחלוטין נישט פערהאַן קיין שום האָפנונג ניצול צו ווערען פון דעם ביטערען טויט.

האָט זיך אויפגעהויבען אַ געוויין און אַ געשריי. אַ יללה אַזש הימלען האָבען זיך געשפּאָלטען. דעם רבי׳נ׳ס גרויסער הויף איז פול געווען פון די אַרומיגע דאָרפס־לייט מיט ווייבער און קינדער. מען האָט כּסדר געהאַלטען אין איין וויינען און קלאָגען, קוקענדיג אויף זיך ווי אויף צום טויט. פּעראורטיילטע, וועמענס אורטייל עס דאַרף אין די נאָהנטסטע שעה׳ן אויסגעפיהרט ווערען.

צווישען אַט די פעריאוש׳טע יודען, ווייבער און קינדער האָט זיך אַרומגעדרעהט אונזער ר׳ נתנאל, און זיין האַרץ איז איהם שיעור נישט צושפּרינגען געוואָרען פאַר צער. ער האָט יאָ געוואוסט, אַז דאָס אָבזונדערען זיך פון רבי׳ן איז נישט פּשוט, אַז דאָס אַרבייט ער אַן׳עבודה פאַר׳ן כּלל ישראל. אָבער אַלס גרויסער אוהב ישראל האָט ר׳ נתנאל נישט געקענט צוקוקען ווי אַזוי יודען פערלירען דעם לעצטען שטראַהל פון האָפנונג, ווען זייענדיג זיכער אַז ווי נאָר דער רבי וועט זיך בעווייזען פאַר׳ן עולם, וועט דער מוט זיך שטאַרקען, וועט בעקומען אַ שטראַהל פון האָפנונג, האָט ער אָנגעהויבען טראַכטען אַריינצוגעהן צום רבי׳ן און איהם אויפמערקזאַם מאַכען דערויף.

ער האָט גוט געוואוסט, אַז דער צדיק וועט האָבען אויף איהם אַ שטאַרקע הקפּדה, און דעם צדיק׳ס הקפּדה שמעקט מיט סכּנת־נפשות. ער האָט אַלץ גוט געפיהלט און געוואוסט, אָבער דאָס רחמנות אויף די יודען, די פערצווייפלונג און דאָס צובראָכענקייט האָט איהם אַזוי אַדורכגענומען, אַז ער האָט בעשלאָסען זיך צו ברענגען אַ קרבן. זאָל זיין וואָס עס איז, ער וועט אַריין צום רבי׳ן.

זייענדיג אַ שטאַרקער מקורב ביים רבי׳ן, האָבען די גבאים איהם בכּלל נישט געהיטען. שטענדיג פלעגט ער דאָך אַריינגעהן צום רבי׳ן צו יעדער צייט! האָט ער אויך איצט זיך געלאָזט צום רבי׳נ׳ס חדר און אויסנוצענדיג אַ געלעגענהייט, ווען קיינער האָט זיך נישט געפינען דאָרט, האָט ער אַנ׳עפען געטהון די טהיר און געבליבען שטעהן אויף דער שוועל פון רבי׳נ׳ס חדר.

דער רבי איז שטאַרק אויפגערודערט געוואָרען און אויסגערופען מיט גרויס פערוואונדערונג:

— נתנאלע! — דו ביזט עס?

אויף אַזאַ שטייגער קבלת פּנים האָט זיך אונזער ר׳ נתנאל נישט געריכט. האָט זיך איהם דעריבער אָנגעהויבען וואַרפען אַ צאָהן אין אַ צאָהן און קוים וואָס ער האָט זיך בעהערשט, האָט ער אויסגערופען ווי נישט מיט זיין קול:

— הייליגער רבי! דער עולם גאַרט אייך שטאַרק צו זעהען, דער עולם מוז אייך זעהען, מוז זעהען אייער הייליגער צורה, ווייל דאָס וועט פּער־טרייבען דעם מלאך המשחית פון זייערע הערצער — בענשט זיי, רבי, בענשט זיי, אַך קען מער נישט איבערהאַלטען, דאָס רחמנות צו די יודי־שע קינדער...

דער רבי איז אַ ווײַלע געשטאַנען אַ פּערטראַכטער אויף זיין אָרט און נישט אַראָבגענומען קיין אויג פון זיין געטרייען חסיד. ענדליך האָט ער אויסגערופען:

— נו גוט, געה זאָג זיי, אַז באַלד וועל איך צוקומען צו דעם פענ־סטער פון פראָנט־חדר און זיי געבען אַ ברכה!

ר׳ נתנאל איז גלייך אַוועק צום עולם אָנזאָגען די גוטע בשורה. דער דערשלאָגענער עולם האָט מיט אַמאָל אויפגעלעבט און ווירקליך האָט דער רבי באַלד בעוויזען זיך אין פענסטער. מיט אַ פּנים שוחקות האָט ער גע־קוקט צו דעם פערזאַמעלטען עולם און געבענשט זיי, אַז די מגפה זאָל אין זיי נישט שולט זיין.

און ווירקליך האָט פונ׳ם פערזאַמעלטען עולם קיינער נישט געליטען. נאָר איינער איז גלייך אין דעם זעלבען טאָג געפאַלען פון דער מגפה. דאָס איז געווען — דער חסיד ר׳ נתנאל!..

חסידים דערצעהלען, אַז דאָס איז ער געשטאָרבען צוליעב דעם רבינס הקפדה. דערפון, וואָס צוליעב זיין בלבול האָט דער רבי געקענט מיגן זיין נאָר אויף זיינע נאָהנטע, אָבער ערגיץ אַנדערש האָט נאָך די מגפה גע־הערשט אַ שטיקעל צייט.

דער טויט פון ר׳ נתנאל האָט נאַטירליך געמאַכט אַ שטאַרקען רושם אויף אַלע ריזשינער חסידים, מען האָט איהם שטאַרק ליעב געהאַט און מען האָט געוואוסט, אַז ער האָט זיך מוסר נפש געווען פאַר חיבת ישראל, האָט מען דעריבער געטרינקען תיקון פאַר זיין נשמה און דערמאָהנט איהם צום גוטען.

אַזוי זהנען אַריבער צוויי יאָהר צייט, דער הייליגער ריזשינער האָט מעהר נישט דערמאָהנט דעם איבערגעגעבענעם חסיד זיינעם, ווי ער וואָלט קיינמאָל נישט עגזיסטירט.

איינמאָל, געהענדיג אין מקוה, איז איהם אַקעגענגעקומען אַ יונגעל מיט

אַ קאַנאַריקל, וואָס ער האָט געכאַפּט אין וואַלד און געטראָגן עס צו פֿאַר־קויפֿן. דער רבי האָט געהייסן דעם גבאי קויפֿן דאָס פֿייגעלע און אַריינזעצן עס אין אַ גאָלדענער שטייג און עס אויפֿהענגען אין זיין דאַוונ־שטיבל,

און כאָטש עס איז פֿאַר איהם געווען אַ פּלא די זאַך, דאָך האָט ער געטהון, דאָס וואָס מען האָט איהם געהייסן.

זייט דאַמאָלס פֿלעגט דער רבי טאָג טעגליך פֿאַר׳ן דאַוונען שטעהן אַ געוויסע צייט ביים שטייגעל, שטאַרק פֿערדבקה׳ט און דערביי האָט דאָס פֿייגעלע אַרויסגעגעבן אַזעלכע שעהנע און יאָמערליכע טרעלען וואָס האָט ביים האַרץ געריסען.

די מקורבים האָבען געוואוסט, אַז די זאַך איז נישט פּשוט, מען האָט פֿערשטאַנען אַז דער רבי דאַרף נישט האָבען די טרעלען פֿון קאַנאַריקעל און מען האָט געגלויבט באמונה שלימה, אַז אין אָט דעם פֿויגעלע איז מגולגל געוואָרען די נשמה פֿון אַ גרויסען צדיק וואָס דאַרף תיקון.

אָבער וואָס און ווען, האָט קיינער נישט געקענט זיך דערוויסען.

ענדליך איז דער סוד נתגלה געוואָרען.

געווען איז דער צווייטער טאָג אין חודש ניסן, דאַמאָלסט ווען מען זאָגט נאָכ׳ן דאַוונען דעם צווייטען נשיא, דעם נשיא פֿון ישׂשכר — נתנאל בן צוער. אין יענעם טאָג איז די עבודה פֿון רבין פֿאַרן דאַוונען געווען מורא׳דיג. זיין דבקות איז געווען איבערנאַטירליך און דאָס קאַנאַריקעל האָט אַזוי יאָמערליך געצוויטשעט, אַרויסגעבענדיג פֿון זיך אַזעלכע האַרץ־רייסענדע טענער, אַז מען האָט געפֿיהלט, אַז עס דאַרף פֿאַרקומען עפּעס אַנ׳אויסטער־לישע זאַך, האָט דער עולם געוואַרט מיט גרויס אויפֿרעגונג און שפּאַנונג.

פּלוצלינג האָט דער רבי אויסגערופֿען:

— נו, עס איז דאָך היינט אַ שטיקעל יום־טוב, דער יום־טוב פֿון נשיא נתנאל, ס׳איז זיין טאָג און זיין שמחה. לאָמיר געהן דאַוונען!

און מען האָט זיך געשטעלט דאַוונען מיט גרויס התלהבות, דעם בעל־תפילה האָט דער רבי בעפֿויהלען דאַוונען מיט אַ יום-טוב׳דיגען ניגון.

גלייך נאָכ׳ן דאַוונען, האָט דער רבי אויפֿגעעפֿענט די טהיר פֿון זיין דאַוונען־חדר און גענומען זאָגען דעם יהי רצון פֿון נשיא מיט אַזאַ התלהבות, וואָס מען האָט עס אַפֿילו ביים הייליגען ריזשינער זעלטען געזעהען.

דעם יהי רצון האָט דער רבי נאַטירליך געזאָגט אויף לשון קודש, אָבער מיר געבען דאָס אין אַ יודישער איבערזעצונג:

— עס זאָל זיין דער ווילען פֿון דיר מיין ג–ט, דער ג–ט פֿון מיינע עלטערען, דו זאָלסט היינט דערלייכטען מיט דיין גרויסען חסד אויף די היי־

ליגע נשמות וואָס פלאַטערן ווי די פויגעלעך און סווישטשערען און לויבען און טהוען תפלה פאַר דיין פאָלק ישראל.

רבונו של עולם! ברענג שוין אַריין די דאָזיגע הייליגע פויגעלעך אין דעם הייליגען אָרט, אויף וועלכען עס איז געזאָגט געוואָרען: קיין אויג האָט עס נאָכנישט געזעהען, אַחוץ דו, ג–ט...

אין דעם דאָזיגען מאָמענט, האָט דאָס קאַנאַריקעל אויסגעצויגען די פיסעלעך און אַוועקגעפאַלען טויט...

ערשט איצט האָבען די חסידים פערשטאַנען אַז אין דעם קאַנאַריקעל האָט געשטעקט דער גלגול פון חסיד ר׳ נתנאל, און זיין נשמה האָט געהאַט אַ תיקון אין טאָג פון נשיא נתנאל בן צוער...

מט

צדדיי שוראבערס

אין די לעצטע צוויי יאָהר פון זיין לעבען, האָט דער סאַדאגורער רבי זצ״ל איבערגעלעבט אַ מורא׳דיגע טראַגעדיע, וואָס האָט אין דער חסידישער וועלט געמאַכט אַ שטאַרקען רושם: עס זענען אין אַ קורצע צייט נסתלק געוואָרען בחייו זיינע צוויי טייערע קינדער, זיין עלטסטער זוהן ר׳ שלמה׳ניו און זיין איידעם ר׳ נחום בערעניו זצ״ל, ביי וועלכען מיר האָבען זיך אָבגעשטעלט אין איינעם פון די פריהערדיגע קאַפּיטלעך.

דאַמאָלס אין יענע יאָהרען איז דאָס סאַדאַגורער חסידות געשטאַנען אויף דער העכסטער מדרגה. טויזענדער חסידים פון רוסלאַנד און גאַליציען האָבען געצויגען קיין סאַדאגורע און עס האט קיין שיעור נישט געהאט דער כבוד און גדולה, וואָס האָט אַרומגערינגעלט דעם סאַדאגורער הויף.

און אָט איז געקומען די שרעקליכע טראַגעדיע וואָס האָט געהאַט אַזאַ מורא׳דיגע ווירקונג אויפ׳ן רבי׳ן, איהם קראַנק געמאַכט און מקצר ימים געווען.

דער סאַדאגורער רבי האָט געהאַט זיבען קינדער, פיר טעכטער און דריי זוהן. די זוהן זענען געווען: ר׳ שלמה, ר׳ יצחק – דער שפּעטערדיגער באָיאַנער רבי, און ר׳ ישראל, דער ממלא מקום פון זיין פאָטער אין סאַדאגורע.

איבערהויפּט זענען די חסידים, און מכל שכן די גאַליצישע געווען צוגעבונדען צו ר׳ שלמה׳ן, דעם עלטסטען זוהן, דער איידעם פון רבין ר׳ הירש זצ״ל פון רימאַנאָוו. ר׳ שלמה האָט זיך מיט זיין דרך העבדות אַ סך אונטערשיידעט פון דעם דרך פון דער ריזשינער גזע. עס האָט מצהר געהאַט עהנליכקייט צום עבודות פון זיין שוועהר דעם רימאַנאָווער. דאָס עבודות

איז נישט געווען בהצנע ווי זיין פאָטערס אָדער זיידענס, נאָר בריש גלי, מיט רעש און מסירות נפש. אַז עס האָט געמאַכט אַלעמען ציטערען. אַ חוץ דעם איז ער געווען שטאַרק מעורב בין הבריות און דער עולם האָט איהם שטאַרק ליעב געהאַט.

אָבער פלוצלינג איז געקומען דאָס אומגליק, געווען איז עס אין ווינ־טער פון יאָהר תרמ״ב, איז ר׳ שלמה׳ניו שטאַרק קראַנק געוואָרען. אין תחילת האָבען די דאָקטוירים נישט געהאַלטען די קראַנקהייט פאַר אַ מסוכנ׳־דיגע. מען האָט געגלויבט, אַז עס וועט איבערגעהן און דער חולה וועט צוריק געזונד ווערען, אָבער זייט דעם ערשטען טאָג ווען ר׳ שלמה׳ניו איז קראַנק געוואָרען איז דער רבו אַרומגעגאַנגען שטאַרק צוטראָגען. מען האָט צו איהם קיינעם נישט צוגעלאָזט און די דאָזיגע התנהגות האָט נאָך מעהר צובראָכען די געמיטער פון די מקורבים און פון דעם עולם חסידים.

דערצו איז נאָך מיט עטליכע חדשים צוריק, אין ראש השנה, פאַר־געקומען עפעס אַזוינס, וואָס האָט אָנגעיאָגט אַ שרעק אויפ׳ן עולם און מען האָט מורא געהאַט פאַר אַנ׳אומגליק.

געווען איז דאַמאָלס אין סאַדאגורע אַנ׳עולם פון עטליכע טויזענד חסידים. נישט נאָר דער ריזיגער קלויז איז געווען פול מיט חסידים, נאָר אויך דער גאַנץ־גרויסער הויף איז געווען פול מיט מתפללים.

בעל תפילה איז געווען ר׳ יהושוע׳לע סקאַרעווער. איהם האָט מען געהערט זעהר ווייט, אַזוי אַז מען האָט זיך כלל נישט בעדאַרפען געפונען אין קלויז, בכדי צו הערען דעם בעל תפילה. דאָס זעלבע פלעגט אויך זיין מיט תקיעת שופר. דער שטענדיגער בעל תוקע, ר׳ יעקעלע בערדיטשעווער איז געווען אַ בעריהמטער בעל תוקע. פינף און צוואַנציג יאָהר פלעגט ער שוין שופר בלאָזען אין סאַדאגורע און קיינמאָל האָט ער נאָך נישט געהאַט דעם מינדעסטען טעות אָדער ער זאָל דאַרפען אַ צווייט מאָל בלאָזען אַ תקיעה וואָס זאָל איהם נישט האָבען ביים ערשטען מאָל געלונגען.

פונדעסטוועגען, אַז מען האָט אָנגעהויבען זאָגען „למנצח לבני קרח״ איז געוואָרען אויפ׳ן הויף אַ שטופעניש, אַלע האָבען געוואָלט זיין נעהנטער צו דעם קלויז כדי בעסער צו הערען די תקיעות.

און אָט האָט מען שוין אָבגעזאָגט דעם למנצח. די פסוקי דרחמי׳ און אפילו די ברכה האָט מען שוין אויך געהערט, אָבער קיין קול שופר הערט מען נאָך אַלץ נישט...

ר׳ יעקעל נעהמט איין שופר פרובט בלאָזען, נעהמט אַ צווייטען שופר — עס געהט נישט. אַ געוואַלדיגער פחד איז געפאַלען אויפ׳ן עולם. אַזעלכעס איז דאָך נאָך קיינמאָל נישט געשעהען, זייט פינף און צוואַנציג יאָהר. ר׳ יעקעלע גופא, ווייס ווי אַ טויטער, האָט אָנגעהויבען ציטערן ווי אַ פיש אין וואַסער, נעבען איהם שטעהט דער רבי איינגעהילט אין טלית און גיט זיך נישט קיין ריהר. טראַכט זיך ר׳ יעקעלע, אַז מסתמא איז ער

נישט ראוי צו די תקיעות, הויבט ער אָן זוכען מיט זיינע דערשראָקענע בליקען צווישען עולם אַ צווייטען בעל תוקע, אָבער דער רבי בעמערקט דאָס און שאָקעלט מיט'ן קאָפּ אויף ניין. ר' יעקעלע, הייסט עס, מוז בלאָזען און נישט קיין אַנדערער.

לאַנג האָט עס געדויערט, ביז ער האָט אַרויסגעבראַכט יאַ קול שופר אָבער אויך שפּעטער איז עס נישט בעסער געגאַנגען.

עס איז איבריג צו זאָגען, אַז די דאָזיגע סיבה, האָט אויף דעם גאַנצען עולם זיך געלעגט ווי אַ שווערער קאָשמאַר, סוף כל סוף האָבען זיך די תקיעות געענדיגט. דער רבי איז אַריין צו זיך אין זיין חדר מיוחד, אָבער באַלד נאָכ'ן דאַווענען איז אַריינגעלאָפען ר' יעקעלע בערדיטשעווער דער בעל תוקע מיט אַ גרויס געוויין, נישט קענענדיג קיין איינציג וואָרט פון מויל אַרויסברענגען פאַר שרעק און ערשיטערונג.

דער רבי האָט איהם געטרייסט און בערוהיגט, אַז נישט צוליעב זיין שולד איז עס געשעהען. נישט ער איז שולדיג, והראי' אי"ה מאָרגען, דעם צווייטען טאָג, וועלען שוין די תקיעות אַדורכגעהן כשורה.

אַזוי איז טאַקי געשעהען. אויף צומאָרגעגס זענען שוין די תקיעות אָרגעקומען ווי געהעריג. דער ברייטער עולם האָט זיך דערמיט בערוהיגט, אָבער דער איידעלערער עולם, די חסידים בעלי מח, האָבען פערשטאַנען, אַז די זאַך איז ווייט נישט פשוט, און זיינט ראש השנה האָט ווי עפּעס אַ כמאָרע געהאָנגען איבער דער סאַדאגורער חסידישער סביבה.

און דערפאַר האָט אַרויסגערופען אַזאַ אויפטרייסלונג די ידיעה, אַז דער עלטסטער זוהן פון רבין, ר' שלמה'ניו איז קראַנק געוואָרען.

און עס האָט טאַקי נישט לאַנג געדויערט. כ' טבת איז ר' שלמהניו נסתלק געוואָרען.

אַזאַ אויסטערלישע זעלבסטבעהערשונג ווי דער סאדאגורער רבי האָט אַרויסגעוויזען ביי דער פּטירה פון זיין עלטסטען זוהן איז נישט מעגליך אין ווערטער אויסצודריקען, אַרויסרופענדיג אונגעהויערע איבעראַשונג ביי אַלעמען.

אָבער נאָך נישט דערמיט איז געשלאָסען געוואָרען דער ביטערער גזר. באַלד נאָך ר' שלמה'ניו'ס פּטירה האָט זיך פערשטאַרקט די קראַנקהייט ביים רבינס איידעם ר' נחום בערעניו. ר' נחום בערעניו איז געווען אַ זוהן פון סאַדאגורער רבינס עלטסטען ברודער ר' שלום יוסף זצ"ל, וועלכער איז נפטר געוואָרען אין לייפּציג נאָך דער פּטירה פון זיין פאָטער דעם ריזשינער זצ"ל. ר' נחום בערעניו איז געווען אַ געוואַלדיגער עובד און בעל מח. ער האָט פערמאָגט אין זיך אַנ'אויסטערלישען כח המושך, זייענדיג אַ גרויסער אוהב ישראל. און פונקט ווי אין זיין שוואָגער ר' שלמה'ניו איז געווען אָנגעקניפּט די גאַליצישע חסידים, האָבען אין איהם געקלעבט די רוסישע חסידים. אָבער אַ חוץ דעם איז די אַהבה פון דיביידע שוואָגערס

געווען אַזאַ שטאַרקע, אַז מען קען גאָרנישט מצייר זיין, שטענדיג האָבען זיי זיך געהאַלטען צוזאַמען, עוסק געווען אין חסידות צוזאַמען, ממש ווי צוויי גופים מיט איין נשמה.

די פטירה פון זיין ליבען שוואָגער האָט דעריבער אויף ר' נחום בערעניו געמאַכט אַ זעהר שווערען רושם און דאָס האָט איהם שטאַרק קראַנק געמאַכט, און די דאָקטוירים האָבען איהם אויפ'ן זומער געהייסען פאָהרען קיין קאַרלסבאַד.

אויף זיין רייזע קיין קאַרלסבאַד האָט ער זיך אָבגעשטעלט אין וויען, וואו ער האָט זיך בעדאַרפען לאָזען בעהאַנדלען פון אַן'אָרטיגען פראָפעסאָר. דאָרט פלעגט ער איינשטעהן אין אַ בעקאַנטען כשר'ן רעסטאָראַן, וואו ער האָט זיך ערלויבט צו עסען אַ ביסעל זופּ פון אַן'עוף, וואָס דער שוחט וועלכער איז מיט איהם מיטגעפאָהרען האָט ספּעציעל געשאָכטען.

געווען איז עס ערב שבת. פרייטאָג־צונאַכטס איז אַן'עולם חסידים געקומען בייצוואוינען דעם טיש. בייב עסען האָט מען דערלאַנגט די זופּ, ווי נאָר ר' נחום בערעניו האָט גענומען אַ לעפעל מיט זופּ אין האַנד האָט ער פלוצלינג צוריקגעוואָרפען דעם לעפעל אין טעלער אַריין.

דאָס איז געווען ביים עולם אַ ווילד חידוש. בעזונדערס איז אויפגעשפרינגען דער שוחט און ער איז גלייך געלאָפען צו דער בעל־הבית'טע פון האָטעל און געפרעגט וואָס עס איז געשעהן מיט'ן עוף.

נאָך אַ לענגערער חקירה ודרישה, איז מען געוואָהר געוואָרען אַז דאָס עוף האָט געהאַט אַ שאלה. היורת ווי זי האָט קיין אַנדער עוף נישט געהאַט אונטער דער האַנד, האָט זי זיך סומך געווען אויף איהר אייגענער בקיאות און „געפסקנט" אַז דאָס עוף איז כשר און עס אָבגעקאָכט. און באמת איז עס גאָר געווען אַ שווערע שאלה.

דער דאָזיגער פאַקט וואָס איז פאָרגעקומען אין אַלעמענס געגענוואָרט האָט אַרויסגערופען אַ געוואַלדיגע איבערראַשונג. אָבער דאָ האָט ר' נחום בערעניו מיט אַ שמייכעל אויסגערופען:

— איהר דאַרפט זיך גאָרנישט חידוש'ן, עס איז כלל נישט קיין מופת. די זאַך איז גאָר פשוט. ווי נאָר איך האָב גענומען דעם לעפעל מיט די זופּ אין האַנד, האָב איך בעקומען אַ געוואַלדיגען חשק, איהר מעגט עס אָנרופען „אַפּעטיט", צו עסען די זופּ. האָב איך מיר געדרינגען, אַז די זאַך איז נישט פשוט, מחמת צו וואָס דאַרף דער יצר הרע זיך געבען אַזוי פיעל מיה איינצורעדען מיר צו עסען די זופּ, בעת איך וואָלט דאָך איהר סיי ווי געגעסען. און ווען ער האָט אין מיר דערוועקט אַזאַ שטאַרקען חשק צום עסען, האָב איך פערשטאַנען, אַז דאָ שטעקט עפּעס אַ שטיק פון בעל דבר און מען מוז האָבען ישוב הדעת כדי אויסצוגעפינען די דאָזיגע סיבה. און דאָס איז נישט קיין מופת. דאָס איז אַ בפירושע גמרא: „סעודה שהנאתו

מרובה, משוך ידך הימנה״, (א שפּיז וואָס שמעקט דיר שטאַרק, נעהם אַוועק די הענד און עס נישט מעהר דערפון).

דער דאָקטאָר האָט איהם גע׳עצה׳ט צו פאָהרען קיין גלייכענבערג, וואו ער האָט פערבראַכט עטליכע וואָכען צייט און עס איז איהם פיעל בעסער געוואָרען, און ער האָט בעשלאָסען צוריק אַהיימצופאָהרען.

אויפ׳ן וועג אַהיים האָט ר׳ נחום בערעניו בעשלאָסען אָבצושטייגען אין וויען, כדי זיך צו זעהען מיט זיין דאָקטאָר. נאָכ׳ן אָפּרוהען זיך פון וועג האָט ר׳ נחום בערעניו בעשלאָסען צו מאַכען אַ שפּאַציר איבער די וויענער גאַסען. מען האָט געדונגען אַ קאַרעטע און ר׳ נחום בערעניו מיט זיינע מקורבים זענען זיך אַ ביסעל אַדורכגעפאָהרען די שטאָדט.

צוריקגעקומען אויף דער אכסניא איז שוין געווען נאַכט. געווען איז עס דינסטאָג כ״ו אב. אין האָטעל האָט ר׳ נחום בערעניו געטראָפען זיין פריינד דעם באָריסלאַווער גביר און חסיד ר׳ אברהם וואלדינגער. ר׳ נחום בערעניו האָט זיך פאַר איהם געקלאָגט, אַז ער פיהלט זיך עפּעס אויסטערליש שוואַך, דאַן האָט ער בעשלאָסען צו דאַווענען מעריב און ר׳ אברהם איז געבליבען אין צימער כדי צו העלפען איהם לעגען זיך אָפּרוהען.

ר׳ נחום בערעניו האָט זיך אַוועקגעשטעלט אין אַ ווינקעל און געגנו. מען דאַווענען מעריב, ביי קריאת שמע האָט ר׳ אברהם בעמערקט, ווי ר׳ נחום בערעניו וואַקעלט זיך אומצופאַלען. ער איז דעריבער צוגעלאָפען, ר׳ נחום בערעניו האָט זיך אויף איהם אָנגעשפּאַרט, איבערגעזאָגט נאָך אַמאָל דעם פּסוק „שמע ישראל״ און מני׳ בי׳ די נשמה אויסגעהויכט...

דער מוראדיגער קלאַפּ האָט אַלע סאַדאגורער חסידים וואָס האָבען זיך געפונען אין וויען, שטאַרק ערשיטערט. און דאָ איז ענטשטאַנען די פראַגע, וואו מען זאָל דעם נפטר ברענגען צו קבורה, אין סאַדאגורע האָט מען נישט געוואָלט אָנפרעגען, מחמת דער רבי איז שוין דאַמאָלס קראַנק געווען. עס איז דעריבער געשיקט געוואָרען אַ טעלעגראַפישע אָנפראַגע קיין טשאָרטקאָוו, וואָס מען זאָל טהון. באַלד איז געקומען אַ תשובה, אַז מען זאָל איהם קובר זיין אין וויען. מחמת כמה וכמה טעמים.

ר׳ נחום בערעניו איז טאַקי געקומען צו קבורה אויפ׳ן וויענער בית-עלמין, דאָס קבר איז אַרומגערינגעלט מיט שטאָלענע שטאַכעטען.

דערהערענדיג די דאָזיגע טרויעריגע בשורה, האָט דער טשאָרטקאָווער רבי זצ״ל אויסגערופען:

— אָוואַ, הנאהבים והנעימים בחייהם ובמותם לא נפרדו.

געמיינט האָט ער עס די ביידע שוואָגערס, וואָס זענען אין אַזאַ קורצער צייט אַוועק אויפ'ן עולם האמת.

וועגען דער פטירה פון זיין בעליעבטען איידעם האָט מען דעם סאַדאגורער רבין נישט דערצעהלט. אָבער ווי חסידים בעהויפּטען האָט ער זיך אויך פריהער געריכט דערויף, ער האָט עס געוואוסט נאָך אין יענעם ראש־השנה ווען עס איז אַריינגעקומען אַן עיכוב אין די תקיעות פון ר' יעקעלע בערדיטשעווער.

כ

דאס הסתלקות

אַ יוד דאַרף קענען מקבל זיין די גרעסטע יסורים באהבה, דאַרף קענען זיך דערהויבען איבער זיינע פּערזענליכע געפיהלען און אין זיין האַרץ דאַרף זיך חלילה נישט געפונען דער מינדעסטער שפור פון תרעומות אויף דער השגחה — פלעגט דער סאַדאגורער רבי זצ"ל אָפט זאָגען צו זיינע נאָהנטע, נאָכ'ן אומגליק וואָס האָט איהם געטראָפען מיט דער הסתלקות פון זיין עלטסטען זוהן.

וועגען דער סיבה, וואָס האָט זיך געטראָפען מיט זיין בעליעבטען איידעם, האָט מען איהם, ווי שוין געזאָגט, נישט דערצעהלט, אָבער ווי חסידים און מקורבים גיבען איבער האָט ער נאָך דער דאָזיגער טראגעדיע איינגאַגצען זיך איינגעשלאָסען אין זיך אין זיינע ד' אמות, און גאַנץ וועהניג מחזקות געהאָט מיט זיינע אַרומיגע, אפילו מיט זיינע קינדער און הויז געזונד.

גאַנץ אָפט האָט מען איהם געטראָפען זיצען ביים חומש ויקרא אויפגעמישט די פרשה, וואו עס ווערט דערצעהלט וועגען דעם פלוצלינגען טויט פון אהרן הכהן'ס צוויי זוהן, נדב ואביהוא. ווי די תורה זאָגט עדות, אַז ביים דאָזיגען גרויסען אומגליק האָט זיך אהרן נישט פערלוירען, נישט מסיח דעת געווען אויף קיין איין רגע פון זיין עבודת הקודש. די דאָזיגע הרוממות הרוח בעצייכענט די תורה מיט די צוויי ווערטער „וידום אהרן". ער האָט שטילגעשוויגען. און אָט די צוויי ווערטער בעצייכענט דאָס גדלות פון אהרן הכהן.

און ווען די פּאַטערליכע געפיהלען האָבען זיך דערוועקט ביים סאַדאגורער רבי'ן זצ"ל, ווען עס האָט אין זיין האַרץ אויפגעבּרויזט אַ בענקשאַפט צו זיינע צוויי אַזוי שטאַרק געליעבטע קינדער, האָט דער צדיק געפונען אַ טרייסט אין דעם „וידום אהרן".

אין די לעצטע יאָהרען פון זיין לעבען איז דער סאַדאַגורער רבי

זצ"ל כסדר קראַנק געווען. גאַנץ אָפט האָבן די דאָקטוירים אַ מאַך געטהון מיט די הענד און ערקלערט, אַז זיי האָבן נישט מעהר וואָס אויפצוטהון. אָבער יודען האָבן איהם פאַרט אויסגעבעטען. אַזוי איז געשעהן מיט צוויי יאָהר פאַר דער פטירה, ווען זיינע צוויי קינדער האָבן נאָך געלעבט. דאַמאָלס איז דער רבי זעהר שטאַרק שלאַף געוואָרען און די דאָקטוירים האָבן שוין איהם געהאַט אויפגעגעבען. אָבער דער רבי האָט געוואוסט, אַז ער דאַרף נאָך לעבען, האָט ער מיט זיינע מקורבים געפיהרט קורצע, אָבגעהאַקטע געשפּרעכען אין וועלכע ער האָט געגעבען אָנצוזעהערען, אַז ער וועט נאָך געזונד ווערען. ווי חסידים דערצעהלען זאָל דער רבי דאַמאָלס בפירוש זיך האָבן אויסגעדריקט, אַז די שערי רחמים זענען נאָך פאַר זיי נעטוועגען אָפען מקבל צו זיין די יודישע תפלות.

דער דאָזיגער אונצווייידייטיגער רמז אַז יודען זאָלען פאַר איהם מתפלל זיין, אַז מען קען איהם אויסבעטען, האָט נאַטירליך געמאַכט אַ שטאַרקען רושם אין די חסידישע קרייזען. יודען האָבן איינגעריסען, תהילים געזאָגט, קברים געריסען, תיקון געטרינקען, טעלעגראַמען זענען געלאָפען קיין ירושלים, מחמת דער סאַדאַגורער רבי איז געווען דער נשיא פון כולל וואָהלין אין ארץ ישראל, צו וועלכען עס האָבן געהערט אַלע חסידים פון דער ריזשינער גזע, אַז מען זאָל מתפלל זיין אויף די מקומות הקדושים פאַר'ן געזונד פון רבי'ן.

איבערהויכט האָט מען תפילה־געטהון אין סאַדאַגורער „תפארת ישראל", קלויז אין ירושלים וואָס דער סאַדאַגורער רבי האָט אויפגעבויט אין ירושלים. ביז מען האָט דעם רבי'ן אויסגעבעטען און ער איז געזונד געוואָרען.

ביי דער געלעגענהייט איז כדאי צו ווידמען אַ פּאָר ווערטער דער דאָזיגער פּרעכטיגער שוהל, וואָס ווערט אויך אָנגערופען ניסן בעק'ס שוהל ווייל דער דאָזיגער בעריהמטער ירושלים'ער עסקן און נשיא פון וואָהלין־סאַדאַגורער כולל אין ארץ־ישראל, האָט זיך משתדל געווען ביים בויען, און כל ימיו געווען דער הויפּט־גבאי פון דער שוהל.

דאָס איז אַ זעהר פּירשטל'כער בנין אין קוואַדראַט, פינף און צוואַנציג איילען לאַנג און פינף און צוואַנציג איילען ברייט. דאַגעגען אין דער הויך האַלט דער בנין פינף און פערציג איילען. דער באַלקען איז אַ געוועלבטער, אָבער פונדעסטוועגען האַלט ער זיך נישט אויף קיין זיילען נאָר אויף די פיער ווענד. אויף יעדער וואַנד זענען פערהאַן צוויי שורות פענסטער, אויך אינ'ם באַלקען זענען פערהאַן צוועלף פענסטער מיט פערשידענפאַרביגע שויבען.

די שוהל פערמאָגט פּרעכטיגע און קונסטפולע קרישטאָלענע הענגלייכטער, דורך די מזרח־פענסטער זעהט מען דעם מקום־המקדש. פערהאַן טאַקי אויף מזרח־זייט אַ גאַניק וואו מען דאַווענט אַלע יום־טוב תפלת מוסף ווייל פון דאָרט זעהט מען גוט דעם מקום־המקדש. אויך ווערט דאָרט יעדען

ל״ג בעומר געמאַכט די הדלקה לכבוד דער הלולא פון תנא רבי שמעון בן יוחאי.

וועגען דעם בוי פון דער דאָזיגער קלויז זענען פערשפרייט זעהר פיעל לעגענדעס. אזוי האָט זיך דער בוי אָנגעהויבען אין יאָהר תרכ״ד. דער סאַדאַגורער רבי זצ״ל האָט געשיקט געלד פאַר אַלע הוצאות. אָבער מיט אמאָל האָט דער רבי אויפגעהערט צו שיקען געלד און מען איז געצוואונגען געווען איבערצורייסען די אַרבייט. דאָס דאָזיגע האָט אַלעמען שטאַרק פערוואונדערט, אָבער קיין קשיות האָט מען נאַטירליך נישט געפרעגט.

אין יאָהר תר״ל האָט דער עסטרייכישער קייזער פראַנץ-יאָזעף בעזוכט ירושלים. פערבייגעהענדיג דער דאָזיגער נישט-אויסגעפערטיגטער געביידע האָט עס איהם זעהר שטאַרק פעראינטערעסירט און ווען מען האָט איהם אינפאָרמירט אַז דאָס בויט מען אַ סאַדאַגורער קלויז, און די אַרבייט איז איבערגעריסען געוואָרען צוליב געלד-מאַנגעל, האָט דער קייזער אויפ׳ן אָרט מנדב געווען טויזענד גילדען פאַר דער אויספערטיגונג פון דער קלויז.

דאָס האָט נאַטירליך געמאַכט אַ רושם. באַלד איז אָנגעקומען קיין ירושלים אַ שליח מיוחד פון סאַדאַגורע מיט די נויטיגע געלד-מיטלען. די שוהל איז אויסגעפערטיגט געוואָרען, און אין יאָהר תרל״ב איז פאָרגעקומען דער חנוכת-הבית.

חסידים בעהויפטען אַז דאָס האָט דער צדיק געוואָלט אַז דער „שר של עשו״ זאָל געבען זיין הסכמה צום בנין...

דער סאַדאַגורער רבי האָט מיט זיין ירושלימער קלויז שטאַרק שטאָלצירט און ווען ער האָט זיך געפינען אין ענגשאַפט האָט ער תיכף געהייסען טעלעגראַפירען קיין ירושלים אַז מען זאָל אין זיין קלויז מתפלל זיין פאַר איהם.

באַלד נאָך שבועות פון יאָהר תרמ״ג איז דער סאַדאַגורער רבי זצ״ל ווידער קראַנק געוואָרען. מען האָט באַלד אַראָבגעבראַכט די גרעסטע דאָקטוירים פון וויען און טשערנאָוויץ און זיי האָבען איינשטימיג ערקלערט, אַז דער מצב איז אַ געפעהרליכער מחמת די אינגעווייד זענען פערטריקענט געוואָרען פון הונגער, און זיין לעבען געפינט זיך אין אַ סכנה.

דער סאַדאַגורער רבי פלעגט כל ימיו זעהר וועניג עסען, ממש נאָר להחיות את נפשו, אָבער אין די לעצטע אַנדערטהאַלבען יאָהר, ד.ה. נאָך דער הסתלקות פון זיין זוהן ר׳ שלמה׳ניו זצ״ל, האָט ער לגמרי אויפגעהערט צו עסען, אַבי נאָר יוצא צו זיין און נישט מעהר. און דערפאַר זענען די אינערליכע קערפער-טיילען איינגעדאַרט געוואָרען.

תיכף ווי דער רבי האָט זיך געלעגט אין בעט אַריין, פון וועלכען ער האָט גוט געוואוסט, אַז ער וועט מעהר נישט אויפשטעהן, האָט ער לגמרי אויפגעהערט צו רעדען. ער האָט אָנגעוויזען זיינע נאָהענטע אַז מען

זאָל איהם לאָזען אַליין, אַז מען זאָל איהם נישט מוטשען מיט קיין רעפּעפּטען, עס הייסט נישט, אַז עס איז ביי איהם צוגענומען געוואָרען דער כח הדיבור. דעם כח הדיבור פונקט ווי אַלע חושים האָט דער רבי נישט פערלוירען ביז צו זיין לעצטען אָטעם-צוג. אָבער ער האָט נישט גערעדט קיין דיבור-הקל.

פלעגט ער אַזוי ליגען גאַנצע שעה׳ן מיט פערגלייצטע אויגען און במעט זיך נישט אַ ריהר געטהון. נאָך יעדען לייכטען שלאָף האָט ער אַ וואונק געטהון צו זיין משמש, אַז ער זאָל איהם דערלאַנגען וואסער צו וואשען. אַז עס איז געקומען דער זמן תפלה האָט מען איהם אָנגעטהון טלית און תפילין און אַזוי פלעגט ער דאַווענען אין זיך, דאָס קול זיינס האָט מען נישט געהערט.

קיין סאַדאגורע האָבען זיך תיכף פערזאַמעלט טויזענדער חסידים מען האָט געפיהלט, אַז די קאַטאַסטראָפע דערנעהנטערט זיך, און יעדער חסיד האָט געפונען פאַר זיין חוב צו געפונען זיך אויפ׳ן אָרט. די בכיות און די יללות האָבען פשוט די הימלען געשפּאָלטען. אָבער דער זמן האָט זיך שוין געהאַט דערנעהנטערט.

חסידים זענען אַרומגעגאַנגען שטאַרק נידערגעשלאָגען. דער פאַקט, וואָס דער רבי וויל מיט קיינעם אַ וואָרט נישט רעדען, האָט נאָך מעהר בעטריבט דעם עולם, וועלכער האָט געגאַרט אַ וואָרט צו הערען וועגען דער צוקונפט, ווער עס זאָל זיין ממלא מקומו. אָבער די דאָזיגע ערוואַרטונגען זענען נישט דערפיעלט געוואָרען.

איינמאָל, אין יאָהר תרמ״ב, אין דער יאָהרצייט פון זיין עלטסטען ברודער ר׳ שלום יוסף זצ״ל, וועלכער איז נפטר געוואָרען אין לייפּציג און וואָס פאַלט אויס י״א אלול, האָט דער רבי פּלוצלינג די אויגען געעפענט אַרומגעקוקט זיך, און דערזעהענדיג דעם משמש, וואָס איז פון זיין בעט נישט אָבגעטרעטען, האָט דער רבי איהם אַ פרעג געטהון:

— וויפיעל איז יעצט דער זייגער?

דער שמש, אַ דערשראָקענער, דערהערענדיג דעם רבינ׳ס פראַגע, האָט ממש דאָס לשון פערלוירען. אָבער באַלד האָט ער זיך בעהערשט און אָבגעענטפערט:

— עס איז איצט איינס אַ זייגער נאָך האַלבער נאַכט.

— אַזוי, איינס אַ זייגער. רוף מיר אַריין אַ פּאָר יודען!

דער שמש איז בליץ-שנעל געלאָפען אין דער שכנות׳דיגער קלויז, וואו עס זענען געזעסען חסידים און עוסק געווען בתורה און אין איין אָטעם דערצעהלט וואָס עס איז פאָרגעקומען.

באַלד איז געקומען צו לויפען דער הויפּט-גבאי מיט אַ מנין יודען און אַריין אין רבינס צימער.

דער רבי האָט צוגערופען דעם גבאי און געבעטען ער זאָל איהם

פערלאַנגען א זילבערנעם רובל. דער רבי האָט דעם זילבערנעם רובל אַ ווײַלע געהאלטען אין דער האנד, און דאַן האָט ער איהם צוריק אַוועקגעגעבען דעם גבאי און אויסגערופען:

— דאָס גיב איך דעם עולם א מטבע אויף תיקון. עס איז דאָך היינט די הלולא פון הייליגען ברודער!

אַ ווײַלע האָט ער געשוויגען אָבער דאַן האָט ער העכער אויסגערופען:

— עס איז היינט אַ גרויסער טאָג! היינט איז אַ גרויסער טאָג.

צומאָרגענס אינדערפריה נאָכ׳ן דאַווענען, האָט דער רבי געהייסען צו זיך אַריינרופען די קינדער.

ווען די קינדער האָבען זיך צוזאַמען מיט אַן׳עולם חסידים, פערזאַמעלט ביי זיין בעט, האָט דער סאַדאגורער רבי זצ״ל אָנגעהויבען מיט פאָלגענדע דבורים.

— מיר זאָגען אין הייליגען יוצר: „נאפד נקמה״ — השי״ת דאַכט זיך, גורט זיך אַמאָל אָן מיט נקמה, אָבער דער אמת איז „סתרו יושר״ — אין יעדע פעולה זיינע איז פערבאָרגען דער אמת׳ער יושר, דעריבער דאַרף דער מענש אַלע הרפתקאות (געשעהעניששען) מקבל זיין באהבה, אַי ס׳איז שווער, מען קען נישט. אַ שווער עסק צו קענען זיך האַלטען ביי אַזאַ מדרגה, איז אָבער פאַרהאַן אַן׳עצה: „עצתו אמונה״ — די עצה איז, מען זאָל האָבען אמונה, אַז מען זאָל גלויבען מיט אַלע האַרץ פעדים דאָס וואָס מען זאָגט: —

שמע ישראל ד׳ אלקנו ד׳ אחד!...

מיט די ווערטער האָט דער סאַדאגורער רבי זצ״ל אויסגעהויכט זיין הייליגע נשמה.

צוויי און דרייסיג יאָהר האָט דער סאַדאגורער רבי זצ״ל נוהג נשיאות געווען. און נאָך זיין הסתלקות זענען פערבליבען צוויי זיהן. דער עלטערער ר׳ יצחק זצ״ל האָט זיך אַריבערגעצויגען קיין באָיאַן, וואו ער האָט געגרינדעט אַ גוט-יודישען הויף, און דער צווייטער ר׳ ישראל, איז פערבליבען אַלס ממלא מקום פון זיין פאָטער אין סאַדאגורע. יאָהרען-לאַנג זענען סײַ באָיאַן און סײַ סאַדאגורע געווען גרויסע יודישע צענטערען. אָבער דער גרעסטער צענטער פון ריזשינער חסידות האָט זיך אַריבערגעטראָגען קיין טשאָרטקאָוו.

נא

דער בעל יראה...

בשעת דער הייליגער ריזשינער זצ״ל איז נסתלק געוואָרען, האָט ער יעדען איינעם פון זיינע קינדער איבערגעגעבען אַנ'אַנדער מדרגה, דאַמאָלס האָט ער זיין זוהן רבי דוד משה זצ״ל, דעם טשאָרטקאָווער רבין איבערגע-געבען די מדרגה פון יראה — אַזוי דערצעהלען די ריזשינער חסידים.

און ווירקליך איז דער דאָזיגער צדיק און קדוש-עליון געווען לויטער יראה. יעדער דיבור הקל, יעדע תנועה זיינע האָט אויסגעדריקט יראת ד'. עס איז געווען גענוג געווען איין בליק צו טהון אויפ'ן טשאָרטקאָווער צדיק, אַז מען זאָל בעקומען יראת שמים, אין אַזאַ מאָס, אַז האָר און נעגעל זאָלען זיך קאַפויר-שטעלען...

זיין עבדות איז געווען פחד-פחדים'דיג. אָפטמאָל איז עס געווען שווער פאַר אַ זייטיגען צו בעגרייפען. ער האָט ממש נישט גערוהט, נישט ביי טאָג און ביינאכט. תמיד האָט ער עוסק געווען אין זיין הייליגער עבודה. געלע-רענט און געדאַווענט, פערשלאָסען אין זיך. כמעט שטענדיג זיך מתבודד געווען און קיין מחזקות מיט קיינעם נישט געהאַט, אַפילו נישט מיט זיינע נאָהנטע.

זיינע ווערטער זענען געווען געצעהלט און געמאָסטען און קיינמאָל האָט מען איהם נישט געקענט אָברייסען פון זיין עבדות.

גאַנץ אָפט האָט ער פערבראַכט עטליכע נעכט אָהן שלאָף. זייענדיג שטאַרק פערטהון אין זיינע הויכע ענינים, האָט ער פשוט נישט געפיהלט דאָס נחיצות פון שלאָפען, ער האָט בכלל קיינמאָל נישט געפיהלט קיין מיעדקייט.

געוועהנליך פלעגט ער שלאָפען צוויי שעה אין מעת לעת. דאָס האָט שוין געהייסען זיין נאָרמאַלער שלאָף. די צוויי שעה זענען געווען פון האַלב זעקס ביז האַלב אַכט אין דער פריה. אין די דאָזיגע צוויי שעה זענען שוין אויך אַריינגערעכענט געווען דאָס אָנטהוען און אויסטהון די מלבושים. אָבער אפילו אין מיטען שלאָף האָט ער נישט אויפגעהערט עוסק צו זיין אין זיין עבדות און פון מאָל צו מאָל האָט ער אין מיטען שלאָף אויסגערופען, ווי זיין שטייגער איז געווען שטענדיג:

— הייליגער טאטע! הייליגער פאטער! הייליגער הערר פון דער גאנ־צער וועלט!...

פלאי־פלאים דערצעהלט מען פון זיין קינדהייט. געבוירען געווארען איז דער טשארטקאווער רבי זצ״ל אין צווייטען טאג שבועות פון יאהר תקפ״ז, אין מיטען פון דער יום־טוב סעודה, בעת דער הייליגער ריזשינער איז מיט׳ן עולם חסידים געזעסען ביים טיש, אין מיטען תורה־זאגען, זענען געקומען מבשרים אנזאגען דעם רבין א בשורה, אז די רביצין האט געבוי־רען א זוהן.

עס פערשטעהט זיך, אז עס איז ביים טיש אריינגעטרעטען א שטיקעל אויפלעבונג, אויך דער הייליגער ריזשינער האט א ווייל׳ע מפסיק געווען אין מיטען פון זיינע דברי תורה און אבגעענטפערט אויף די מזל־טוב־וואונשען פון דעם עולם. אבער דאס האט געדויערט בלויז עטליכע מינוט. באלד האט דער רבי ווידער פארטגעזעצט זיין תורה־זאגען, ווי עס וואלט איהם גאר־נישט איבערראשט די גוטע בשורה.

חסידים זענען אבער געווען אויפגערוימט און תיכף נאכ׳ן טיש, זענען עטליכע פון די גדולי החסידים צוגעגאנגען צום רבין און געמאהנט משקה. האט דאמאלס דער הייליגער ריזשינער אויסגערופען:

— איהר מאהנט מ י ך משקה? איהר דארפט מ י ר געבען משקה! איך האב אייך אראבגעבראכט א נשמה, וואס וועט מקרב זיין יודישע הער־צער לאביהם שבשמים!

א זעהר כאראקטעריסטישען עפיזאד וואס איז פארגעקומען אין דער פריהסטער קינדהייט פון טשארטקאווער רבין זצ״ל, ווערט אויך דערצעהלט צווישען חסידים:

דער מנהג איז געווען אין ריזשינערס הויז, אז ווען א קינד איז אלט געווארען א חודש, האט מען איהם געמאכט א טלית־קטן מיט ציצית, און עס אנגעטהון דעם קינד. אזוי האט דער ריזשינער זצ״ל זיך נוהג גע־ווען מיט אלע זיינע קינדער.

איינמאל ווען דער שפעטערדיגער טשארטקאווער רבי איז אלט געווא־רען צוויי חדשים, האט ער זיך פלוצלינג גאר שטארק צווויינט און בשום אופן נישט געוואלט זיך בערוהיגען. די אלע בעמיהונגען פון דער אם איהם צו בערוהיגען, האבען נישט געהאלפען און דאס קינד האט געוויינט אהן אויפהער.

די אם איז דעריבער געלאפען צו דער רבי׳צין און דערצעהלט, אז דאס קינד האט זיך שטארק צוויינט, וויל נישט זויגען און וויל זיך נישט בערוהיגען. די רבי׳צין איז באלד געקומען אין דעם חדר׳ל פון קינד און זיך בעמיהט עס איינצושטילען ווי מען שטילט־איין קינדער: צו וויגען עס, צו זינגען וכדומה, אבער דאס קינד הערט נישט אויף צו וויינען און צו רייסען זיך אויפ׳ן קול.

האָט די רבי׳צין זיך שוין אויף אַנ׳אמת דערשראָקען און געטראַכט אַז דאָס קינד איז מסתמא קראַנק און מען דאַרף רופען דערצו אַ דאָקטאָר. אָבער עס פערשטעהט זיך, אַז אָהן דעם וויסען פון רבי׳ן וועט זי קיין דאָקטאָר נישט רופען. איז די רבי׳צין דעריבער אַוועק צו איהר מאַן דעם ריזשינער און דערצעהלט, אַז דאָס קינד האָט זיך שטאַרק צוויינט, אַלע בעמיהונגען איהם צו בערוהיגען העלפען נישט. זי האָט דעריבער מורא, אַז דעם קינד פעהלט עפעס און מען דאַרף רופען אַ דאָקטאָר.

האָט דער הייליגער ריזשינער זיך צושמייכעלט און אָבגעענטפערט:

— אַוודאי פעהלט איהם עפעס. מען האָט אוודאי פערגעסען אָריינצוּ־לעגען אין די וויקעלעך דעם טלית קטן מיט די ציצית...

די רבי׳צין איז גלייך אַוועק און פעסטגעשטעלט, אַז עס איז טאַקי ווירקליך אַזוי געווען. מען האָט פערגעסען איהם אָנצוטהון די ציצית, און תיכף ווי מען האָט דעם קינד אָנגעטהון דעם טלית־קטן מיט די ציצית האָט עס אויפגעהערט צו וויינען און זיך בערוהיגט.

די דאָזיגע פלא׳דיגע מעשה האָט אויף אַלעמען געמאַכט אַ שטאַרקען רושם און זייט דאַן פלעגט מען דאָס קינד רופען: „דער ציצית־יוד״...

שוין אין זיין פריהסטער יוגענד האָט זיך דער טשאָרטקאָווער רבי אַרויסגעוויזען אַלס געוואַלדיגער ירא שמים און בעל־מדרגה. וועגען דעם יוערען דערצעהלט צעהנדליגער פאַקטען, וואָס ברענגען פשוט צו שטוינען, מיר וועלען זיך נור בעגנוגענען מיט איין פאַקט:

ווען דער טשאָרטקאָווער זצ״ל איז אַלט געוואָרען זיבען יאָהר, איז אויסגעבראָכען אַ מורא׳דיגע שרפה אין הויז פון ריזשינער. דאָס איז געווען אַרום עלף אַזייגער ביינאַכט, די קינדער זענען שוין דאַמאָלס געשלאָפען. אין דער בהלה איז דער ריזשינער זצ״ל אַרויסגעקומען אויפ׳ן הויף און גע־פרעגט זיך אויף די קינדער, האָט מען געענטפערט, אַז אַלע זענען אַרויס־געראַטעוועט.

— ברענגט זיי אַהער צו מיר! — האָט דער ריזשינער אויסגערופען.

באַלד האָט מען געבראַכט די קינדער צו זייער גרויסען פאָטער, ערשט איצט האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז דער קליינער דוד־משה׳ניו פעהלט!

צווישען די משמשים און הויז־לייט איז געוואָרען אַ בהלה, ווייל גראָד דער טייל פון דער אָפיצינע וואו עס האָט זיך געפונען זיין צימער איז געווען אין דער גרעסטער סכנה. עס איז דעריבער איינער פון די הויז־דינער אַריינגעלאָפען אין זיין צימער און געפונען איהם ליגען אויפ׳ן בעטעל אַ וואַכעדיגען.

דער משמש האָט דאַן אַ דערשראָקענער אויסגערופען:

הערסטו נישט, אַז דאָס הויז ברענט, פאַרוואָס ראַטעוועסטו זיך נישט.

דער קליינער האָט דערויף נישט געענטפערט. ער האָט נור מיט די האַנד־תנועות געוויזען, אַז ער האָט געהערט דאָס עס ברענט. אָבער ער

האָט שוין געמאַכט די ברכה „המפיל חבלי שנה״ און דעריבער וויל ער נישט מפסיק זיין...

— ס׳הייסט, דאָס לעבען געפונט זיך דאָך אין אַ געפאַהר, קום לאָמיר זיך ראַטעווען — האָט דער משמש אין שרעק אויסגערופען.

דער שפעטערדיגער טשאָרטקאָווער רבי האָט דאַן אָנגעוויזען, וועדנענדיג זיינע אויגען צום הימעל, אַז דער אויבערשטער וועט העלפען. און געהייסען דעם משמש ער זאָל איהם לאָזען אַליין. דערביי האָט ער אַ וואָרט נישט אויסגערעדט.

דער משמש איז דעריבער תיכף געלאָפען צום רבי׳ן דערצעהלען דעם דאָזיגען אויסטערלישען פאַקט, אָבער צוגלייך מיט דעם משמש, איז מען געקומען זאָגען דעם רבין, אַז די סכנה איז אַריבער און דאָס פייער איז איינגעלאָשען.

דערויף האָט דער הייליגער ריזשינער אָבגעענטפערט:

— אייך וואונדערט עס? עס איז ביי אייך אַ פלא? ביי מיר איז עס גאָר קיין פלא נישט, עס שטעהט דאָך אַ בפירושער פסוק. רצון יראיו יעשה און מיין דוד משה׳ניו איז אַ בעל יראת!...

אַ חוץ אַ בעל־יראה איז דער טשאָרטקאָווער רבי זצ״ל געווען אַן אויסטערלישער בעל רחמנות. קיינמאָל האָט ער נישט פערזאָגט אַ בקשה פון אַ וועלכען עס איז יוד. אַפילו ווען ער האָט געוואוסט, אַז דאָס ערפילען דעם יוד׳ס בקשה וועט דעם יוד נישט זיין לתועלת. פלעגט ער זאָגען: מיין דעה איז אַזוי, אויב אָבער דו ווילסט אַנדערש קען איך דיר נישט מצער זיין און איך טהו דיר צוליעב!...

דער טשאָרטקאָווער האָט אַמאָל אויף זיך געזאָגט:

— בעת איך בין געווען אַ קינד פון זיבען יאָהר האָב איך מקבל געווען אויף זיך נישט שלעכטס צו טהון קיין שום ברי׳ אויף דער וועלט!

האָט איהם דאַמאָלס אַ פרעג־געטהון איינער פון זיינע מקורבים;

און וואָס טהוט מען, אַז אַ נישט־יוד טהוט אָן צרות אַ יודען און מען דאַרף דעם נישט־יוד אונשעדליך מאַכען?

— אונשעדליך מאַכען, זאָגסטו? חס מלהזכיר! איך בעט דעם הייליגען בעשעפער, אַז דער יוד זאָל געהאָלפען ווערען און דער נישט־יוד זאָל איהם קיין שלעכטס נישט טהון. מיט׳ן נישט־יוד האָב איך קיין שום געשעפטען נישט!...

דער טשאָרטקאָווער רבי פלעגט זאָגען: „כל המרחם על הבריות מרחמים עליו מן השמים״ איז דער טייטש, אַז אַ בשר ודם איז זיך מרחם אויף אַ ברי׳, דערוועקט ער דערמיט רחמנות און לייטזעליגקייט פון הימעל צו דער דאָזיגער ברי׳, ווייל די מליצי יושר זאָגען צום רבונו של עולם, מה־דאָך אַ בשר ודם, וואָס איז פול מיט קנאה, איז זיך מרחם אויף איהם, דאַרף דאָך דער מלא־רחמים אודאי רחמנות האָבען אויף דער דאָזיגער ברי׳.

דאָס איז דער מכוון פון מאמר חז״ל: כל המרחם על הבריות, — אַז איינער איז זיך מרחם אויף אַ ברי׳ בעוועגט ער, אַז פון הימעל זאָל מען זיך אויך אויף דער דאָזיגער ברי׳ מרחם זיין...

אין אַ קליין גאַליציש שטעדטעל האָט מען אויפגענומען אַ יונגען רב, ווי דער שטייגער איז האָבען זיך געפינען געגנער, איבערהויפּט עטליכע חסידים וואָס האָבען נישט געוואָלט זיך מכניע זיין אונטער דעם נייעם יונ־גען רב. צווישען דעם נייעם רב׳ס געגנער האָט זיך געפינען איינער פון די נאָהנטסטע טשאָרטקאָווער מקורבים, אַ יוד אַ צדיק, אַ בנן של קדושים, אַליין אַ בעל מדרגה, פון וועלכען די גאַנצע שטאָדט האָט שטאַרק געהאַל־טען, אָבער אַליין האָט ער קיין רבי נישט געוואָלט זיין און איז געווען אַ טשאָרטקאָווער חסיד. און ווען דער דאָזיגער טשאָרטקאָווער מקורב האָט דעם נייעם רב מדחה געווען האָבען מסתמא די איבריגע שטאָדטס־לייט נאָכגע־טהון זיין ביישפּיעל און עס איז דעם יונגען רב נישט געווען וואָס מקנא צו זיין.

האָט זיך דער רב מיישב געווען און אַריבערגעפאָהרען קיין טשאָרט־קאָוו און זיך מתנצל געווען פאַר׳ן רבי׳ן. דער רבי האָט אויסגעהערט זיין בקשה און צוגעזאָגט צו טהון איהם אַ טובה.

אין עטליכע וואָכען אַרום איז זיין בן־עיר, דער טשאָרטקאָווער מקורב געקומען אויף שבת קיין טשאָרטקאָוו. דער רבי האָט מיט איהם תיכף פער־פיהרט אַ שמועס מכח דעם נייעם רב, און געפרעגט איהם פאַר וואָס ער רודפ׳ט איהם.

— איך וועל אייך זאָגען דעם אמת — האָט דער מקורב אויסגערופען — ער געפעלט מיר נישט פאַר קיין רב.

— ווער זאָגט עס? — האָט דער רבי אויסגערופען — ער איז דאָ ביי אונז געווען און ער געפעלט אונז גאַנץ גוט פאַר אַ רב.

— ער איז נישט תוכו כברו, רבי — האָט דער מקורב אויסגערופען — ווען דער רבי וואָלט איהם אַריינגעקוקט אין הארץ אַריין וואָלט ער וועט אים נישט געפאַלען.

דער טשאָרטקאָווער רבי האָט זיך דאַן אַ שטעל־אויף געטהון פון זיין אָרט און אויסגערופען:

— און אַז כ׳וואָלט אין אייך אריינגעקוקט אין הארץ אַריין, וואָלט אויך נישט גוט געווען!

דער מקורב איז געבליבען ווי פערשטיינערט. אַ געוואַלדיגער פחד האָט איהם בעהערשט און לאַנג האָט געדויערט ביז ער האָט זיך בערוהיגט און מבטיח געווען מעהר נישט צו רודפ׳ן דעם יונגען רב...

נב

די מידה פון רחמנות

אין דער גוט-יודישער וועלט האָט מען דעם טשאָרטקאָווער צדיק זצ״ל גאָר שטאַרקט פערהייליגט. מען האָט איהם בעטראַכט אַלס דעם צדיק הדור, און אָפט פלעגען אָנערקענטע גדולי החסידות שיקען צו איהם בעלי תשובה אַרויסצובעקומען אַ תיקון.

דער סאַדיגורער רבי זצ״ל, פלעגט זאָגען אויף זיין ברודער דעם טשאָרטקאָווער זצ״ל:

— די וועלט קען איהם אַבסאָלוט נישט. איך קען אייך זאָגען, אַז וויפיעל ד״אָר ער נעמט אָן פון דער באָרד, אַזוי פיעל יחודים מאַכט ער. וואָס זאָל איך אייך זאָגען? — איך האָב נאָך אַזא הייליגען יוד נישט געזעהען!...

אַלע מאָל איז ער געווען שטאַרק פערטהון. אַפילו ווען עס איז פאָר־געקומען אַ חתונה אין הויף, פלעגט ער זיך קנאַפּ־וואָס אינטערעסירען דער גאַנצער חתונה־טאַראַראַם איז איהם וועניג־וואָס אָנגעגאַנגען. ער איז זיך ווי תמיד געזעסען אין זיין לערן־שטיבעל און עוסק געווען אין זיינע ענינים נאָר ווען מען האָט איהם מודיע געווען, אַז מען וואַרט מיט דער חופה, האָט ער אויסגעטהון די תפילין און געגאַנגען צו דער חופה מיט גרויס פחד און תיכף נאָך דער חופה איז ער צוריק אַוועק אין זיין חדר. נישט קוקענדיג וואָס עס זענען פערזאַמעלט טויזענדער מענשען, רביים, רבנים, חסידים, נגידים און מען איז זיך משמח. איהם איז עס קנאַפּ־וואָס אָנגעגאַנגען.

דאָס רחמנות פאַר דעם מינדעסטען יוד איז ביים טשאָרטקאָווער רבי׳ן זצ״ל געווען אָהן אַ שיעור.

איינמאָל זענען אַדורך עטליכע נעכט און דער רבי האָט נישט קיין אויג צו געטהון, נאָר אַרומגעגאַנגען שטאַרק טרוד, געשפרייזט איבער׳ן צי־מער, אָהן אויפהער און ער האָט זיך נישט געקענט גלייכשטעלען. די הויז־לייט זענען געווען שטאַרק בעאומרוהיגט, האָבען זיי שטאַרק געבעטען איי־נעם פון די הויפּט-גבאים, וועלכער איז געווען ביים רבין זעהר חשוב, ער זאָל דעם רבין אויפמערקזאַם מאַכען, ער זאָל זיך אַ ביסעל צושפּאַרען.

דער גבאי האָט מסכים געווען דערצו און איז אַריין אין רבינס חדר. אָבער דער רבי האָט איהם גאָרנישט בעמערקט און ווייטער געשפרייזט אי־

בער'ן חדר אַהין און צוריק און דער גבאי איז געשטאַנען ביי דער טהיר און מורא געהאַט אַ וואָרט אויסצורעדען, אַזוי איז ער געשטאַנען עט־ליכע שעה צייט און דער רבי האָט איהם אַלץ נישט בעמערקט, ענדליך ווען עס האָט אָנגעהויבען טאָגען, האָט דער גבאי זיך געשטאַרקט און אויס־געררופען.

— רבי, עס טאָגט שוין אין דרויסען און איהר זענט שוין אַ פּאָר נעכט נישט געשלאָפען, זאָל זיך דער רבי אַביסעל אָברוהען!

דער רבי האָט זיך אַ ווייל אָבגעשטעלט, אַ פּאָר מינוט צייט האָט ער געבליקט אויף דעם גבאי. די אייגען זענען געווען פול מיט טרעהרען, ענדליך האָט ער אָבגעענטפערט:

— דיר איז גוט, דו קאָנסט זיך לעגען אָברוהען, אָבער וואָס זאָל איך טהון, אַז עס איז געווען ביי מיר אַ מענש וואָס איך קען מיך מיט איהם נישט קיין עצה געבען. אַריינגעהמען איהם אין כלל ישראל איז זעהר בי־טער, עס איז נעבעך זייער אַ פערשמירטע זאַך. ער איז שוין אויסגעווען ביי אַ וועלט מיט גוטע יודען און קיינער האָט נישט געוואָלט העלפען, אַרויסוואַרפען פון כלל ישראל איז מיר זייער שווער, עס איז דאָך אַ יודיש נפש, פערשטעהסטו שוין ווי ביטער עס איז מיר, אַז עס הויבט מיך ממש אונטער, דאָס רחמנות צום דאָזיגען נפש צורייסט מיין האַרץ און דו זאָגסט: געהט זיך אָברוהען!..

איבערהויפּט איז געווען משונה'דיג זיין עבודות אין די ימי תשובה. אין די דאָזיגע טעג איז ער ממש געווען אויסגעטהון פון דער גאַנצער וועלט. פון אָברוהען זיך האָט קיין רייד נישט געקענט זיין.

איינמאָל זענען פערבייגעגאַנגען עטליכע נעכט און דער רבי האָט זיך נישט צוגעשפּאַרט, איז אַריינגעקומען צו לויפען די רביצין אין דעם צימער וואו דער רבי איז געזעסען מיט זיין בעריהמטען חסיד ר' נחום שותק ז"ל און געוויינט פאַר איהם, ער זאָל זיך אַביסעל צושפּאַרען, ווייל עס זענען איהם שוין אַריבער 4 נאַכט אָהן דעם מינדעסטען שלאָף.

האָט דער טשאַרטקאָווער רבי זצ"ל אַ לייכטען שמייכעל־געטהון און אויסגערופען:

— אַז מען איז באמת דבוק צום אין סוף, ברוך הוא, קען מען זיך בעגעהן פערציג טעג אומגעגעסען און אומגעשלאָפען!...

בעקאַנט איז דאָך דאָס עבודות, וואָס די ריזשינער קינדער האָבען אָוועקגעלעגט ביי דער תפילה פון „עננו" וואָס מען זאָגט בעת די סליחות.

דער טשאַרטקאָווער רבי פלעגט אויך זיך פיהרען ווי זיין פאָטער דער ריזשינער זצ"ל און ווי זיינע ברידער און זאָגען די תפילה אַלס שליח־ציבור, אָבער געזאָגט האָט ער עס מיט אַ קוים־דערהערבאַרער שטים, דער־פאַר איז די ענגשאַפט אַרום דעם אָרט וואו דער רבי מיט זיין איינציגען

זוהן דער „תפארת ישראל" זצ"ל זענען געשטאַנען, געווען אין לשער. אַלע האָבען זיך בעמיהט צו געפינען אין דער נאָהנט, כדי צו הערען דעם רבינ'ס ווערטער. איינמאָל איז די ענגשאַפט געווען אַזוי גרויס, אַז דעם רבינ'ס בן-יחיד, איז שטאַרק פערחלו'שט געוואָרען, עס איז געוואָרען אַ גרויסער רעש. דער עולם האָט זיך אָבגערוקט, און מען האָט גענומען איהם מונטערן, אָבער עס איז נישט אַזוי לייכט אַנגעקומען דאָס דערמונטערען און דער עולם האָט זיך שטאַרק דערשראָקען. אָבער דער רבי גופא האָט נישט מפסיק געווען פון זיין תפילה אויף איין רגע, ווי עס וואָלט גאָרנישט געשעהען.

זעהענדיג ווי שווער עס איז דעם רבינ'ס בעליבטען בן-יחיד צו דערמונטערן, איז עמיצער פון די גבאים צוגעגאַנגען צום רבין און דערצעהלט וואָס עס האָט פאַסירט, רעכענדיג, אַז דער רבי איז אַזוי שטאַרק פערנימען, אַז ער איז נישט מרגיש די זאַך. אָבער ווי ערשטוינט זענען אַלע געבליבען ווען דער רבי האָט אַמאַך געטהון מיט דער האַנד, אַז מען זאָל איהם נישט שטערען און ער האָט ווייטער אָהן אויפהער געזאָגט די תפילה וואָס האָט געדויערט דריי זייגער שעה. ערשט נאָך דער תפילה האָט דער רבי זיך אויסגעפרעגט מיט גרויס תמימות וואָס זיין זוהן מאַכט און וואָס עס איז מיט איהם געשעהען. אָבער דאַמאָלס איז שוין געווען אַלדאָס גוטס...

פון צייט צו צייט פלעגט דער טשאָרטקאָווער רבי זיך אַרויסלאָזען איבער דער סיבבה, שבת געהאַלטען אין קליינע שטעדטלעך, אויפגעהאַלטען זיך אין די דערפער אין די קרעטשמעס און קיינער האָט נישט געוואוסט וואָס דער רבי איז מיט זיין התנהגות אויסען.

איינמאָל האָט איהם אַ חסיד, אַ מקורב אין אַ מאָמענט ווען ער איז געווען אויפגערוימט, אַ פרעג געטהון דעם רבין, וואָס דער רבי איז אויסען מיט זיין אַרומפאָהרען כדי פון צייט צו צייט, האָט דאַן דער רבי זיך אָנגערופען:

– כ'וועל דיר זאָגען: דאָס איז דאָך בעוואוסט, אַז די נשמות וואָס דאַרפען האָבען אַ תיקון, אַנ' עלי' ווערען פערשוואַרצט און פערחושכט ביז זיי קענען זיך אַרויסרייסען פון די הענד פון דער סטרא אחרא און קענען קומען צום צדיק, וועלכער איז זיי מעלה און טהוט זיי אַ טובה. אָבער וועלכע נשמה קען גובר זיין דו מניועו"ת און אַרויסרייסען זיך מיט געוואַלד פון די הענד פון די מחבלי"ם און לויפען צום צדיק – אַ העכערע נשמה, אַנ'אויסגעלייטערטע, וואָס פערמאָגט אַביסעל זכור"ים. מצות און מעשים טובים. פערהאַן אָבער נשמות וואָס זענען נישט בכח זיך אַרויסצורייסען און צוקומען צום צדיק. זינקען זיי נעבעך טיעף, אַז דאָס האַרץ ווערט צוריסען פאַר צער און פון רחמנות.

וואָס טהוט אָבער דער מלא רחמים וואָס דערלאָזט נישט אַז קיין שום יודישע נשמה זאָל חלילה בלייבען פערשטויסען און פערקויגען, גיט ער

אַרייַן אין דעם האַרץ פון צדיק אַ מחשבה, ער זאָל פאָהרען אין דעם שטעדטעל, נעכטיגען אין דער קרעטשמע, וואו עס איז ערגיץ אַ נשמה פערשטעקט און אַזוי אַרום איז ער די נשמה מעלה פון תהום הנשי׳.

דאָס איז דער טייטש פון פסוק אין תהילים: חשבתי דרכי — איך לעג מיר אַמאָל איבער ווי קום איך דאָ אַהער, ווער האָט מיך דאָ אַהערגעשיקט, אָבער באַלד בין איך זיך מיישב, ואשיבה רגלי אל עדותיך, אַז דאָס וויל מען אין הימעל, אַז איך זאָל צוריקברענגען און מתקן זיין די קנאַפּערע נשמות, וואָס זענען בבחינת רגלים, אל עדותיך — צו דיין עבדות.

ווי געזאָגט, איז דער טשאָרטקאָווער רבי אַזוי ווייט געווען דורכגעדרינגען מיט דער מידה פון רחמנות. אַז אויב אַ יוד איז געווען אויף מיילען ווייט אין אַ קוועהל, האָט עס איהם אַזוי שטאַרק וועה געטהון, ווי ער אַליין וואָלט געליטען דערפון און ער פלעגט אַרומגעהן, קרעכצען און ביטערן אָהן אויפהער.

ער פלעגט אַלץ אָנווייזען אויף אמונה, אז נאָר אין זכות פון דער אמונה קען מען אַלץ איבערלעבען און איבערווינדען. וצדיק באמונתו יחי׳.

אַ יוד וואָס האָט באמת אמונה מוז געהאָלפען ווערען — פלעגט דער טשאָרטקאָווער רבי אָפט זאָגען.

איינמאָל האָט ער זיך געפרעגט אויף עמיצען פון זיינע חסידים, וואָס איז שוין אַ צייט לאַנג נישט געווען ביי איהם, צי ער איז שוין געהאָלפען געוואָרען. האָט מען איהם געענטפערט, אַז ער איז נאָך נישט געהאָלפען געוואָרען, אַדרבה ער געפינט זיך נאָך אין אַ פיעל גרעסערע ענגשאַפט און עס איז ממש כלו כל הקיצין און בדרך הטבע איז נישטאָ קיין כבוא ער זאָל געהאָלפען ווערען.

האָט זיך דער טשאָרטקאָווער רבי זצ״ל אָנגערופען מיט אַ געבייזער:

— אַז דאָס איז די צרה מיט די דאָזיגע יודען, אַז זיי פאָהרען צו אַ גוטען יודען, רעדען זיך אויס דאָס האַרץ און פאָהרען צוריק אַ היים מיט דעם וואָס זיי זענען געקומען. און אַפילו אין דעם וואָס מען איז זיי מבטיח האָבען זיי אויך אַ קנאַפּע אמונה. איך קאָן אייך מבטיח זיין, ווען דער יוד וואָלט האָבען אַ האָהר אמונה וואָלט ער זיכער געהאָלפען געוואָרען. אַי עס איז נישט מעגליך עפ״י טבע — ביי אמונה־זאַכען איז נישט שייך קיין טבעיות, ווייל פונקט ווי די טבע איז פון אויבערשטען, אַזוי איז אויך דער שלא כדרך־הטבע פון איהם כביכול...

נב

תפלה בזמנה

איינער פון די מערקווירדיגסטע גדולי החסידות איז געווען דער רבי ר' ברוכ'ל פון מעזשבעזש זצ"ל, אַן אייניקעל פון מיסד החסידות, דער בעל שם טוב הקדוש. זיין אויסטערלישע התנהגות און התנגדות צו אַ גרויסען טייל פון די צדיקי הדור האָט אַלעמען געבראַכט צו שטוינען. און איינס פון די עובדות פון טשאָרטקאָווער רבי'ן זצ"ל איז געווען מבאר צו זיין און מפרש צו זיין דאָס פלא'דיגע התנהגות פון רבי'ן ר' ברוכ'ל זצ"ל.

— אין יעדען דור — פלעגט זאָגען דער טשאָרטקאָווער רבי — זענען פערהאַן אַ סך צדיקים. אָבער ש'זענדיג מוז זיך געפינען איין צדיק, וואָס זיין בחינה איז מלכות, דאָס הייסט נישט, אַז דער צדיק איז דער גרעסטער פון דור. עס קענען זיין צדיקים, וואָס שטעהען אויף אַ העכערער מדרגה, אָבער אין דער בחינה פון מלכות, שטעהט דער צדיק העכער, און דערפאַר מוזען אַלע אַנדערע צדיקים זיך מכניע זיין פאַר איהם. אויב איין צדיק וויל זיך פאַר איהם נישט מכניע זיין, איז ער דערמיט גורם חלשות הדעת. דערפון נעהמט זיך די הקפדה פון צדיק ר' ברוכל, וועלכער איז געווען אין דער מדרגה פון מלכות אין זיין דור.

דער רבי ר' ברוכ'ל פלעגט טייטשען „ארת הנפש אשר עשו בחרן" — די נפשות וואָס זי האָבען מתקן און מעלה געווען מיט גרים צאָרן, מיט'ן חרון־אף...

בעקאַנט איז דאָך געווען דאָס התנגדות פון רבי'ן ר' ברוכ'ל אויפ'ן הייליגען „קדושת לוי" זצ"ל פון בערדיטשעוו. דערויף האָט דער טשאָרט־קאָווער רבי געזאָגט, אַז דערמיט האָט דער רבי ר' ברוכל געטהון אַ שטאַר־קע טובה דעם כלל־ישראל מחמת דער שטן איז געשטאַנען און מקטרג געווען: צו וואָס דאַרף מען אַ בית־מקדש מיט אַ גאולה און אַ ביאת המשיח, אַ מעהר, דער בערדיטשעווער רב איז דאָך מכוון ביי דער יום־כיפור'דיגער עבודה אַלע כוונות, וואָס דער כהן־גדול האָט מכוון געווען. האָט דער רבי ר' ברוכל געמוזט אַרויסווייזען צו איהם זיין התנגדות און דערמיט משתיק זיין דעם שטן.

גאַנץ אָפט פלעגט דער טשאָרטקאָווער רבי דערצעהלען מעשיות וועגען דער גדלות פון רבי'ן ר' ברוכל דאָס איז ביי איהם געווען אַ טייל פון

זיין עבודות און דערפון פלעגט ער גאַנץ אָפט אַרויסלערנען אַ מוסר השכל ווי אַזוי זיך נוהג צו זיין. דער נאָמען פון דאָזיגען קדוש־עליון איז קיינמאָל ניט פערשווינדען פון זיין הייליג מויל.

דער הייליגער ריזשינער זצ״ל פלעגט זאָגען אויף זיין זוהן, דעם טשאָרטקאָווער, אַז ער זעהט אַלץ, וואָס טהוט זיך מסוף עולם ועד סופו. איינמאָל האָט דער טשאָרטקאָווער בפירוש געזאָגט, אַז ווער עס איז זוכה אַריינצודרינגען און צו זעהן אין אור הגנוז, קען אין איין רגע זעהען פון איין סוף וועלט ביז צו דער אַנדערער.

איינמאָל האָט ער זיך אויסגעדריקט, אַז ער איז מרגיש די שנוי און דעם אויר פון דער וועלט, צי עס וועט זיין קאַלט אָדער וואַרים, צי עס וועט פאַלין אַ שניי, אָדער אַ רעגען, מיט עטליכע טעג פריהער.

דער טשאָרטקאָווער רבי זצ״ל האָט אַרויסגעוויזען גרויס התבטלות פאַר יעדער יוד, אַפילו פאַר׳ן פחות שבפחותים. ער פלעגט עס מבאר זיין מיט אַ וואָרט פון זיין הייליגען פאָטער, דער ריזשינער זצ״ל, וועלכער האָט געזאָגט, אַז אין יעדען יוד איז פאַרהאַן אַ הייליגער ניצוץ, וואָס איז פאַר איהם בעשטימט און קיין אַנדערער האָט נישט פון דעם ניצוץ, נאָר וואָס דען, דער אור איז נישט אָפענבאַר און ענטפלעקט פאַר אַלעמענס אויגען.

לאָמיר נעהמען אַ ביישפיל מיט אַ ברילאַנט, וואָס איז איינגעמויערט אין אַ וואַנט, — בלישטשעט עס זעהר שוואַך. אָבער ווען מען רייניגט אָב דעם ברילאַנט פון דעם ליים און פון די וואַנט, הויבט ער אָן אַביסעל צו לייכטען און וואָס מעהר מען רייניגט און מען פוצט אַלץ מעהר לייכט ער. און ווער שמועסט נאָך, אַז מען זעצט אַריין דעם שטיין און אַ פאַסונג פון גאָלד און פון זילבער, לייכט עס גאָר שטאַרק. דאָס איז דער טייטש ולכל בני ישראל הי׳ אור — יעדער יוד לייכט זעהר שיין. עס ווענדעט זיך נאָר — במושבותם — אין וועלכע פאַסונג דער ברילאַנט איז איינגעפאַסט.

דער טשאָרטקאָווער רבי זצ״ל פלעגט טייטשען: עד אָנה תסתיר פניך ממני, — ווי לאַנג דויערט דער הסתרת־פנים ביי אַ מענש, עד אנה אשית עצות בנפשי — ווי לאַנג ער נאַרט זיך אָב און עס דאַכט זיך איהם, אַז ער וועט זיך אַליין קענען אַן׳עצה געבען — קוים אָבער קומט דער מענש צו דער מסקנא, אַז אַליין זיך העלפען איז ער נישט אומשטאַנד, נאָר ער הויבט אָן מיט׳ן גאַנצען האַרץ צו האָפען אויפ׳ן רבונו של עולם, דאַמאָלס איז ער זוכה צו דער ישועה.

דאָס זעלבע האָט אויך געפלעגט זאָגען דער ריזשינער: דער הסתרת פנים דויערט אַזוי לאַנג כל זמן מען נאַרט זיך, אַז מען קען זיך אַליין אַן׳עצה געבען, אַליין העלפען. אָבער ווען מען איז זוכה צו קומען צום

אמת'ן שכל, אַז אָהן דער ישועה פון אויבערשטען פועלט נישט קיין שום השתדלות אויף דער וועלט, דאַמאָלס איז מען זוכה צו אַ השגחה פרטית און מען ווערט געהאָלפען.

איינער פון די גדולי החסידים האָט אַמאָל געפרעגט דעם טשאָרטקאָווער רבי'ן פאַר וואָס ער פערזוימט דעם זמן תפילה. האָט ער איהם געענטפערט, אַז קודם החטא, איידער דער נחש הקדמוני האָט אָנגערעדט אָדם הראשון'ען צו זינדיגען, איז נישט געווען קיין ספּעציעלער זמן-תפילה און שטענדיג, סיי בייטאָג, סיי ביינאַכט, האָט מען געקענט מתפלל זיין, אַז די תפילה זאָל נתקבל ווערען. אָבער נאָכן חטא איז דער אויר געוואָרען מגושם'דיגער זענען געקומען די אבות הקדושים און האָבען פערלעגט אַנ'עבודה אָפּצורייניגען דעם אויר. האָט אברהם אבינו אויסגעלייטערט דעם זמן-שחרית, יצחק אבינו – דעם זמן מנחה און יעקב אבינו — דעם זמן מעריב. דאָס איז דער ענין פון תפילה בזמנה. בעת מתן-תורה, ווען עס איז בעזייטיגט געוואָרען די זוהמא פון נחש, זענען די יודען געשטעלט געוואָרען אויבעד'ן זמן, איז תמיד געווען אַנ'עת רצון. אָבער נאָכן חטא פון עגל זענען די יודען צוריק אַריינגעפאַלען אונטער'ן זמן און די אנשי כנסת הגדולה האָבען דעריבער מתקן געווען די תפילות אין זייער צייט. אָבער די נשמה פון צדיק וואָס האָט נישט חוטא בעגל געווען און איז אויך נישט געווען ביים חטא-הנחש, איז דאָך ביי איהם נישט שייך קיין זמן, ווייל ער איז דאָך העכער ווי דער זמן...

דערביי האָט ער דערצעהלט פאָלגענדע מעשה: איינמאָל זענען צום הייליגען ריזשינער געקומען אַ גרופּע יונגעלייט, וועלכע האָבען פערבראַכט אין ריזשין עטליכע וואָכען צייט און עוסק געווען אין חסידות. ביים אָבשיד נעהמען פון צדיק, האָבען די יונגעלייט געבעטען: רבי, לערנט אונז די וועגען פון לעבען! האָט זיי דער הייליגער ריזשינער געענטפערט: איהר זאָלט דאַווענען תפלה-בזמנה, איהר זאָלט קיינמאָל נישט פערשפּעטיגען דעם זמן תפילה און דערויף וועל איך אייך דערצעהלען אַ מעשה: עס איז געווען אַמאָל אַ פּאָר-פאָלק, וואָס דאָס ווייב האָט דעם מאַן אויף מיטאָג שטענדיג געקאָכט איין מאַכל: באַבעלעך. תמיד האָט זי איהם געקאָכט באָבעלעך. איינמאָל האָט זיך דאָס מיטאָג פערשפּעטיגט, האָט דער מאַן געמיינט אַז דאָס קאָכט זי פאַר איהם היינט עפּעס אַ פרישׁ מאַכל, וואָס געדויערט לענגער. ווען דאָס ווייב האָט איהם אָבער ביים מיטאָג דערלאַנגט די זעלבע באָבעלעך, האָט זיך דער מאַן שטאַרק אָנגעבייזערט און אויסגערופען: איך האָב זיכער געמיינט, אַז היינט ווערסטו צוגרייטען אַ טייער מאַכל, צו וועלכען מען דאַרף האָבען גרויסע הכנות, אָבער אויף די באָבעלעך, וואָס דו קאָכסט אַלע טאָג האָב איך נישט בעדאַרפען אַזוי לאַנג צו וואַרטען. האָסטו זיי דאָך געקאָנט געבען אין דער צייט!...

דערמיט האָבען די יונגעלייט זיך געזעגענט מיט'ן רבי'ן און אַוועק־געפאָהרען אַ היים. אויפ'ן וועג האָבען די יונגעלייט זיך אָבגערוהט אין אַ קרעטשמע. דאָרט האָבען זיי געטראָפען אַן'אַלטען יוד, אַ חסיד און אַ בן־תורה מיט וועלכען זיי האָבען זיך אריינגעלאָזט אין אַ שמועס, צווישען אַנדערען האָבען זיי איהם אויך דערצעהלט דאָס וואָס זיי האָבען געהערט פון רבי'ן, האָט זיך אָנגערופען דער אַלטער יוד: ווען איז דער מאַן מקפיד אויב דאָס ווייב פערשפעטיגט מיט'ן מיטאָג און דערלאַנגט די באַבעלעך שפעטער ווי אַלע טאָג — נאַר ווען עס איז נישטאָ צווישען זיי קיין גוט לעבען. ווען אָבער עס איז דאָ אַ שטאַרקע אהבה צווישען זיי, איז דער מאַן קיינמאָל ניט מקפיד, מעגען די אייגענע באַבעלעך זיך פערשפעטיגען אויף נאָך מעהר שעה'ן, איז עס אַלץ פאַר'ן מאַן לרצון...

די דאָזיגע ווערטער איז די יונגעלייט שטאַרק געפעלען געוואָרען. און ווען זיי זענען אַ צווייט מאָל געקומען קיין ריזשין, האָבען זיי דעם רבי'ן דערצעהלט די גאַנצע מעשה.

האָט זיך דער ריזשינער זצ"ל אָנגערופען:

— איהר זאָלט וויסען קינדער, אַז דער דאָזיגער זקן איז שוין לאַנג נפטר געוואָרען פון דער וועלט, נאָר ער איז ספעציעל אַראָבגעקומען אויף דער וועלט, כדי ממליץ צו זיין די דאָזיגע המלצה פאַר יודענ'ס וועגען...

צווישען קאָצקער חסידים — דערצעהלט מען פאָלגענדע פלא'דיגע מעשה, וואָס איז נוגע צו דעם ענין.

קאָצקער חסידים זענען אַמאָל געפאָהרען אויף אַ פוהרל קיין קאָצק. אויפ'ן וועג האָבען זיי בעגעגענד אַן'אַלטען חסיד, וואָס איז שוין לאַנג געווען אויפ'ן עולם האמת, וועלכער איז ביים לעבען געווען אַן'עוסק בתורה בקדושה ובטהרה און דערצו אַ בעל מדרגה, האָבען זיי בעגעגענט דעם דאָזיגען נפטר אַרומדרעהען זיך אופן שאָסיי. קאָצקער חסידים זענען אָבער נישט געווען קיין שרעקעוודיגע. איז איין חסיד אַראָבגעשפרינגען פון פון פוהרעל, צוגעגאַנגען צו איהם אין אַ פרעג געטהון:

— הא, וואָס טהוט איהר עפעס אויף דעם עולם?

האָט דער נפטר געענטפערט: ווען איך בין געקומען פאַר'ן בי"ד של מעלה און מען האָט אָנגעהויבען אויסצורעכענען מיינע מעשים, האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז איך האָב נישט געדאַוונט תפילה בזמנה, האָט מען מיך געגעבען אַ שליידער אַראָב צוריק אויפ'ן עולם השפל.

רופט זיך אָן דער חסיד: האָט איהר דאָך געקענט ענטפערן, אַז איהר זענט געפאָהרען קיין קאָצק און אין קאָצק, דאַוונט מען אויך נישט תפילה בזמנה?

האָט זיך אָנגערופען דער נפטר: אַ יישר כח דיר. דו האָסט מיר געגעבען אַן׳עצה טובה. איך לויף שוין צוריק ענטפערן דעם תירוץ. ווייסטו פאַרוואָס איך בין אַליין נישט געפאַלען אויף דעם תירוץ, ווייל ביים בי״ד של מעלה קען מען זיך אַליין קיינמאָל נישט אַן׳עצה געבען, מען דאַרף תמיד האָבען אַן׳אינטערשטופער...

אין דער נאַכט פון הושענה רבה פון יאָהר תרס״ד, האָט מען געפיהלט אַז עס דערנעהנטערט זיך די צייט פון הסתלקות פון טשאָרטקאָווער רבין רבי דוד משה זצ״ל, בעל „דברי דוד״.

אַרום אַכט אין אָוונד האָט ער בעפויהלען מען זאָל איהם איבערטהון און ער האָט זיך אָנגעהויבען גרייטען אויף זיין אייביגען וועג בקדושה ובטהרה דאַן האָט ער צוגערופען זיין בן־יחיד איהם געבענשט און אויסגערופען צו איהם:

— דו זאָלסט קומען מיט אַלע יודען קיין ארץ־ישראל!

באַלד דערנאָך האָט ער אָנגעהויבען זאָגען: „נשמת כל חי תברך את שמך״ וכו׳. אַזוי האָט ער געזאָגט גאַנץ „נשמת״ כסדר, וואָס אַמאָל איז זיין שטים געוואָרען שוואַכער און שוואַכער אַז מען האָט קוים קוים געהערט. ביז ער האָט אויסגעהויכט זיין נשמה מיט די ווערטער לדוד ברכי נפשי את ד׳!...

זכותו יגן עלינו ועכי״א.

נד

דער הושיאַטינער רבי זצ״ל

דער יונגסטער פון די הייליגע ברידער איז געווען דער הושיאַטינער רבי ר׳ מרדכי פייבוש זצ״ל.

חסידים דערצעהלען, אַז דער ריזשינער האָט זיך אויסגעדריקט: מיינע קינדער דאַרפען דרך ארץ האָבען איינער פאַרן אַנדערען. די יונגערע דאַרפען דרך ארץ האָבען ,פאַר די עלטערע (את — לרבות אחיך הגדול), און די עלטערע דאַרפען דרך ארץ האָבען פאַר די יונגערע ווייל זיי זענען ביי אונז געבוירען געוואָרען אויף דער עלטער...

עס ווערט אויך דערצעהלט, אַז בעת דער ריזשינער איז געזעסען אין תפיסה, איז געלונגען איינעם פון די חסידים זיינע אונטערצוקויפען דעם שומר פון דער תפיסה און צו פעויברענגען אַ קורצע צייט מיט זיין גרויסען רבין. וועלכער איז געווען אָבגעריסען פון דער וועלט.

עס פאַר׳שטעהט זיך, אַז דער ריזשינער האָט זיך גאָר שטאַרק מחי׳ געווען פון דאָזיגען בעזוך און האָט דעם חסיד דערפאַר געבענשט מיט גרויס דאַנקבאַרקייט.

פאַרן אָבשיד פרעגט דער חסיד: וואָס זאָל איך איבערגעבען די משפחה, וואָס גלוסט אַזוי פון אייך צו הערען?

— אַז דו וועסט אַרויסקומען פון דאַנען, — האָט איהם דער ריזשי־נער אָבגעענטפערט — זאָלסטו קודם כל פאָהרען צו דער מאַמע, איהר אָבגע־בען אַ גרוס און זאָגען, אַז זי איז שילדיג דערפאַר, וואָס איך זיץ אין תפיסה...

עס פערשטעהט זיך, אַז דער חסיד האָט פינקטליך מקיים געווען דעם בּפעהל פון זיין רבין. האָט די אַלטע פּראָבישטשער רביצין ע״ה שווער אָבגעזיפצט און אויסגערופען:

— יאָ, מיר ווייסען עס. איידער עס איז געבוירען געוואָרען דאָס בן־זקונים׳ל ר׳ מרדכי פייבוש׳ניו, האָט ער זיך מיט אונז מיישב געווען, צי ער זאָל ממשיך זיין אַזאַ גרויסע און הייליגע נשמה, וואָס וועט איהם זייער טייער קאָסטען, ווייל ער וועט דאַרפען אויף זיך נעהמען ר׳תפיסה. האָב איך איהם געענטפערט: „וואָס טהוט מען נישט פאַר קינדערס־וועגען?״ — נו, און אַצינד קומט ער אָב דעם גזר, וואָס ער האָט אויף זיך מיט מיין הסכמה מקבל געווען.

ווען דער שפּעטערדיגער הוּשיאַטינער רבי איז געבוירען געוואָרען, האָט דער רבי ר׳ מאָטעלע טשערנאָבלער זצ״ל געשיקט צום ריזשינער אַ שליח מיוחד, דאָס ער זאָל אַ נאָמען געבען דאָס ניי־געבוירענע קינד נאָך איהם.

דער ריזשינער האָט דערצו מסכּים געווען, הגם עס איז געווען בחייו. דערביי האָט דער ריזשינער בעמערקט אַז דער טשערנאָבלער איז שוין דריי יאָהר נישט אויף דעם עולם. אָבער כדי עס זאָל איהם נישט שאַדען, האָט ער איהם צוגעגעבען דעם נאָמען פייבוש, נאָכ׳ן מלאך׳ס שוועהר, רבי פייבוש קאַממעניצער זצ״ל, בעל „משנת חכמים״ וועלכער איז געווען אַ קדוש עליון, אַ געוואַלדיגער עובד ד׳, וואָס יעדע מינוט איז איהם געווען זעהר טייער. דאָס אַפילו צו דער חתונה פון זיין טאָכטער מיט רבי אברהם המלאך זצ״ל איז ער נישט געפאָהרען, מורא האָבענדיג פאַר ביטול תורה.

אָנגעהויבען נוהג נשיאות צו זיין האָט דער הוסיאַטינער זצ״ל אַלט־זייענדיג אַכצען יאָהר, אָבער שוין דאַמאָלס האָט מען איהם געהאַלטען פאַר אַ קדוש עליון. שטענדיג האָט ער געפּראַוועט התבודדות און געפלאַמט פאַר תשוקה און דבקות הבורא.

זיצענדיג ביים טיש, אין שבת און יו״ט אַרומגערינגעלט מיט זיינע חסידים, פלעגט ער זיך גאַנץ אָפט אַזוי שטאַרק פערטראַכטען, ממש ביז התפשטות הגשמיות. חסידים פלעגען עס אָנרופען „עליות״ דאַמאָלס פלעגט

אַלעמען אַרומגעהמען אַן אויסטערלישער פחד און א הרהור תשובה. דאָס זעלבע איז געווען, בעת ער האָט געשמועסט תורה, אָדער געזינגען דאָס „ניגונ״דל, ווייל יעדע עבודות זיינע איז געווען בבחינת „כל עצמותי תאמרנה״.

טיילמאָל האָט דאָס פערטראַכטען זיך געדויערט שעה'ן לאַנג, און דאָס אויסזעהען פון רבין איז געווען מורא'דיג. דאַמאָלס האָבען אַלע חסידים דער גאַנצער עולם, אָנגעהויבען זינגען מיט אַ מעכטיגער שטים, כדי מעורר זיין דעם רבין פון זיין דבקות, און אָפט האָט עס געדויערט גאַנצע שעהן ביז דער רבי איז געקומען צו זיך.

דאָס גרעסטע עבודות אין הושיאַטין איז געווען ביי די נענועים אין הושענה רבה. די נענועים האָבען געדויערט העכער דריי שעה, און געווען איז עס אַנ'עבודה, וואָס איז געווען ממש למעלה מגדר האנושי. די חסידים האָבען דאַמאָלס געמאַכט אַנ-עיגול אַרום דעם רבין און געשטאַנען ביי די נענועים און געגאָסען מיט טרעהרען ווי פון אַ קוואַל.

אַ גרויסער ענין אין הושיאַטין איז געווען דער טיש אום שמחת תורה. דאַמאָלס ווען אומעטום איז די שמחה גרויס, און מען איז לעבעדיג לוסטיג, האָט אין הושיאַטין געהערשט אַ נעילה-שטימונג. ווייל ביים שמחת תורה'- דיגען טיש איז אָבגעשלאָסען געוואָרען דער בילאַנס פון די גאַנצע ימים נוראים.

דער רבי פלעגט ביי זיך מאַכען דעם סך הכל פון דער דאָזיגער עבודה און דערביי אַזוי לאַנג זיך פערטראַכטען, אַז תמיד האָבען די חסידים געמוזט מיט זיינע ניגוגים מעורר זיין דעם רבין פון זיין דבקות.

בכלל איז דער הויפט-שטריך פון הושיאַטינער חסידות: שמחה, אהבת און דבוק-חברים. קוים זענען זיך הושיאַטינער חסידים צונויפגעקומען האָט מען גלייך גענומען צו ביסלעך משקה, און דאַן גענומען שמועסען פון רבין, נאָכזאָגען דברי תורה ביז דער עולם האָט זיך רעכט צוואַרימט, הענד צו הענד האָבען זיך געפלאכטען, אַקסעל צו אקסעל, און געלאָזט זיך אין אַ פייערדיגען ריקוד פערגעסענדיג אין דער גאַנצער וועלט.

דער הושיאַטינער רבי האָט ריכטיג פאָראויסגעזעהען דאָס יאָהר פון זיין פטירה. געווען איז עס אין דער צייט פון דער גרויסער און היסטאָ- רישע מהלוקה וואָס האָט זיך צופלאַקערט אין גאַליציען, ווען אַ רייה גדולים זענען אַרויסגעטרעטען געגען דער שיטה און דעם דרך פון ריזשינערס קינדער. און אַרויסגעשטעלט האָט זיך דאַמאָלס אין פאָדערגרונט דער הושיאַטינער, ווען עס איז געלונגען אָבצושלאָגען אַלע פיילן וואָס זענען געציעלט געוואָרען אין ריזשינער חסידות.

מוצאי יו״כ פון יאָהר תרנ״ד זענען אַריינגעקומען די קינדער פון

הושיאַטינער אין צימער פון רבי'ן, ווינשען איהם אַ גוט יאָהר. האָט ער זיי דאַמאָלס דערצעהלט דריי מעשיות. און די דריטע מעשה איז געווען, ווי אַזוי די תלמידים פון גרויסען רבין רבי בער זצ"ל האָבען זיך צונויפגעזאַמעלט כדי צו בעשליסען וואָסערע מיטלען מען זאָל אָנעהמען געגען די רודפים פון חסידות וואָס האָט זיך דאַמאָלס פערשטאַרקט, ביז זיי האָבען בעשלאָסען אָנצווענדען דאָס אייגענע מיטל, ווי די מתנגדים לגבי די חסידים...

גלייך האָט דער מגיד מרגיש געווען און געקומען צו לויפען צו דער חברייא אויסרופענדיג: איהר זאָלט וויסען, אַז דערמיט האָט איהר פערלוירען די קרוין פון אייער קאָפּ...

די דאָזיגע געשיכטע וואָס דער רבי האָט דערצעהלט מוצאי יו"כ, האָט אָנגעפולט מיט שרעק די חסידים. און די שרעק איז נישט געווען קיין אומזיסטע, ווייל אין זעלבען יאָהר ל"ז בעומר איז דער הושיאַטינער רבי נסתלק געוואָרען.

נאָך דער הסתלקות פון זיין פאָטער האָט איבערגענומען דאָס התנהגות זיין זוהן הצה"ק רבי ישראל שליט"א. אָבער ביים אויסברוך פון דער וועלט-קריעג איז דער הושיאַטינער הויף חרוב געוואָרען, פונקט ווי אַנדערע גוט-יודישע הייף אין גאַליציען, און דער רבי האָט זיך בעזעצט אין וויען, און ערשט מיט אַ קורצער צייט צוריק האָט דער רבי פערווירקליכט זיין יאָהרען-לאַנגע השתוקקות עולה צו זיין קיין ארץ-ישראל.

דער הושיאַטינער רבי איז דאָס איינציגע אייניקל פון הייליגען ריזשינער וועלכער האָט זוכה געווען צו בעזעצען זיך אין הייליגען לאַנד. דער ריזשינער און זיינע קינדער זענען דאָך בעקאַנט אַלס די גרויסע חובבי ארץ הקדושה, וואוהין זיי האָבען געשיקט פיעל געלד מחזיק צו זיין דעם ישוב. איינע פון די גרעסטע שוהלען אין ירושלים איז די סאַדאַגורער קלויז. וועלכע איז געבויט געוואָרען מיט דער פולער פראַכט; און ווי עס ווערט דערצעהלט מיט דער הסכמה און מיטהילף פון שר של עשו — דער עסטרייכישער קיסר פראַנץ יוזעף.

נ״ה

דער „תפארת ישראל״ פון טשארטקאוו

דער טשאָרטקאָווער רבי ר׳ ישׂראל׳טשע, בעל „תפארת ישראל״ זצ״ל איז געווען איינער פון די גרעסטע צדיקי הדור און מנהיג פון כלל ישראל העכער אַ יובל יאָהרען, און צווישען זיינע אָנהענגער האָבען זיך געפונען אַ גאַנצע רייה אדמורי״ם און מנהיגי החסידות, וועלכע האָבען געפונען פאַר נויטיג איין אָדער עטליכע מאָל אין יאָהר צו קומען קיין טשאָרטקאָוו און צו שעפען חיות דקדושה און אַצילות ביים הייליגען טשאָרטקאָווער זי״ע.

שוין פון זיין פריהסטער יוגענד ציהט די אַלגעמיינע אויפמערקזאַמקייט דער בן־יחיד פון אַלטען טשאָרטקאָווער. ער שמ׳ט אַלס עלוי, אַלס מתמיד, אַלס עובד ד׳.

חתונה געהאַט האָט ער מיט זיי טאָכטער פון זיין פעטער דער סאַדאַגורער רבי ר׳ אברהם יעקב זצ״ל. שוין איינמאָל געווען אַ חתונה, וועלכע איז געפייערט געוואָרען מיט׳ן גאַנצ׳ען ריזשינער גלאַנץ. אָבער ביי דער אַלגעמיינער שמחה איז דער אַלטער טשאָרטקאָווער געזעסען אין זיין חדר מיוחד אין טלית ותפילין און געלערנט. ערשט ווען אַלע הכנות צו די חופה זענען שוין געווען פערענדיגט קומט אָן דער אלטער טשאָרטקאָווער רבי און איז מכבד דעם יונגען חתן מיט תורה־זאָגען פאַר דער חופה. און דער יונגער עלוי הויבט אָן: אויף דעם פסוק ותקח הצעיף ותתכס, מאַכט רש״י: כמו ותקבר ותשבר. דאָס איז אַ סימן אַז ביי דער חופה מוז דער מענש געדענקען אינ׳ם יום הקבורה. ותתכס — כמו ותקבר ותשבר...

און דאַן הויבט זיך אָן זיין רוהמפולע טעטיגקייט אַלס איינציגער זוהן פונ׳ם גרויסען טשאָרטקאָווער רבי׳ן.

אַ אמת׳דיג מלכות איז עס געווען דער טשאָרטקאָווער הויף. די גרויסע קלויז, וועלכע ווערט נאָך היינט בעטראַכט אַלס אַרכיטעקטור־וואונדער דורך די פיעל אינזשיניערען, וועלכע בעזוכען זי. דאַן דער פרעכטיגער הויף, דער וואונדערבאַרער ווינטער־גאָרטען מיט קינסטליכע בעהייצונג אום ווינטער. און צווישען די פערשידענע קונסט־פרוכטען, צווישען די גזשענדעס פון שמעקעדיגע הדסים, האָבען די חסידים מיט האַרץ־פלאַטערניש און יראת־הכבוד אויסגעקוקט די שפאַצירען פוןביידע: פון איין זייט דער אַלטער

טשאָרטקאָווער רבי מיט'ן זוהר'ל אין דער האַנד און פון אַנ'אַנדערען עק דער גרויסער זוהן, פערטיפט אין אַ שאלות-ותשובות ספר.

שלש סעודות, די צייט פון רעוין דרעוין, פלעגט דער אַלטער טשאָר-טקאָווער רבי פראַווען ביחידות, סגור ומסוגר מיט זיך אַליין, פלעגען דאַ-מאָלס די גרעסטע גדולים פון יענעם דור זיך צוזאַמענקומען ביים יונגען רבי'ן און איינהאָרכען זיך אין די פלאַים'דיגע תורות פון זייער יונגען רבי'ן.

און גרויסע מענשען האָט דאָס טשאָרטקאָווער חסידות פערמאָגט. די גרעסטע גדולים פון אוקראַאינא, רומעניען און גאַליציען. אַ בערזאַנער רב ר' שלום מרדכי, אַ טאַרנער רב ר' מאיר אַראַק, אַ בראָדער רב ר' אברהם מענדעל שטיינבערג. די גרעסטע חסידים בעלי-מדרגות, ווי אַ רבי וועלוועלע אָזיעראַנער, אַ רבי אַלטער רימאַנאָווער. אויך פיעל פון די גרעסטע רביים פלעגען צו פאָהרען קיין טשאָרטקאָוו, ווי צב"ש דער ראַדאָמסקער רבי, דער בעל „תפארת שלמה" זצ"ל, דער רימאַנאָווער רבי זצ"ל, דער סאַמבאָרער רבי ר' אורי' זצ"ל און נאָך פיעל פיעל אַנדערע. און כמעט קיין איין יוד איז נישט געווען אין גאַליציען פון די געהויבענע חסידים ואנשי מעשה, וועל-כער זאָל כאָטש איינמאָל נישט האָבען געווען אין טשאָרטקאָוו.

און בשעת דער אַלטער טשאָרטקאָווער רבי איז געזעסען סגור ומסוגר איינגעטהון לגמרי אין די ד' אַמות של תורה ותפילה, האָט דער יונגער רבי שוין דאַמאָלס אָנגעפיהרט מיט'ן גאַנצען חסידות. האָט ערגיץ וואו קהל געפיהרט אַ קאַמף מיט'ן רב, האָט מען בעדאַרפען ערגיץ אַ שוחט אויפצו-נעמען אָדער סתם אַ מחלוקת'ל צו שטילען, האָט מען געוואוסט איינס: אַריינצופאָהרען קיין טשאָרטקאָוו און דער יונגער רבי וועט שוין אַלעס אויסגלייכען...

עס איז אפשר נישט אַלעמען בעקאַנט די השתדלות פון ד"ר הערצל, וועלכער האָט פערלעגט פיעל אַרבייט אַריינצוקריגען דעם טשאָרטקאָווער רבי'ן אין דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. ס'איז וועגען דעם באַריכות דער-מאָהנט אין ד"ר הערצעל'ס טאָג-ביכער. פיעל, זעהר פיעל בעמיהונגען האָט ד"ר בלאָך, דער דאַמאָלסדיגער זעמערינגער ראַבינער און וויענער פאַרלאַ-מענטס-דעפוטאַט, אָנגעווענדעט, אַז דער טשאָרטקאָווער רבי זאָל איי-בערנעהמען די עהרען-פרעזידענטור פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, וועל-לענדיג איהם זאָגאַר איבערגעבען די גאַנצע השפעה איבער די רבנות און כשרות-ענינים אין ארץ-ישראל.

דער יונגער טשאָרטקאָווער רבי האָט זיך אָבער תיכף דערקענט אויפ'ן מהות פון ציוניזם און ווען נאָכ'ן קאָנגרעס איז נאָכאַמאָל געקומען קיין טשאָרטקאָוו אַ דעלעגאַציע פון די ציוניסטישע פיהרער מיט'ן ד"ר בלאָך בראש, האָט דער יונגער טשאָרטקאָווער רבי זיי גלייך אָבגעפערטיגט מיט גאָרנישט...

הושענא רבה איז נפטר געוואָרען דער ערשטער טשאָרטקאָווער רבי. צוליב יו״ט זענען דעמאָלט גראָד געווען פערזאַמעלט אין טשאָרטקאָוו טוי־זענדער חסידים און אויף א פלא׳דיגען אופן איז פאָרגעקומען דאָס איבער־נעהמען די רבי׳סטווע דורכ׳ן יונגען טשאָרטקאָווער רבי׳ן. דער אַלטער רבי האָט פאַר זיין פטירה געהייסען דעם איינציגען זוהן אַנידערזעצען זיך אויף זיין שטוהל און אָנגעווינשען איהם ער זאָל פיהרען יודען קיין ארץ־ישראל.

און באַלד נאָכ׳ן איבערנעהמען די רבי׳סטווע, זעהט זיך אַרויס די געוואַלדיגע אַהבת ישראל און דער דראַנג צו אַקטיווע מעשים פונ׳ם יונגען טשאָרטקאָווער רבי׳ן, וועלכער גריגדעט די „אַגודת חרדים״. נישט פיעל אַגודיסטען ווייסען, אַז דער יסוד פון דער שפּעטערער קאַטאָוויצער ערשטע אַגודה־קאָנפערענץ און בכלל דער שטויס צו דער גרינדונג פון אַגודת־ישראל איז געווען די ערשטע טשאָרטקאָווער „אַגודת חרדים״.

אומעטום האָט מען אויף זיין רוף צוזאַמענגענומען צענדליגער טויזענ־דער גילדען, וועלכע ליגען נאָך ביז הייגט דעוואַלירט אין די גאַליצישע און רוסישע קאַסעס. און וואָס פאַר א געוואַלדיגען איינדרוק האָט עס אַרויס־געררופען אויף דער גרויסער דאַמאָלסדיגער טשערנאָוויצער קאָנפערענץ, ווען דער טשאָרטקאָווער רבי האָט אויסגעדרוקט זיין גרייטקייט אַליין אַרומצופאָה־רען אויף דער פּראָווינץ זאַמלען געלד פאַר די שולען. און נאָך איהם האָ־בען דאָס זעלבע ערקלערט די רביים פון באָיאַן זצ״ל און יבדלו לחיים די רביים פון וויזשניץ און הושיאַטין. אויך דער גורער רבי איז געווען ענט־ציקט פון דעם דאָזיגען פּלאַן.

אָבער נישט נאָר בלויז פון דעם דאָזיגען גראַנדיעזען פּלאַן קענען מיר האָבען אַ בעגריף איבער דעם טשאָרטקאָווער רבי׳ן. די אונבעשרייב־ליכע צדקות און ענוה פון דאָזיגען צדיק איז גראָד נאָך פיעל מעהר ענט־פּלעקט געוואָרען מיט׳ן פאקט פונ׳ם צוריקקעהרען זיך פון דער אַגודת חרדים. ווי בעוואוסט האָט זיך דער טשאָרטקאָווער רבי מיט איינמאָל צו־ריקגעצויגען פון דער גאַנצער, מיט אַזוי פיעל מיה און אָנשטרענגונגען שוין אָנגעהויבענער אַרבייט. געשעהן איז עס צוליעב דער געגנערשאַפט פון אַנ־דערע רביים.

ס׳איז אָבער דאָך פון איהר עפּעס געבליבען. אויף די קאָנפערענצען וועלכע האָבען בעהאַנדעלט די פראַגען פון „אַגודת חרדים״ איז צום ער־שטען מאָל אויפגעשווימען דער קאָנקרעטער געדאַנק וועגען „אַגודת ישראל״.

זייט דער גרינדונג פון אַגודת ישראל איז דער „תפארת ישראל״ גע־ווען דער ראש וראשון אויף אַלע אַסיפות און צוזאַמענקונפטען פון דער אַגודת ישראל וואָס איז ביי איהם געווען זעהר טייער.

פונקט אַזוי האָט ער אַרויסגעוויזען זיין חיבה צו ארץ ישראל.

דער טשאָרטקאָווער רבי איז געווען אַלזייטיג, סיי מיט זיין גאונות חכמה, מלכות׳דיגען שטאַט און דערביי געוואַלדיגע עניוות.

עס פלעגט טרעפען אין טשאַרטקאָוו אַ שבת ווען עס זענען געזעסען בייַם טיש אַ צענדליג רביים. און טרעפליך האָט זיך אויסגעדריקט איינער פון די גדולי האדמורי״ם אַז דער טשאָרטקאָווער איז נישט קיין רבי פון חסידים נאָר אַ רבי פון רביים.

גרויס חיבה האָט דער טשאָרטקאָווער רבי אַרויסגעוויזען צו די וועלט־ישיבה, „ישיבת חכמי לובלין, וואָס איז געגרינדעט און אויסגעבויט געוואָרען דורך זיין תלמיד מובהק הגאון הקדוש רבי מאיר שפּירא זצ״ל (נפטר געוואָרען ז׳ מרחשון תרצ״ד).

אַ קידוש השם איז געווען זיין ערשיינען אין לובלין ביים לייגען דעם גרונדשטיין פון דער ישיבה אין ל״ג בעומר תרפ״ד, און אויף דער פייערליכער עפנונג — כ״ח סיון תר״ץ. זיין בעגריסונג צו דער עפנונג פון דער ישיבה האָט דער טשאָרטקאָווער אָנגעהויבען מיט די ווערטער:

— „ווייסט איהר יודען, וועך ס׳מאַכט היינט דעם חנוכּת־הבית? די הייליגע תורה מאַכט היינטיגען טאָג איהר חנוכּת־הבית. די תורה הקדושה ציט זיך היינט אַריין אין איהר אייגענעם בנין״.

„והארץ היתה תוהו ובהו וחושך על פני תהום״. ווען עס איז אַ תוהו ובוהו און אַ חשכות קומט אָבער דער „ויאמר אלקים יהי אור״ און עס ווערט „ויהי אור״.

אַזוי איז געווען גרויס די זאָרג פון דאָזיגען צדיק פאַר׳ן שפל המצב פון דער תורה און די פרייד צוליב כבוד התורה. קוים האָט עס געהאַנדעלט זיך אין מרבה זיין כבוד שמים איז דער זקן מיטאַמאָל יונג געוואָרען, בעקומען נייע כּוחות און מיטגעריסען מיט זיך די ברייטע מאַסען.

אין די לעצטע צוויי צענדליג יאָהרען איז דער רבי געווען ווייט פון זיין מלכות׳דיגען הויף, ווען די רוסען האָבען צושטערט און געוואוינט אין גלות, אין פרעמדען וויען.

ווען די לאַגע האָט זיך סטאַביליזירט, ווען די געמיטער האָבען זיך בערוהיגט, האָט מען געהאָפט, אַז אויך דער טשאָרטקאָווער רבי וועט צוריקקומען אַהיים, דער טשאָרטקאָווער הויף וועט ווידער אויפגעבויט ווערען, עס וועט זיין „חדש ימינו כקדם״.

אָבער דאָס איז נישט געשעהן. דער רבי איז שוין פערבליבען וואוינען אין וויען. צו די הפצרות פון דעם עולם, אַז דער רבי זאָל צוריקקומען אַהיים, קיין טשאָרטקאָוו, האָט ער זיך נישט צוגעהערט, כאָטש דאָס האָט אָנגעפולט מיט צער דעם גאַנצען עולם, ווייל עס איז געווען אַזוי שווער צו בעזוכען דעם רבין.

נישט ווייניג האָט זיך דערפאַר ביים רבי׳ן משתדל געווען זיין גרויסער און בעליבטער חסיד, דער לובלינער רב זצ״ל:

— רבי, זייט נור דערצו מסכים, און איך בין גרייט ביים עולם צו־זאמלען דאָס געלד, וואָס איז נויטיג אויפצושטעלען דעם הויף כמקדם, צוליב געלד וועט קיין מניעה נישט זיין. יעדער וואָס וועט דערהערען, אַז מען טרעט צו אויפצושטעלען דעם טשאָרטקאָווער הויף, וועט מיט שמחה און מיט בעגייסטערונג אָקעגענטראָגען זיין נתינה.

אַזוי האָט גערעדט דער לובלינער רב זצ״ל צו זיין גרויסען רבי'ן, ברענגענדיג דערמיט צום אויסדרוק דעם וואונש פון עולם.

דער רבי האָט זיך אַ ווייל פערטראַכט און אויסגערופען:

— אמת, דער עולם וועט מיט שמחה געבען געלד צום אויפבוי פון הויף, אָבער ווי קען מען אין אַזאַ בטערע צייט נעהמען געלד!

אַ בית ועד לחכמים איז געווען די וואוינונג פון טשאָרטקאָווער רבי'ן אין וויען. אויף דער היינע־שטראַסע האָט מען תמיד געקענט בעגעגנען אַ היימישען עולם, וואָס האָבען מיט גרויס מיה און מסירת נפש זיך דערשלאָגען קיין וויען צו זייער רבי'ן.

נישט געווען קיין גדול, קיין מפורסם, וועלכער איז פערבייגעפאָהרען וויען, אַז ער זאָל נישט אַבשטאַטען אַ וויזיט ביים טשאָרטקאָווער רבי'ן, נישט געווען קיין איין יודישע אַסיפה, אָהן דעם אַנטייל פון גדול הדור, דאָס געוויסען פון כלל־ישראל.

אין די שווערע צייטען, וועלכע מיר האָבען איבערגעלעבט, האָט מען זיך גאָרנישט געקענט פאָרשטעלען עפּעס וואָס אונטערצונעהמען לטובת חיזוק היהדות און הרמת קרן התורה אָהן דער עצה און ברכה פון זקן־הצדיקים שבדור און דערפאַר איז אַזוי גרויס דער צער אין דער יודישער וועלט בכלל און אין דער יודיש־רעליגיעזער וועלט בפרט, צוליעב דער לעצטער גרויסער אונערזעצליכער אַבידה.

אויף די פטירה פון זיין עלטסטען זוהן, פון זיין בכור, וואָס איז אומגעקומען מיט עטליכע יאָהר צוריק האָט געמאַכט אַ שטאַרקען רושם אויף זיין געזונד און ער האָט נישט געקענט קומען צו זיך נאָך דער דאָזיגער אונערזעצליכער אַבידה.

אַ פּאָר טעג פאַר דער פטירה האָט דער טשאָרטקאָווער רבי זצ״ל געשמועסט מיט גרויס דבקות וועגען מיתת־צדיקים.

דעם שמועס האָט ער געפיהרט אין אַ שטאַרק ערנסטען טאָן, דערביי האָט יעדער ווייל, וואָס ער האָט ארויסגעזאָגט אַ זאַך פערגלייזט אויף אַ מינוט די אויגען, אַזוי, אַז די אַנוועזענדע צוהערער האָבען זיך שטאַרק דערשראָקען, איינגעהאַלטען דעם אָטעם. מורא האָבענדיג זיך צו בעוועגען אויפן אָרט.

— דער בעריהמטער גאון־הגאונים, מורינו ורבינו, הרה״צ רבי נחום מטשערנאָבעל זצ״ל — האָט דער טשאַרטקאָווער אָנגעהויבען צו רעדען: — האָט אַמאָל געזאָגט, אַז ווען אַ צדיק זעהט, אַז ער געהט נעדר ווערען מן העולם הזה, און, עס איז גראָד אַ פרייטאָג־טאָג, פאַרמיטאָג, זאָל ער זיך בעמיהען מיט אַלע זיינע כחות צוציהען ביז צוועלף בייטאָג.

און דער טשאַרטקאָווער רעי זצ״ל איז נפטר געוואָרען פרייטאָג בייטאָג, י״ג כסלו תרצ״ד פונקט ווען דער זייגער אויף דער וואַנד האָט אויסגעשלאָגען דעם לעצטען קלינג פון דער צוועלפטער שעה...

אין צוויי יאָהר אַרום איז פון אַ קורצער קראַנקהייט נסתלק געוואָרען זיין זוהן ר׳ בערעניו פריהמאַן זצ״ל. חסידים האָבען גרויסע האָפנונגען אויף איהם געלייגט. אַ גרויסער עובד ד׳ און בעל מוח, ער האָט זיך מוסר נפש געווען פאַר השי״ת, פאַר׳ן כלל ישראל און פאַר החזקת התורה.

נו

אַ שטיקעל רציעה

אין איינעם פון די פריהערדיגע קאַפּיטלען האָבען מיר שוין דערצעהלט וועגען די „ירושה־תפילין״, וועלכע האָבען געשטאַמט פון גרויסען רבי׳ן ר׳ בער זצ״ל, דער מגיד פון מעזריטש, וואָס זענען נאָך דער הסתלקות פון הייליגען ריזשינער זצ״ל לויט אַ גורל צוגעטיילט געוואָרען צום טשאַרטקאָווער רבי׳ן זצ״ל.

אָבער דערמיט איז נאָך די געשיכטע פון די דאָזיגע הייליגע תפילין נישט ערשעפּט. און מיר וועלען דאָ דערצעהלען די ווייטערע השתלשלות פון די דאָזיגע תפילין, לויט ווי מיר האָבען עס געהערט פון איינעם פון די גדולי חסידי טשאַרטקאָוו דער לובלינער רב רבי מאיר שפּיראָ זצ״ל, שעפער פון „ישיבת חכמי לובלין״.

געווען איז עס צוויי יאָהר נאָך דער פטירה פון הייליגען ריזשינער זצ״ל. דאָס סאַדאַגורער חסידות האָט שוין דאַמאָלס אָנגעהויבען זיך צוצובליהען. טויזענדער חסידים פון גאַליציען און פון רוסלאַנד האָבען געצויגען קיין סאַדאַגורע. אָבער דער טשאַרטקאָווער רבי האָט נאָך דאַמאָלס נישט נוהג־נשיאות געווען, און ער האָט געוואוינט אין ירושה־גוט, אין פּאָטאָק־זלאָטי.

געווען איז עס דאַמאָלס אום הנוכּה. נאָכ'ן חנוכּה־ליכט־צינדען, איז דער סאַדאַגורער רבי געזעסען אַקעגען דער וואונדערפולער חנוכּה־לאָמפּ און געשמועסט דברי־תורה. אַרום איהם האָט זיך געפונען אַן'ענגער קרייז פון זיינע גאָר נאָהנטע מקורבים.

פּלוצלינג גיט זיך אַ רוף־אָן דער סאַדאַגורער רבי בזה הלשון:

— כ'בין שטאַרק מקנא מיין ברודער ר' דוד משה'ניו' דערפאַר וואָס ער דאַוועגט אין די הייליגע ירושה־תּפילין...

די דאָזיגע דבורים האָבען אויף די אָנוועזענדע געמאַכט אַ שטאַרקען רושם. אַ שטילקייט האָט געהערשט אין רבינ'ס חדר. אָבער צוויי יונגעלייט פון די גאָר נאָהנטע מקורבים האָבען זיך איבערגעקוקט און זענען שטאַרק בלאַס געוואָרען, כאָטש קיינער פון די איבריגע מקורבים האָט עס נישט בעמערקט.

דאָס האָט געדויערט נאָר אַ ווײַלע. באַלד האָט זיך דערנעהנטערט איינער פון די יונגעלייט צום רבי'ן און אויסגערופען מיט אַ פייערדי־גער שטים:

— רבי, את חטאי אני מזכיר היום! איך בין אַצינד געצוואונגען צו דערצעהלען דעם רבי'ן דאָס וואָס איך און מיין חבר האָבען אָבגעטהון. מיר האָבען פון די ירושה־תּפילין אַרויסגענומען די פּרשיות און זיי פער־בעהאַלטען!..

נאָכדעם ווי דער גורל האָט בעשטימט אַז די תּפילין זאָלען געהע־רען צו ר' דוד משה'ניו, האָבען מיר נישט געקענט איינרוהען, ס'טייטש, אונזער רבי זאָל נישט האָבען די תּפילין צו וועלכע ער האָט אַזוי גרויס חשקות? האָבען מיר אָבגעטהון אַ מעשה, אַרויסגענומען פון דאָרט די פּרשיות און אַריינגעלעגט אין די בתּים אַנדערע פּרשיות. אָבער נאָכ'ן אָבטהון די דאָזיגע מעשה געהען מיר אַרום שוין צוויי יאָהר זעהר שטאַרק צובראָכען. מיר ווייסען נישט אויף וועלכער וועלט מיר זענען. צי האָבען מיר גוט געטהון אָדער נישט. דעם רבי'ן האָבען מיר נישט געהאַט די דרייסקייט איבער צופרעגען. ווייל מיר האָבען זיך פּשוט געשעהמט כּבושת גנב. אָבער יעצט, זעהענדיג ווי דער רבי ווייזט אַרויס אַזאַ חשקות צו די תּפילין, לויף איך שוין אויף מיין אכסניא און ברענג גלייך אַהער די פּרשיות פון די ירושה־תּפילין!..

שווער צו שילדערען דעם רושם. וואָס די דאָזיגע ווידוי פון יונגערמאַן האָט געמאַכט אויפ'ן רבי'ן און אויף אַלע אָנוועזענדע. אַרויסגענומען די פּרשיות פון די ירושה־תּפילין און אַריינגעלעגט אַנ־דערע, און דאָס האָבען געוואַגט צו טהון חסידישע יונגעלייט, — עס לאָזט זיך פּשוט נישט גלויבען. נ.ג. און דער טשאָרטקאָווער רבי זאָל

עס נישט האָבן מרגיש געווען. קאָן עס געמאָלט זיין? — אַזוי האָט יעדער זיך געטראַכט.

ענדליך האָט זיך בעוויזן דער מקורב, האַלטענדיג אין האַנד אַ תפילין-בייטעלע פון וואַנען ער האָט אַרויסגענומען די פרשיות און זיי דערלאַנגט דעם רבי'ן.

— מיר פאָהרען תיכף נאָך חנוכה קיין פּאַטאַק! — האָט דער רבי נאָך אַ קורצען ישוב-הדעת אויסגערופען.

און באַלד נאָך חנוכה האָט מען זיך גענומען גרייטען צו דער נסיעה קיין פּאַטאַק. צוזאַמען מיט'ן רבי'ן זענען אויך געפאָהרען די מקורבים, וואָס האָבען זיך געפונען אין יענער חנוכה נאַכט באותו מעמד. ווייל צווישען עולם האָט דער רבי שטרענג פּערזאָגט, נישט מפרסם צו מאַכען די אויסטערלישע געשיכטע און דעם צוועק פון זיין נסיעה קיין פּאַטאַק.

אָנגעקומען קיין פּאַטאַק, איז פאַרן סאַדאַגורער רבי'ן איינגעאָרדענט געוואָרען אַ שעהנער קבלת-פנים. ביידע הייליגע ברידער האָבען זיך שטאַרק משמח געווען.

צומאָרגענס אינדערפריה ביים דאַווענען, איז דער סאַדאַגורער רבי אַריין אין דאַווען-חדר פון זיין יונגערען ברודער דעם שפּעטערדיגען טשאָרטקאָווער רבי.

אויפ'ן טיש זענען אָנגעלעגט עטליכע פּאָר תפילין: רש"י'ס תפילין, רבינו תם'ס תפילין, שמושא רבא'ס תפילין און די אויך די הייליגע ירושה-תפילין.

דער טשאָרטקאָווער רבי, אָנגעטהון אין טלית, איז צוגעגאַנגען צום טיש, אַ נעהם-געטהון די ירושה-תפילין און זיי גלייך אַוועקגע-לעגט, נעהמענדיג אַ פּאָר אַנדערע תפילין, וועלכע ער האָט אָנגעטהון.

דער סאַדאַגורער רבי, וועלכער איז דערביי געשטאַנען, האָט זיך קוים בעהערשט נישט אַרויסצוווייזען זיין התפעלות. און ער האָט אויסגערופען:

— ברודער! פאַרוואָס דאַווענסטו נישט אין די הייליגע ירושה-תפילין?

— כ'וועל דיר זאָגען, ליבער ברודער — האָט דער טשאָרט-קאָווער רבי התנצלות'דיג אויסגערופען, — אַז די גאַנצע צוויי יאָהר זייט די תפילין געפונען זיך אין מיין רשות, האָב איך נאָך קיין איין מאָל נישט זוכה געווען צו דאַווענען אין די תפילין. טאָג-טעגליך נעהם איך די תפילין אין דער האַנד אַריין, אָבער גלייך בין איך מרגיש, אַז איך בין נאָך נישט

ראוי צו דאַווענען אין די דאָזיגע הייליגע תפילין. לעג איך זיי אַוועק מיט גרויס שברון הלב און נעהם דאַווענען אין אַנדערע תפילין...

דאָ האָט דער סאַדאַגורער רבי זצ״ל זיך נישט מעהר געקענט בע־הערשען, און אַרויספּאַלענדיג אויפ׳ן האַלז פון זיין ברודער, אויסגערופען:

— הייליגער ברודער! נישט דו ביזט נישט ראוי צו די תפילין, נאָר דאָ איז עפּעס געשעהן מיט די תפילין. עס האָט עמיצער אַרויסגענומען די פּרשיות פון די תפילין, דערפאַר ביזטו נישט מרגיש די קדושה פון די תפילין. אָט האָסטו זיי צוריק, דיינע פּרשיות. די תפילין געהערען באמת צו דיר. דו ביזט ראוי צו די תפילין און די תפילין זענען ראוי צו דיר.

שווער צו שילדערען די שמחה, וואָס האָט אין יענעם טאָג געהערשט אין פּאַטאַק צווישען די צוויי הייליגע ברידער.

דער טשאָרטקאָווער רבי האָט זיך משמח געווען דערמיט, וואָס ער האָט צוריקבעקומען די פּרשיות און דער סאַדאַגורער רבי האָט זיך שטאַרק געפרעהט זעהענדיג דאָס גדלות פון זיין הייליגען ברודער.

יאָהרען זענען אַוועק. דער טשאָרטקאָווער רבי איז נסתלק געוואָרען. אַלס ממלא מקומו איז געקרוינט געוואָרען זיין בן־יחיד, דער „תפארת ישראל״ זצ״ל, וועלכער האָט צוזאַמען מיט׳ן גאַנצען טשאָרטקאָווער הויף זעלבסט־פערשטענדליך אויך גע׳ירשנט די הייליגע ירושה־תפילין.

און פיהרען האָט זיך געפיהרט דער רבי, אַז ער האָט געדאַווענט אין די דאָזיגע תפילין נאָר צוויי מאָל אין יאָהר: פּורים און ערב יום־כפור.

די וועלט־מלחמה איז אויסגעבראָכען. די רוסישע קאָזאַקען האָבען זיך ווי אַ שטורם געטראָגען איבער גאַליציען און דערנעהנטערט זיך צו טשאָרטקאָוו.

דער גרעסטער טייל פון דער בעפעלקערונג, צווישען זיי אויך דער רבי מיט זיין פאַמיליע האָבען פלוצלינג פערלאָזט די ליבע און איינגעפונ־דעוועטע היים, דעם הערליכען הויף און אַוועק קיין וויען, נישט בעווייזענ־דיג גאָרנישט מיטצונעהמען מיט זיך.

אַז די קאָזאַקען זענען אַריין קיין טשאָרטקאָוו, האָבען זיי קודם כל זיך אַריינגעריסען אין הויף, צושטערט און פערניכטעט אַלץ וואָס איז זיי נאָר אין די הענד געקומען. צווישען אַנדערען האָבען זיי אויך אויפגעריסען דעם שטאָלענעם קאַסטען אין וועלכען עס האָבען זיך געפינען אַלע הויף־אַנטיקען, צווישען אַנדערען — אויך די הייליגע ירושה־תפילין. דערנאָך האָבען זיי חרוב געמאַכט און צושטערט דעם הויף.

שווער צו שילדערען דעם צער פון דעם רבין ווען ער האָט זיך דערוואוסט מכח דעם חורבן, וואָס די ווילדע קאָזאַקען האָבען פעראורזאַכט

אין הויף אָבער אויף קיין זאַך האָט ער זיך נישט אַזוי מצער געווען, ווי אויף די דאָזיגע תפילין. ער האָט זיך פשוט נישט געקענט פאַסען און טרייסטען זיך צוליב׳ן דאָזיגען פערלוסט.

ווען די צענטראַל׳ע מלוכות האָבען גובר געווען דאָס רוסישע מיליטער און דער רוסישער אָקופּאַנט איז פערטריבען געוואָרען פון גאַליציען, האָבען איינצעלע חסידים זיך אָנגעהויבען בעווייזען און קומען קיין וויען צום רבין.

אויך פאַר די היימישע חסידים וואָס זענען געקומען פון טשאָרטקאָוו און פון דער סביבה, האָט דער רבי שטאַרק געביטערט אויפ׳ן פערלוסט פון די דאָזיגע תפילין. נישט דער חורבן פון פּרעכטיגען הויף, נישט דאָס צורויבען די פערשיעדענע אַנטיקען און קאַסטבאַרקייטען האָט דעם רבין געערגערט, נור דער פערלוסט פון די תפילין.

עס איז אָבער בעשערט געווען, אַז די דאָזיגע הייליגע תפילין זאָלען זיך אָבגעפינען. און געשעהן איז עס אויף אַ ממש וואונדערליכען אופן:

אין יענע שרעקליכע טעג פון חורבן און פערניכטונג האָט זיך אַ קאָזאַק געווענדעט צו אַ דאָרפס־יוד, אין אַ דאָרף הינטער דער שטאָדט ער ער זאָל ביי איהם אָבקויפען אַ פּאָר תפילין.

דער דאָרפס־יוד, זעהענדיג אַ פּאָר תפילין ביי אַ קאָזאַק אין דער האַנד, האָט ער נאַטירליך זיי גלייך אויסגעקויפט, און געגעבען וויפיעל דער קאָזאַק האָט פערלאַנגט.

דער דאָרפס־יוד האָט פערגעסען אין די גאַנצע מעשה און די דאָזיגע תפילין בעהאַלטען.

אין צוויי יאָהר אַרום, ווען דער דאָרפס־יוד האָט זיך געפונען אין טשאָרטקאָוו, אויף ימים נוראים, האָט זיינער אַ בעקאַנטער אויך אַ דאָרפס־מאַן, זיך פאַר איהם פערטרויט, דאָס זיינס אַ יונגעל הויבט אָן בקרוב צו לעגען תפילין און ער דאַרף פאַר איהם קויפען אַ פּאָר תפילין.

— ווייסטו וואָס — האָט זיך אָנגערופען דער ערשטער ישובניק, — ביי מיר געפונט זיך אַ פּאָר תפילין, וואָס איך האָב אָבגעקויפט ביי אַ קאָזאַק, קען איך זיי דיר פערקויפען. ווענסטו מיר צוריקגעבען דעם רובל, וואָס איך האָב פאַר זיי דעם קאָזאַק בעצאָהלט. די תפילין ליגען ביי מיר און איך נוץ זיי סיי ווי נישט, איך האָב דאָך מיינע אייגענע תפילין!

דער צווייטער דאָרפס־מאַן האָט דערצו גלייך מסכים געווען. בעצאָהלט דעם רובל און גענומען די תפילין.

איידער זיין יונגעל האָט אָנגעהויבען לעגען תפילין, האָט זיך אָבער דער דאָרפס־מאַן מיישב געווען, אַז מען דאַרף די תפילין לאָזען איבערזעהען. איז ער אַוועק אין שטאָדט אַריין, און געבעטען, דעם שטאָדטס־סופר איבער־צוקוקען די תפילין.

ווי נור דער סופר האָט גענומען אין האַנד אַריין די תפילין האָט ער א געשריי געטהון:

— דאָס זענען דאָך די הייליגע ירושה־תפילין — און גלייך געפאַלען אין חלשות.

בליץ־שנעל האָט זיך פערשפּרייט אין שטאָדט די ידיעה, אַז דעם רבינ'ס ירושה־תפילין האָבען זיך אָבגעפונען. דעם סופר'ס שטיבעל איז באַלד פיעל געוואָרען מיט חסידים, וואָס האָבען אָבגעגעבען דעם אויבערשטען אַ שבח והודיה דערפאַר, ויסענדיג ווי גרויס עס וועט זיין די שמחה און די פרייד ביים רבי'ן.

ווען דער סופר איז געקומען צו זיך, האָט ער אויסגערופען:

— איך ווייס זיכער, אַז דאָס זענען די ירושה־תפילין איך דערקען זיי אויסגעצייכענט. אָבער ליתר־תוקף, וועל איך באַלד ווייזען, אַז איך האָב נישט קיין טעות. אָבער דערביי וועל איך אייך דערצעהלען אַ שטוי־נענדען פאַקט, ממש אַ מופת. ווי ווייט דער אַלטער רבי זכרונו לברכה האָט פאָראויסגעזעהען וואָס עס וועט זיין יאָהרען אַרום:

— מיט אַ יאָהר פונפצעהן צוריק, נאָך בחיים פון אַלטען רבין זכותו יגן עלינו, האָט זיך פון די דאָזיגע תפילין אָבגעריסען אַ שטיקעל רצועה פון די רצועות, האָט נאָך מיר געשיקט דער רבי און געזאָגט צו מיר היות ווי די רצועה פון די תפילין זענען ביי איהם אַזוי טייער ווי די תפילין גופא, דעריבער האָט ער בעפוילען אַז איך זאָל אויפמאַכען די מעברתא און אַריינלעגען דאָרט דאָס שקיקעל רציעה אויף אַנ'אופן עס זאָל נישט זיין קיין חציצה.

נאטירליך האָב איך דערפיהלט דעם רבינס פערלאַנג און איצט וועלען מיר האָבען דעם אמת'ן סימן מובהק, אין דער תפילה של יד דאַרף זין געפונען דאס שטיקעל רצועה!...

גלייך האט ער געעפענט די ותפילין און אַלעמען געוויזען דאס שטיקעל רצועה, וואס ער אליין האט דארט אַריינגעלעגט.

שוין איינמאל געווען אין יענעם טאג א יום טוב אין טשאָרטקאוו. נאָך אין דעם זעלבען טאג איז א שליח מיוחד אָבגעפאהרען קיין וויען איבערצוגעבען דעם רבין די הייליגע ירושה־תפילין...

עפּיל אָ ב

צווישען די טײַכען טשערעמיש און פּרוט, האט זיך אַ גוט־יודיש מלכות פערשפּרייט.

אַ געגענד איז עס, דאָס צפון־בוקאווינא, אַ פערגרעבטעס, אַ האמעטענט, אַ מעלאנכאָלישע, אבער אויך אַ גוטמוטיגע.

יודען, געזונדטע, בעלי־גופים, מיט אַ גאר נאהנטען שייכות צו דער ג—טליכער נאַטור, וואס האבען איינגעזאַפּט אין זיך דעם כח פון דער מאַמע־ערד, בעוואוינען דעם דאזיגען שטח.

יודען — תמימותדיגע, פערבענקטע און פערחלומ׳טע, פּונקט ווי פער־חלומ׳ט עס זענען די אומענדליכע סטעפּעס פון דער בוקאווינע און פון שכנות׳דיגען פּאָדאָליען.

נאַאיוו־האַרציג, נשמה׳דיג און עהרליך ביז גאָר מוזען זיין אט די יודען פון דער האַלב־איינגעשלאָפענער ביז איצט נאך נישט אויפגעוואַכטער געגענד, וואו עס איז געלעגט געוואָרען דער ערשטער יסוד פאַר דער היסטאָרישער פאָלקס־בעוועגונג, וואס האט אַזוי פיעל ברכה געבראַכט דעם יודישען פאָלק, אַזוי פיעל פרייד און ליכט, אַזוי פיעל דערנעהנטערונג צום הימעל, אַזוי פיעל התקרבות צום אין סוף — דאס חסידות.

דאָרט, אויף יענע פּלעצער, האָט דער וואונדערבאַרער און גרויסער שליח פון דער השגחה, דער הייליגער בעל־שם־טוב געוואַנדערט איבער סטעפּעס פון פּאָדאָליען, מאָלדוי און וואַלאַכיי, איבער די פעלדער פון דער זאַטער בוקאָווינאַ, דאָרט האָט ער זיינע אַדלער־העגד פערשפּרייט. דאָרט האָט ער מיט זיינע אויגען־פלאַמען די אָפענע הימלען דערזעהען. דאָרט האָט ער געהאַט התגלות אלוקית:

און דאָרט האָט ער געהערט דעם רוף. דעם גרויסען הימלישען רוף: „געה צו מיין פאָלק און רוף די רופונג, וואָס איך רייד צו דיר”.

און ער איז געגאַנגען. און ער האָט גערופען, און מען האָט איהם געהערט, מען האָט איהם געגלויבט, אַז ג—ט דער אַלמעכטיגער האָט זיך צו איהם בעוויזען.

זענען נאָך פערבליבען דאָרט אין יענער סביבה בולטע שפורען פון יענע גרויסע און היסטאָרישע טעג ווען דאָס חסידות האָט זיך אָנגעהויבען וועבען. זענען געבליבען סימנים און שפורען, וואָס דער שליח פון דער השגחה האָט איבערגעלאָזט, שפורען, וואָס דערצעהלען אַזוי פיעל, וואָס

רעדען, אָהן ווערטער צו דער נשמה און וועקען די פאַנטאַזיע צו זעהען און צו פיהלען דאָס וואָס מען קען מיט ווערטער נישט אַרויסברענגען.

וואַנדערט צווישען דעם המון עפּעס אַ בעל-שם'סקע ניגון, וואָס דער ג-ט'ליכער מאַן האָט אַרויסגעזיגען, ווען זיין האַרץ איז געווען איבערפולט מיט געגוּעים. מעלאָדיע איז עס אָהן ווערטער, אָבער עס צוטרייסעלט דאָס האַרץ, עס צודריוועלט די פּעדעם פון דער נשמה, עס דערהויבט די נידריגסטע בריאה אויף קלאָפּטער הויך, עס רייסט אָב אַ שטיק פון דער גשמיות.

און בסך-הכל זאָל עס האָבען געווען נישט מעהר ווי אַ פּאַסטוך-ניגון, בשעת דער גרויסער פּאַסטוך פון פאָלק ישראל האָט נאָך שטומע שאָף גע-פּיטערט, און דעם דאָזיגען ניגון זאָל ער האָבען אַ קאָזבע אויסגעפייפט, אַ קאָזבע מיט וועלכע עס בענוצען זיך עד-היום די הוצולען פּאַסטוכער אין יענע ווילדע סטעפּעס.

אָבער דעם דאָזיגען ניגון פערגעסט מען נישט. מען זינגט איהם סיי אין פרייד, סיי אין לייד סיי אין שבת-יום-טוב און סיי אין דערוואָכענס. עס זינגען איהם וואַנדער-בעטלער אויף די ירידים, עס שפּילען איהם אויס בלינדע קאָזבאַרעס. עס זינגען איהם אויך בעלי-רגש אין אַ שבת'דיגען בין-השמשות אין דער צייט פון רעוא-ורעווין. און קיינמאָל פערפעהלט ער נישט צו מאַכען דעם געהעריגען רושם אויף די צוהערער וואָס האָבען איהם שוין אַוודאי טויזענד מאָל געהערט. זיי ווערען נישט מיעד הערענדיג, ווייל יע-דעס מאָל דערפיהלט מען אין דעם ניגון אַ נייעם ניואַנס, אַ נייער טריל, וואָס מען האָט נישט מרגיש געווען אַ פריהערדיגעס מאָל.

דער בעל-שם'סקער הייליגער ניגון...:

פערבליבען אויף דאָ-דאָרט האַלב-פערשאָטענע קוואַלען, וואו דער היי-ליגער בעל-שם האָט זיך טובל געווען. איז מען עולה-רגל צו די דאָזיגע מקוואות און מען טהוט תפילה, ווייל טובל'ען דעם גוף וואָגט מען נישט אין דעם זעלבען וואַסער...

אַ סך קוואַלען האָבען שוין לאַנג אויסגעטריקענט. פערשאָטען און בעוואַקסען מיט ווילדע גראָזען. אָבער נאָך פיהלט מען דאָרט אַ הייליגען ציטער, ווען מען געהט פאַרביי. סיי יודען, און סיי להבדיל, גוים שטעלען זיך דאָרט אָב אויף אַ ווייל'ע, שטעהען מיט גרויס יראת-הרוממות, ווערענדיג בעפליגעלט מיט הויכע הייליגע מחשבות און קענען זיך נישט אַזוי גיך אָברייסען פון דעם פלאַכען מיט מאָך בעוואַקסענעם גרוב, וואו אַ ריטשקעלע וואַסער קוועלט נאָך און רייסט זיך צום לעבען...

און אין דעם זעלבען ווינקעל, צווישען די טייכען טשערמיש און פּרוט האָט דער הייליגער רבי ישראל'טשע ריזשינער זכותו יגן עלינו, זיין הויף

פארלאָזט. אין דער פעדגרעבסטער אָבער רחבות'דיגער סאַדאַגורע אַ פּראַכט־פולע תורה־ און חסידות־רעזידענץ אויסגעבויט.

האָבען גרויסע מחנות יודען אַהערגעצויגען, איבער'ן זשוטשקער שליאַך צום ווינקעלע וואו יודישקייט איז מיט כתר־מלכות בעציהרט. פול געוואָרען מיט לעבען איז יענער קאַנט, פול מיט תורה און יראת־שמים. אויף אַ וואונדערבאַרען אופן פערשווינדט דאָס עם־הארצות, דאָס פערגרעבטקייט — אויסגעאיידעלט געוואָרען. בעלי־עגלות און שמייסער, אַגגעטהון אין איצעלא דרבנן, האָבען אויפ'ן וועג פון דער באַהן־סטאַציע קיין סאַדאַגורע, פיהרענ־דיג די פרעמדע חסידים צום צדיק בינו לבינו די לעצטע תורה־ווערטער נאָכגעזאָגט מיט מתיקות און הבנה, חסידות מיטגעשמועסט, אַז עס איז גע־ווען אַ נחת צו הערען.

און וואָס האָט זיך דאָרט געטהון ימים־נוראים־צייט, אויף דער רוסיש־עסטרייכישער גרעניץ? — חסידים פון רוסלאַנד רייסען זיך מיט מסירת־נפש צום צדיק. אין דען געווען אַ כח אויף דער וועלט זיי צו פערהאַלטען? ווער מיר גרעניץ, וואָס מיר אַרישע וואַך־זשאַנדאַרמען, מען שפייט אויף די קאַזאַמעטען. אַדרבה, וואָס גרעסער דאָס מסירת־נפש אַלץ חשוב'ער די נסיעה. לויפען יודען אין פינסטערע נעכט, בעהאַלטען זיך צווישען די פויערים, אין די תבואה־שייערס אין די קאַרטאָפעל־גריבער, אין די שטרוי־סטאָסען. און פאַלט מען אַמאָל אַריין. איז אויך נישט קיין בייז: די פדיון שבוים־קאַסע וואָס עקזיסטירט ביים רבי'ן אין הויף, וועט קיין חסיד נישט לאָזען שמאַכטען אין קאַזאַמאַט...

אַזוי אַרום האָט אַ געגענד געבליהט און געוואַקסען. תורה, יודישקייט, חסידות און פרנסה בשפע, נחת און עשירות, אַלץ אין זכות פון צדיק.

ביז... ביז עס האָט זיך דערנעהנטערט דאָס שרעקליכע יאָהר תרע״ד...

אין יענעם יאָהר, באַלד נאָך פסח — דערצעהלען מיט עצבות די בוקאָווינער יודען — האָבען זיך די הימלען געשפאָלטען און עס האָט געגאָ־סען ווי מיט צעבערס גאַנצע וואָכען. זענען די טייכען טשערעמיש און פרוט פול געוואָרען מיט וואַסער, איבערגעלאָפען און פעראייניגט זיך, צוזאַמענגעגאָסען זיך אין איין טייך, און געבושעוועט ווי אַ מבול.

אַ ברודיגע כוואַליע האָט געשטורעמט און געריסען, חרוב געמאַכט גאַנצע ישובים, צושטערט און פערוויסט, און עס איז נישט געווען וואו זיך אויסצובעהאַלטען פאַר'ן שרעקליכען געוויטער. זענען דערטרינקען געוואָרען ברויט־פעלדער, שאָף־סטאַדעס, גאַנצע הייזער זענען געשווימען מיט האָב און גוטס — אַ שרעקליכער גזרה.

איז מען געלאָפֿען צום צדיק מיט אַ געוויין: ראַטעוועט הייליגער צדיק, כי באו מים עד נפש!

האָט דער צדיק מיט אַ קרעכץ געענטפֿערט: נישטאָ וואָס צו מאַכן: אַ גזרה מן השמים!

האָבן גע׳טענה׳ט די חסידים צום רבי׳ן:

— הייליגער רבי: און אַ גזרה איז וואָס, — „גזירה עבידא דבטלה", מיר ווייסן דאָך, אַז „צדיק גוזר והקב"ה מקיים"!...

האָט מען דעם צדיק אַזוי שטאַרק דערקוטשעט, ביז ער האָט צוליב געטהון דעם עולם. די גזירה איז אָבגעשריגען געוואָרען. אָבער ווייל מען האָט מתרעם געווען אויף דער גזירה פֿון וואַסער, איז געקומען אַ פֿיעל שרעקליכערע גזירה, אַ גזירה פֿון בלוט, פֿייער און וואָלקענס רויך...

דם ואש ותמרות עשן.

דערצעהלט מען נאָך אַלץ מיט גרויס פחד וועגען דער טרויעריגער פּאַסירונג וואָס האָט דאַמאָלס פּאַסירט.

ערב שבת בין־השמשות איז עס געווען. דאָס וואַסער האָט אָנגעהויבען אָבצופֿאַלען. אָבער דער טשערמיש האָט נאָך אַלץ געבושעוועט. און פּלוצלונג האָט מען פֿון ערגיץ־וואו געבראַכט צו טראָגען אַ הייזעל מיט אויפגעריסענע טהיר־ און פֿענסטער: און אינווייניג אין הייזעל, האָבען צוויי שבת ליכט געברענט אויפ׳ן טישעל און דערנעבען האָט אַ קינד פֿון אַ וויגעלע אַרויס־געשריגען מיט בענומענע קולות...

האָט מען פֿון ביידע ברעגען זיך געלאָזט דאָס קינד ראַטעווען, יודען און להבדיל גויים, פּערוואָרפֿען שטריק מיט קלעצער, געלאָזט זיך שווימען אויף שיפֿלעך מיט׳ן שטראָם, די הוצולעס פֿון וואַלד אַלאַרמירט ביז... דאָס הייזעל מיט די שבת־ליכט, מיט אַ יודיש קינד, וואָס שרייט מיט בענומענע קולות, איז פֿערשווינדען פֿון די אויגען...

און באַלד דערנאָך איז די וועלט־מלחמה אויסגעבראָכען. אַלץ חרוב ומוחרב געמאַכט. קיין סאַדאַגורע האָט זיך שוין דעם רבינ׳ס הויף ניט צוריקגעקעהרט. די שבת־ליכט זענען אַוועק ווייט, צוזאַמען מיט׳ן יודישען קינד, וואָס שרייט, וואָס טהוט תפלה צום חי עולמים..

און וואָס איז געבליבען פֿון דעם פּרעכטיגען הויף אין סאַדאַגורע? — צוקרישעלטע ווענט, מיט ווילד גראָז בעוואַקסען. וויסט זענען די וועגען פֿון סאַדאַגורע. אינטערגעגאַנגען די פּרנסה פֿון די שטעדטעלשע, פֿערשווינדען די אַמאָליגע רחבות און פֿרייד, רומעינישע גראָבקייט הערשט איבעראַל. שווער צו געפֿונען צווישען דער אונטערוואָקסענדער גענעראַציע אַ יוד אַ למדן, אַ תלמיד חכם. אָבער זקנים זענען נאָך פֿאַרהאַן. וואָס דערצעהלען מיט גרויס בענקשאַפֿט פֿון דער גרויסער פֿערגאַנגעהייט.

און אַ בית-עולם איז פערהאַן מיט אַנ'אוהל, וואו עס ברענט זיך אַ נר תמיד און יודען קומען דאָס האַרץ אויסגיסען אויף די קברי צדיקים.

און פונקט ווי מיט די שפורען פון גרויסען בעל-שם, קוויקען זיך היינט די אָרימע בוקאָווינער יודען אין דער שלעכטער צייט, מיט די אי-בערבלייבענישען פון דער ריזשינער מלכות-פראַכט, נישט קענענדיג דערגריי-כען צו די מקומות, וואו די השגחה האָט איבערגעטראָגען די חסידות רעזידענצען פון דער ריזשינער גזע, נישט קענענדיג צוקומען צו די מקורות פון ריזשינער נוסח, וואָס לעבט ווי אַנ'אָבצווייג פון בעל-שם'סקען אור-קוואַל אין די הערצער און מוחות פון טויזענדער פערבענקטע יודישע נשמות.

(ע נ ד ע)

דברי תורה און שמועסען
פון ריזשינער זצ״ל

מען לאָזט איהם שטענדיג צו צום קעניג

ווען דער ריזשינער איז געווען ביים אַפּטער רב זצ״ל, דער בעל „אוהב ישראל״, האָט איהם דער אַפּטער רב זעהר שעהן אויפגענומען. אַמאָל האָט זיך געטראָפען, ס'איז שוין געווען שפּעט אויפ'ן טאָג און דער ריזשינער האָט נאָך נישט געהאַט געדאַווענט. האָט דער אַפּטער רב זצ״ל געפרעגט זיין חשוב'ן גאַסט:

— ריזשינער רבי, ווען וועט איהר גיין דאַווענען?

— און איך אַליין ווייס דען יאָ די ריכטיגע צייט ווען כ'זאָל דאַווענען — האָט דער ריזשינער געענטפערט: איהר וועט מיך פערשטעהן דורך דעם משל:

אין אַ געוויסער מדינה איז געווען אַ מלך חסד. דער קעניג האָט זיך זעהר גוט בעצויגען צו די מענשען פון זיין לאַנד. און ווער ס'האָט עפּעס געדאַרפט אָנקומען צום קעניג, האָט געקענט אונגעשטערט שטענדיג אַריינגיין צום קעניג, קיינער האָט איהם נישט געשטערט. ווען די שרים האָבען געזעהען דאָס עס איז נישט גלייך אַז מ'זאָל קענען שטענדיג אַריינגיין אונגעשטערט און איהם פערדרעהען אַ גאַנצען טאָג דעם קאָפּ, האָבען זיי בעשטימט אויפנאַהמ'ס-שעה'ן ווען דער קעניג נעהמט אויף אינטערעסאַנטען. ווער עס האָט עפּעס אַ בקשה צום קעניג קען קומען נור אין די שעה'ן, נאָך די צייט ווערט קיינער נישט צוגעלאָזט.

אַמאָל איז געקומען צום קעניגליכען פּאַלאַץ אַ בעטלער און געוואָלט אָנקומען צום קעניג. אָבער די קעניגליכע וואַך האָט איהם נישט געוואָלט צולאָזען, ווייל עס איז שוין געווען נאָך די אויפנאַהמ'ס-שעה'ן און זיי האָבען זיך געבייזערט אויף דעם בעטלער: צי האָסטו דען נישט געהערט, אַז צום קעניג קומט מען אָן אין ספּעציעלע שעה'ן און נישט שטענדיג נעהמט ער אויף, פאַרוואָס זשע ביזטו געקומען נאָך די צייט? — רופט זיך אָן דער בעטלער: איך האָב טאַקי געהערט דערפון. אָבער יעדער פערשטעהט, אַז דאָס איז נאָר בעשטימט געוואָרען פאַר די מענשען וואָס קומען בעטען פאַר זייערע פּריוואַטע אינטערעסען, אָבער ווען איינער וועט קומען מיט אַ ענין וואָס איז נוגע דעם מלך אָדער דאָס מלכות, פאַר איהם איז נישט פערהאַן

קיין ספּעציעלע שעה'ן. אויך איך — רופט אויס דער בעטלער — בין נישט געקומען מיט קיין פּריוואַטען ענין נאָר מיט אַ ענין וואָס איז נוגע דאָס גאַנצע מלכות. פערשטעהסט זיך, אַז מ'האָט איהם באַלד צוגעלאָזט.

און דער ריזשינער האָט פערענדיגט: נו, קען איך וויסען ווען איך וועל דאַווענען?..

קלני מראשי קלני מזרועי

דער ריזשינער פלעגט אַ סך מאָל זאָגען פשט אין די ווערטער פון ר' לוי יצחק בערדיטשעווער זצ"ל.

איינמאָל האָט ער געזאָגט: דער בערדיטשעווער פלעגט זיך אויסטענה'ן מיט'ן רבש"ע און זאָגען:

— אויב דו וועסט מוחל זיין די זינד פון די יודען איז גוט, און אויב נישט זאָג איך אויס אַז דיינע תפילין זענען פּסול, ווייל די גמרא זאָגט: תפילין דמארי עלמא מה כתיב בה — ומי כעמך ישראל וכו'.

אויף דעם האָט דער ריזשינער געזאָגט דאָס איז דער פּשט פון די גמרא (סנהדרין מ"ו) בזמן שאדם מצטער שכינה מה אומרת קלני מראשי קלני מזרועי — ווייל אַז אַ יוד איז בצער, דורך יסורים, איז עס דאָך אַ עונש פאַר די חטאים, ווייל אין יסורים בלא עון, איבער דעם זאָגט די שכינה: קלני מראשי קלני מזרועי — דאָס מיינט מען די תפילין של ראש און תפילין של יד, כ'שעם זיך וועגען די תפילין של ראש און של יד.

און דער סאַדאַגורער זצ"ל האָט צוגעגעבען: דאָס איז דער טייטש וואָס מען בעט אין די סליחות: עשה למען פארך, פאר — מיינט מען תפילין (פארך חבוש עליך), טהר דאָס צוליעב דיינע תפילין אַז זיי זאָלען זיין כשר...

מ'קען פּועל ישועה זיין דורך אַ סיפּור המעשה

דער טשערנאָבלער זצ"ל האָט אַמאָל געפרעגט דעם ריזשינער זצ"ל: פונוואַנען האָט איהר דאָס גענומען פּועל ישועות צו זיין דורך סיפורי מעשיות?

האָט איהם דער ריזשינער געענטפערט: פון דער תורה הקדושה. עס שטעהט ביי אליעזר עבד אברהם ויושם לפניו לאכול. האָט ער דערשפּירט אַז ס'איז שורה דינים אויפ'ן מאכל (ווי די חז"ל זאָגען אַז מ'האָט איהם געוואָלט פערסם'ען) האָט ער געזאָגט: לא אוכל עד אם דברתי דברי. און ער האָט אָנגעהויבען דערצעהלען: עבד אברהם אנכי וכו'. האָט ער אַזוי פּיעל גע'פּועלט מיט דעם סיפּור, אַז ס'איז געקומען אַ מלאך און האָט אי־בערגעטוישט דאָס מאכל.

אויף דעם זאָגט רש"י: יפה שיחתן של עבדי אבות מתורתן של בנים,

ד.ה. אליעזר האָט מעהר פועל ישועות געווען מיט זיין שיחה, מיט זיין סיפור, מעהר ווי דורך תורתן של בנים.

דער כיבוד פון נישט עסען...

ווען דער ריזשינער איז געווען אין מעזשבעזש ביים אַפּטער זצ״ל, זענען ביידע גדולים געזעסען שבת צוזאַמען ביים טיש.

דער ריזשינער, ווי זיין שטייגער, האָט כמעט גאָרנישט טועם געווען פון די אַלע מאכלים וואָס מ׳האָט דערלאַנגט צום טיש. ווען דער אַפּטער האָט דאָס געזעהן, האָט ער אויך אויפגעהערט כמעט צו עסען. האָט איהם דער ריזשינער געפרעגט: מילא איך עס קיינמאָל נישט מעהר. אָבער איהר עסט דאָך יאָ, פאַרוואָס פיהרט איהר זיך היינט אַנדערש ווי אַלעמאָל?

האָט דער אַפּטער געענטפערט: לאָמיר זעהן, היינט איז שבת קודש. עס זאָל זיך איהם טרעפען אַ אורח הגון, דהיינו עס געפאַלט ר״ח אין שבת, טרעט איהם שבת אָב דעם מוסף און דאָס איז זיין כיבוד, אַז עס טרעפט זיך אַ חשוב׳ערער גאַסט, דהיינו יו״ט געפאַלט אום שבת — דאַמאָלס טרעט דער שבת אָב צוויי תפלות, שחרית און מוסף. אַז עס טרעפט זיך נאָך אַ חשוב׳ערער גאַסט, דהיינו יום כפור געפאַלט אום שבת, מיט וואָס קען ער איהם מכבד זיין? דאַמאָלס זאָגט דער שבת: כאָטש מיין שטייגער איז צו עסען און זיך אָנטהון תענוגים, נור צוליעב די גרויסע אַהבה וואָס כ׳האָב צו דיר וועל איך אויך גאָרנישט עסען...

דער רב איז דער דאַך

דער ריזשינער זצ״ל איז אַמאָל געקומען קיין לעמבערג קורירען זיך ביי דאָקטוירים. איז ער געגאַנגען מקבל פנים זיין דעם מרא דאתרא הרב ר׳ יעקב אורינשטיין זצ״ל בעל „ישועות יעקב״.

ווען ר׳ יעקב אורינשטיין האָט געהערט אַז דער ריזשינער קומט צו איהם האָט ער געמאַכט גרויסע הכנות אויפצונעמען דעם גרויסען גאַסט.

און ווייל ער איז געווען אַ מתנגד און אַ גרויסער גאון האָט ער גערעכענט אַז דער ריזשינער וועט מיט איהם שמועסען אין לערנען, נאָכזאָגען איהם עפּעס אַ חידוש. אָבער ווען דער ריזשינער איז געקומען האָט ער געפרעגט דעם בעל „ישועות יעקב״:

— מיט וואָס בעדעקט מען די דעכער אין לעמבערג? — מיט בלעך — האָט דער לעמבערגער רב געענטפערט. האָט דער ריזשינער ווייטער געפרעגט: פאַרוואָס עפּעס פונקט מיט בלעך? — ווייל ס׳היט אָב פון אַ שרפה — האָט דער גרויסער גאון געענטפערט. אויב אַזוי — האָט דער ריזשינער זיך אָנגערופען — קען מען עס דאָך מאַכען פון ערדינע שינדלען.

ווען דער ריזשינער איז אַוועקגעגאַנגען האָט דער בעל „ישועות יעקב" געשמייכעלט, זאָגענדיג: אַ רבי פון טויזענדער חסידים זאָל עוסק זיין אין צוּלכע נאַרישקייטען.

ווען ר' מענדעלע פּרעמישלאַנער איז געוואָר געוואָרען, אַז דער רי־זשינער ווילט אין לעמבערג, האָט ער געאיילט קיין לעמבערג. אָבער ער האָט איהם שוין נישט געטראָפען. נאָכפרעגענדיג זיך ווי אַזוי דער ריזשינער האָט זיך געפיהרט אין לעמבערג, האָט מען איהם איבערגעגעבען די שמוּ־עסען וואָס דער ריזשינער האָט געשמועסט מיט'ן לעמבערגער רב.

האָט ר' מענדעלע פּרעמישלאַנער זיך אָנגערופען: דער ריזשינער האָט געמיינט מיט דעם צו זאָגען בדרך חכמה. דער דאַך האָט ער געמיינט דעם רב, ווייל ער דאַרף שיצען די שטאָדט, ווי דער דאַך דאָס הויז, און דער רב דאַרף האָבען אַ צובראָכען האַרץ אַזוי ווי אַ ערדינע כלי וואָס איז גרינג צו צוברעכען, פאַרוואָס זשע איז ער האַרט ווי אייזען?...

ווען ס'איז קודש און ווען ס'איז חול

ס'זענען אַמאָל חסידים געזעסען און געטרינקען משקה, איז דער רי־זשינער אַדורכגעגאַנגען, האָט זיך די חסידים אויסגעוויזען אַז דער רבי איז עפּעס נישט צופרידען דערפון, האָט זיך איינער אָנגערופען: מען זאָגט נאָך פאַר ר' פנחס קאָרעצער זצ"ל, אַז חסידים זיצען און טרינקען בראָנפען איז גלייך צו לימוד התורה.

האָט דער ריזשינער געענטפערט: איך זאָג אויך נישט אַנדערש. נאָר נישט אַלע זענען גלייך. מיר געפונען אויך אין דער תורה די זעלבע ווער־טער וואָס אַ מאָל איז עס קודש און אַמאָל חול. ס'שטעהט פסל לך און עס שטעהט לא תעשה לך פסל. אויף איין אָרט איז דאָס וואָרט „פסל" קודש און אויף דעם צווייטען אָרט — חול.

נאָר לאָמיר זעהן וואָס איז דער אונטערשיד. דאָרט וואו ס'איז קודש שטעהט „לך" נאָך דעם וואָרט פסל (פסל לך) און דאָרט וואו ס'איז חול איז דאָס וואָרט „לך" פאַר'ן פסל (לא תעשה לך פסל), ד.ה. אויב אַ מענש טהוט אַ זאַך און ער מיינט זיך גאַרנישט, ער האָט נישט אין זינען זיין הנאה גופנית (דאָס איז מרומז אין לך), דאַמאָלס איז עס קודש. דעריבער שטעהט פסל לך — לך שפּעטער. פאַרקעהרט ח"ו אויב ער מיינט צום ערשט זיין הנאה דאַמאָלס איז עס בבחינת לא תעשה לך פסל...

מלך זקן וכסיל

ווען דער ריזשינער זצ"ל איז אַרויסגעקומען פון תפיסה, נאָך דעם בלבול אויף איהם, האָט ער געזאָגט בדרך צחות:

ס׳האָט מיך אַלעמאָל געאַרט די קשיא, מיר רופען אָן דעם יצר הרע „מלך, זקן וכסיל״, מילא „מלך״ ווערט ער אָנגערופען ווייל ער הערשט איבער דעם מענש, „זקן״ — ווייל ער קומט צום מענש פון זיין פריהסטער יוגענד, אָבער „כסיל״ פאַרוואָס ווערט ער אָנגערופען? ער איז דאָך גאַר קיין נאַר נישט?..

נאַר — האָט דער ריזשינער צוגעגעבען — זיצענדיג אין תפיסה האָב איך דאָס פערשטאַנען. ווייל זיצענדיג די גאַנצע צייט אין תפיסה איז דער יצר הרע נישט אָבגעטרעטען פון מיר אויף קיין איין מינוט. האָב איך געטענה׳ט צו איהם—מילא איך מוז זיצען אין תפיסה, כ׳האָב קיין ברירה נישט. אָבער דו שוטה איינער, װאָכוואָס זיצסטו אין תפיסה?..

דער טעם פאַרוואָס מען דערכענט אויס יענעמס חטאים

איינער פון די ריזשינער חסידים איז נעדר געוואָרען. זיינס אַ גוטער פריינד האָט איהם געוואָלט טהון אַ טובה. קומענדיג צום רבי׳ן האָט ער איהם מזכיר געווען. ווי דער רבי האָט דאָס דערהערט, האָט ער אָנגעהויבען איהם מגנה צו זיין און אויסרעכנען אויף איהם חטאים.

איז דאָס ביים חסיד געווען אַ גרויסע פלא.

אַרויסגעהענדיג פון רבי׳ן האָט ער געטראָפען זיין עלטסטען זוהן ר׳ שלום יוסף זצ״ל און איהם דערצעהלט וועגען דעם. האָט ר׳ שלום יוסף געענטפערט: די אמת׳ע כוונה פון הייליגען טאַטען ווייס איך נישט, נאָר מיין פירוש קען איך דיר זאָגען:

דאָס איז דאָך ידוע, אַז דאָס הייליגסטע לאַנד פון די וועלט איז ארץ־ישראל. די הייל גסטע שטאָדט פון א״י איז ירושלים, דאָס בית־המקדש איז דאָס הייליגסטע אָרט פון ירושלים, און דאָס הייליגסטע אָרט פון בית־המקדש איז דאָס קדשי קדשים.

די הייליגסטע מענשען זענען די יודען. דאָס הייליגסטע שבט זענען די לוים. פון די לוים זענען די כהנים געווען די הייליגסטע, און פון די כהנים איז דער כהן גדול געווען דער הייליגסטער.

דער הייליגסטער טאָג אין יאָהר איז דאָך יום כפור.

און אַז ס׳האָבען זיך צוזאַמענגעטראָפען די דריי הייליגקייטען, דער כהן גדול אין יום כפור אין דעם קדשי קדשים, האָט דער כהן גדול נישט געהאַט וואָס צו זאָגען אין דעם הייליגסטען אָרט און אין דעם הייליגסטען טאָג, נור: חטאו, עוו, פשעו עמך בית ישראל?

נאָר ס׳איז ידוע, אַז דער בעל־תשובה דאַרף זיך מתוודה זיין. אַמאָל טרעפט זיך אָבער, אַז פאַר די פטירה איז ער נאָר מהרהר בתשובה, אָבער ער קען זיך נישט מתוודה זיין. איבער דעם האָט דער כהן גדול מתוודה געווען פאַר זיינעטוועגען.

אַזוי האָט אויך דער טאַטע זיך מתוודה געווען פאַר זיין גוטען פריינד...

אַ עצה טובה

אַ יונגערמאַן איז אַמאָל געקומען צום ריזשינער און אָבגעגעבען אַ קוויטעל, אַז השי"ת זאָל איהם העלפען ער זאָל צוברעכען די מדות רעות.

האָט דער ריזשינער איהם געענטפערט:

מדות ווילסטו צוברעכען? רוקן און לענד וועסטו ברעכען און מדות וועסטו נישט ברעכען. נאָר דאַווען, לערן ערנסט, וועט דאָס שלעכטס ממילא אַוועקגעהן.

ויקרא יעקב אל בניו ויאמר האספו ואגידה לכם את אשר יקרא אתכם אחרית בהימים (בראשית מט יא).

פירש"י בקש לגלות את הקץ ונסתלקה ממנו שכינה.

דאָס איז דאָך אַ פּלא, וואָס פאַר אַ חטא איז דאָס יעקב אבינו געגאַנגען טהון וואָס צוליעב דעם איז די שכינה נסתלק געוואָרען פון איהם, ער האָט געוואָלט מגלה זיין דעם קץ צו די שבטי יה. צי זענען זיי דען נישט ראוי געווען דערצו?

דער ענין איז: עס איז פערהאַן אַ פסוק: אני ה׳ בעתה אחישנה. זאָגען דערויף די חז"ל זכו-אחישנה, לא זכו בעתה.

לאָמיר זעהן וועלכען זמן איז יעקב אבינו געגאַנגען זיי מגלה זיין, דער זמן פון אחישנה איז דאָך נישט בעשטימט (היום אם בקולו תשמעו), נאָר וואָס דעם זמן פון בעתה. איז דאָך אויסגעקומען אַז ער האָט בעטראַכט די יודען אַלס לא זכו, אַז זיי וועלען נישט תשובה טהון. דעריבער איז נסתלקה שכינה.

וירא העם וינעו ויעמדו מרחוק. (שמות כ—יח)

הקב"ה איז דאָך „מלא כל הארץ כבודו", וואָס איז שייך צו זאָגען ויעמדו מרחוק?

דער אמת'ער צדיק גלויבט באמונה שלימה, ווי אויך מצד הקבלה, אַז ד׳ אלוקינו ד׳ אחד. די מופתים וועגען יחוד און גדלות ה׳ זענען נאָר פאַר די וואָס זענען שוואַך אין אמונה.

דעריבער אַז די יודען האָבען געזעהן ביים מעמד הר סיני, דאָס דער אויבער'שטער קומט מיט מופתים צו ווייזען זיין גדלות, האָבען זיי פערשטאַנען אַז זיי זענען נאָך נישט אינגאַנצען בשלימות, זיי האַלטען נאָך נישט ביי תכלית האמונה. אויף דעם זאָגט דער פסוק:

וירא העם — ווען דאָס פאָלק האָט געזעהן די מופתים, וינועו — האָבען זיי געציטערט און געווען בעזאָרגט צוליעב דעם וואָס—ויעמדו מרחוק, וואָס זיי שטעהען נאָך פון דערווייטענס און אמונה.

זכור אשר עשה לך עמלק אשר קרך בדרך

קרך – פון לשון ירק. ער האָט זיי אַריינגעוואָרפען אין גדלות, עמלק האָט זיי איינגערעדט אַז זיי האַלטען ביי אַ גרויסע בחינה. און באמת זענען יודען דאַמאָלס געווען בבחינת „ואתה עיף ויגע ולא ירא אלקים״ אין אַ נידריגע מדרגה, נאָר עמלק האָט אין זיי אַריינגעוואָרפען גדלות.

אַ יוד דאַרף אָבער האָבען אַ לב נשבר, ער זאָל וויסען זיין פחיתות אַז ער איז משוקע אין תאוות הבלי עולם הזה. זבחי אלקים רוח נשברה.

ומי גוי גדול אשר לו חקים ומשפטים צדיקים (דברים כה יז)

עס זענען פערהאַן צדיקים, וואָס זענען בבחינת חוקים, אָהן אַ טעם, מען פערשטעהט נישט זייער התנהגות, און ס'איז פערהאַן צדיקים וואָס מען פערשטעהט יאָ זייער התנהגות, בבחינת משפטים.

דאָס איז דער פשט, אשר לו חקים ומשפטים,–צדיקים. די צדיקים זענען בבחינת חקים און משפטים. צדיקים וואָס מען פערשטעהט יאָ זייער התנהגות און צדיקים וואָס מען פערשטעהט נישט זייער התנהגות.

והי׳ אם שכח תשכח את ד׳ אלקיך (דברים ח–יט)

והי׳ איז דאָך אַ לשון שמחה. וואָס פאַרא שמחה איז דאָס אַז תשכח את ד׳ אלקיך? האָט דער ריזשינער זצ״ל געטייטשט: והי׳ אם שכח – אַז דו וועסט פערגעסען אין שמחה, דאַמאָלס – תשכח את ד׳ אלקיך, וועט עס צו־ברענגען צו דעם אַז דו וועסט פערגעסען ח״ו אין השי״ת.

דער „אור החיים״ פרעגט די קשיא: פאַרוואָס שטעהט אין די צווייטע פרשה פון קריאת שמע: בכל לבבכם ובכל נפשכם און עס שטעהט נישט בכל מאדכם, אַזוי ווי אין די ערשטע פרשה?

האָט דער ריזשינער געענטפערט: ווייל אין די ערשטע פרשה רעדט זיך וועגען עול מלכות שמים, איז ריכטיג בכל מאדך–אפילו נוטל את ממונך. דאַגעגען אין די צווייטע פרשה רעדט זיך וועגען עול מצוות, און ביי מצוות איז דער דין עד שליש במצוה, והמבזבז אל יבזבז יותר מחומש.

כי אתה סלחן לישראל ומחלן לשבטי ישורון

האָט ער געפרעגט פאַרוואָס שטעהט נישט סולח ומוחל, און געענט־פערט: די גמרא (בבא מציעא לג) זאָגט: רובץ ולא רבצן. זאָגט רש״י, רבצן הייסט מנהגו בכך, ער פיהרט זיך שטענדיג אַזוי. דאָס איז אויך דער טייטש סלחן, מחלן, ער פיהרט זיך שטענדיג אַזוי.

בעקבתא דמשיחא

בעקבתא דמשיחא – האָט דער ריזשינער געזאָגט — וועט ס׳גאַנצע יודישקייט הענגען אויף אַ האָר. אַ סך יודען וועלען זיך בעציהען מיט קאַלטקייט און גלייכגילטיגקייט צו די מצוות פון די תורה. די עצה איז, אַז אַלע חרדים זאָלען זיך צוזאַמענעמען און שיצען די יסודי הדת.

דאָס איז מרומז אין פסוק: האספו–נעמט אייך צוזאַמען, ואגידה לכם–מאַכט אייך אַגודות, וועט דאָס זיין אַ מיטעל אשר יקרא אתכם – צו דעם קרירות (פון לשון קור) און גלייכגילטיגקייט וואָס וועט הערשען אין די אחרית הימים.

פאַר די גאולה

דער ריזשינער האָט אַמאָל אויסגערופען: פאַר ביאת הגואל דאַרפען יודען האָבען כל טוב, אַלע תענוגים, שלום ושלוה, כדי זיי זאָלען קענען מבחין זיין צווישען גוטס און גוטס. ווייל דער וואָס געהט אַרויס פון אַ געפענגעניש איז נישט אזוי מרגיש די בעדייטונג פון די הרוחה, ווייל אַ ביסעל גוטס דוכט זיך איהם אויך אַז דאָס איז שוין אַ גן עדן. אָבער כדי מען זאָל קענען מרגיש זיין דאָס אמת׳ע גוטס דאַרף מען פריהער אויך האָבען גוטס.

די לעצטע דריי שעה

דער ריזשינער האָט געזאָגט, אַז אין די לעצטע דריי שעה פאַר דעם זמן הגאולה וועט זיין זעהר שווער זיך צו האַלטען ביים יודישקייט. פונקט אַזוי ווי מ׳שטעלט אַ גלאַטיגע אייזערנע וואַנד און מ׳הייסט דיך אַרויפקלע-טערען אָהן נעגעל...

און דאָס זאָגען מיר אין די הושענות: הושענא שלש שעות – העלף מיר אין די לעצטע דריי שעה...

שבת ביים טיש האָט ער אַמאָל אויסגערופען: ס׳וועט זיין צייטען וואָס אַ פראָסטען מענש וועט זיין גוט בגשמיות און ברוחניות און פאַר דעם איידעלען מענש וועט נישט זיין גוט נישט בגשמיות און נישט ברוחניות, ד. ה. ער וועט נישט האָבען די מעגליכקייט אַפילו צו זאָגען אַ קאַפּיטעל תהלים.

נאָך וואָס זאָג איך עס אייך - האָט ער געענדיגט דעם שמועס – כדי איהר זאָלט נישט זיין געפאַלען ביי זיך. ס׳דאַרף אַזוי זיין.

בכה רבי, יש מי שקונה עולמו בשעה אחת

די קשיא איז בעוואוסט: וואָס האָט ער געוויינט, אַדרבא?

האָט דער וויזשינער געענטפערט:

ס'איז דאָך ידוע אַז דער אויבערשטער איז נישט קיין ותרן (כל האומר הקב"ה ותרן וכו') טאָ ווי אַזוי קען מען דורך איין מצוה זוכה זיין צו עולם הבא? נאָר ס'איז מעגליך, אויב אַ מענש טהוט אַ מצוה אין דער אייגענער צייט ווען אַן אַנדערער טהוט אַ עבירה. און ווען נישט זיין מצוה וואָלט די וועלט מכריע געוואָרען לכף חוב (אַזוי ווי די חז"ל זאָגען: לעולם יראה אדם את עצמו חציו זכאי וחציו חייב, עשה מצוה אחת מכריע את עצמו ואת כל העולם לכף זכות, עשה עבירה אחת וכו'). דעריבער נעהמט ער עכ"פ דעם חלק עולם הבא פון דעם רשע, ווייל ווען נישט ער מיט זיין מצוה וואָלט די וועלט נכרע געוואָרען לכף חוב.

דערויף האָט רבי געוויינט, יש מי שקונה עולמו בשעה אחת, דאָס איז דאָך דערפאַר וואָס די וועלט איז געווען חציו חייב און חציו זכאי, און דורך דעם וואָס א יוד האָט פאַרלוירען דעם חלק עולם הבא, האָט ער זוכה געווען צו עולם הבא.

ירבו עצבותם אחר מהרו (תהלים טז)

ס'זענען פאַרהאַן מענשען, וואָס כאָטש זיי האָבען גענוג פרנסה, זאָרגען זיי אויפ'ן עתיד, און פון דעם האָבען זיי עצבות. דאָס איז דער טייטש פון פסוק: ירבו עצבותם — עס מעהרט זיך זייער עצבות ווייל אחר מהרו — זיי זאָרגען וואָס שפעטער וועט זיין, פון דעם נעמט זיך זייער עצבות.

כי עוני אגיד אדאג מחטאתי

פאַרהאַן אַמאָל אַ מענש וואָס זאָרגט וועגען פרנסה אָדער וועגען אַנדערע הצטרכות'ן. ווען מען פרעגט איהם אָבער: וואָס זאָרגסטו? שעהמט ער זיך צו זאָגען אַז ער זאָרגט וועגען הבלי עולם הזה, זאָגט ער אַז ער זאָרגט וועגען דעם וואָס ער איז נישט קיין עובד ה' בשלמות.

דאָס איז דער טייטש פון פסוק: כי עוני — מיין זינד איז, אגיד — דאָס וואָס כ'זאָג אדאג מחטאתי, אַז כ'זאָרג וועגען מיין זינד און אין דער אמת'ן זאָרג איך גאָר וועגען אַנדערע זאַכען.

ועוד מעט ואין רשע והתבוננת על מקומו ואיננו (תהלים לז)

ווען דער יצר הרע רעדט אָן אַ מענש צו אַ עבירה איז בשעת מעשה קען ער זיך נישט בעהערשען און טהוט די עבירה, אָבער אין אַ מינוט

אָרום האָט ער חרטה אויף דעם וואָס ער האָט געטהון. אַזוי ווי די חז״ל זאָגען: פושעי ישראל מלאים חרטות.

דאָס איז דער פשט אויפ׳ן פסוק: ועוד מעט—נאָך אַ ביסעל, נאָכדעם ווען ער האָט געטהון די עבירה, ואין רשע—ווילסטו דאָך שוין אַליין אויך נישט זיין קיין רשע, און דו האָסט חרטה. וואָלט דאָך פאַר דיר בעסער געווען והתבוננת על מקומו — ווען דו פערטראַכסט זיך באַלד אויפ׳ן אָרט, אייהער דו טהוסט די עבירה, אַז דו וועסט שפעטער חרטה האָבען, ואיננו — וואָלסטו דאָך נישט געווען געטהון די עבירה...

היספּוד בקבר חסדך וכו׳

אין די צייטען פון די קאַנטאָניסטען-גזירה, ווען מען האָט געכאַפּט יודישע קינדער צום שמד ר״ל, איז צום ריזשינער געקומען אַ פרוי, וואָס מ׳האָט געכאַפּט איהר קינד, און שרעקליך געוויינט און געשריגען: הלוא, וואָלט איך גלייכער דערלעבט צו בעגראָבען מיין זוהן, איידער צו זעהען ווי מ׳פיהרט איהם צו שמד.

האָט דער ריזשינער דערויף געזאָגט: דאָס בעט דוד המלך: היספּור בקבר חסדך — צו דאַרף מען דערצעהלען אַז דער קבר דאָס איז שוין דער חסד, דאָס גוטע?

דערנאָך האָט ער צוגעגעבען: פאַרוואָס טהוען זיי דאָס, כי אמונתך באבדון—ווייל זיי האָבען מורא אַז ט׳ווערט פערלוירען ח״ו די אמונת השי״ת.

שמעו אמרי כי נעמו כמו פולח ובוקע בארץ (תהלים קמא)

דער דרשן וואָס דרש׳נט ברבים און זאָגט: שמעו אמרי כי נעמו ד.ה. דער גאַנצער תכלית פון זיין דרשה איז צו ווייזען אַז ער זאָגט גוט, איז ער גלייך צו איינעם וואָס האַקט האָלץ און טרעפט נישט אין האָלץ נאָר אין דער ערד; וואָס דאָס האַקען האָט קיין שום נוצען נישט. אַזוי אויך דער וואָס דרש׳נט להתפאר, האָט עס קיין שום ווירקונג נישט אויף די צוהערער, ס׳איז גלייך ווי ער רעדט צו הערלצער.

סור מרע ועשה טוב (תהלים לד)

ווי אַזוי קען מען זיין אַ סור מרע, אַז מ׳האָט אַ יצר-הרע? דער תירוץ איז: דורך — ועשה טוב, דורך דעם וואָס דו וועסט טהוען מצוות ומעשים טובים וועסטו ממילא זיין אַ סור מרע.

ויירא בצר להם בשמעו את רנתם

מיט דעם וואָס אַ מענש פרעהט זיך, קען מען דערקענען אין וואָס פאַר אַ מצב ער איז. למשל: אַ אָרימאַן אַז ער פערדינט אַ פּאָר גילדען איז ביי איהם די שמחה גרויס, אַ גאַנצע ישועה.

אַזוי אויך ביי אַנדערע ענינים: איינער פרעהט זיך, ער האָט געהאַט אַ משפט און ער איז אָבגעקומען בלויז מיט גאָלד־שטראַף, און מען האָט איהם נישט איינגעזעצט, דאָס איז אויך ביי איהם אַ שמחה, כאָטש ער האָט היזק דאָס גאַנצע פערמעגען.

דאָס איז דער פשט: וירא בצר להם — ער האָט געזעהן ווי ווייט שלעכט זיי איז, בשמעו את רנתם — הערענדיג מיט וואָס זיי פרעהען זיך, האָט ער געזעהן אַז ס׳איז שוין צייט זיך מרחם צו זיין אויף זיי.

הוי לכם משכימי קום מאחרי שבת (תהלים מא)

אַ אַפּיקורס איז אַמאָל געקומען פאַר דעם ריזשינער זצ״ל. האָט ער איהם געפרעגט: מ׳זאָגט, אַז איהר זענט אַ חכם, פאַרוואָס גלויבט איהר אין ביאת המשיח, עס שטעהט דאָך: נפלה לא תוסיף קום בתולת ישראל?

האָט איהם דער ריזשינער געענטפערט: די חז״ל האָבען עס דאָך שוין פערענטפערט: נפלה לא תוסיף—קום בתולת ישראל.

ענטפערט איהם דער אַפּיקורס: כ׳גלויב נישט אין די דרשות חז״ל, ברענגט מיר אַ ראי׳ פון תנ״ך.

האָט דער ריזשינער זיך אָנגערופען: דאָס זאָגט דוד המלך — הוי לכם משכימי קום — וועה איז צו די מענשען וואָס פעדערען דאָס וואָרט קום, מאחרי שבת, מ׳דאַרף עס דאָך זעצען שפּעטער — קום בתולת ישראל.

לעשות בהם משפט כתוב הדר הוא לכל חסידיו

די חז״ל זאָגען: „יאי עניותא לישראל כוורדי סומקא וכו׳״. דאָס איז דער פשט: לעשות בהם — זאָלסט מהוען מיט זיי, מיט די אומות, משפט כתוב,—דעם משפט, דאָס וואָס איז געשריבען אַז הדר הוא לכל חסידיו, אַז דאָס איז שעהן פאַר די יודען ד.ה. אָרימקייט... דאָס „שענקייט״ זאָל גלייבער קומען אויף די שונאים...

כי הנה הוא יוצר הרים ובורא רוח ומגיד לאדם מה שיחו (עמוס ד׳ יג)

מענשען פרעגען: וואָס פאַר אַ ווירקונג האָט דער דיבור פון מענש, אויף גוטס אָדער שלעכטס, ס׳איז עפּעס אַ גשם?

אויף דעם גיט דער נביא אַ תשובה: מ'דאַרף זיך אָראָבלערנען פון דעם ווינט. דער אויבערשטער איז דאָך אַ יוצר הרים, וואָס דאָס איז דאָך גרויסער גשם, ובורא רוח – וואָס האָט גאָר קיין ממש נישט. פונדעסטוועגן זעהען מיר, אַז דער ווינט וואָס איז נישט קיין גשם, צולייגט די בע"ג. זעהט מען דאָך, אַז אַ נישט-גשם קען זיין שטאַרקער פאַר אַ גשם. אַט דאָס – מגיד לאדם מה שיחו – וואָסער פעולה עס האָט זיין רעדען, דאָס ווייזט אַז דער דיבור פון אַ מענש, כאָטש ס'איי נישט קיין גשם קען אַ סך אויפטהון לטובה און סיי ח"ו לרעה.

בפי ישרים תתרומם, ובשפתי צדיקים תתברך ובלשון חסידים תתקדש ובקרב קדושים תתהלל

פאַרוואָס שטעהט עפעס ביי יעדער מדרגה אַ אַנדער לשון? ישרים מיט'ן מויל, צדיקים מיט די ליפען א.אַ.וו.

די כוונה איז אַנטגעגען די פיער מדרגות יודען: די ערשטע, די ישרים, לויבען דעם אויבערשטען נאָר מיט'ן מויל, ווייל זיי זענען נאָכנישט אויסגעאַרבייט אַז זיי זאָלען קענען לויבען השי"ת מיט אַלע אברים.

אין אַ העכערער מדרגה זענען צדיקים, וואָס זייערע ליפען קענען אויך לויבען דעם אייבערשטען.

נאָך העכער זענען די חסידים, וואָס זייערע צונגען זענען אויך אויסגעאַרבייט צו לויבען דעם אויבערשטען. די העכסטע דרגא זענען די קדושים, וואָס דער גאַנצער גוף, אַלע רמ"ח אברים און שס"ה גידים זענען אויסגעאַרבייט און זענען ראוי צו לויבען דעם אויבערשטען.

פ״ז סאַדאַגורער רבין ר׳ אברהם יעקב זצ״ל

צום סאַדאַגורער זצ״ל איז אַמאָל געקומען פון רוסלאַנד איינער פון זיינע חסידים, ער האָט געהאַט צו פרעגען דעם רבי׳ן פערשידענע ענינים אין מסחר.

קומענדיג קיין סאַדאַגורע האָט ער אָנגעשריבען אַ קוויטעל, און זיך צוגעגרייט די אַלע ענינים וואָס ער האָט צו פרעגען דעם רבי׳ן אַ עצה.

אָבער אַזוי ווי ער האָט זיך נאָר דערנעהנטערט צום רבי׳ן, האָט ער אַלץ פערגעסען, און גלייך ווי ער איז נאָר אַוועקגעגאַנגען פון רבי׳ן האָט ער זיך דערמאָנט די אַלע נויטיגע ענינים, וואָס ער דאַרף זיך פרעגען. איז ער נאָכאַמאָל צוגעגאַנגען צום רבי׳ן, אָבער ער האָט ווידער אַלץ פערגעסען... אַזוי דריי מאָל.

האָט זיך דער חסיד געשטאַרקט און דערצעהלט דעם רבי׳ן אַז עס איז עס איז איהם אַ גרויסע פלא, אַז יעדעס מאָל וואָס ער קומט צו צום רבין פערגעסט ער וואָס ער וויל זיך פרעגען.

האָט דער רבי געענטפערט:

דאַרפסט זיך נישט וואונדערן, מיר געפונען אין די משנה (יומא פ) ווען דער כהן גדול איז אריינגעגאַנגען לפני ולפנים. זאָגט די משנה: ביציאתו הי׳ מתפלל תפלה קצרה. איז דאָך אַ פלא: דער כהן גדול וואָס פאַר יום כפור איז ער נתקדש געוואָרען מיט אַזויפיעל קדושות, און ווען ס׳איז געקומען דער הייליגסטער טאָג פון גאַנצען יאָהר און ער האָט זוכה געווען אַריינצוגיין אויף דעם הייליגסטען אָרט, אויסבעטען פאַר׳ן כלל ישראל, האָט ער נישט גיהאַט מעהר מתפלל צו זיין ווי אַ תפלה-קצרה? ער האָט דאָך געדאַרפט מתפלל צו זיין און אויסרעכנען די צרות פון כלל ישראל, און זייערע הצטרכות׳ן, און פאַרוואָס עפעס האָט ער מת-פלל געווען דוקא ווען ער איז שוין אַרויסגעגאַנגען?

נאָר דער ענין איז: ווען ער איז אַריינגעקומען אויף דעם הייליגסטען אָרט, ווי ס׳רוהט די שכינה, האָט ער פערגעסען אַלע גשמיות׳דיגע ענינים. נאָר ביים אַרויסגעהן, ווען ער האָט זיך שוין דערווייטערט פון די שכינה, האָט ער זיך דערמאָנט אין די גשמיות׳דיגע צרכים פון יודישען פאָלק. איבער דעם האָט ער אויך מתפלל געווען נאָר אַ תפלה קצרה.

אַזוי איז אויך — האָט דער סאַדאַגורער צוגעגעבען — אַז מ׳קומט פאַר אַ צדיק, פערגעסט מען אַלע עניני גשמיות.

ער האָט נישט געגעסען קיין אָװענד-ברױט...

אַמאָל איז געקומען אײנער פון די סאַדאַגורער חסידים און זיך פאַר־קלאָגט פאַר׳ן רבי׳ן, אַז אין די יוגענד האָט ער שטענדיג געװען עוסק אין עבודות השם, תורה, תפלה, גמילת חסדים. נאָר יעצט אויף די עלטער שפירט ער עפּעס אַז זײן עבודות איז נישט בשלמות.

האָט זיך דער סאַדאַגורער זצ״ל אויפגעהויבען פון זײן אָרט און אָנגע־הויבען אַרומשפּרײזען איבער׳ן צימער. נאכהער האָט ער אויסגערופען — זאָג מיר װי אַזוי דו פיהרסט זיך אַ גאַנצען טאָג. דער חסיד האָט אָנגעהויבען אויסצורעכנען דעם סדר היום. דהיינו, בײנאַכט שטעהט ער אויף חצות, נאכ־הער לערנט ער שיעורים גמרא, משנית, זוהר, דאַװענט בהשכמה אא״װ אַזוי אַז אַ גאַנצען טאָג איז ער עוסק אין תורה און אין תפלה.

האָט איהם דער רבי געפרעגט — לױט דײנע רײד דערקען איך אַז דו עסט נישט קײן אָװענד-ברױט (װיעטשערע).

— אמת, הײליגער רבי — האָט דער חסיד געענטפערט — װײל כ׳האָב נישט קײן צײט אויף דעם.

האָט דער סאַדאַגורער זצ״ל געזאָגט — װען דער מענש הויבט זיך אויף אינדערפריה, װיל זיך שוין דער יצר מתגבר זײן אויף איהם, נאָר אַזוי װי דער יוד טהוט דאַמאָלס מצוות װאָס יעדער יוד איז מחויב צו טהון, װי: קריאת שמע, ציצית, תפילין, תלמוד תורה אא״װ, א׳ז מיט דעם כח פון די מצוה, װאָס מ׳איז מחויב, איז ער זיך מתגבר אויפ׳ן רע.

אַז עס װערט אָבער נאַכט, דאַמאָלס איז שוין נישטאָ קײן מצוות חיובות. פון ציצית איז מען פטור, תפלה איז אַ רשות, תלמוד תורה איז דאָ אַ דעה אַז לא איברא לילה אלא לשינתא, כאָטש מ׳פסקנט נישט אַזוי, פונדעסטװעגען האָט עס שוין נישט אַזאַ כח װי אַ מצוה װאָס מ׳איז מחויב לכל הדעות. דעריבער האָט דער רע, ח״ו, אַ כח מכניס צו זײן אין אַ יוד אַ שלעכטע מחשבה.

אַז אַ מענש האָט אָבער שכל-האָט דער סאַדאַגורער זצ״ל פערענדיגט-איז ער זיך מכניס אין מצוות װאָס ער איז מחויב, דהיינו, ער עסט אַ מאָל־צײט, דערמיט איז ער מקײם די מצוה פון נטילת ידים, ברכת המוציא, ברכת המזון װאָס איז דאורײתא. דערמיט האָט ער כח זיך מתגבר צו זײן אויף דעם רע.

אַ מענש מיט זײנס אַ דיבור אין תורה און תפלה — האָט דער סאַדאַ־גורער זצ״ל געזאָגט-איז גורם שפע אין אַלע עולמות. אַ ראי׳ אַז אַ דיבור א׳ז אַ דבר גדול, פון קידושי אשה, אַז ער איז מקדש אַ אשה און זאָגט די װערטער: הרי את מקודשת לי, װערט זי אַ אשת איש און גע׳אסרט צו די גאַנצע װעלט.

די וועלט זאָגט אַז מ׳פּאַרט צום רבי׳ן מיט מסירת נפש.

וואָס איז די מסירת נפש? צי דערמיט וואָס מען פּייניגט זיך, מען עסט נישט צו דער צייט, מען שלאָפט נישט — איז עס דאָך מסירת הגוף, נישט מסירת הנפש.

נאָר דאָס וואָס מען איז ממעט אין תורה און תפלה, דאָס איז די מסירת הנפש.

דער סאַדאגורער זצ״ל האָט אַמאָל געזאָגט: פונוואַנען נעהמט זיך עס, אַז אויף די וועלט זאָלען זיך געפונען מענשען וואָס זענען זיך מתלבש אין אַ איצטלא דרבנן, מאַכען זיך פאַר רבי׳ס און בעוויזען אַמאָל מופתים?

האָט ער געענטפערט: אויף דעם פסוק וד׳ פקד את שרה וכו׳ כל השומע יצחק לי וכו׳ זאָגט דער מדרש: הרבה צחוק הי׳ בעולם, הרבה עקרות נפקדו עמה וכו׳. איז דאָך קשה, דאַמאָלס איז דאָך נישט געווען מעהר קיין עובדי ה׳ ווי אַברהם מיט שרה׳ן, און די גאַנצע וועלט איז געווען געצענדינער, טאָ ווי קומען זיי נפקד צו ווערען צוזאַמען מיט שרה׳ן?

נאָר ס׳איז דאָך ידוע, אַז די בחירה ביים מענש איז פריי. דעריבער ווען עס וואָלט נישט מעהר נפקד געוואָרען חוי שרה אַליין, טאָ ווער וואָלט נאָך דאַמאָלס געהאַלטען פון די געטשען און נישט געגלויבט אין השי״ת, וואָלט דאָך ממילא בטל געוואָרען די בחירה חפשית. דעריבער זענען אויך אַנדערע עקרות נפקד געוואָרען.

ואל שדי יתן לכם רחמים (בראשית מב יג)

זאָגט דער מדרש: מי שאמר לעולם די יאמר די לצרותי.

ווי קומט איינס צום צווייטען?

ווען הקב״ה האָט בעשאַפען די וועלט, האָט די וועלט זיך אָנגעהויבען מתפשט צו זיין, האָט השי״ת געזאָגט דַי. מיינט מען נישט אין די ברייט און אין די לענג, נאָר אין זמן פון קיום העולם, ד. ה. השי״ת האָט אַריינגעקוקט אין משך הדורות האָט ער געזעהן, אַז וואָס אַ דור ווערט די אמונה שוואַכער, צוליעב דעם גלות און צרות ישראל, ביז ער האָט געקוקט אויף דעם לעצטען דור פון עוקבתא דמשיחא, אַז דאָס חשכות אין אמונה וועט ליידער זיין זעהר גרויס, „פסו אמונים מבני אָדם״, האָט השי״ת אויסגערופען דַי, דאַמאָלס מוז שוין קומען די גאולה, לענגער טאָר שוין נישט און קען שוין נישט דויערען, אַז עס מוז שוין ווערען מלא כל הארץ כבודו.

דאָס האָט יעקב אָבינו עליו השלום מתפלל געווען: מי שאמר לעולמו די, צוליעב דעם ווייל ס׳האָלט שוין ביי אַזאַ מדרגה ווי עס קען שוין אַזוי ווייטער נישט זיין, יאמר לצרותי די — ווייל כ׳קען שוין נישט איבערהאַלטען די צרות.

פאַרוואָס זאָגט מען נישט קיין שהחיינו אויף ספירת העומר? — ווייל דער ענין ספירה איז לטהר מקליפותינו, און עס וואָלט דאָך בעסער געווען ווען מ'וואָלט נישט געדאַרפט זיך מטהר צו זיין. דעריבער זאָגט מען נישט קיין „שהחיינו".

פאַרוואָס ווערט אין דער תורה נישט דערמאָנט ביי חג השבועות דער נאָמען „זמן מתן תורתנו"?

ווייל ס'איז נישט קיין דרך נימוס, אַז איינער גיט אַ מתנה, זאָל ער שטענדיג זאָגען: איך האָב דיר געגעבען אַ מתנה. און אַז דער אויבערשטער האָט אונז געגעבען די תורה, קען ער דאָך נישט שרייבען זמן מתן תורתנו.

ער טאָר איהם נישט אויסהערען...

ווען דער טשאָרטקאָווער רבי ר' דוד משה זצ"ל, איז געוואָרען בר-מצוה, האָט איהם דער פאָטער זיינער, דער ריזשינער זצ"ל געפרעגט:

— מיין קינד, זאָג מיר וויאַזוי האָסטו זיך געקענט ביז יעצט אַ עצה געבען מיטן יצר הרע, איידער דו האסט נאך גיהאַט די הילף פון יצר טוב?

— ביז יעצט — האט אים דער קליינער גיענטפערט — אַז דער יצר הרע פלעגט קומען צו מיר האב איך אים אבגעשטויסן דערמיט, אַז מע טאָר נישט אויסהערען איין בעל דין אָן דעם צווייטען, איך האב אים גיעצה'ט, אַז ער זאָל צוואַרטען ביז דער צווייטער בעל דין, דער יצר טוב, וועט קומען, דעמאלסט וועלן מיר זעהן ווער ס'איז גירעכט.

לעולם יעסוק אדם בתורה ובמצוות אפילו שלא לשמה, שמתוך שלא לשמה יבוא לשמה (נזיר כג).

איז דאָך קשה, וואָס הייסט לעולם. שטענדיג מוז מען לערנען שלא לשמה, אַז ער וויל לערנען לשמה טאָר ער נישט?

האָט דער טשאָרטקאָווער זצ"ל געטייטשט: לעולם מיינט מען טאַקע שטענדיג. אַז ווען מ'לערנט זאָל מען ביי זיך טראַכטען אַז מען האַלט נאָך ביים שלא לשמה, מען האַלט נאָך ווייט פון לשמה. דאָס איז דער טייטש: מתוך שלא לשמה — פון דעם וואָס דו ווייסט אַז דו האַלטסט ביי שלא לשמה — יבוא לשמה, וועט ממילא זיין לימוד זיין לשמה.

דער טשאָרטקאָווער זצ"ל האָט געטייטשט דעם מאמר אין די גמרא (ראש השנה יג) ר' אליעזר זאָגט בתשרי עתידין לגאול, ר' יהושע זאָגט בניסן עתידין לגאול:

תשרי איז בחינת דין, ניסן איז בחינת רחמים. ר' אליעזר זאָגט אַז יודען וועלען ווערט זיין על פי דין וועלען זיי אויסגעלייזט ווערען. מיר

פסק'נען ווי ר' יהושע, אַז בניסן עתידין לגאול, ד.ה. אַפילו יודען וועלען נישט ווערט זיין על פי דין אויסגעלייזט צו ווערען, וועלען זיי אויסגעלייזט ווערען מיט רחמים.

קדושים תהיו, כי קדוש אני ד' אלוקיכם. נאָכדעם שטייט: איש אמו ואביו תראו אני ד' אלוקיכם. צום סוף שטייט: אל תפנו אל אלילים ואלהי מסכה לא תעשו לכם אני ד' אלקיכם.

נאכוואָס דאַרף שטיין ביי יעדען דערמאָנט אני ד' אלוקיכם? האָט דער טשאַרטקאָווער זצ"ל גיטייטשט:

די תורה הקדושה רעדט דאַ אַנטקייגן דריי מדרגות יודען. אין ערשטען פסוק רעדט זיך וועגען צדיקים און קדושים, זאָגט דער אויבער־שטער אני ד' אלוקיכם. אין צווייטען פסוק רעדט זיך וועגן סוג בעלי־בתים, וואָס היטען אָב די תורה און די מצוות, זיי זענען מכבד זייערע עלטערען, זיי דאַרפען אויך וויסען, אַז אני ד' אלוקיכם.

אין לעצטען פסוק רעדט זיך וועגען די נידריגסטע דרגא יודען, וואָס זייער יודישקייט באַשטייט נאָר בלויז אין דעם, וואָס ער האָט זיך נישט גימאַכט קיין אלהי מסכה... פונדעסטוועגן זאָגט דער אויבערשטער אני ד' אלקיכם, איך בין זיין ג־ט און ער איז אויך אַ יוד...

מ'זאָגט נאָך פון ריזשינער זצ"ל אַ רמז, אַז חסידים טרינקען צוזאַמען משקה דאַרף מען זיך ביים ווינשען לחיים געבן די הענד:

„יד ליד לא ינקה רע".

יד ליד — אַז איינער גוט דעם אנדערען די האַנד, לא ינקה רע — האָט דער רע נישט קיין ינוקה.

פון גרויס חביבות

דער ריזשינער פלעגט שטענדיג זאָגען: סיי די יודען וואָס דאַווענען פאַמעליך און סיי די יודען וואָס דאַווענען שנעל איז עס אַלץ מחמת גרויס חביבות.

די וואָס דאַווענען גיך איז עס צוליב גרויס חביבות, זיי זענען אַזוי אויסגעהונגערט נאָך תפלות, אַז פון גרויס אַפּעטיט שלינגען זיי די ווערטער איינס נאָכן צווייטען, נישט האָבענדיג קיין געדולד צו צעקייען יעדעס וואָרט באַזונדער... און די וואָס דאַווענען לאַנגזאַם, איז עס אויך פון גרויס חביבות — ס'איז זיי אַ שאָד דאָס וואָרט פון מויל אַרויסצולאָזען...

אשר עשה האלקים את האדם ישר והמה בקשו חשבונות רבים (קהלת ז – כט)

דער מענש איז בעשאפען געווארען צו געהן בדרך הישר, צו דינען דעם בורא און עוסק צו זיין בתורה ועבודה. אבער דער יצר הרע ציהט איהם צום שלעכטען.

און דאס איז מרומז אין פסוק: „הולך אל דרום" – דער נאטירליכער וועג פאר'ן מענש איז, אז ער זאל זיין א הולך צום דרום (דרום איז א רמז אויף חכמת התורה – הרוצה שיחכים, ידרים) אבער דער יצר הרע רעדט איהם אן, אז ער זאל זיין א „סובב אל צפון" – ער זאל אבנויגען פון גלייכען וועג און זיך ווענדען צו צפון, צו זאמלען עשירות און הבלי עולם הזה (צפון איז מרומז אויף עשירות – ושיתעשר יצפין) עס טראכט ביי זיך דער מענש, „סובב סובב" ער וועט נאר אויף א קורצע ווייל ארומקרייזען ארום דעם עגל הזהב. אבער דערנאך „הולך הרוח" – וועט ער צוריקקעהרען צום גייסט, צו דער תורה און חכמה. פיהרט אבער אויס דער פסוק, ועל סביבותיו שב הרוח – נאך אלע זיינע ארומוואנדלונגען איז אוועק דער גייסט, פערשוואונדען אויף קיינמאל נישט צוריק צוקומען.

(מוהרא"י מסאדאגורע)

פון אלץ דארף מען לערנען...

די אייזנבאהן – פלעגט זאגען דער סאדאגורער – לערנט אונז אז יעדע מינוט שפילט א ראליע, צוליב איין מינוט קען מען אלץ פערשפעטיגען.

דער טעלעגראף לערענט אונז, אז מ'דארף זיך רעכענען מיט יעדעןווארט, יעדעס ווארט ווערט געציילט און גע'חשבונ'ט. דער טעלעפאן לערענט, אז אלץ וואס ווערט דא גערעדט – ווערט דארט געהערט...

די טבע איז אזוי...

מ'האט גיפרעגט דעם שטיפענשטער זצ"ל פארוואס אין די ערטער וואו יודן וואוינען איז נישט די לופט אזוי ריין ווי אין נישט יודישן געגנט?

האט ער גיענטפערט: דאס איז דערפאר ווייל די טבע פון א נישט יוד איז איינצוזאפען אין זיך די נישט ריינע לופט, ממילא בלייבט די ריינע. דער יוד אבער ציהט איין זיך אין די ריינע לופט ממילא בלייבט די אונריינע...

דער שטיפענשטער האט אמאל אויסגערופען:

אז מען וואלט געווען אויפגעזהאנגען יעדענס יסורים אויף א טשוואק,

זאלט יעדער געלאָפּען כאַפּען זיינע, ווייל דערזעענדיג יענעמס יסורים וואָלט ער געוואָר געוואָרען אַז ס'איז נאָך דאָ ערגערע יסורים פאַר זיינע.

די כללים פון „דאַם".

אַמאָל איז דער שטיפּענשטער זצ"ל אריינגעקומען חנוכּה אין בית המדרש אריין האט ער געזען ווי ס'זיצען עטליכע חסידים און שפּילען אין „דאַמקע". ווען די חסידים האבען דערזעהן דעם רבין זענען זיי געוואָרען שטאַרק צומישט. האט זיך דער רבי אָנגערופען: צו ווייסט איהר די כּללים פון אט די שפּיל? האט קיינער נישט גיענטפערט, — נו, וועל איך אייך זאגן:

— מען גיט איינס כּדי צו כאַפּען צוויי, קיין צוויי גענג מיט אַמאָל טאָר מען נישט גיין. מען גייט נאָר העכער און קיינמאָל נישט נידריגער און אַז מען איז שוין אין דער הויך גייט מען שוין וואו מען וויל...

דער חילוק פון אַמאָל ביז היינט.

איינמאָל איז גיקומען אַ „היינטוועלטיקער" צום ריזשינער, זעהענדיג דאָס רחבות פון ריזשינער הויף, האט ער זיך אָנגענומען מיט העזה און אַ פרעג גיטוהן דעם ריזשינער:

— ערקלערט מיר, רבי, פאַרוואָס האבען אַמאָליגע רביים געלעבט אין נויט און אין דחקות, געוואוינט אין הילצערנע הייזלעך, געטראָגען מלבושים פון פּראָסטען לייווענט, געגאַנגען צו-פוס, און היינטיקע רביים וואוינען אין פּאַלאַצען, טראָגען אַטלעסענע קליידער און פאָהרען אין קאַרעטען?

—איך וועל דיר זאָגען — ענטפערט איהם דער ריזשינער: — צו אַ רבי'ן קומען דריי סאָרטען מענשען: חסידים, בעלי-בתים און בעלי-עבירות. דאָס געלד פון פּדיונות גוט דער רבי אויס לויט די נותנים: דאָס געלד וואָס חסידים געבען — גוט ער אויס אויף מצוות, אויף ציצית, תפילין, אתרוג, צדקה וכדומה; דאָס געלד פון די בעלי-בתים גיט ער אויס אויף פּרנסה, און דאס געלד פון די בעלי-עבירות גיט ער אויס אויף מותרות, אויף פערד, קאַרעטען וכדומה. אין אַמאָליגע יאָהרען, ווען בעלי עבירות זענען געווען זעהר ווייניג האבען די רביים נישט געהאַט פאַרוואָס צו קויפען קיין פערד און זיי האבען גימוזט גיין צו פוס; היינטיגע צייטען אבער זענען די בעלי-עבירות נתרבה געוואָרען האבען די רביים אויף פערד, און קאַרעטען און אויף אַנדערע מותרות...

וימסרו מאלפי ישראל אלף למטה (במדבר לא. ה׳)

דער ריזשינער האט אמאל געזאגט בדרך צחות: „כל מה — זאגען די חז״ל — דאסר לן רחמנא, שרא לן כותיה״. אנטקעגען יעדער זאך, וואס די תורה האט גע׳אסר׳ט, האט זי אונז מתיר געמאכט אנ׳עהנליכע זאך וואו־זשע, געפונען מיר, למשל, אזא פאל, ווען אויך מסירה, מסר׳ן א יוד, זאל זיין מותר?...

— מיר געפונען עס אין די תורה. עס שטייט „החלצו מאתכם אנשים״ זאגט רש״י: „אנשים צדיקים״, איז דאך זעלבסטפערשטענדליך, אז יעדער אמת׳ער צדיק, ווען מ׳איז גיקומען צו איהם וועגען דעם נאך אינפארמאציעס, האט ער געלייקענט, אז ער איז גאנץ ווייט פון צדקות און האט קיין שום שייכות נישט דערמיט... מען האט זיך אלזא געמוזט בענוצען דא מיט „שפיאנאזש״ און „מסירות״; עס האבן זיך געפונען יודען, וועלכע האבען גע׳מסר׳ט זייערע שכנים, אפילו זייערע נאהנטסטע פריינד, אז אט דער און דער, וועלכער מאכט דעם אנשטעל פון א גארנישט שבגארנישט, א פראסטער יוד, איז א שקרן, ווייל אין דער ווירקליכקייט איז ער גאר א צדיק גמור... און דאס איז דער טייטש: „וימסרו מאלפי ישראל״ — מען האט זיי נעבעך גע׳מסר׳ט!...

ווער איז א מיוחס?

דער ריזשינער זצ״ל שמועסענדיג אמאל וועגען יחוס, האט ער זיך אנגערופען: וואס איז דאס גרויסקייט פון דעם מענש אויב יענער בעל־מעלות איז זיין קרוב, ווען ער אליין איז א גאר־נישט. אויך איך בין א מיוחס, פונדעסטוועגען איז דער עיקר יחוס עצמו.

פערשטעהן קען מען עס דורך א משל: א קעניג האט זיך געלאזט אויפ־בויען א הערליך־שיינעם פאלאץ, ווען דער פאלאץ איז שוין געווען פערטיג, האט דער קעניג בעשטימט די פיער גרעסטע קונסט־מאלער, אז זיי זאלען איהם אויסמאלען דעם אויפנאממהמ׳ס־זאל. יעדער איינער האט בעקומען איין וואנט, אויף וועלכער ער דארף אויסמאלען די שענסטע ציורים.

דריי קינסטלער האבען זיך באלד גענומען צו דער ארבייט, און נאך לאנגע שווערע ארבייט האט יעדער אויסגעמאלט די שענסטע בילדער וואס ער איז נאר געווען בכח אויף זיין וואנד.

דער פיערטער קינסטלער איז אבער געווען א פוילער, האט ער זיך נישט געאיילט מיט דער ארבייט, אזוי זענען אדורכגעגאנגען וואכען און חדשים, און אז ער האט זיך שוין געוואלט נעמען צו דער ארבייט, איז שוין נישט געווען קיין צייט עפעס אויפצוטהוען.

בעקוקענדיג אבער די ארבייט פון די אנדערע קינסטלער האט ער

געזעהן, אַז זיי האָבען זיך טאַקי בעמיהט צו אַרבייטען בתכלית השלמות, איז איהם נעבעך געוואָרען זעהר ביטער, וואָס וועט ער טהוען ווען דער קעניג וועט קומען און זיך הייסען ווייזען די אַרבייט?

איז איהם איינגעפאַלען אַ געניאַלער פּלאַן: צוערשט האָט ער גלאַטיג אָבגערייניגט און אָבגעשאָבען די וואַנד, נאָכדעם האָט ער בעשמירט די וואַנד מיט אַ זעהר גלאַנציגע פאַרב, וואָס האָט געהאַט אין זיך די אייגענשאַפט פון אַ שפּיגעל, און ער האָט זיך געטראַכט, ווי נאָר מען וועט אַראָבנעמען די פאָרהאַנגען פון די ווענט, וועלען זיך די בילדער פון די דריי ווענד אָבשפּיגלען אויף זיין וואַנד.

כך הוה ווען דער קעניג מיט זיינע שרים זענען געקומען בעקוקען די אַרבייט פון יעדען קינסטלער זענען זיי געוואָרען זעהר ענטציקט פון דער אַרבייט, אָבער ווי איבערראַשט זענען זיי געוואָרען ווען זיי האָבען דערזעהן אויף די וואַנד פון פערטען קינסטלער אַלע בילדער און פּאַנאָ-ראַמעס פון די דריי ווענד, זיי האָבען איהם שטאַרק בעדאַנקט און בעוואונדערט, און דער קעניג האָט איהם בעשאָנקען מיט מתנות.

נאך ווען — האָט דער ריזשינער זצ"ל פערענדיגט — איז מען אַ מיוחס, ווען מ'רייניגט זיך אַזוי שטאַרק, אַז עס שפּיגעלט זיך אָב אין איהם דאָס גרויסקייט פון זיינע עלטערן.

ואהבת לרעך כמוך אני ד' וכו'

נאָכוואָס שטעהט עפּעס דערביי אני ד'?

האָט דער ריזשינער זצ"ל עס געגעבען צו פערשטעהן דורך דעם משל.

אין אַ געוויסער מדינה איז געווען אַ געזעץ, אַז קיינער טאָר נישט פערלאָזען דאָס לאַנד אָהן דער ערלויבעניש פון קעניג, אין דער דאָזיגער מדינה זענען געווען צוויי חברים וואָס האָבען זיך זעהר שטאַרק ליעב געהאַט. איינמאָל האָט איינער געדאַרפט זעהר נויטיק אַרויספאָהרען פון לאַנד. אָבער מ'האָט איהם נישט געוואָלט אַרויסלאָזען. איז געקומען זיין חבר און זיך געשטעלט פאַר'ן קעניג און אַזוי געזאָגט: אדוני המלך! איך בין ערב פאַר מיין חבר אַז ער וועט צוריקקומען, און אויב נישט וועסטו מיך דער'הרגנען אויף זיין אָרט. דער קעניג האָט מספים געווען און ער האָט באַשטימט אַ טערמין, אויב דער חבר וועט נישט צוריקקומען ביז דעם טאָג וועט מען איהם דער'הרגנען.

דער ערשטער איז אַוועקגעפאָהרען און זיין חבר האָט מען דערווייל איינגעזעצט אַלס ערוב.

ווען ס'איז געקומען דער בעשטימטער טאָג אין דער מענש איז נישט צוריקגעקומען, האָט מען אַרויסגענומען דעם ערוב צו הענגען. מ'האָט גע-

וואָרט ביז פּאַרנאַכט רעכענדיק אַז ער וועט נאָך צוריקקומען. ווען ער איז נישט געקומען האָט מען גענומען די פּעטליע און פּערוואָרפן אים אויף דעם האַלז און דער תּליון איז שוין געגאַנגען אויספיהרען זיין אַרבייט. אין דער מינוט איז געקומען צולויפען דער חבר. פאַר ווע׳לכען ער האָט ערוב געווען. זעהענדיג אַז מען געהט הענגען זיין חבר, האָט ער אַראָב געכאַפּט די פּעטליע וועלנדיק זי אַרויפלייגען אויף זיין האַלז. דער חבר זיינער האָט זיך אָבער נישט געלאָזט. אַזוי האָבען ביידע געטרייע חברים געקעמפט צווישען זיך: איינער האָט געוואָלט שטאַרבען פאַר דעם צווייטען.

ווען דער קעניג האָט דאָס געזעהן, האָט ער אויסגערופען:

— זעהענדיג די גרויסע אהבה וואָס הערשט צווישען אייך בין איך מוחל, נאָר דאָס בעט איך אייך: נעמט מיך צו אַלס דריטער חבר צו אייך ביידע...

השמים שמים לה׳ והארץ נתן לבני אדם

דער ריזשינער זצ״ל פלעגט טייטשען:

השמים שמים לה׳ — די הימלען זענען פאַר ג—ט, והארץ נתן לבני אדם — און די ערד איז געגעבען געוואָרען פאַר מענשען — אַז זיי זאָלען מאַכען עס הימליש.

דעמאָלסט איז דער מענש אַ אדם השלם און איז ווערט אָנגערופען צו ווערען מיט דעם נאָמען אדם.

די זעקס פליגעל...

ווען דער ריזשינער זצ״ל איז געקומען צופאָהרען פון רוסלאַנד קיין גאַליציען און זיך בעזעצט אין סאַדאַגורע, זענען פון אַלע עקען לאַנד זיך צונויפגעקומען חסידים קיין סאַדאַגורע כדי מקבל פנים צו זיין דעם ריזשינער. אין דער שטאָדט קאָסאָוו האָט זיך אויך פערזאַמעלט אַ גרויסער עולם און זיך געגרייט צו פאָהרען קיין סאַדאַגורע. איז דאָרט געווען אַ יונגעל, זעענדיג וואו מ׳פאָרעט זיך צו פאָהרען האָט ער זיך געפרעגט וואו פאָהרט מען דאָס? האָט איהם אַ חסיד געענטפערט, אַז אַ גרויסער צדיק ווי אַ געטליכער מלאך איז געקומען צופאָהרען, וויל יעדער איהם אָנקוקען, טראַכט זיך דאָס יונגעל, אויב ס׳איז געקומען צופאָהרען אַ געטליכער מלאך פון הימעל אויף דער ערד דאַרף מען איהם גיין אָנקוקען, און ער האָט זיך מיטגעכאַפּט מיט׳ן עולם.

אַריינקומענדיג אין רבינ׳ס שלום־חדר צוזאַמען מיט׳ן עולם איז דאָס יונגעל נישט אַרויסגעגאַנגען נאָר געבליבען אינערווייניג, און רבינ׳ס חדר. דער שמש, זעהענדיג ווי אַ יונגעל שטעהט און געהט נישט אַרויס פון רבינס שלום־חדר, פרעגט ער איהם:

— פון וואַניט ביזטו בחורל ?
— פון קאָסאָוו — ענטפערט דאָס יונגעל.
— און וואָס שטעהסטו דאָ ?
— כ'האָב געהערט — ענטפערט דער קליינער — אַז ס'איז געקומען דאָ אַ מלאך. און כ'געדענק ווען כ'האָב געלערנט אין „אקדמות" — „כלול גפי שתא", אַז אַ מלאך האָט זעקס פליגעל. זיך איך דאָ די זעקס פליגעל פון דעם מלאך.

דער ריזשינער, זיצענדיג פון דערווייטנס האָט געהערט די שאלה פון יונגעל, האָט ער זיך אָנגערופען צום משמש: נעם דאָס יונגעל און פוהר איהם צו מיינע זעקס הייליקע קינדער, וועט ער זעהן מיינע זעקס פליגעל...

סדר קדשים

דער ריזשינער האָט געזאָגט אויף זיינע קינדער: מיינע קינדער זענען אַקעגען די ששה סדרי משנה. און ר' דוד משה'ניו איז צקעגען סדר קדשים. און ער האָט פערענדיגט — און טאָקע קדש קדשים.

דאָס ענין פון עולה רגל זיין

דאָס ענין פאַרוואָס אַ יוד דאַרף עולה רגל זיין עטליכע מאָל אין יאָהר קיין ירושלים, איז: ווייל דער מענש וואָס זיצט זיך ביי זיך אויפ'ן פעלד, ער דאַווינט, לערנט ווען ער האָט צייט, איז מקיים די מצות התלויות בארץ, דוכט זיך איהם אַז ער איז מי יודע וואָס, און ער קומט צו גאוה. האט דער אויבערשטער געהייסען, אַז אַ יוד דאַרף עטליכע מאָל אין יאָהר עולה רגל זיין קיין ירושלים. דאָרט וועט ער זעהען אַז ער איז נאָך גאַרנישט אַנטקעגען די גרויסע און הייליקע לייט פון ירושלים.

דעריבער האָבען די יודען אין דער מדבר נישט געדאַרפען עולה רגל זיין. ווייל זיי זענען געווען אַלע צוזאַמען האָט קיינער נישט געקאָנט צוקומען צו גאוה. אין ארץ ישראל אָבער זענען זיי געווען צו-שפּרייט איבער'ן גאַנצען לאַנד. האָבען זיי געמוזט קומען קיין ירושלים.

היינט אַז מיר האָבען נישט וואו עולה צו זיין, קיין ירושלים, וואָס איז די עצה אַז מ'זאָל נישט קומען צו קיין גיאות ? אַז מען זאָל זיך דערמאָנען פון וואַניט מ'קומט אַרויס, ווער דער טאַטע איז געווען, ווער דער זיידע איז געווען, דעמאָלס זעהט מען, אַז אַליין איז מען גאַרנישט.

(„תפארת ישראל" פון טשאָרטקאָוו).

ולא זכר שר המשקים את יוסף וישכחהו:

פאַרוואָס שטייט צפעס אַ דאָפּעלט לשון: ולא זכר און וישכחהו?

דער „תפארת ישראל" זצ"ל פון טשאָרטקאָוו האָט עס געגעבען צו פערשטעהן מיט דעם פאָלגענדען סיפור:

איינער פון בעל-שם-טוב'ס תלמידים, אַ גרויסער צדיק און בעל-מדרגה, איז געווען אַ עני מדוכה, אַ מטופל מיט קליינע קינדער, אָפטמאָל האָט ער נישט געהאַט קיין שטיקעל ברויט אין שטוב, אָבער ער האָט נישט מתרעם געווען און אַלץ מקבל געווען באהבה, אַזוי האָט דער צדיק געלעבט אַ סך יאָהרען.

איינמאָל, ווען אין שטוב איז נישט געווען קיין כזית ברויט און די קינדער האָבען געשריגען: טאַטע, ברויט! עס הונגערט אונז! האָט דער צדיק גיטראַכט: צו איז אַזוי ריכטיג? צו דאַרף אַזוי זיין, אַז איך, אַ אַ יוד וואָס איז עוסק יום ולילה אין תורה ועבודה, און די גאַנצע שטאָדט לעבט אין מיין זכות, זאָל אויסגעהן פאַר אַ שטיקעל ברויט? צו דאַרף נישט די שטאָדט מיך מחזיק זיין מיט אלע הצטרכות'ן? ניין, עס טאָר אַזוי נישט זיין.

דעם זעלבען שבת, פאַר קריאת התורה, איז דער צדיק אַרויפגעגאַנ-גען אויף דער בימה פון דער שטאָדטישער שוהל און אויסגערופען: זייט וויסען, רבותי, אַז איך בין אַ יוד וואָס איז עוסק בתורה ועבודה, און איהר לעבט און מיין זכות, אָבער איך געה אויס פאַר הונגער, היתכן, אַז די שטאָדט זאָל נישט זעהען מיך צו פערזאָרגען מיט אַלע הצטרכות'ן.

אין שטאָדט איז געוואָרען אַ רעש, ווי אַזוי איז דאָס מעגליך געווען, אַז מ'זאָל דאָס ביז יעצט נישט האָבען בעמערקט, באמת אַ גרויסע עוולה. באַלד האָט מען אָנגעהויבען צו שאַפען געלד אויף התחזקות פאַר דעם צדיק.

דער צדיק ווידער נאָכדעם ווי ער איז אַראָבגעגאַנגען פון בעלעמער האָט זיך אָנגעהייבען בערעכענען: וואָס האָב איך דאָ געטהון? אַ גאַנץ לעבען האָב איך אָבגעלעבט און נישט בעדאַרפט אָנקומען צו קיין מענשען, נאָר זיך פערלאָזט אויף השי"ת, און יעצט, אויף דער עלטער, האָב איך אַליין געפאָדערט חסד ביי מענשען?

האָט ער זיך אָוועקגעשטעלט און מתפלל געווען צום אויבערשטען אַז די מענשען זאָלען פערגעסען אין דעם וואָס ער האָט געזאָגט, און כך הוה: די מענשען האָבען טאַקי פערגעסען און ער איז ווייטער געווען אַ עני מדוכה...

אַזוי איז אויך געווען מיט יוסף הצדיק: בעשיידענדיק דעם חלום צום שר המשקים, האָט ער געבעטען דעם שר המשקים ער זאָל זיך מי-העז אַז מ'זאָל איהם בעפרייען. שפּעטער האָט יוסף געהאַט שטאַרק חרטה.

טראַכטענדיק זיך: צעהן יאָר בין איך געזעסען אין תפיסה און זיך נישט פערלאָזט אויף קיין בשר ודם נאָר געהאַט בטחון און אויבערשטען, און יעצט האָב איך געבעטען אַ מענש, ער זאָל מיך אַרויסראַטעווען פון תפיסה. האָט יוסף געבעטען צו ג–ט אַז דער שר המשקים זאָל און איהם פערגעסען.

דאָס זאָגט די תורה: ולא זכר שר המשקים את יוסף, דער שר המשקים האָט נישט געדענקט אין יוסף, ווייל – וישכחהו – ער האָט געבעטען אַז ער זאָל פערגעסען...

הכל מודים בעצרת דבעינן לכם (פסחים ס"ח)

פאַרוואָס עפעס פונקט און שבועות (עצרת) וואָס איז דער זמן מתן תורה דאַרף מען האָבען „לכם", ד. ה. אויך פאַר'ן גוף, מיין ווי די אַלע ימים טובים?

נאָר ס'איז דאָך בעקאַנט, אַז בשעת משה רבינו איז אַרויפגעגאַנגען אין הימעל אַריין מקבל צו זיין די תורה האָבען די מלאכים גע'טענה'ט מה אנוש כי תזכרנו וכו' תנה הודך על השמים, האָט זיי דער אויבערשטער געענטפערט, אַז די תורה קען ביי אייך נישט האָבען קיין קיום. אין די תורה שטעהט: את זה תאכלו, את זה לא תאכלו, ואכלת ושבעת, און אזוי ווייטער. זעהט מען דאָך, אַז די גאַנצע תשובה וואָס השי"ת האָט געגעבען די מלאכים, איז געווען צוליעב דעם וואָס יודען קענען מקיים זיין די דברי טבעיים אין דער תורה, דעם „לכם". דעריבער הכל מודים בעצרת דבעינן לכם, ווייל דער לכם איז געווען די סיבה צו קבלת התורה און עצרת און אויב מ'זאָל נישט האַלטען פון לכם. נאָר ס'זאָל זיין כלו לד' וואָלט דאָך גובר געווען די טענה פון די מלאכים תנה הודך על השמים.

„תפארת ישראל"

פון טשאָרטקאָווער רבין רבי דוד משה זצ״ל

אַ מעשה מיט אַ מוסר השכל

איינמאָל, איז זיין זוהן דער שפּעטערדיגער טשאָרטקאָווער רבי בעל „תפארת ישראל" זצ״ל זעהר קראַנק געווען, ווען די קראַנקהייט האָט זיך געשטאַרקט איז, דער רבי אריינגעקומען און צימער פון חולה און אויסגע־רופען צו דעם ארימיגען עולם: זייט מעורר רחמים פאַר מיין בן־יחיד (דער אַלטער טשאָרטקאָווער האָט געהאַט נאָך אַ זוהן, רבי נחום מרדכי זצ״ל אנ׳איידעם פון זיין פעטער רבי שלום יוסף זצ״ל דער עלטסטער פון די ברידער. ער איז אָבער נפטר געוואָרען יונגערהייט אין דעלאַטין, איבערלאָ־זענדיג אַ טאָכטער זי האָט חתונה געהאַט מיטן זוהן פון „תפארת ישראל" מטשאָרטקאָוו ר׳ חיים אהרן זצ״ל, וועלכער איז אויך נפטר געוואָרען בחיי אביו.

באַלד דערנאָך האָט דער אַלטער טשאָרטקאָווער אָנגעהויבען דערצעהלען פאָלגענדע מעשה:

געווען איז עס אין די צייטען פון רבי ייבא פון אָסטראה. אין דער זעלבער שטאָדט האָט אויך געוואוינט דער רבי ר׳ פנחס קאָריצער, וועלכער איז נאָך דאַמאָלס געווען אַ יונגערמאַן דער קאָריצער האָט זיך געפיהרט, אַז ער פלעגט געהן יעדער נאַכט פאַר חצות זיך טובל זיין אין מקוה און היות װי דער בעדער האָט זיך געפוילט אַלע נאַכט צו געהן עפענען די מקוה, האָט ער אויסגעלערענט דעם קאָריצער ווי אַזוי אַליין צו עפענען די טהיר.

איינמאָל, ווען רבי פנחס קאָריצער האָט זיך געפאָרעט ביי דער טהיר פון די מקוה, איז אַרויסגעפאַלען די שווערע טהיר און האָט צוגעדריקט דעם קאָריצער און ער איז געבליבען אַ טויטער...

איז געוואָרען אַ רעש אין שטאָדט. די גאַנצע שטאָדט איז זיך צונויפ־געלאָפען. אויך ר׳ ייבא האָט זיך דערוואוסט פון דעם אומגליק און איז געקומען צו לויפען און אויסגערופען:

— רבונו של עולם! איך וועל מיך נישט ריהרען פון דאַנען ביז ער וועט צוריק לעבעדיג ווערען און איך בין דיר מבטיח אַז דו וועסט האָבען נחת פון איהם.

און תיכף איז רבי פנחס לעבעדיג געוואָרען און אויפגעשטאַנען.

אָבדערצעהלט די מעשה, איז דער טשאָרטקאָווער אַוועק צו זיך אין זיין חדר מיוחד.

אין דער זעלבער נאַכט האָט דער חולה גענומען שוויצען און איהם האָט אָנגעהויבען בעסער צו ווערען. דאַן האָט דער טשאָרטקאָווער געבעטען ביי די מקורבים, אַז מען זאָל נישט מפרסם מאַכען דעם מופת.

נישט נהנה געווען פון עולם הזה.

די אַלטע טשאַרטקאָווער רבי׳צין האָט געזאָגט, אַז זי קען מעיד זיין פאַר׳ן בית־דין של מעלה דאָס איהר מאַן האָט נישט נהנה געווען פון דער וועלט אפילו מיט׳ן קליינעם פינגער. פונקט ווי עס ווערט דערצעהלט פון רבינו הקדוש.

דריי זאַכען

דער טשאַרטקאָווער רבי האָט געזאָגט, אַז דריי זאַכען האָט ער גע־פועל׳ט ביי השי״ת: א) ער זאָל נישט אַ ריהר טהון מיט קיין שום אבר אָהן מייחד זיין יחידים, ב) אהבת ישראל, ג) אַז אויב עמיצער וואס דאָך איהם אַמאָל מהנה געווען איז שרוי בצער, אפילו אין יענער עק וועלט, זאָל ער עס גלייך מרגיש זיין.

אויסגעאַרבייט דעם גוף.

איינמאָל האָט דער טשאַרטקאָווער רבי געזאָגט דאָס ער האָט אָבגע־מאַכט מיט זיין גוף און געפועל׳ט, אַז – עסען און נישט־עסען, יאָ־שלאָפען און נישט־שלאָפען זאָל ביי איהם זיין גלייך...

ברכות בדרך כלל.

איינמאָל איז געקומען קיין טשאַרטקאָוו אַ גרויסער עולם. ביים שלום געהמען האָט יעדער אַוועקגעלעגט אויפ׳ן טיש אַ קוויטל מיט אַ בקשה ווי דער שטייגער איז. דער רבי האָט אָבער די קוויטלעך נישט געלייענט, זייענדיג שטאַרק פערנומען, אַזוי אַז עס האָט זיך אָנגעזאַמעלט אויפ׳ן טיש אַ גרויסער שטויס קוויטלעך.

זיין מקורב ר׳ הערשעלע ראַפּאַפּאָרט ז״ל אַריינקומענדיג אין דעם רבינ׳ס חדר און זעהענדיג דעם גרויסען באַרג מיט קוויטלעך האָט ער אויס־געריפען.

– רבי, דאָ ליגט אַ באַרג יודישע צרות און יודישע הצטרכות, ווען וועט איהר בעוויזען צו לייענען אַלע קוויטלעך?

– וועלען מיר זיך אַנ׳עצה געבען פונקט ווי דער אַפּטער רבי בשעתו– האָט דער רבי אויסגערופען. – איינמאָל איז אויף ימים־נוראים געקומען צום אַפּטער רב אַ גרויסער עולם און די קוויטלעך אַריינגעלעגט אין די גרויסע טאַשען פון זיין ווייסער זשופּיצע, און היות ווי ער איז געווען שטאַרק אָבּ־געשוואַכט און נישט געהאַט קיין כח צו לייענען אַלע קוויטלעך, האָט ער אַרויפגעלעגט די האַנד אויףביידע טאַשען און אַ זאָג־געטהון:

— איך וואונש אלע וואָס האָבען מיר געגעבען קוויטלעך בני, חיי ומזונא און אַ גוט יאָהר!..

אַזוי רעדענדיג האָט דער טשאָרטקאָווער רבי אַרויסגענומען אַ גרויסע פּאַטשיילע, אַרומגעבונדען דערין אַלע קוויטלעך, דאַן האָט ער אַרויפגעלייגט די הענד אויף דער פּאַטשיילע און געבענשט דעם עולם בדרך כלל.

די זינד פון ספרים חיצונים

דער טשאָרטקאָווער רבי האָט דערצעהלט, אַז איינמאָל האָט דער „קדושת לוי" גערופען דעם שמש און איהם בעפוילען צו ברענגען אַ מנין יודען ווייל ער דאַרף מאַכען אַ סיום.

ווען דער מנין יודען איז שוין געווען פערזאַמעלט רופט זיך אָן דער רבי צום משמש:

ווי לאַנג איז שוין זייט מיר זענען געווען ביי יענעם בעל הבית אויף אַ ברית:

האָט דער משמש גענומען רעכענען און פעסטגעשטעלט אַז עס איז פּונקט פערציג טאָג.

דאַן האָט דער „קדושת לוי" אויסגערופען:

— הערט אַ מעשה קימענדיג אויפן ברית האָב איך געזעהן ליגען אַ ספר אויפן טיש, האָב איך געעפענט דאָס ספר און דערזעהען אַז דאָס איז דער „ביאור" (משה דעסויערס פירוש אויף תורה) האָב איך עס גלייך פערמאַכט און אָבגעריקט פון מיר. אָבער נישט קוקענדיג דערויף איז נגזר געוואָרען אין הימעל אַז פערציג טאָג זאָלען מיינע תפילות נישט נתקבל ווערען אין הימעל. און היינט האָבען זיך געענדיגט די פערציג טעג, וויל איך מאַכען דעם סיום און מכבד זיין דעם מנין יודען מיט משקה.

און היינט — האָט דער טשאָרטקאָווער מסיים געווען — איז דער עולם נעבעך נישט נזהר און איז עוסק אין ספרים חיצונים...

אַ דור יתום.

איינמאָל האָט דער טשאָרטקאָווער רבי שטאַרק געביטערט און געזאָגט: איך וועל מיך לאָדען מיט מיינע עלטערען, וואָס האָבען מיך אַריינגעוואָרפען אין אַזאַ מגושם'דיגען דור.

אַ שמועס וועגען טאַבאַק

איינמאָל איז אויסגעקומען צו רעדען וועגען טאַבאַק, האָט זיך דער טשאָרטקאָווער רבי אָנגערופען:

דער טאַבאַק שטאַמט לעולם פון אַ גאַנץ נידריג אָרט, נאָר ווייל עס איז שכיח דערביי גרויס גמילות חסד, אזוי אַז אפילו אנ'עושר שעהמט זיך נישט צונעמען אַ שמעק-טאַבאַק ביים אָרימאַן אָדער אַ פּאַפּיראָס, דעריבער האָט עס געקריגען אַ שטיקעל קדושה און רויכערדיג קען מען קומען צו הויכע רעיונות.

די תורה איז נישט שווער

איינמאָל איז אין טשאָרטקאָווער קלויז פאָרגעקומען אַ חינוך ספר תורה. דער רבי האָט געהאַלטען די ספר תורה אין דער האַנד און זיך שטאַרק משמח געווען.

היות ווי די ספר תורה איז געווען שווער, איז צוגעגאַנגען עמיצער פון די מקורבים און געפרעגט: אפשר איז אייך שווער צוהאַלטען דאָס ספר?

— אַז מען האַלט זי שוין, איז זי נישט שווער — האָט דער רבי געענטפערט.

זיין לימוד זכות אויף יודען

אין לעצטען ראש-השנה (תרס"ד) האָט ער זיך שטאַרק צוקאָכט און צושמועסט זאָגענדיג:

השי"ת איז א כל יכול. קען ער דאָך אין איין מינוט אַלס מאַכען. ער זיצט על כסא רחמים, ער איז דאָך אַ מלא רחמים, אָהן א סוף און אַ גבול, וואָסער משמעות האָט עס אַ מענש'נס עוונות אַ קעגען זיין רחמים?

— עס ווערט דאָך בטל ומבוטל.

דו ביזט אין סוף און דיין רחמים איז אין סוף, טאָמער האָט אַ יוד עפּעס פּוגם געווען, — וואָס טרעפט עס אָן. עס איז דאָך כטיפה מן הים.

יודען זענען מסוגל צו הרחבת הדעת. ווי אַ יוד האָט הרחבה, קען ער געשמאַק דאַווענען, און אַז מען פערשלאָגט איהם דעם קאָפּ מיט צרות און יסורים וואָס איז איהם מבלבל, — וואָס קען ער נעבעך טהון? מען נעהמט און מען לעגט אַרויף אויף אַ מענש אַ באַרג צרות — ווער קען זיך אנ'עצה געבען דערמיט!

אַז אַ יוד האָט הרחבה, קען ער עפּעס טהון, קען ער זיך צוריקקעהרען צום אמת. יודען זענען דאָך בני מלאכים, דאַרפען זיי ד'אָך האָבען הרחבה און שמחה.

דער הייַנטיגער לעבענס שטייגער.

איינמאָל האָט זיך זיינס אַ חסיד געזשאַלעוועט אַז היינטיגע צייטען איז די הוצאה זעהר גרויס און די פערדינסטען קנאַפּ. אַמאָל ווען דער לעבענס שטייגער איז געווען אַ בעשיידענער האָט מען נישט בעדאַרפען אַזוי פיעל ברעכען דעם קאָפּ.

האָט דער טשאָרטקאָווער געענטפערט: — עס איז גאַנץ גלייך וואָס די וועלט פיהרט זיך היינט פזרנות׳דיג און די הוצאה איז גרויס, ווייל די חז״ל זאָגען אַז בעוקבתא דמשיחא וועט זיין דוחקא בתר דוחקא. און ווען די וועלט וואָלט זיך געפיהרט ווי אַמאָל מיט צמצום און מיט קטנות, וואָלט די ירידה דאָך אויך געווען לויט דעם צמצום׳דיגען בעדאַרף וואָלט עס דאָך שוין געווען גאָר שפל, היינט אָבער, אַז די הוצאה איז גרויס און די השגה נאָך גרעסער בלייבט נאָך עפּעס איבער אַפילו נאָך דוהק...

הסתרת פנים

איינמאָל האָט ער געשמועסט וועגען הסתרת פנים אין די היינטיגע צייטען און אויסגערופען: דער הסתר איז אזוי גרויס, אַז אַפילו דעם צדיק איז מען קיין זאַך נישט מגלה און דאָס איז ענין וצדיק באמו־נתו יחי׳ — אפילו דער צדיק האָט נישט קיין שום התגלות און זיין גאַנצער כח איז נאָר אין דער אמונה.

דער ריזשיגער האָט געזאָגט:

דעם זיידען פון מעזריטש האָט מען צוגעזאָגט פון הימעל אַז ער וועט האָבען אַ גדולה ביז הונדערט און פופציג יאָהר, האָט זיך דער מגיד נישט בעגנוגענט דערמיט — האָט מען איהם מבטיח געווען, אַז — לא ימושו מפיך ומפי זרע זרעך אמר ד׳ ד. ה. אַז ביז ביאת הגואל וועלען זיין פון זיינע קינדער צדיקים און מנהיגים ביי יודען.

◆◆◆◆◆◆◆◆

שיר פון הייליגען רוזשינער זצ"ל

לְדַךְ תּאחְזֵנִי אֶל אֶרֶץ הַקְּדוֹשָׁה
וְשָׁם תְּחְזֵנִי מְקוֹם מִקְדָּשִׁי
חִישׁ תְּנָה לָנוּ חֵלֶק בְּדָוִד
וְגַם נַחֲלָה בְּבֶן יִשָׁי.

שְׁעֵה שַׁוְעַת עַם דַּל אֲשֶׁר לִבָּם נָמַס
תְּרַחֵם עַל עִיר נֶחֱמָדָה אֲשֶׁר הָיְתָה לָמַס
גַּם כִּי אֶזְעַק וַאֲשַׁוֵּעַ תְּפִלָּתִי חָמַס
מַדּוּעַ לֹא בָּא בֶּן יִשַׁי
חִישׁ תְּנָה לָנוּ חֵלֶק בְּדָוִד
וְגַם נַחֲלָה בְּבֶן יִשָׁי.

אֶת אֲשֶׁר נָדַרְתָּ מַהֵר לְשַׁלֵּם
לְקוֹל שַׁוְעִי בְּנֵה סוּכַּת שָׁלֵם
וְשָׁם יֵרָאֶה לָנוּ מֶלֶךְ שָׁלֵם
הוּא דָוִד וְהוּא בֶּן יִשַׁי
חִישׁ תְּנָה לָנוּ חֵלֶק בְּדָוִד
וְגַם נַחֲלָה בְּבֶן יִשָׁי.

רַגְלֵי הַמְבַשֵּׂר חִישׁ נָא אֶל בָּעֶרֶץ
וְיַגֵּד לָנוּ פִּתְאוֹם חָזוֹן הַנִּפְרָץ
הַשְׁמֵד עַם אֲשֶׁר לְשׁוֹנָם כְּכֶלֶב יֶחֱרַץ
מִי הוּא דָוִד וּמִי בֶּן יִשַׁי
חִישׁ תְּנָה לָנוּ חֵלֶק בְּדָוִד
וְגַם נַחֲלָה בְּבֶן יִשָׁי.

לְךָ צוּרִי יִשְׁעִי אוֹחִיל יוֹם יוֹם
לְקוֹל שַׁוְעִי תְּנָה פִּדְיוֹם
וְיָצֵץ צִיץ מְקָדוֹשׁ וְאָיוֹם
וְיָצָא חוֹטֶר מִגֶּזַע יִשָׁי
חִישׁ תְּנָה לָנוּ חֵלֶק בְּדָוִד
וְגַם נַחֲלָה בְּבֶן יִשָׁי.